בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## יום טוב סוכות א'
## תשפ"ז

**פון ט' תשרי - ביז ט"ז תשרי**

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א
ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח
ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,**
**ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 907-9119 (646)**

## זונטאג - ט' תשרי

הרה"ק רבי נפתלי הירצקא ב"ר יעקב פרץ הלוי זי"ע, (זילבערמאן), **בעל זכרון נפתלי, מראצפערט.**

"הנקרא **ר' הירצקעלע ראצפערטער**"

## מאנטאג - י' תשרי

הרה"ק רבי משה יצחק ב"ר נפתלי אלימלך זי"ע, (געווירצמאן), **מפשעווארסק.**

"הנקרא בפי כל **ר' איציק'ל מפשעווארסק**"

## דינזטאג - י"א תשרי

הגה"ק רבי אברהם אביש ב"ר צבי הירש זי"ע, (פילד), **בעל ברכת אברהם, מפרנקפורט דמיין.**

"הנקרא **רבי אביש'ל פראנקפורטער**"

## מיטוואך - י"ב תשרי

הרה"ק רבי אברהם ב"ר דוב בער זי"ע, (פריעדמאן), **בעל חסד לאברהם, ממזריטש.**

"הנקרא בפי כל **ר' אברהם המלאך**"

## דאנערשטאג - י"ג תשרי

הגה"ק רבי עקיבא השני ב"ר משה זי"ע, (איגר), **בעל רעק"א, אב"ד פוזנא.**

## פרייטאג - י"ד תשרי

הרה"ק רבי ישראל ב"ר שבתי זי"ע, (האפשטיין), **בעל עבודת ישראל, המגיד מקאזניץ.**

הרה"ק רבי שלום שכנא ב"ר אברהם זי"ע, (פריעדמאן), **בעל משמיע שלום, מפראהביטש.**

"הנקרא **דער גרויסער רבי שלום**"

## שבת קודש - ט"ו תשרי - א' דסוכות

הרה"ק רבי שמעון ב"ר ישראל זי"ע, (מרילס), **בעל תורת שמעון, מיערסלוב.**

הרה"ק רבי מרדכי ב"ר ישכר בער זי"ע, (לייפער), **בעל מאמר מרדכי, מנדבורנא.**

"הנקרא **רבי מרדכי'לע נדבורנער**"

הגה"צ רבי יעקב משה ב"ר שמואל זאנוויל זי"ע,(קרעמער), **הצדיק ומקובל מכפר גדעון.**

## זנטאג - ט"ז תשרי - ב' דסוכות

הגה"ק רבי מרדכי ב"ר יעקב זאב זי"ע, (ראטהשטיין), **בעל שערי פרנסה טובה, מהאלמין.**

הרה"ק רבי צבי הירש ב"ר שלמה זי"ע, (שפירא), **בעל דרכי תשובה, ממונקאטש.**

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

חיים צבי בן שרה וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה. - ו' אדר תשפ"ה.

**יארצייט ערב יום הקדוש ט' תשרי**

**הרה"ק רבי נפתלי הירצקא ב"ר יעקב פרץ הלוי זי"ע, (זילבערמאן), בעל זכרון נפתלי, מראצפערט "הנקרא ר' הירצקעלע ראצפערטער"**

ער איז געבוירן אין שטאט פויטש, **בשנת תק"פ**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי יעקב פרץ הלוי** זי"ע, בן אחר בן פונעם **הייליגען טורי זהב מלבוב** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת פרומט** ע"ה.

די מאמע איז געווען א אשה צנועה מאוד, און א גאר ערליכע פרוי, מען פלעגט איר רופן, "**די גוטע צנועה פרומט**", און דער הייליגער זוהן רבי הירצקא'לע האט דערציילט, אז די מאמע פלעגט יעדן טאג באגלייטן אים מיטן ברודער הרה"ק רבי משה זי"ע צו די חדר, און פלעגט יעדן טאג מתפלל זיין מיט טרערן אין די אויגן, **אז די קינדער זאלן האבן הצלחה אין זייערע לימודים און זיי זאלן אויסוואקסן אמת'ע יראי השם**.

ער איז געווען א איש קדוש ונורא מאוד, א צדיק מפורסם מופת הדור און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער איז געווען מפורסם אלס א בקי גדול ובקי נפלא בתורה, דער צדיק האט עוסק געווען בתורה ובעבודת השם יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, ער איז געווען באוויסט אלס א גאר הייליגער אפגעהיטענער צדיק, ער האט געהאט א מנהג, אז פארענדיג אויפן וועג האט ער מקפיד געווען צו פארן נאר אין א וואגן וואס איז פארמאכט פון אלע פיר זייטן, כדי ער זאל זיין אפגעשיידט פון די וועלט און נישט ח"ו נכשל ווערן מיטן ארויס קוקען פון זיינע ד' אמות.

זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א געוואלדיגע התלהבות און א אש להבה, ער האט זיך גאר אסאך מסגף געווען אין זיין לעבן און ער האט געפאסט גאנצעטע טעג, און אפילו ווען מען האט שוין יא געגעסן, איז דאס געווען ממש נאר טועם זיין, דאס עמטליכע עסן וואס מען האט געקענט פויעלען ביי דעם צדיק צו עסן, **איז געווען קאלטע פאטעטאס**.

ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען מיט צדקה וחסד אויף א גאר הויעכע דרגה, ער האט גאר אסאך געלט צוזאמען געשטעלט פאר די עניי ארץ ישראל, ער האט קיינמאל אפילו נישט געטראכט אז ער איז באמת ראוי צו זיין א מנהיג ישראל, נאר פונקט פארקערט, ער איז געווען א גרויסער עניו און א ירא חטא וואס האט זיך כסדר דערוואטערט פון פורסם, אבער ווי די גמרא זאגט, "**כל הבורח מן הכבוד הכבוד רודף אחריו**", האבן זיך הונדערטער אידן מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש, און ער איז מפורסם געווארן אלס א גרויסע פועל ישועות.

ווי עס איז באקאנט די מעשה, ווי אזוי דער צדיק וקדוש איז נתפרסם געווארן אלס א רבי און א פועל ישועות, דערציילט מען, אז וואוינענדיג נאך אין שטאט **יאנאשי** ווען ער איז נאך געווען באהאלטן און די וועלט האט נאך דאן נישט געוויסט זיין גדלות און קדושה, נאר דער צדיק איז געזעצן און עוסק געווען בתורה ועבודה אן קיין פורסם, אבער דאן איז ער נתגלה געווארן חוץ לדרך הטבע.

איין יאר ערב שבת קודש שבת שירה, איז אנגעקומען א וואגן מיט חסידים צום שטוב פון ר' הירצקא'לע ראצפערטער זי"ע, ווען דער צדיק האט זיי געפרעגט פארוואס זיי קומען צו אים, האבן די חסידים געזאגט, אז זיי זענען אויפן וועג צו זייער רבין, אבער אזוי ווי עס איז שוין שפעט און זיי וועלן שוין נישט קענען אנקומען אויף שבת צו זייער רבין, דערפאר האבן זיי געקלערט צו בלייבן דא ביי אים אויף שבת קודש.

דער צדיק וואס איז אייביג געווען גרייט אריין צו נעמען געסט, האט זיי בחפץ לב אריין גענומען צו זיך אויף שבת, אבער גלייך נאכדעם איז אן געקומען נאך אפאר וואגענען מיט חסידים מיט די זעלבע מעשה, אז זיי זענען אויפן וועג און זיי האבן שוין נישט קיין צייט אן צוקומען צו זייער רבין אויף שבת, פארשטייט זיך אז דער צדיק האט זיי אלע אויך אריין גענומען פאר שבת קודש, און אזוי האט דער צדיק אפגעראכטן א דערהויבענע שבת קודש מיט די חסידים.

ווען עס איז געקומען דעם קומענדיגען שבת מתן תורה האט פאסירט דאס זעלבע, אז חסידים

זענען אנגעקומען ערב שבת קודש צום שטוב פון דעם צדיק, און אזוי האט זיך איבער געשפילט די זעלבע מעשה, און אזוי איז די נאמען פון דעם צדיק מפורסם געווארן אלס א עובד השם און א קדוש וטהור.

דאן האט דער צדיק געטייטשט דעם פסוק (שמות כ"ב) **כִּי תֵצֵא אֵשׁ**, עס איז ארויס א פייער פון חסידישע אידן, **וּמָצְאָה קֹצִים**, און זיי האבן געטראפן **קוצים** האט ער געזאגט **ברוב ענוותנותו**, **שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם הַמַּבְעִר אֶת הַבְּעֵרָה**, בין איך דאך נישט שילדיג, **נאר דער רבוש"ע וואס האט אנגעצינדן דעם פייער איז אחריות אויף דעם**.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת רחל** ע"ה,
בת מוה"ר **רבי איסר דוד** ז"ל.

קודם איז ער געווען רב אין שטאט **יאנושי**, און בשנת תרמ"א איז ער געווארן רב אין דעם גרויסן שטאט **ראצפערט**, דארט איז ער נתפרסם געווארן מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע עבודה בקדושה וטהרה, הונדערטער אידן זענען געקומען זעהן די עבודת הקודש און נעמען ברכות פון דעם צדיק וקדוש, און הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות פון ברכות קדשו.

ער האט זיך מסתופף געווען בצלו פון די צדיקים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **רבי צבי הירש בעל אך פרי תבואה מליסקא** זי"ע,
הרה"ק **רבי משולם פייש השרף מטאהש** זי"ע, וואס דארט איז ער געווען גאר אסאך אויף **שבת מברכים**, צוזאמען מיט זיין ידיד נפשי הגה"ק **רבי ישראל חיים ברוין העברי בעל פרי עץ אבות מבודאפעסט** זי"ע,
הגה"ק **רבי שמואל שמעלקא בעל צרור החיים מסעליש** זי"ע,
הרה"ק **רבי אשר אנשיל יונגרייז בעל מנוחת אשר מטשענגער** זי"ע,
הרה"ק **רבי אשר ישעי' בעל אור ישע מראפשיץ** זי"ע.

גאר שטארק איז ער געווען דבוק אין דעם **הייליגען דברי חיים מצאנז** זי"ע, ער איז כסדר געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פונעם הייליגען דברי חיים גאר אסאך, ובפרט אויף די **ימים נוראים** און **ימים טובים** איז ער כסדר געפארן קיין **צאנז**.

מען דערציילט, אז איין יו"ט שבועות, ווען ער איז געווען ביים הייליגען צאנזער רב זי"ע אויף יו"ט, און כדרכו בקודש האט דער הייליגער צאנזער רב אליין געליינט די קריאת התורה.

ווען דער צאנזער רב האט געליינט די עשרת הדברות, האט דער צדיק רבי הירצקא'לע געהערט ווי צוויי חסידים רעדן צווישן זיך, **אז די יאר שפירט די רבי נישט אזוי גוט, ווייל ביים ליינען די עשרת הדברות, איז עס נישט געווען מיט די זעלבע שטארקייט ווי אייביג**.

גלייך האט רבי הירצקא'לע געזאגט פאר די חסידים, עס קען נישט זיין ווי עטץ זאגט, **ווייל איך בין געשטאנען גאר ווייט פון דעם בימה ווי דער רבי איז געשטאנען, און איך האב געהערט די קולות פונקט ווי ביים מעמד הנבחר ביים בארג סיני, אזוי ווי איך הער עס יעדעס יאר און איך האב נישט געשפירט קיין שום שנוי**.

מען דערציילט, אז אפילו דער צדיק איז געווען אויף גאר הויעכע מדרגות אין עבודת השם און אויך אין קדושה, האט ער זיך אבער מסתופף געווען ביי די צדקי הדור ווי א חסיד ביי זיין רבין, ער האט פון זיך בכלל נישט געהאלטן און אייביג געזאגט, אז יעדער פשוטער איד איז אסאך העכער ווי אים אין קדושה און עבודת השם.

מען דערציילט, אז איינמאל איז די רבי געווען ביים הייליגען ראפשיצער רב זי"ע, און יענעם טאג איז דער ראפשיצער רב אריין געקומען צום דאווענען פריער ווי געווענליך, דער הייליגער רבי הירצקא'לע איז נאכנישט געווען גרייט צום דאווענען, און ער האט געטראכט וואס ער זאל טון, ווייל ער האט זייער חשק געהאט צו דאווענען צוזאמען מיט זיין רבין.

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט גלייך מרגיש געווען און תופס געווען זיין מחשבה, און דער הייליגער ראפשיצער רב דרייט זיך אויס צו רבי הירצקא'לע און זאגט אים, **"איר זענט שוין**

**גרייט צום דאווענען**", האט רבי הירצקא'לע דערציילט, אז גלייך נאך די ווערטער פונעם רבין, האט ער באמת מרגיש געווען, **אז ער איז גרייט מיט אלעם צום דאווענען מיט די גרויסע כח פון זיין הייליגען רבין**.

הגה"ק רבי הלל ליכטנשטיין מקראסנא זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז דער הייליגער צדיק רבי הירצקא'לע מראצפערט זי"ע געווען ביים הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע אויף שבת קודש, דער הייליגער צאנזער רב האט זיך דאן נישט אזוי גוט געשפירט, און ער האט געפראוועט דעם שבת ביי זיך אין שטוב.

ביי שלש סעודות איז דער הייליגער צאנזער רב נישט אריין געקומען אין ביהמ"ד, נאר האט געפראוועט ביי זיך אין שטוב די סעודות רעווא דרעווין, און האט אליין געהייסן ווען מען זאל אריין לאזן, און רבי הירצקא'לע איז נישט געווען פון די וואס זענען אריין, אבער ער האט דאך געוואלט מיט האלטן, דערפאר האט ער זיך געשטעלט אינדרויסן פונעם טיר, כדי צו קענען הערן דעם שלש סעודת ביים רבין.

אזוי שטייענדיג ביים טיר איז נאך א איד געקומען דארט, און אזוי ווי עס איז געווען טונקל אין שטוב ביים צאנזער רב, האט דער איד געטראכט אז ער וועט זיך אריין כאפן, וויבאלד דער צאנזער רב וועט סיי ווי נישט זען, אבער אזוי ווי דער איד גייט אריין שרייט דער הייליגער צאנזער רב, **ארויס ארויס, הירצקא אריין**.

ווי באוויסט האט זיך דער צדיק מסתופף געווען ביי כמעט אלע צדיקים בדורו, אבער ער פלעגט בשום אופן נישט וועלן זיצן אויבן אן אדער ביי מזרח וואנט, נאר ער פלעגט זיך זעצען נעבן דעם אויוון, אויך האט ער זייער מקפיד געווען, אז מען זאל אים נישט מכבד זיין, נאר ער האט געוואלט זיין ביי דעם צדיק פשוט אלס חסיד.

מען דערציילט, אז איינמאל איז דער צדיק מראצפערט געווען אין שטאט דעברעצין, און דורך געגאנגען דעם שוק מארק, ער האט ארויס גענומען א זעקל שטרוי און ער האט געפיטערט די פערד וואס זענען דארט געשטאנען און אליין געברענגט וואסער פאר די פערד, וויבאלד דער צדיק האט זיך געפירט מיטן מידה פונעם באשעפער, **וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו**, און די אלע וואס קומען צום מארק פארגעסן דאך פון די פערד, און דערפאר האט דער צדיק זיי אינזין געהאט.

ווען איינע פון די אידן וואס זענען דארט געשטאנען האט געפרעגט דעם צדיק, **ווי אזוי פאסט עס פארן ראצפערט רב צו טיילן דאס עסן פאר די בהמות**, האט דער צדיק געזאגט, **דעם באצאלט וואס איך באקום פון די קהלה אין ראצפערט, דאס באטרעפט געגוג צו זיין רב אין ראצפערט, אבער אין דעברעצין בין איך שוין נישט רב**.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אונעם **ספר זכרון נפתלי**.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

חתנו הגה"ק **רבי דוד קעסטענבוים** זי"ע,<br>
חתנו הגה"ק **רב יעקב הלוי ביילוש אב"ד יאנאשי** זי"ע,<br>
בנו הרה"ק **רבי יעקב פרץ מנירבאטור** זי"ע,<br>
חתנו הגה"ק **רבי שמואל פויגל** זי"ע,<br>
בנו הרה"ק **רבי משה** זי"ע ממלא מקום אביו,<br>
בנו הרה"ק **רבי אהרן** זי"ע.

די לעצטע יאר בחייו איז דער צדיק געפארן צוזאמען מיט הרה"ק רבי ברוך'ל מגארליץ זי"ע צו אפאר שטעט, און דער צדיק רבי הירצקא'לע איז געווען כמו דער גבאי פאר רבי ברוך'ל זי"ע, ביי איין שטאט האט מען שבת קודש מכבד געווען רבי הירצקא'לע צו דאווענען פארן עמוד פסוקי דזמרה.

ביי די ווערטער "**נַפְשֵׁנוּ חִכְּתָה לַד**" האט דער הייליגער צדיק רבי הירצקא'לע אויפגעהויבן דעם עמוד און דאס געלייגט העכערן קאפ, און אזוי ארום שפאצירט דעם ביהמ"ד זאגענדיג די ווערטער, "**נַפְשֵׁנוּ חִכְּתָה לַד**", נאכן דאווענען ביים טיש האט רבי הירצקא'לע געזאגט פאר רבי ברוך'ל, "**איך ווייס נישט עפעס האט זיך מיר געדאכט ביי פסוקי דזמרה אז ס'איז יום הקדוש**", דאן האט רבי ברוך'ל ארויס געלאזט א קרעכץ.

יענעם יאר בשנת תרנ"ח איז דער רבי ר' הירצקא'לע אריין צו זיך אין שטוב נאך סעודת המפסקת, דער גאנצער עולם האט געווארט אז די רבי זאל ארויס קומען צו כל נדרי, אבער ער קומט נישט אריין, ווען מען איז אריין צו זיין שטוב האט מען געזען, **אז יצתה נשמתו בקדושה וטהרה און דער צדיק איז דאן נסתלק געווארן**.

דערציילט מען אז ביים לוי האבן איינע פון די צדיקים מספיד געווען דעם צדיק מיט די ווערטער, **"מיין טייערע ברודער ר' הירצקא, פאר דיר וועט גארנישט פעלן דארט אויבן, די קאלטע קארטאפל וועסטו דארט אויך האבן, אבער פאר אונז ביסטו אן אבידה שאין לה תמורה"**.

נסתלק לגנזי מרומים **ערב יום הקודש ט' תשרי בשנת תרנ"ח**, ומנומחו כבוד איז אין שטאט **ראצפערט**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז דער הייליגער צדיק רבי הירצקא'לע ראצפערטער זי"ע געווען אין ליסקא ביים צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, און ווי עס איז באקאנט האט דער הייליגער צדיק רבי הירצקא'לע געדאווענט מיט א מוראדיגע רעש און אן אש קודש, און ווי באוויסט האט דער הייליגער ליסקער צדיק נישט געקענט אויסהאלטן ווען איינער דאווענט מיט קולות אבער מיינט דאס נישט אמת'דיג.

יענעם שבת קודש האט מען צו געשיקט צום עמוד פסוקי דזמרה דעם צדיק מראצפערט, אנפאנג האט ער זיך נאך איין געהאלטן לכבודו פונעם הייליגען צדיק מליסקא, אבער נאך אפאר מינוט האט ער אנגעהויבן דאווענען מיט מוראדיגע קולות און געקלאפט מיט די פיס.

דער עולם האט זיכער געמיינט אז דער צדיק רבי הירשעלע ליסקער זי"ע וועט אים אפשטעלן פון דאווענען מיט א רעש, אבער נאכן דאווענען האט דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע זיך אנגערופן, **ווען עס ברענט א פייער שרייט מען, און דער הייליגער צדיק רבי הירצקא'לע שרייט, נאר ווייל עס ברענט באמת אין אים די קדושת שבת קודש**.

• • •

**מען דערציילט**, אז דער צדיק רבי הירצקא'לע מראצפערט זי"ע פלעגט יעדעס יאר פארן **ז' אדר צום ציון פון הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאלוב זי"ע** אזוי ווי אלע צדיקים בדורו, ער פלעגט יעדעס יאר זאגן תהילים, אמאל האלב, אמאל גאנץ, איין יאר איז ער געווען ביים ציון קדשו אין קאלוב און געזאגט **נאר 10 קאפיטלעך תהילים, און גלייך ארויס פון ציון**.

עס איז פאר די ארומיגע געווען א גרויסע וואונדער אז דער צדיק האט נאר געזאגט 10 קאפיטלעך און גלייך ארויס פונעם ציון, ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס נאר 10 קאפיטלעך, האט דער צדיק געזאגט, אז ער זאגט תהילים ביים ציון ביז ער הערט דעם הייליגען קאלובער אויך מיט זאגן תהילים, **דאס יאר האט ער נאך 10 קאפיטלעך געהערט ווי דער צדיק זאגט שוין מיט, האט ער געוויסט אז ער האט שוין גע'פועל'ט די ישועה**.

• • •

**מען דערציילט**, אז איין יאר דעם הייליגען נאכט פון יום הקדוש איז דער הייליגער צדיק מראצפערט געשטאנען ארום גענומען מיט זיינע חסידים, האט ער אויף געהויבן זיינע הייליגע הענט צום הימל און געזאגט, **רבוש"ע, דער ציגיינער ווען ער איז שילדיג געלט פאר דעם שענק הויז, און ער האט נישט צו באצאלן, זאגט ער פארן ארענדער, איך האב נישט קיין געלט, אבער טאנצן קען איך וועל איך דיר באצאלן מיטן שיין טאנצן**.

און דאן האט זיך דער צדיק אונעם הייליגען נאכט ארויס געלאזט אין א טאנץ צוזאמען מיט זיינע חסידים און געזונגען **אנעים זמירות**, און מיט דעם גע'פועל'ט **א זיס לעכטיג יאר און ישועות ורפואות פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל**.

• • •

**ווי באקאנט איז דער ערשטער נאמען נאכן צדיק געווען הרה"ק רבי נפתלי הירצקא העניג משארמאש זי"ע**, האט ער זיך איין טאג אפגערעדט פאר די מאמע, אז ער הייסט נאכן הייליגען זיידן, און ער האט נאך קיינמאל נישט געזען דעם זיידן

אין חלום, און ער וואלט זייער געוואלט זעהן אמאל דער צורת קדשו פונעם זיידן נאך ווען ער הייסט.

יענע נאכט האט דער אייניקל געזען דעם זיידן אין חלום, ער איז זייער נשתומם געווארן, אז נאך יענעם טאג וואס ער האט גערעדט צו זיין מאמע און שוין איז די זיידע געקומען אין חלום, האט ער געפרעגט דעם זיידן, **די זיידע קען קומען מעולם העליון ווען ער וויל**.

האט די זיידע געזאגט, עס איז באקאנט אז רבינו הקדוש זי"ע נאכן הסתלקות, איז יעדע וואך שבת קודש געקומען מאכן קידוש פאר זיין רעבעצין, ביז עס איז נתפרסם געווארן אין די גאס, האט ער אויף געהערט קומען, **ווייל א צדיק וואס איז אפגעהיטן און איז נישט נהנה פון די וועלט ווען ער לעבט, האט ער א זכי' אז ער קען אראפ קומען ווען ער וויל מעולם העליון,**

דאן האט דער אייניקל דער שארמאשער רב זי"ע שוין געהאט דער ענטפער, אז דער זיידע רבי הירצקא'לע האט קיינמאל נישט נהנה געווען פון די וועלט, און דערפאר איז אים דאס אראפ קומען אנגעקומען גרינג.

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי הערשעלע ליסקער זי"ע** האט גערופן דעם תלמיד רבי הירצקא'לע מראצפערט זי"ע, "**דער פולישער בחור**", ווייל ער פלעגט דאווענען מיט קולות, האבן די בחורים אים אויך אזוי גערופען, ווען זיין רבי דער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע האט דאס געהערט, האט ער געזאגט פאר די אנדערע בחורים, עטץ פארשטייט נישט וואס איך מיין, איך רוף אים פולישער בחור, ווייל ער וועט נאך זיין א גרויסע "**פועל ישועות**".

• • •

**עס איז ידוע, אז דער צדיק וקדוש רבי הערצקעלע ראצפערטער זי"ע**, פלעגט יעדעס יאר אויס זאגן **גאנץ תהילים חמשה עשר בשבט**, כדי ער זאל זוכה זיין צו א **שיינעם אתרוג**, איין יאר האט מען גאר אסאך געשטערט דעם צדיק חמשה עשר בשבט, און דערפאר האט ער יענעם יאר געהאט א אתרוג וואס איז געווען נאר האלב שיין און דער אנדערע האלב איז נישט געווען אזוי שיין.

• • •

**אמאל איז געקומען צום צדיק וקדוש רבי הירצקע'לע ראצפערטער זי"ע** א איד וואס האט געברויכט באצאלן פארן פריץ א גרויסע סכום געלט, און ער האט דאס נישט געהאט צו באצאלן, האט אים דער הייליגער צדיק רבי הירצקא'לע זי"ע געהייסן, יעדעס מאל דער פריץ קומט בעטן דאס געלט זאלסטו זאגן דעם פסוק, "**הַפְקֵד עָלָיו רָשָׁע וְשָׂטָן יַעֲמֹד עַל יְמִינוֹ**" און די וועסט פטור ווערן פון אים.

דער איד מיט זיין אמונת צדיקים האט געפאלגט דעם רבין, און יעדעס מאל דער פריץ איז געקומען האט ער געזאגט דעם פסוק, כך הוה דער פריץ איז זיך אוועק געגאנגען, ביז איין טאג האט דער פריץ זיך אוועק געצויגען פונעם שטאט, און דער איד איז געבליגען מיטן קרעטשמע אימזינסט.

• • •

**אמאל איז געקומען א פרוי וואס עס איז איר געבוירן געווארן א צווילינג**, און זיך באקלאגט פארן צדיק רבי הערצקעלע מראצפערט זי"ע, אז זי האט נישט קיין מילך פאר די קינדער, האט דער הייליגער צדיק רבי הירצקא'לע געזאגט, איך וועל דיר דערציילן א מעשה וואס איז געווען ביים הייליגער צדיק דער זרע קודש מראפשיץ זי"ע.

איינמאל ווען זיין איידעם הרה"ק רבי אשר'ל מרופשיץ זי"ע איז נאך געווען יונג, איז דער שווער דער הייליגער ראפשיצער רב אריין געקומען אין די קאך, און זיך געבייזערט, **אז מען געט אים נישט גענוג מילך**, שפעטער איז אריין געקומען א אידענע און זיך מזכיר געווען, אז זי האט נישט קיין מילך פאר די קינדער, האט דער הייליגער ראפשיצער רב געבענטשט די פרוי, אז זי זאל געהאלפן ווערן מיט מילך.

א שטיק צייט שפעטער איז דער הייליגער ראפשיצער רב אריין געקומען אין קאך, און זיך באקלאגט, **אז מען געט אים נישט קיין קרעפטיגע מילך, נאר עס האט צו אסאך וואסער אריין געמישט**, דער איידעם האט שוין דאן פארשטאנען, אז דא פאראַרבעט דער שווער הויעכע ענינים, גלייך נאכדעם איז די פרוי אריין געקומען, און זיך באקלאגט, אז די מילך וואס זי האט איז נישט גענוג

קרעפטיג פאר די קינדער, האט דער ראפשיצער רב איר אנגעוואונטשן, אז די מילך זאל זיין פון יעצט און ווייטער קרעפטיג, פארשטייט זיך אז די פרוי איז שוין מער נישט צוריק געקומען.

דאן האט דער הייליגער צדיק רבי הערצקעלע מראצפערט זי"ע אויך אנגעוואונטשן פאר די פרוי, אז זי זאל האבן א השפעה און האבן געגוג מילך פאר די צווילינג, **און כך הוה עס איז געווען ביי די פרוי א גרויסע שפע**.

• • •

**דער הייליגער צדיק מראצפערט זי"ע פלעגט יעדעס יאר אויף ראש השנה און יום הקדוש פארן צו זיין רבין דער הייליגע צאנזער רב זי"ע.**

איין יאר האט ער נישט געקענט פארן אויף ראש השנה, איז ער געפארן אויף שבועות, און אזוי ווי דער מנהג איז ביי אידן, אז ערב ראש השנה קויפט מען א נייעם מעסער וועגן החותך חיים לכל חי, **איז דער צדיק מראצפערט ארום זיכן ערב שבועות א נייע מעסער**, דער עולם האט נישט פארשטאנען וואס רבי הירצקא'לע טוט דא, אבער ווען ער איז אריין געקומען צום צאנזער רב, האט דער הייליגער דברי חיים דאס גלייך מרגיש געווען, און געוואונטשן פאר רבי הירצקא'לע "**א גוט געבענטשט יאר**".

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען רבי הירצקא'לע מראצפערט זי"ע פלעגט פארן קיין צאנז צו זיין הייליגען רבין דער דברי חיים זי"ע, פלעגט ער דורך פארן אסאך שטעט, און אידן פלעגן אים געבן קוויטלעך און פדיונות צו טראגן קיין צאנז, און ווען ער פלעגט אנקומען צום צאנזער רב, האט ער אויס געפאקט די אלע קוויטלעך און פדיונות פארן צאנזער רב זי"ע, און ער פלעגט פועל'ן גרויסע ישועות פאר די אלע אידן.

איינמאל ווען דער הייליגער צדיק רבי הירצקע'לע זי"ע איז אנגעקומען קיין צאנז מיט די פדיונות, האט זיך דער הייליגער צאנזער רב זייער געפרייעט צו די געלט, ווייל ער האט געהאט גאר אסאך צדקה צוועקן וואס ער האט געברויכט פאר דעם די געלט, האט ער זיך אנגערופן מיט די פסוק פון תהילים, "**אַל תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה**.

און ער האט געזאגט די ווערטער, **אַל תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים זיך פארלאזן אויף די וואס האבן געלט דאס העלפט נישט**, נאר **בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ א מענטש וואס האט נישט וואס דאס איז רבי הירצקא'לע, תְשׁוּעָה** ביי אים קען מען געהאלפן ווערן, אזוי ווי די צאנזער רעבעצין האט געהערט די ווערטער פון איר הייליגער מאן, האט זי גלייך געגעבן א קוויטל פאר רבי הירצקא'לע זי"ע.

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי הירצקא'לע ראצפערטער זי"ע** פלעגט יעדעס יאר יום הקדוש בעפאר כל נדרי דערציילן די מעשה, וואס איז פאר געקומען ביים הייליגען צדיק וקדוש **דער סניגורן של ישראל** הרה"ק **רבי לוי יצחק דער הייליגער קדושת לוי מבארדיטשוב** זי"ע.

איין יאר יום הקדוש דער גאנצער עולם איז שוין אין שוהל און ווארט אז דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע זאל אנהייבן כל נדרי, אבער דער צדיק פארזוימט זיך אין הייבט נישט אן כל נדרי, קיינער האט נישט געוויסט וואס עס גייט פאר, גאר שפעט האט זיך דער הייליגער בארדיטשובער געשטעלט כל נדרי, עס איז געווען א גרויסע פלא פאר די אידן אין שוהל.

שפעטער נאכן דאווענען האט דער הייליגער בארדיטשובער צדיק זי"ע דערציילט וואס עס איז פאר געקומען, דארט אין שטאט איז געווען א פרוי וואס האט געהאט א שטוב מיט קינדער, זי פלעגט יעדעס יאר אויסרעכענען צו זיין אין שוהל דעם הייליגסטן טאג פון יאר יום הקדוש ביי כל נדרי, אבער דאס יאר האט זיך דאס נישט אויסגעארבעט, ווייל די קינדער האבן געברויכט זייער מאמע זאל בלייבן אין שטוב, דאס האט זייער ווי געטון פאר די פרוי אז זי קען נישט זיין ביי כל נדרי אין שוהל.

אבער אזוי ווי די פרוי האט געזען, אז אלעס איז גרייט אין שטוב, איז זי שנעל געלאפן אין שוהל כדי כאטש צו מיט האלטן עפעס פונעם דאווענען, אזוי ווי זי קומט אריין אין שוהל, זעהט זי אז מען האלט נאך בעפאר כל נדרי, די פרוי איז געווען אזוי **בשמחה**, האט זי זיך אנגערופן מיט איר גרויס תמימות צום גרויסן באשעפער, "**רבוש"ע וואס קען איך דיר באצאלן פאר די גרויסע טובה וואס די**

**האסט מיט מיר געטון, אז מען האלט נאך בעפאר כל נדרי"**.

האט זי געגעבן א ברכה פארן באשעפער, "**די זאלסט אזוי זען נחת ביי אונז, אזוי ווי אונז זעמיר נחת ביי דיר**", און אויף דעם האט דער הייליגער בארדיטשובער צדיק זי"ע געווארט, וואס די ברכה פון דעם תמימות'דיגע פרוי **האט אויף געבראכן אלע טויערן און יעצט קען מען צו גיין צו כל נדרי**.

• • •

**נאכן פטירה פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע**, זענען אמאל געקומען צום צדיק רבי הירצקע'לע זי"ע א קבוצה חסידים וואס זענען געגאנגען צום זוהן דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, האט זיי דער הייליגער צדיק רבי הירצקא'לע מראצפערט זי"ע געפרעגט, ווי אזוי די עבודה ביים הייליגען שינאווער רב זי"ע גייט צו, האט איינע פון די חסידים געזאגט, **אזוי ווי ביים טאטן דער הייליגער דברי חיים זי"ע**.

האט זיך רבי הירצקא'לע מראצפערט זי"ע אנגערופען, איינער וואס האט נישט געהערט יום הקדוש, ווי אזוי דער הייליגער צאנזער רב זי"ע זאגט די ווערטער, "**אָנוּ מְלֵאֵי עָוֹן וְאַתָּה מָלֵא רַחֲמִים**" מיט א צובראכענקייט און אמת'דיגקייט, קען דאס נישט פארשטיין **און דאס וועט מען שוין קיינמאל נישט הערן ביז משיח'ס טאג**.

• • •

**א איד איז איינמאל געווען ביים צדיק וקדוש רבי הירצקא'לע מראצפערט זי"ע אויף שבת קודש**, און דער הייליגער צדיק האט אים געהייסן שטעלן וויין אפאר מאל ביים טיש, וואס דאס איז געווען שלא כדרך ביים צדיק, דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר, אבער נאך שבת ווען ער איז אהיים געפארן, האט ער זיך דערוויסט וואס דער צדיק האט דא שבת קודש ביים טיש ערלעדיגט און געראטעוועט די משפחה פין דעם איד.

דער שופט פון שטאט האט געזען ווי דער איד פארט אוועק פון שטאט אויף שבת, האט דער שופט אפ געמאכט, אז ער גייט גנב'נען דאס גאנצע געלט פון די שטוב פון דעם איד שבת ווען ער איז נישט אינדערהיים, אבער בשעת מעשה האט זיך די ווייב און קינדער אויפגעוועקט און געמאכט א ויצעקו, האט דער שופט דער רשע אפגעמאכט, אז ער וויל דאך נישט מען זאל וויסן אין שטאט אז ער איז א גנב, **האט ער די גאנצע משפחה געבינדן אין קייטן, און ער האט רח"ל געוואלט הרג'נען די ווייב מיט די קינדער**.

דער רשע האט צו געגרייט א תלי' כדי אויף צו הענגען די ווייב און קינדער, אבער דער שופט האט געוואלט אויספראבירן דעם תלי' אויב די שטריק איז גענונג שטארק, האט ער זיך אויף געשטעלט אויף א בענקל און אריין געלייגט די קאפ, דאן בשעת משעה האט דער צדיק ביי זיך אין שטאט געזען די צרה, און ער האט געהייסן שטעלן וויין, און דורך דעם האט דער צדיק געשיקט א מלאך, וואס האט א ריק געגעבן דעם בענקל און דער רשע דער שופט איז געבליבן הענגען א פגר אויף דעם תלי', **כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיְבֶיךָ ד'**.

• • •

**צום הייליגען צדיק רבי הערצקעלע מראצפערט זי"ע** איז געקומען אמאל א איד און זיך אפגערעדט, אז א גוי פון ביי אים אין שטאט האט זיך פארטשעפעט מיט אים, און דער גוי סטראשעט אים אז ער וועט אים שיסן אויף טויט, האט דער הייליגער צדיק געזאגט, ביי לכה דודי שטייט דאך "**וְהָיוּ לִמְשִׁסָּה שׁוֹסַיִךְ**", דערפאר אויב ער וויל דיך שיסן וועט ער דערשאסן ווערן, אפאר טאג שפעטער האט דער גוי געריניגט זיין ביקס, און בשעת מעשה האט דער ביקס א שאס געגעבן, און דער גוי איז געפאלן א פגר אויפן פלאץ, **כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיְבֶיךָ ד'**.

• • •

**ווי באקאנט, אז אלס יונגערמאן** איז דער הייליגער צדיק רבי הירצקא מראצפערט זי"ע און דער צדיק הרה"ק רבי שמואל קאמאדער זי"ע געווען ביים הייליגען צאנזער רב זי"ע אויף ראש השנה, און דעם צווייטען טאג בעפאר תקיעות שופר, איז דער הייליגער דברי חיים געזעצן ביי זיך אין שטוב, און עוסק געווען מיט הכנות פאר תקיעות שופר.

האבן די צוויי צדיקים געוואלט זעהן מיט וואס זייער רבי דער הייליגער דברי חיים גרייט זיך אויף תקיעות שופר, האבן זיי זיך אריינגעכאפט אין שטוב פונעם הייליגען דברי חיים ווען ער איז ארויס, און די צוויי צדיקים האבן געזען, אז דער

הייליגער דברי חיים האט געלערנט **דעם ספר בני יששכר**, עס איז זיי געווען א וואונדער, וויבאלד דער ספר איז נאך דאן געווען א נייער ספר, און זיי האבן זיך געוואונדערט, אז פונקט אין דעם ספר קוקט דער הייליגער דברי חיים אריין בעפאר שופר בלאזן.

ביים סעודה נאכן דאווענען, האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט, א העזה פון יונגעלייט זיי קוקען נאך זייער רבין מיט וואס ער גרייט זיך אויף תקיעות שופר, אבער איינער וואס האט שכל ווייסט, **אז איך קוק נישט אריין אין קיין ספר, נאר אויב דער מחבר איז געווען א ריינער בעל רוח הקודש.**

קיינער דארט אין שוהל האט נישט פארשטאנען וואס דער הייליגער דברי חיים האט געמיינט מיט די ווערטער, אויסער די צוויי צדיקים האבן שוין גאר גוט פארשטאנען וועם די רבי האט געמיינט מיט די ווערטער.

• • •

**איינמאל איז א איד געקומען צום הייליגען צדיק רבי הירצקא'לע מראצפערט זי"ע** און זיך אויס גערעדט, אז עס האט אים באטראפן א גרויסע צרה, מען האט אים פאר'משפט צו א גאר הארבע משפט, און עס ווארט אים א גרויסע שטראף אז ער וועט ח"ו דארפן זיצן זיין גאנץ לעבן, און ער האט געבעטן די רבי זאל אים העלפן.

ווען דער צדיק האט אים געפרעגט ביי וועלכע רבי ער איז שוין געווען, האט דער איד געזאגט, אז ער וויל נישט גיין צו קיין אנדערע רבי'ס, ווייל ביי אלע רבי'ס לאזט מען נישט צו לאנג פארברענגען ביים רבין, און אויך בעטן די גבאים אסאך געלט וואס ער האט נישט צו געבן.

איז דער הייליגער צדיק אריין אין דעם אנדערן שטוב, און ארויס געברענגט **די צדקה פישקע פון רבי מאיר בעל הנס**, וואס ווי באקאנט איז דער צדיק געווען א גרויסע גבאי צדקה פאר רבי מאיר בעל הנס, און ער זאגט פאר דעם איד, "**נאדער א רבי, ביי דעם רבין קען מען זיך אויסרעדן, רעד דיך אויס וויפיל די ווילסט, גיס זיך אויס דאס הארץ, און די גבאים רייסן נישט**", פארשטייט זיך דער איד האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ און אריין געלייגט א פרוטה אין צדקה פישקע פון רבי מאיר בעל הנס, און דער איד איז געהאלפן געווארן מיט א ישועה.

• • •

**הגה"צ מאודווארי זי"ע האט דערציילט**, אז אמאל איז צום צדיק וקדוש רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע געקומען א איד און זיך אויס געגאסן דאס הארץ, אז ער האט א שענק ווי גוים קומען אריין און טרינקען זיך אן, און ער ציעט א שיינע פרנסה דערפון, איין טאג איז אריין געקומען דער פריץ פון שטאט, וואס איז געווען א גרויסע שונא ישראל, און ווען ער האט געזען אז קיינער קוקט נישט, האט דער פריץ דער רשע אריין געגאסן סם אינעם ברוינפען.

ווען איינע פון די גוים האבן געטרינקען פן די ברוינפען, האט דער גוי שפעטער גע'פגר'ט, און די גוים פון שטאט האבן ארויס געלאזט א שמועה, אז דער איד האט דעם גוי גע'הרג'ט, און דערפאר ווארט אים אפ א שרעקליכע שטראף ביים געריכט און מען קען אים אפילו פסק'נען צו מיתה, און ער האט זייער געוויינט צום צדיק אז ער זאל אים העלפן מיט א ישועה.

האט דער צדיק רבי הירצקע'לע זי"ע געהייסן פאר דעם איד, אז ער זאל צוריק אהיים פארן צו זיין שטאט, און ער זאל פארן מיט די באן און דווקא נעמען א בילעט אינעם ערשטע קלאס ווי די חשובע מענטשן און פריצים זיצן, און דער צדיק האט אים אהין געגעבן זיין תהילים, און ער האט דעם איד אן געזאגט, **אז ער זאל זיך זעצן זאגן תהילים אויפן באן מיט קולות, און זיך נישט אפשטעלן פאר קיין שום זאך**, און אפילו מען וועט אויף אים שרייען, זאל ער זיך אבער נישט אפשטעלן פון זאגן תהילים.

דער איד מיט זיין גרויס אמונת צדיקים, האט אויס געפאלגט וואס דער צדיק האט אים געהייסן, ער איז געפארן מיטן באן און געקויפט א בילעט אינעם ערשטן קלאס, און ער האט זיך גענומען זאגן תהילים מיט בכיות און קולות.

פארשטייט זיך אז דאס האט שטארק געשטערט די אלע חשובע מענטשן און פריצים, און זיי האבן געשריגן אויף אים מיט קולות אז ער זאל אויפהערן זאגן תהילים.

אבער דער איד האט נישט אויף געגעבן נאר האט ווייטער געזאגט תהילים מיט בכיות, ביז איינער פון די מענטשן דארט אין באן, האט געכאפט דעם תהילים און ארויס געווארפן פון די באן.

אבער דער איד האט ווייטער ביטערליך געוויינט, דאן איז צו אים צו געקומען איינע פון די רייזענדע, און ער פרעגט אים, וואס גייט פאר אז די וויינסט אזוי, האט דער איד דערציילט די צרה וואס ער גייט דורך.

ריפט זיך אן יענער צו דעם איד, **איך בין דער שופט אין געריכט אויף דיין משפט, און וויבאלד איך זעה אז די בוסט א ערליכער מענטש און א גאט פארכטיגער איד, וועל איך שוין מאכן זיכער אז מען וועט פסק'נען לטובתך**, און טאקע ביים געריכט האט דער שופט גע'פסק'נט לטובות פון דעם איד, און ער איז ארויס זכאי בדין, דאן האט ער שוין פארשטאנען פארוואס דער צדיק האט אים געהייסן, דווקא פארן מיטן ערשטן קלאס און דורך דעם איז געקומען זיין ישועה.

• • •

**איינמאל איז א איד געקומען צום צדיק רבי הירצקע'לע זי"ע**, און זיך אויס גערעדט, אז ער ליידט געפערליך ביי זיך אין געשעפט פון **מייזן** וואס מאכן אסאך שאדן, און ער האט געבעטן דעם צדיק פאר א סגולה, האט דער צדיק געהייסן פאר דעם איד, **אז ער זאל געבן פאר די מייזן פון די אפיקומן פון די מצות פסח, און וויבאלד מען טאר דאך נישט עסן נאך די אפיקומן, וועלן די מייזן ברויכן אוועק גיין**, דער איד מיט זיין אמונת צדיקים האט אויס געפאלגט וואס די רבי האט געהייסן, און פון דאן האט ער מער נישט געליטן פון קיין מייז.

• • •

**אמאל האט פאסירט**, אז א שטאט נישט ווייט פונעם שטאט ראצפערט, וואס דארט האבן געוואוינט אידן תלמידי חכמים וואס האבן דעם גאנצן טאג עוסק געווען נאר אין תורה, האט זיך געמאכט אז א אנדערע שטאט האט געזיכט א רב ביי זיי אין שטאט, און האבן אויס געקליבן איינע פון די תלמידי חכמים אין שטאט וואס זאל קומען דינען אלס רב ביי זיי אין שטאט, און פון דאן האט מען אין יענעם שטאט אנגעהויבן אויסריפן דעם תלמיד חכם צו די תורה מיטן טיטל "**מורה מורינו**".

אבער דאס האט זייער געשטערט פאר די אידן פון שטאט, וויבאלד דאס האט פוגע געווען אין די כבוד פון די אנדערע צוויי תלמידי חכמים פון שטאט, און פון דעם האט אויס געבראכן א גרויסע מחלוקה אין שטאט, און וויבאלד די אידן פון שטאט זענען געווען גרויסע חסידים פונעם צדיק וקדוש רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע, איז מען אריבער צום צדיק קיין ראצפערט, און מען האט געבעטן פונעם צדיק, אז ער זאל פסק'נען וואס מען זאל טון און ברענגען שלום ביי זיי אין שטאט.

אבער דער צדיק וקדוש ווען ער האט געהערט וואס די מחלוקה איז, האט ער בשום אופן נישט געוואלט אן נעמען די דין תורה, אבער ווען די אידן האבן נישט געוואלט נאכלאזן און געמיטשעט דעם רבין אז ער זאל פסק'נען, האט דער צדיק מיט זיין גרויס חכמה געזאגט, אז פון יעצט זאל מען די אנדערע צוויי אויך אויסריפן צו די תורה "**מורה מורינו**", און אזוי וועט נישט בולט זיין אז נאר איינעם ריפט מען אזוי אויס, און אזוי וועט זיין שלום אין שטאט.

פארשטייט זיך אז דאס האט בארואיגט די אידן פון שטאט און עס איז געווארן שלום, ווען מען האט געפרעגט דעם צדיק, פארוואס ער האט זיך קודם אפגעזאגט פון פסק'נען די דין תורה.

האט דער צדיק וואס איז געווען א איש האמת און באמת פון זיך קיינמאל נישט געהאלטן געזאגט, **אין שו"ע ווערט גע'פסק'נט, אז א זאך וואס איז נישט ווערט קיין שוה פרוטה, דארף א דיין נישט פסק'נען**, און ביי מיר איז דער טיטל "**מורה מורינו**", נישט ווערט **אפילו א שוה פרוטה**, און דערפאר האב איך מיך נישט געוואלט ארייינלאזן אין דעם.

• • •

**דער הייליגער צדיק דער קדושת יו"ט מסיגוט זי"ע** האט אמאל געזאגט פאר די חסידים פונעם צדיק רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע, אז עס איז ביי אים נישט קיין ספק, **אז דער צדיק רבי הירצקע'לע פועל'ט ישועות מיט זיין אייגענעם כח**, ווייל אנדערע צדיקים וואס שטאמען פון עלטערן בעלי מדריגה און צדיקים הקודמים, זיי פועל'ן דאך ישועות אויך מיטן כח פון זייער טאטע וואס איז געווען א צדיק, און מענטשן קומען צו זיי זיך מזכיר זיין, ווייל אפילו אויב זיי האבן אפשר נישט די כח

צו פועל'ן, קענען זיי אבער ברענגען ישועות דורך'ן כח פון זייער טאטן.

אבער דער צדיק רבי הירצקע'לע וואס **האט דאך נישט גע'ירש'נט קיין רבנות פון זיין טאטן**, און מיט דעם אלעם זעהט מען ווי אידן האלטן און איין צוריק קומען צו דעם צדיק פאר ברכות, מיז דאך זיין אז זיי זענען שוין געהאלפן געווארן איינמאל, און וועגן דעם קומט מען צוריק צום צדיק, זעהט מען פון דעם אז דער צדיק קען מיט זיין אייגענעם כוח פועל'ן ישועות פאר אידישע קינדער, און דער קדושת יו"ט זי"ע האט אמאל צו געלייגט בזה"ל, **"אויב וואלט דער רבי הירצקע'לע געווען אין די צייטן פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, וואלט מען דאן אויך דערציילט אויף אים מופתים, ווייל ער איז א גרויסע פועל ישועות שאין דוגמתו"**.

ווען דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע האט דאס שפעטער איבער געזאגט פארן צדיק רבי הירצקע'לע זי"ע, האט דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות און מידת האמת געזאגט, באמת פארשטיי איך אויך נישט פארוואס אידן קומען צו מיר פאר ברכות און ישועות.

נאר וואס דען, דאס מיז אלעס זיין מעשה ניסים, און דערפאר וויבאלד דאס אלעס איז ניסים, טייל איך אוועק דאס גאנצע געלט וואס מען גיט מיר ביים זיך מזכיר זיין פאר צדקה, **ווייל איך וויל נישט נהנה זיין פון מעשה ניסים.**

• • •

**איינמאל האט דער צדיק רבי הירצקע'לע זי"ע געזאגט** פאר זיין זוהן מיט גרויס עניוות און שפלות, אסאך אידן קומען צו מיר פאר ברכות, און ווען זיי גייען אהיים און ווערן טאקע געהאלפן מיט א ישועה, זאגן זיי דאך, **"אז הירצקא איז א רבי, אבער באמת הייבט זיך דאס גארנישט אהן, ווייל נישט פון רביסטווע איז ער געהאלפן געווארן, נאר דאס איז אין זכות פון פנחס'ל בעל עגלה"**.

**"ווייל דער פנחס בעל עגלה ארבעט די גאנצע וואך גאר שווער אויף פרנסה, אבער ער האט נישט אויף הוצאות שבת קודש, און אזוי ווי די אידן פארן מיט אים צו מיר, געבן זיי דאך אים צו לייזן אז ער זאל קענען שבת מאכן, און אין דעם זכות ווערן זיי געהאלפן מיט א ישועה, אבער צום סוף זאגן די אידן גאר אז הירצקא איז א רבי"**.

• • •

**איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע** געווען אין א שטאט ליטקע צו צוזאמען נעמען צדקה פאר צדקת רבי מאיר בעל הנס, און דער צדיק איז איין געשטאנען אין שטוב פון הרה"ח ר' יעקב יועץ ע"ה וואס האט געצויגען זיין פרנסה פון פארקויפן ווייַן און בראנפן, האט דער חסיד געבעטן פונעם צדיק, אז ער זאל אריין קומען אין קעלער ווי ער האלט די ווייַן און בראנפן, און איבער לאזן א ברכה פאר הצלחה און פרנסה.

דער צדיק איז אריין אינעם קעלער, און האט זיך ארום געקוקט פאר אפאר מינוט, און דאן האט דער צדיק לפלא געזאגט, **"השי"ת זאל העלפן עס זאל זיין גוט"**, און ווען דער צדיק איז ארויס פון שטוב פון דעם חסיד, האט ער צו געלייגט די ברכה, **"זארגט נישט השי"ת וועט העלפן עס וועט גוט זיין"**, און מיט די ווערטער האט זיך דער צדיק געזעגענט פון דעם חסיד.

נישט לאנג נאכדעם איז דער חסיד אראפ אין קעלער נעמען ווייַן, און ער האט מיט גענומען זיין קליין קינד וואס זאל האלטן די ליכט צו פארשיינען די וועג אריין, און דער קינד האט נישט גוט אבאכט געגעבן, און דאס פייער פונעם ליכט איז צו געגאנגען צו נאנט צו א פאס פון שטארקע בראנפן, און ווי די באקאנט ברענט די אלקעהאל פון די בראנפן זייער שטארק, האט זיך די פייער שנעל אן געכאפט און עס איז שנעל פארשפרייט געווארן, און דאס האט זיך אנגעכאפט אינעם בארד אין פיאות פון דעם חסיד.

ער איז שנעל ארויס געלאפן און געשריגן מען זאל קומען העלפן אויס לעשן דעם פייער, אידן זענען גלייך געקומען צו לויפן, און בדרך נס האט מען געטראפן דעם קינד זיצן אין א ווינקעל פונעם קעלער אין ווייַנען, אבער עס האט פארן קינד און פארן חסיד ר' יעקב נישט פאסירט קיין גרויסע שאדן, דאן האט דער חסיד שוין גוט פארשטאנען די ברכה פון דעם צדיק, וואס האט מיט זיינע הייליגע אויגן געזען דעם פייער, און האט מיט זיין ברכה געראטעוועט דעם טאטן און קינד.

• • •

**איינמאל איז א איד געקומען צום צדיק רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע**, און ער האט זיך

מזכיר געווען ביים צדיק, אז ער האט ב"ה א גוטע געשעפט פון ווי ער זאל קענען ציען א שיינע פרנסה, אבער אפילו מיט די אלע קונים וואס קומען דארט איינקויפן, וואס דאס וואלט געברויכט ברענגען שיינע רווחים, זעהט ער אבער סוף וואך אז ער האט נישט געמאכט קיין גרויסע רווחים, און ער בעט א ברכה פונעם רבין.

לפלא זאגט אים דער צדיק רבי הירצקע'לע זי"ע, אז ער זאל זיך איינקויפן א שיינע "**שלאף מאנטל**", דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דאס האט מיט אים, האט ער נאכאמאל זיך מזכיר געווען ביים צדיק פאר א ברכה.

אבער דער צדיק האט איבער געזאגט דעם זעלבע זאך, **אז ער זאל זיך איינקויפן א שיינע שלאף מאנטל**, דאן האט דער איד פארשטאנען, אז דער צדיק האט געהערט וואס ער האט געבעטן, און דאס איז געווען די עצה פונעם רבין.

דער איד איז אהיים געפארן, און ביי איינע פון די סטאנציעס ווי דער באן האט זיך אפגעשטעלט, האט דער איד געזען ביי א געשעפט א שיינעם שלאף מאנטל, האט ער זיך דערמאנט וואס דער צדיק האט געהייסן, און ער האט זיך איינגעקויפט דעם שלאף מאנטל און אהיים געפארן, זיין ווייב און קינדער האבן זיך זייער געוואונדערט אויף דעם וואס דער צדיק האט אים געהייסן קויפן דעם שלאף מאנטל.

אבער אפאר טאג שפעטער, האט דער איד נישט געקענט שלאפן ביינאכט, האט אים זיין ווייב גע'עצה'ט, אז אזוי ווי ער האט דאך דעם נייעם שלאף מאנטל, זאל ער דאס אנטון און גיין כאפן א שפאציר אויף די גאס, און אפשר דאס וועט אים בארואיגן און ער וועט נאכדעם קענען איינשלאפן, דער איד האט זיך צו געכאפט דערצו, און ארויס אויף א שפאציר אויף די גאס.

אריבער גייענדיג ביי זיין געשעפט, האט דער איד באמערקט, אז די טיר פונעם געשעפט איז אפען, ער האט זיך גלייך געכאפט, אז זיכער האבן זיך אריין געכאפט גנבים אין זיין געשעפט, האט ער פון אינדרויסן שנעל פארשלאסן דעם טיר, און ער איז געלאפן ריפן די פאליציי, ווען זיי זענען אנגעקומען, האבן זיי געטראפן אינעם געשעפט דעם רואה חשבון פונעם געשעפט.

זענען די פאליציי אריבער צו זיין שטוב, און זיי האבן דארט געטראפן גאר אסאך סחורה און געלט וואס דער רואה חשבון האט די גאנצע צייט גע'גנב'ט פון דעם בעל הבית פונעם געשעפט.

פארשטייט זיך אז מען האט אים ארעסטירט און מען האט דאס גאנצע געלט און סחורה צוריק געגעבן פארן איד, דאן האט דער איד שוין פארשטאנען, פארוואס די רבי האט אים געהייסן קויפן א שלאף מאנטל, כדי ער זאל האבן מיט וואס ארויס צו גיין אינמיטן די נאכט, און כאפן דעם גנב ביי די מעשה.

• • •

**עס האט פאסירט מיט א איד**, אז ער האט בשוגג גע'הרג'ט א גוי, און מען האט דעם איד געשטעלט צום משפט וואס עס האט אים געקענט אפווארטן א גאר הארבע שטראף פון זיצן יארן אין תפיסה, איז דער איד אריבער געלאפן צום צדיק רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע, און ער האט זיך מזכיר געווען ביים צדיק אויף די גרויסע צרה.

האט אים דער צדיק געזאגט בזה"ל, "**די ברויכסט דיך נישט זארגן, דער באשעפער וועט העלפן, און די מייז וועלן אויפעסן די פאפירן פון דעם געריכט**", לפלא ווען מען האט געשטעלט דעם איד צום געריכט און מען האט געוואלט אריין ברענגען די פאפירן וואס ווייזן אויף דעם שילד פון דעם איד, האט מען געטראפן אינעם לעדן א גאנצע הויפן פון צעשטיקעלטע פאפירן, און וויבאלד עס איז נישט געווען קיין באוויז אויף דעם איד, האט מען אים פריי געלאזט, און עס איז מקיים געווארן פונקט ווי דער צדיק האט געזאגט, אז די מייזן וועלן אויפעסן די פאפירן.

• • •

**אין שטאט סאוואט האבן געוואוינט צוויי ברידער ר' אברהם און ר' משה**, וואס זיי האבן געצויגן זייער פרנסה פון פעברעצירן ברוינפן און פארקויפן פאר זייערע קונים, איינמאל האבן די ברודער געמאכט א גרויסע קוואנטום פון ברוינפן נישט לעגאל, און זיי האבן געהאט א שכן א גוי א גרויסע רשע, און ער האט זיי געסטראשעט אז ער גייט זיי גיין פאר'מסר'ן פאר די רעגירונג, און דער

גוי האט איינגעהאלטן זיין צוזאג, און געגאנגען אריין געבן א קלאגע קעגן די ברודער'ס.

די צוויי זענען געלאפן צום צדיק רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע, און האבן זיך מזכיר געווען אויף די גרויסע צרה, אז אויב טרעפט מען זיי שולדיג אויפן מאכן אומלעגאלע סחורה, קענען זיי ח"ו גיין זיצן פאר אסאך יאר אין תפיסה, אבער דער צדיק האט זיי בארואיגט און געזאגט, **עטס האטס זיך נישט וואס צו זארגן, דער גוי דער רשע וועט אייך נישט קענען טון קיין שום שלעכטס, גייט אהיים לחיים ולשלום.**

די צוויי זענען מיט זייער גרויסע אמונת צדיקים אהיים געפארן, און זיך פארלאזט אויפן גרויסן באשעפער, לפלא אפאר טאג שפעטער איז דער גוי דער רשע קראנק געווארן, און עס האט גענומען אפאר טאג און ער האט געהאט א פגירה, און זייענדיג קראנק האט דער גוי דערציילט, אז די לעצטע פאר נעכט איז צו אים געקומען א אלטער איד, און האט אים אריין געגעבן מכות רצח, און וויבאלד דער גוי האט גע'פגר'ט איז שוין נישט געווען ווער עס זאל עדות זאגן, און די אידן זענען ארויס פריי.

אבער לפלא אפאר וואכן שפעטער האט די געשעפט פון די ברודער אנגעהויבן גיין בארג אראפ, די צוויי ברודער האבן נישט געוויסט וואס צו טון דא, אבער דאן האבן זיי זיך דערמאנט, אז בשעת וועז דער צדיק האט זיי געגעבן די ברכה, האט דער צדיק געבעטן, אז ווען די ישועה וועט בקרוב קומען, זאלן זיי שיקן **פופציג רענדליך פאר די צדקה צוועקן פונעם צדיק**, און פון גרויס טרדה פון די גאנצע מעשה, האבן זיי פארגעסן פונעם צוזאג, האבן זיי גלייך אריבער געשיקט די געלט פארן צדיק, און נישט לאנג נאכדעם האט זיך די געשעפט צוריק אויף געהויבן און זיי האבן ווייטער מצליח געווען.

• • •

**איינמאל איז דער צדיק רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע געווען אין שטאט סאטמאר**, און גייענדיג אהיים פון שוהל צו די אכסניא פון הרה"ח רבי טובי' מאיר ווייס שו"ב מסאטמאר ז"ל, האט דער צדיק געזען ווי מען בויעט א הויז ממש נעבן דעם שוהל, האט דער צדיק געפרעגט פון ר' טובי' מאיר, ווער בויעט דעם הויז, האט ער געזאגט, אז א גוי פון שטאט בויעט דעם הויז, האט דער צדיק געזאגט, **עס פאסט נישט אז א גוי זאל וואוינען ממש נעבן דעם שוהל, דערפאר ווען דער גוי ענדיגט די הויז, זאלסטו אים אנטראגן אז די ווילסט קויפן די הויז.**

דער רבי טובי' מאיר האט געזאגט פארן רבין, אז ווי אזוי קען ער אפילו טראכטן פון קויפן דעם הויז, דער גוי לייגט דאך אריין אזויפיל ארבעט אין דעם הויז, ער וועט זיכער נישט מסכים זיין דאס צו פארקויפן, און אויסער דעם האט ער דאך נישט דאס געלט צו קויפן דעם הויז, האט רבי הירצקע'לע זי"ע געזאגט פאר דעם איד, **זאלסט פראבירן צו קויפן דעם הויז, און אויב פיעלט דיר געלט צו קענען שליסן דעם געשעפט, לאז מיך וויסן און איך וועל דיר שיקן דאס געלט.**

לפלא, אזוי ווי דער גוי האט געענדיגט בויען דעם הויז, איז ער געקומען צו רבי טובי' מאיר און זאגט אים, אז ער האט חרטה אויפן בויען דעם הויז און ער איז נישט אזוי צופרידן דערפון, און ער איז מסכים צו פארקויפן דעם הויז פאר גאר ביליג, ר' טובי מאיר האט גלייך געשיקט א שליח צום צדיק רבי הירצקע'לע, און דערציילט אז דער גוי וויל פארקויפן דעם הויז, און דער צדיק האט אים געשיקט דאס געלט, און אזוי האט ער אפ געקויפט דעם הויז פונעם גוי פאר גאר ביליג, האט ער געזען די הייליגע אויגן פונעם צדיק, אז ער האט שוין דאן געזען, אז דער גוי וועט מסכים זיין צו פארקויפן דעם הויז.

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע** האט מעיד געווען אויף זיין רבין דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע, אז ער האט געהאט הייליגע אויגן און געקענט זען **מסוף עולם עד סופו**, און דערפאר זענען אידן שטענדיג געקומען צו דעם צדיק ווען מען האט עפעס פארלוירן, און דער צדיק האט כסדר מגלה געווען דעם פלאץ ווי די אבידה אדער די גניבה ליגט, אויך האט דער תלמיד רבי הירצקע'לע זי"ע נאך געזאגט בשם זיין רבין בזה"ל, **"מי שלא פגם, אין שום מחיצה מפסקת עבורו"**.

• • •

**איינמאל איז דער צדיק רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע** געווען אויף א שבת אין שטאט

מישקאלץ, איז א איד געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק, אז ער האט א גוי וואס וואוינט קעגן איבער זיין הויז, און דער גוי דער רשע איז אים זייער מצער און שטערט אים טעגליך מיטן אן מאכן צרות, האט דער צדיק געזאגט פאר דעם איד, **איך וויל זייער זעהן דעם הויז פונעם גוי**.

די אנדערע טאג אהיים גייענדיג פון דאווענען, איז דער איד געגאנגען מיטן רבין אויף די גאס, און אנקומענדיג פארענט פון זיין שטוב האט ער געזאגט פארן צדיק, **דארט איז די הויז פונעם גוי**.

דער צדיק האט אויף געהויבן זיינע הייליגע אויגן און געקוקט אויפן פלאץ ווי דער איד ווייזט, אבער לפלא האט דער צדיק געזאגט פארן איד בזה"ל, "**איך זעה דא נישט קיין שום הויז**", דער איד האט נאכאמאל פראבירט צו ווייזן, אבער דער צדיק האט איבער געזאגט זיינע ריידט, **אז ער זעהט נישט דא קיין הויז**.

לפלא אפאר וואכן שפעטער, האט אויס געבראכן א שרעקליכע פייער ביי דעם גוי, און דאס גאנצע הויז איז פארניכטעט געווארן, און בלית ברירה האט דער גוי זיך געמיזט אוועק ציען פון דארט, און דער איד האט געהאט מנוחה, דאן האט ער שוין גוט פארשטאנען וואס דער צדיק האט געזאגט, **אז ער זעהט באמת נישט דארט קיין הויז**, ווייל דער צדיק מיט זיינע הייליגע אויגן האט שוין פארגעזען וואס עס גייט פאסירן מיט די הויז פונעם גוי.

• • •

**הרה"ח רבי מאיר ליכטמאן ע"ה וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם צדיק רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע**, האט געהאט א געשעפט אין שטאט געסטערעד וואס ער האט געדינגען פון א גוי א גרויסע רשע וואס האט געוואוינט אין שטאט קאליב, איין יאר ווען ער האט געוואלט באנייען דעם קאנטראקט מיטן גוי אויפן קומענדיגע יאר, האט דער גוי מיט גרויס כעס געזאגט פאר דעם רבי מאיר, אז ער פארדינגט אים מער נישט דעם געשעפט, און האט צו געלייגט, אז ער זאל זיך אפילו נישט דערוואגן צו קומען זיך בעטן, **ווייל אויב יא וועט ער ביטער אפשניידן**.

דער איד איז פון גרויס צער געלאפן צום צדיק רבי הירצקע'לע און דערציילט זיין צרה, האט דער צדיק געזאגט פאר דעם איד, אז ער זאל אריבער גיין צום שטאט קאליב, און ער זאל זיך שטעלן פארענט פונעם הויז פון דעם גוי, **און ער זאל דארט זאגן די ערשטע 20 קאפיטלאך פון תהילים, און בעזהשי"ת וועט זיין גוט**.

דער איד האט אויס געפאלגט וואס דער צדיק האט געהייסן, און לפלא ווען ער האט געענדיגט די 20 קאפיטלעך תהילים, איז דער גוי ארויס געקומען פון זיין שטוב, און האט פריינדליך באגריסט דעם איד, און בחפץ לב באנייעט דעם קאנטראקט אויפן געשעפט.

• • •

**איינמאל איז א איד געקומען צום צדיק רבי הירצקע'לע זי"ע** און האט מזכיר געווען זיין צרה, אז זיין טאכטער האט זיך אנגעכאפט אז זי וויל רח"ל חתונה האבן מיט א גוי, און דער איד האט זייער געוויינט צום צדיק אז ער זאל אים העלפן, האט דער צדיק געבעטן מען זאל אים ברענגען זיין לולקע, און דער צדיק האט פראבירט אפאר מאל צו אנצידן דעם לולקע אבער עס איז נישט געגאנגען.

אבער נאך אפאר מאל איז געלונגען פארן צדיק צו אנצינדען דעם לולקע, דאן האט דער צדיק געזאגט פאר דעם איד, **פארט אהיים לחיים ולשלום און עס וועט אי"ה זיין גוט**, אנקומענדיג אהיים האט דער איד געהערט, אז בשעת דער צדיק האט אן געצינדן דעם לולקע, האט זיך דער גוי געלייגט שלאפן אינטער א בינטל שטרוי, **און פלוצלונג האט דארט אויס געבראכען א פייער, און דער גוי איז דארט פארברענט געווארן**, און דאס מיידל זעענדיג די מופת האט תשובה געטון און אויף געשטעלט א ערליכע אידישע שטוב.

• • •

**איינמאל איז א איד א עושר געקומען צום צדיק הרה"ק רבי הירצקעלע מראצפערט זי"ע**, און זיך אפ גערעדט, אז ער האט א גוי א שכן וואס טיילט אים אויס צרות, און ער האט געבעטן די רבי זאל אים געבן א ברכה אז ער זאל האבן א ישועה, אבער דער צדיק רבי הירצקעלע האט אים גארנישט געענטפערט.

דער איד האט זיך אנגעריפן, איך פארשטיי נישט די רבי'ס היינט, אמאל און די צייטן פון

אחשוורוש איז געווען א המן וואס האט אויסגעטיילט צרות פאר כלל ישראל, איז געווען א מרדכי וואס האט קערגענומען פון דעם המן, אבער היינט איז דא אזויפיל המנ'ס, און עס איז נישט דא קיין איין מרדכי וואס זאל ארבעטן קעגן זיי.

ווען רבי הירצקעלע האט דאס געהערט איז ער אויף געשפרינגען און געזאגט פאר דעם איד, **וואס זאגסטו, איך קען איינעם וואס הייסט ר' ישעי'לע מקערעסטיר, און ער אליין קען הרג'ן 100 המנ'ס יעדן טאג**, און ער האט נאכגעזאגט די ווערטער וואס ר' ישעי'לע פלעגט זאגן ווען א איד האט געהאט א פראבלעם מיט א גוי, האט רבי ישעי'לע געזאגט, אז מען דארף געבן שוחד פארן גוי, "**ווייל א גוי מיז נעמען, אדער געלט, אדער א מיתה משינה**", אדער ווי מען זאגט עס נאך, "**א גוי מוז זיך בייגן, אדער לייגן**" און הונדערטער און טויזנטער אידן זענען געהאלפן געווארן דורך זיינע ברכות.

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי הערצקעלע מראצפערט זי"ע** איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען מנוחת אשר זי"ע, האט דער צדיק מראצפערט דערציילט, אז זייענדיג שוין א עלטערע בחור אין שידוכים, איז דער מצב ביי זיין טאטן אין שטוב געווען מיט א שרעקליכע דחקות, דערפאר האט דער צדיק רבי הערצקעלע זיך פארדינגען אין שטאט טשענגער אלס א מלמד פאר קינדער, און פון דעם האט ער צוזאמען גענומען אביסל געלט, כדי ער זאל קענען מיט די געלט זיך קויפן עפעס א שיינעם מלבוש צו קענען א חתן ווערן.

נאכן ארבעטן שווער אפאר חדשים, האט ער באקומען א בריוו פון זיין טאטן, אז ער ברויך א סכום געלט פאר צרכי הבית און די טאטע בעט בעט אים אויב ער קען אים אפשר העלפן ווייל דאס דחקות אין שטוב איז שוין אומדערטרעגליך.

רבי הערצקעלע מראצפערט האט נישט געוויסט וואס ער זאל דא טון, ווייל ער האט געוויסט אז מיט זיינע צעריסענע בגדים וועט ער בדרך הטבע נישט טרעפן קיין שידוך, אבער פון די אנדערע זייט וויל ער דאך אזוי שטארק מקיים זיין דעם מצוה פון כיבוד אב, און רבי הערצקעלע איז פון דעם געווארן זייער צעטראגן.

דעם קומענדיגע טאג צופרי ווען רבי הערצקעלע האט זיך געשטעלט זאגן ברכות, און ער איז אנגעקומען צו אלו דברים שאין להם שיעור, **כיבוד אב ואם**, האט רבי הערצקעלע נישט געקענט זאגן די ווערטער טראכטענדיג ביי זיך, ווי אזוי ער קען זאגן די ווערטער, ווען ער איז מסיפוק וועגן שיקן דאס געלט פארן טאטן, אבער אזוי טראכטענדיג קומט דער גבאי פון זיין רבין דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע, און זאגט פאר רבי הערצקעלע אז די רבי לאזט אים ריפן.

דער תלמיד איז גלייך אריבער געלאפן צו זיין רבין טראכטענדיג אז ער וועט קענען פרעגן זיין רבי וואס ער זאל דא טון, אבער לפלא אזוי ווי ער טרעט אריין אין שטוב, דערלאנגט אים זיין רבי דער מנוחת אשר זי"ע דעם פונקטליכע סכום געלט וואס זיין טאטע האט געבעטן, און דער צדיק זאגט פאר זיין תלמיד רבי הערצקעלע זי"ע בזה"ל, "**דא האסט די דעם סכום געלט וואס דיין טאטע האט געבעטן, און שיק דעם געלט גלייך צו דיין טאטן, ווייל עס איז באמת א שאד צו מבטל זיין די טייערע צייט פון לערנען תורה, צוליב אזא קלייניקייט**", און דאס האט דער הייליגער מנוחת אשר מרגיש געווען אן דעם וואס זיין תלמיד זאל אפילו זאגן א ווארט.

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי הערצקעלע מראצפערט זי"ע האט כסדר גערעדט פון דעם גרויסן מידת צדקה,** פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע, איינמאל האט דער צדיק רבי הערצקעלע זי"ע געזאגט פאר הגה"ק רבי מנחם שיק אב"ד סיקס זי"ע בזה"ל, "**צדקה געבן האב איך מיך געלערנט ביי מיין רבין פון טשענגער**", וואס ווי באקאנט איז דער צדיק רבי הערצקעלע געווען איינע פון די גרויסע בעלי צדקה וחסד בדורו.

דערציילט דער תלמיד רבי הערצקעלע זי"ע, אז ער פלעגט כסדר נאך קוקען זיין גרויסן רבין מטשענגער, און צו קוקען זיין געוואלדיגע מידת הצדקה, לפלא האט ער געזען גאר אסאך מאל, אז ווען עס איז געקומען א איש הגון און א איש מכובד, האט דער הייליגער מנוחת אשר געקענט געבן א קליינע סכום, און די זעלבע צייט האט געקענט קומען א פשוטע איד, און פאר דעם פשוטן איד האט דער צדיק געגעבן א גאר שיינע סכום, און

דאס איז געווען א גרויסע וואנדער פאר אים, אבער צוליב זיין יראת הכבוד פאר זיין רבין האט ער קיינמאל נישט געפרעגט קיין קשיות.

אבער איינמאל זייענדיג ביי זיין רבין, איז אריין געקומען א גאר חשובע איד, און דער צדיק האט יענעם חשובע איד אפ געזעגענט מיט א גאר קליינעם סכום, און גלייך נאכדעם איז געקומען א פשוטע איד צום רבין פאר הכנסת כלה, און דער צדיק האט אים אהין געגעבן 25 רובל וואס איז געווען א גאר שיינעם סכום בימים ההם, דא האט זיך דער תלמיד רבי הערצקעלע נישט געקענט מער איינהאלטן, און ער האט געזאגט פאר זיין רבין, **ילמדנו רבינו, וואס איז פשט אז פאר דעם פשוטע איד האט די רבי געגעבן אזא גרויסע סכום, און פאר יענעם חשובע איד האט די רבי געגעבן א קליינעם סכום**.

האט מיר מיין רבי דער מנוחת אשר זי"ע געזאגט, **הערצקעלע די ווילסט מיך לערנען מעשה צדקה ווי אזוי מען איז מקיים צדקה באמת**, האט דער תלמיד גלייך געזאגט מיט יראת הכבוד פאר זיין רבין, **אדרבה פונקט פארקערט רבי, איך וויל זייער די רבי זאל מיך אויס לערנען ווי אזוי מען איז מקיים מצוות צדקה אויפן ריכטיגען וועג**.

דאן האט אים זיין רבי דער הייליגער מנוחת אשר זי"ע מגלה געווען דעם סוד און געזאגט, וויסן זאלסטו, אז אינעם שטאט ווי דער פשוטע איד וואס גייט פאר הכנסת כלה וואוינט, וואוינט דארט אויך א גרויסע עושר וואס קען ווען העלפן דעם איד מיט דעם סכום פון 25 רובל, און פון הימל האט מען גוזר געווען אז דער עושר זאל אים געבן דעם סכום געלט.

אבער ליידער איז יענער עושר א גרויסע קמצן, און דער איד וואלט קיינמאל דעם סכום נישט געקענט ארויס זעהן פון דעם עושר, און חוץ פון דעם איז דער איד אויך אמאל געווען א עושר פון יענעם שטאט, נאר ליידער איז ער געווארן א יורד ל"ע, און דערפאר גייט ער ארום צוזאמען שטעלן צדקה אין די פרעמד, כדי קיינער זאל נישט וויסן אז ער איז ליידער א יורד.

דערפאר האט מען צו געפירט פון הימל, אז היינט איז דא געווען ביי מיר יענער עושר, און ער האט זיך מזכיר געווען פאר א ישועה, און איך האב יענעם עושר געבעטן פאר א פדיון 25 רובל, און בלית ברירה האט ער דאס געמיזט געבן פאר מיר, און מען האט פון הימל געפירט אז דער יורד זאל אויך יעצט קומען און אפ נעמען דעם סכום פון 25 רובל ביי מיר, **און איך בין סך הכל געווען דער גבאי צדקה און דער שליח צווישן די צוויי אידן**, דאס איז געווען די הייליגע אויגן פון דעם צדיק וקדוש דער מנוחת אשר מטשענגער זי"ע.

• • •

**אין ספר זכרון נפתלי ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי הירצקע'לע מראצפערט זי"ע איז געווען דבוק בלוח לבו אין זיין גרויסן רבי'ן **דער הייליגער דברי חיים מצאנז** זי"ע, ווערט דערציילט, אז איינמאל ביי שלש סעודות אין צאנז, ווען עס איז געווען פינסטער אין בית המדרש בעת רעוא דרעווין, האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע זיך אנגערופן מיט גרויס התפעלות, "**ווער עס וויל זען א יונגערמאן וואס האט נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט פוגם געווען אין שמירת עיניים, זאל קוקן אויף הירצקעלע**".

• • •

**אין קונטרס תולדות זכרון נפתלי ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי הירצקעלע ראצפערטער זי"ע איז געווען באוואוסט מיט זיין כח צו עפענען **פארשלאסענע טויער'ן און פועל'ן ישועות פאר אידן וואס זענען געווען אין ענגע מצבים**, ווערט דערציילט, אז א איד איז אמאל געקומען קיין ראצפערט איינגאנצן צובראכן, נאכדעם וואס אלע וועגן פאר פרנסה און הצלחה זענען פאר אים געווען פארשלאסן מיט טויזנט שלעסער, און ער איז געווען אויפן שוועל פון גרויס ארימקייט.

ווען ער האט זיך אויסגעוויינט פאר'ן רבין דער צדיק רבי הירצקעלע ראצפערטער זי"ע, האט דער צדיק ר' הירצקעלע ארויסגענומען **א שווערן בינטל שליסלעך פון זיין טאש**, עס אנגעכאפט אין די הענט, און געזאגט פשוט'ע ווערטער מיט גרויס דביקות, "**רבונו של עולם, דו האסט דאך די שליסלעך פון אלע שערים, עפן פאר דעם איד די טויערן פון פרנסה און ברכה**", און דער רבי האט אים אנגעוואונטשן א ווארעמע ברכה און געזאגט, "**אז ער זאל אהיימפארן מיט בטחון און גלייבן באמונה שלימה אז ער וועט געהאלפן ווערן מיט א**

**ישועה בקרוב**", נישט לאנג דערנאך האט זיך זיין גאנצע מזל איבערגעדרייט לטובה און ער איז געווארן א גרויסער עושר.

• • •

**עס ווערט געברענגט אין ספר זכרון נפתלי**, אז איינע פון די באקאנטע מנהגים פונעם צדיק וקדוש רבי הירצקעלע ראצפערטער זי"ע איז געווען, צו געבן פאר אידן א טרונק משקה "**א לחיים**", וואס דורך דעם זענען מענטשן געהאלפן געווארן מיט גרויסע רפואות און ישועות, ווערט דערציילט, אז א איד איז איין טאג געקומען מיט א שווערער קראנקהייט אין שטוב וואס די דאקטוירים האבן שוין ליידער אויפגעגעבן האפענונג.

דער צדיק רבי הירצקעלע האט אים געגעבן א קליין פלעשל ברוינפן און געזאגט, "**נא, נעם דאס אהיים, און יעדן טאג זאל דער חולה טרינקען איין טראפן און זאגן 'לחיים' צום בורא עולם, און איר וועט זען א ישועה בקרוב**", דער איד איז אהיימגעפארן, און מיט זיין אמתע אמונת צדיקים געגלייבט אז ישועה קרובה לבוא, און פלאי פלאים, וויפיל מען האט געטרונקען פונעם פלעשל איז די משקה נישט אויסגעגאנגען, און פון טאג צו טאג האט דער חולה צוריקבאקומען זיינע כוחות, ביז ער איז אינגאנצן געזונט געווארן.

• • •

**אין ספר פאר יצחק ווערט געברענגט**, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי הירצקעלע ראצפערטער זי"ע איז נאך געווען א יונגערמאן און איז געפארן קיין זידיטשוב צום הייליגן עטרת צבי דער צדיק רבי אייזיקל זידיטשובער זי"ע, **איז דארט פארלוירן געגאנגען א טייערער חפץ (א זייגער) פון איינעם פון די גרויסע נגידים**, און מען האט געהאלטן אין איין זוכן און ערפאלג, אבער מען האט דעם חפץ נישט געקענט טרעפן.

דער צדיק רבי הירצקעלע, צוליב זיין גרויסער צניעות, האט זיך נישט געוואלט אריינמישן, אבער זעענדיג דעם עגמת נפש, **האט ער צוגעוויזן פונקטליך אונטער וועלכן ברעט אדער ווינקל דער חפץ ליגט**, ווען מען האט עס דארט געפונען, האבן די חסידים געוואלט מאכן א גאנצע שטורעם פון זיין **רוח הקודש**, אבער ער האט זיך שנעל באהאלטן און געבעטן מען זאל נישט רעדן דערפון, ווייל זיין גאנצע שטרעבונג איז געווען צו דינען דעם באשעפער אין פארבארגנקייט.

• • •

**עס ווערט געברענגט אין ספר זכרון נפתלי**, אז א איד וואס איז שוין געווען איבער פופצן יאר נאך די חתונה אן קיין קינדער, איז געקומען קיין ראצפערט צום צדיק רבי הירצקעלע זי"ע מיט א צעבראכן הארץ, און ער האט זיך אויסגעוויינט פאר רבי הירצקעלע, אז די דאקטוירים זאגן, אז לויט די טבע איז מער נישט פאראן קיין שום האפענונג אז ער זאל נאל געהאלפן ווער מיט קינדער, און דער איד האט געוויינט מיט ביטערע טרען אז די רבי זאל אים העלפן מיט א ישועה למעלה מדרך הטבע.

דער צדיק רבי הירצקעלע האט אים אנגעקוקט מיט זיינע הייליגע אויגן און געזאגט מיט א געוואלדיגע פשטות, "**וואס ווייסן דען דאקטוירים, דער אויבערשטער איז דאך העכער פונעם טבע**", און דער רבי האט אים געהייסן געבן א סכום פאר צדקה פאר עניי ארץ ישראל, און צוגעלייגט, "**פאר אהיים, און אויף איבערס-יאר זאלסטו אי"ה מיר ברענגען א קוויטל מיט די נאמען פונעם נייעם געבוירענעם קינד**", פונקט א יאר שפעטער איז דער איד געקומען קיין ראצפערט מיט אן ערשט געבוירן יונגל אין די הענט אפצוגעבן א דאנק.

• • •

**אינעם ספר זכרון נפתלי ווערט געברענגט**, אז אין יענע יארן איז די מיליטער-דינסט אונטער דער עסטרייכער-אונגארישער מלוכה געווען א ביטערע גזירה פאר אידישע בחורים, סיי וועגן גשמיות און סיי וועגן שמירת שבת און כשרות, איין טאג איז א צובראכענע מוטער געקומען צו לויפן צום צדיק וקדוש רבי הירצקעלע ראצפערטער זי"ע וויינענדיג, אז מען נעמט איר איינציגן זון צום מיליטער-קאמיסיע און ער שטייט אויס צו ווערן פארשריבן.

דער צדיק רבי הירצקעלע האט איר געגעבן א שטיקל קמיע (א שמירה) און געזאגט, "**זאלסט אים אנטון דעם קמיע אויפן האלדז, און ווען ער גייט אריין צום הויפט-דאקטאר פונעם מיליטער, זאל ער דריי מאל זאגן דעם פסוק ויהי נועם**", לפלא, ווען דער בחור איז אריין אין צימער, האט דער

מיליטערישער דאקטאר אים קוים אנגעקוקט, און ער האט פלוצלונג גענומען דעם שטעמפל און געשריבן, "**אומטויגליך צום דינסט**", און אן קיין שום לאגישן הסבר, האט דער דאקטאר האט אים ארויסגעשיקט מיט כעס, און דער בחור איז געראטעוועט געווארן.

• • •

**עס האבן דערציילט די זקני החסידים אין אונגארן**, אז א אידישער סוחר אין אונגארן א גרויסע בעל צדקה האט אריינגעלייגט זיין גאנצן פארמעגן אין גרויסע מאגאזינען פון ווייץ און תבואה, **איין נאכט האט אויסגעבראכן א גרויסע שריפה אין שטעטל, און די פייער האט ארומגעכאפט די שייערס**, דער איד איז געלאפן מיט איין אטעם קיין ראצפערט, און זיך געווארפן צו די פיס פונעם רבי'ן דער צדיק רבי הירצקעלע ראצפערטער זי"ע און דערציילט, **אז זיין גאנצע האב און גוטס איז פארלוירן געגאנגען און ער איז געבליבן א גרויסע בעל חוב.**

דער צדיק רבי הירצקעלע האט געזאגט פאר דעם סוחר מיט גרויס רואיגקייט, "**גיי אהיים מיט שלום, דער אויבערשטער וועט נישט פארלאזן א איד וואס גיבט צדקה**", ווען דער סוחר איז צוריקגעקומען, האט זיך ארויסגעשטעלט א וואונדער, אז די פלאמען האבן טאקע פארברענט די ווענט פונעם געביידע, אבער די זעק תבואה אינעווייניג זענען געבליבן אומבארירט פון דער היץ, און צוליב דער שריפה איז דער פרייז פון תבואה אין דער גאנצער געגנט שטארק געשטיגן, **און דער איד האט פארקויפט זיין סחורה פאר דאפלטע געלט און איז געווארן א גרויסער עושר.**

• • •

**אינעם קונטרס תולדות זכרון נפתלי ווערט דערציילט**, אז א איד איז געפאלן אין בעט מיט א שווערער קדחת און לונגען-אנטצינדונג, און די בעסטע דאקטוירים פון דעברעצין האבן געזאגט, אז עס איז א ענין פון שעות ל"ע, זיין ברודער איז געפארן קיין ראצפערט מיט א קוויטל און א פדיון צום צדיק רבי הירצקעלע זי"ע, און האט מיט טרערן מזכיר געווען דעם מצב פונעם ברודער און געבעטן א ברכה פאר א ישועה בקרוב.

דער צדיק וקדוש רבי הירצקעלע האט גענומען א קליין שטיקל קלף, אנגעשריבן הייליגע שמות און כוונות, עס פארמאכט אין לעדער און געזאגט, "**לייגט דאס אונטער זיין קאפ-קישן, און ער זאל שוויצן דריי טעג, און ער וועט אי"ה האבן א רפואה שלימה**", ווען מען האט אהיימגעברענגט דעם קמיע און עס אריינגעלייגט אונטער'ן קישן, איז דער חולה אריינגעפאלן אין א טיפן שלאף, נאך דריי טעג האט זיך דער פיבער אינגאנצן אראפגעלאזט, ער האט געעפנט די אויגן און פארלאנגט עסן, און צו דער ערשטוינונג פון אלע דאקטוירים איז ער אויפגעשטאנען פונעם בעט אינגאנצן אויסגעהיילט.

• • •

**אינעם ספר זכרון נפתלי ווערט געברענגט**, אז איין מאל אין א רעגנדיגן פרייטאג-צונאכטס איז אן ארימער אורח אנגעקומען קיין ראצפערט, באדעקט מיט בלאטע פון קאפ ביז פיס, און זיינע שטיוול זענען געווען אינגאנצן פארשמירט, שפעט ביינאכט, ווען דער גאסט איז שוין געשלאפן א טיפן שלאף אין אכסניה, איז איינער פון די מקורבים אריינגעגאנגען אין הויז און דערזען אן אומגלויבליך בילד, **דער צדיק רבי הירצקעלע אליין שטייט אין א ווינקל, איינגעבויגן, מיט א שיסל וואסער און א שמאטע, און פוצט און וואשט אפ די שמוציגע שטיוול פונעם ארעמאן, כדי ער זאל שבת אינדערפרי האבן ריינע שיך לכבוד שבת.**

ווען דער מקורב האט זיך דערשראקן און געוואלט צוכאפן די ארבעט פון רבינ'ס הייליגע הענט, האט דער צדיק וקדוש רבי הירצקעלע אים שטילערהייט געזאגט מיט זיין גרויס עניוות און אהבת ישראל, "**וואס שטערסטו מיר, הכנסת אורחים איז דאך א מצווה דאורייתא, און אויב מען קען באדינען א איד מיט די אייגענע הענט, פארוואס זאל איך דאס אפגעבן פאר א צווייטן**".

• • •

**עס ווערט געברענגט אין ספר זכרון נפתלי**, אז איין נאכט האט דער צדיק רבי הירצקעלע ראצפערטער זי"ע באמערקט, ווי א לאקאלער איד, א צובראכענער קבצן וואס האט זיך פארשעמט צו בעטן נדבות, דרייט זיך ארום אין זיין קאמער און נעמט שטילערהייט ארויס עטליכע זילבערנע כלים און זאכן פונעם רבינ'ס שטוב כדי זיי צו פארקויפן פאר שבת, דער צדיק רבי הירצקעלע האט זיך געמאכט כאילו ער זעט גארנישט, כדי נישט צו פארשעמען דעם איד.

אבער ווען דער איד איז שוין געווען ביים טיר, איז רבי הירצקעלע שנעל נאכגעלאפן דעם איד און אים אפגעשטעלט מיט גרויס ליבשאפט און געזאגט, "**זייט וויסן, אז איך בין מפקיר די אלע זאכן מיט א פולן הארצן, זיי געהערן פאר אייך לחלוטין, איך האב נאר מורא געהאט, אז אויב איר וועט דאס פארקויפן וועט איינער חושד זיין אז ס'איז גניבה און מען וועט אייך חלילה ארעסטירן, דערפאר נעם אויך די דאזיגע צעטיל מיט מיין חתימה, אז איך האב עס אייך געגעבן במתנה גמורה**", נאך מער, דער צדיק רבי הירצקעלע האט אים געבעטן מחילה און געזאגט, "**זייט מיר מוחל וואס איך האב נישט געוואוסט פון אייער דחקות פריער, און איר האט געמוזט צוקומען צו אזא ביטערער שריט**".

• • •

**אין ספר זכרון נפתלי ווערט דערציילט**, אז נאכדעם וואס א באקאנטער נגיד איז געהאלפן געווארן מיט א גרויסער מופת דורך דעם צדיק וקדוש רבי הירצקעלע'ס ברכה, איז דער נגיד געקומען צו פארן קיין ראצפערט מיט א גרויסן עולם, און געברענגט א פילע בייטל גאלדענע רענדלעך, בשעת ער הייבט אן בארימען דעם רבין פאר אלע פארזאמלטע אלס דער גרעסטער "**בעל מופת**" און "**איש אלוקים**".

דער צדיק רבי הירצקעלע איז געווארן אינגאנצן בלאס פאר פחד פון די דברי שבח, ער האט אראפגעלאזט זיינע אויגן צום באדן, אנגעכאפט דעם נגיד ביים האנט און געזאגט מיט א צובראכן קול, "**פארוואס זאלט איר זיך טועה זיין אין מיר, איך בין דאך גארנישט מער ווי א פשוט'ער שליח-בריוו-טרעגער (א פאסט-טרעגער), ווייל ווען א פאסט-טרעגער ברענגט א בריוו מיט א גרויסע סומע געלט פונעם קעניג, גיבט מען דען אים די גדולה, מען דאנקט דאך דעם קעניג אליין, איך האב נאר איינגעריסן רחמים צום בורא עולם, און ער אין זיין חסד האט אייך געהאלפן, טא לייגט נישט אויף מיר קיין שום גרויסקייט**", און דאס גאנצע געלט וואס דער נגיד האט געגעבן, האט דער צדיק רבי הירצקעלע נאך יענעם טאג פארטיילט פאר די אלמנות און יתומים אין שטעטל.

• • •

**אינעם קונטרס זכרון נפתלי ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען א פרוי וויינען צום רבין, אז איר מאן איז שווער קראנק, און זי האט געבעטן דעם רבין פאר א ברכה און א ישועה פאר איר מאן, לפלא, בשעת די פרוי האט דערציילט אירע צרות, **האט דער צדיק רבי הירצקעלע אנגעהויבן וויינען אזעלכע ביטערע טרערן, ביז ער האט געציטערט מיט זיין גאנצן קערפער פאר גרויס צער**.

נאכדעם וואס די פרוי איז ארויס, האבן די מקורבים אים געפרעגט, פארוואס ער נעמט עס אזוי צום הארצן מער ווי געוויינליך, צי ער קען דען יענעם איד פערזענליך, האט דער צדיק רבי הירצקעלע מיט זיין גרויסע אהבת ישראל געענטפערט מיט זיין איידעלן תמימות, "**ווי קען מען הערן אז א איד ליידט פיינונגען און זיין הארץ איז צעבראכן, און מען זאל נישט פילן דעם זעלבן שמערץ אין די אייגענע ביינער, כל זמן איך שפיר נישט זיין ווייטאג פונקט ווי ער אליין, ווי אזוי קען איך צוגיין צום אייבערשטן בעטן רחמים פאר אים**".

• • •

**אינעם ספר זכרון נפתלי ווערט געברענגט**, אז א אידענע איז געווען אין שווערע חבלי לידה עטליכע טעג אן קיין ערפאלג, און די דאקטוירים האבן מורא געהאט פאר איר לעבן און פארן לעבן פונעם קינד, דער איבערגעשראקענער מאן איז געלאפן ווי אויף שפילקעס קיין ראצפערט, און אריינגעלאפן צום רבי'ן מיט טרערן אין די אויגן און געשריגן, אז די שעה איז דרינגענד און זיין פרוי ברויך גרויס רחמי שמים.

דער צדיק רבי הירצקעלע האט אים אנגעקוקט מיט זיין איידעלן בליק, **ארויסגענומען א קליין אייזערן שלאס פון זיין שופלאד וואס איז געווען פארשלאסן, גענומען דעם שליסל, און עס פארקנאקט און געעפנט פארנט פונעם איד**, און דער רבי האט געזאגט מיט א שטארק קול, "**אזוי ווי דער שלאס עפנט זיך גרינג, זאל דער בורא עולם עפענען די טויערן פון רחמים און זי זאל געבוירן דעם קינד בשלום**", דער מאן איז אהיימגעלאפן מיט א קלאר הארץ, גלייבענדיג אז די רבי האט גע'פועל'ט א ישועה פאר זיין פרוי, און ווען ער איז אנגעקומען צום שוועל פונעם שטוב, האט מען אים אפגעווארט מיט די פרייליכע בשורה, **אז פונקט אין יענע מינוט ווען דער רבי האט אויפגעשלאסן דעם שלאס, איז א געזונט יונגל געבוירן געווארן**.

• • •

**עס ווערט געברענגט אין קונטרס תולדות זכרון נפתלי**, אז א שוחט פון א דערבייאיגן שטעטל **האט פלוצלונג אנגעהויבן פארלירן זיין זע-קראפט ביז ער איז כמעט אינגאנצן בלינד געווארן**, און ער האט מער נישט געקענט בודק זיין קיין סכינים אדער עוסק זיין אין זיין מלאכה, און ליידער בלייבנדיג אן קיין ברויט פאר זיינע קינדער, איז דער שוחט ער געקומען קיין ראצפערט צום צדיק רבי הירצקעלע מראצפערט זי"ע געפירט ביי די הענט דורך זיין זון.

דער צדיק רבי הירצקעלע האט אים געהייסן זיך וואשן די פנים און אויגן מיט וואסער וואס דער רבי האט גענוצט צו נטילת ידים שחרית, און אים אנגעזאגט, "**היט די אויגן פון יעצט און ווייטער פון קוקן אויף זאכן וואס מען טאר נישט, און דער וואס גיבט ליכטיגקייט פאר דער וועלט וועט דיר צוריקגעבן דיין ליכט**", דער שוחט האט געטאן ווי דער רבי האט געהייסן, און נאך א קורצער צייט האט זיך זיין זע-קראפט אנגעהויבן אויסקלארן, ביז ער האט ווידער געזען קלאר ווי א פרישער יונגערמאן און האט געקענט צוריקגיין צו זיין הייליגער כלי-קודש ארבעט ביז צו די טיפער עלטער.

• • •

**אין ספר זכרון נפתלי ווערט דערציילט**, אז א איד האט געדונגען א קרעטשמע פונעם לאקאלן פריץ, און צוליב עטליכע שלעכטע יארן האט זיך אנגעזאמלט א שווערער חוב אויף די רענדע, און דער פריץ, אן אכזריות'דיגער מענטש, האט אים אנגעזאגט מיט כעס, אז אויב ביז זונטאג צאלט ער נישט אפ דעם גאנצן סכום, ווארפט מען אים און זיין גאנצע פאמיליע ארויס אינדרויסן אין שניי און מען ארעסטירט אים.

דער איד איז געלאפן צום צדיק וקדוש רבי הירצקעלע מראצפערט זי"ע אן קיין גראשען אין טאש, דער רבי האט געזאגט, "**פאר צום פריץ מיט א שטארקייט, און זאג אים, אז דו האסט נישט דאס געלט אבער דו האסט א בריוו פונעם ראצפערטער רב**", דער איד האט געציטערט פאר גרויס שרעק, ווייל דער פריץ איז געווען א שונא ישראל.

אבער ווען ער איז אנגעקומען און דערלאנגט דעם בריוול פונעם רבין, האט דער פריץ אנגעהויבן ציטערן ווי א בלעטל, און ער האט געזאגט פארן איד, "**איך האב פונקט נעכטן ביינאכט געחלומט פון א הייליגן מאן מיט א לאנגער ווייסער בארד וואס האט מיר געווארנט, אז אויב איך טשעפע דיר וועט מיין גאנץ הויז פארברענט ווערן, און דאס איז דאך פונקט די זעלבע חתימה ווי יענעם הייליגען מאן**", און דער פריץ האט אים נישט נאר מוחל געווען דעם אלטן חוב, נאר אים פארלענגערט דעם קאנטראקט אויף נאך צען יאר פאר האלב פרייז.

• • •

**אינעם ספר זכרון נפתלי ווערט דערציילט**, אז א סוחר איז איין טאג געפארן אויפן וועג אינמיטן א שווערן ווינטערדיגן שטורעם, און דער וואגן מיט זיינע סחורות איז אריינגעפאלן אין א טיפן פארפרוירענעם טייך ווען דער אייז אונטערן וואגן האט זיך צובראכן, די פערד האבן נישט געקענט ארויסציען דעם שווערן וואגן, און די וואסער האט אנגעהויבן דערגרייכן ביז צו זיין האלדז.

פלוצלונג האט דער סוחר געשריגן מיט גרויס ייאוש, "**די זכות פונעם צדיק רבי הירצקעלע ראצפערטער זאל מיר ביישטיין**", אין דער זעלבער מינוט האט פאסירט א וואונדערליכע זאך, אן אומבאקאנטער פויער מיט צוויי שטארקע פערדן האט זיך פלוצלונג באוויזן פון ערגעץ אין וואלד, אנגעטשעפעט די שטריק צום וואגן, און אין איין רגע ארויסגעשלעפט דעם וואגן און דעם סוחר אויפן יבשה.

ווען דער סוחר האט זיך אומגעדרייט צו געבן געלט פארן פויער וואס האט אים דא געראטעוועט פון א זיכערן טויט, איז נישט געווען דארט קיין נפש חיה, נישט קיין פויער און נישט קיין פערדן, ווען ער איז שפעטער געקומען קיין ראצפערט אפצוגעבן א דאנק פארן צדיק רבי הירצקעלע זי"ע, האט דער צדיק רבי הירצקעלע געשמייכלט און געזאגט, "**דער שריי פונעם הארצן האט דורכגעריסן דעם הימל, און איך האב געברויכט שיקן א שליח**".

**יארצייט יום הקדוש י' תשרי**

**הרה"ק רבי משה יצחק ב"ר נפתלי אלימלך זי"ע**
**(געווירצמאן), מפשעווארסק**
**"הנקרא בפי כל ר' איציק'ל מפשעווארסק"**

ער איז געבוירן אין שטאט גארליץ, **י"ב טבת בשנת תרמ"ב**.

צו זיין טאטע הרה"ק **רבי נפתלי אלימלך** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם געווירצמאן מגארליץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אלימלך געווירצמאן מליזענסק** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי ישראל** זי"ע,
חתן הרה"ק **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת חנה בריינדל** ע"ה.

ער איז געווען פון די גדולים וצדיקים בדורו א איש קדוש מאוד צדיק וחסיד טהור לב, ער איז געווען א מתמיד עצום און א גרויסער ירא שמים, ער איז געווען דבוק אין צדיקי אמת און גאר אסאך קראנטע מעשיות דערציילט פון צדיקים הקודמים, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער איז געווען א גרויסער עניו און א צדיק נסתר און אייביג באהאלטן זיין גדלות מיטן זיך פירן מיט א געוואלדיגע פשטות.

דער זיידע הרה"ק **רבי אברהם געווירצמאן** זי"ע איז געווען דער שווער **בזיווג חמישי** פון הרה"ק **בעל דברי יחזקאל משינאווא** זי"ע, און ווי מען קען זעהן אין א בריוו וואס דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט געשריבן פארן זוהן הרה"ק **רבי נפתלי אלימלך געווירצמאן** זי"ע שרייבט ער אויפן זיידן רבי אברהם זי"ע בזה"ל **"הרב הקדוש, נקי מן החטא כתינוק בן שנה, והוא מחולל מפשעינו"**.

און ווי באקאנט האט דער הייליגער צדיק רבי אברהם זי"ע גאר שטארק מסתר געווען זיינע מעשים און דרכים ביים זאגן גוטע ווערטלעך, איין טאג האט איינע פון די חסידים געהערט, ווי רבי אברהם האט זיך געווערטלט מיטן צאנזער רעבעצין אין די קאך, ווען ער איז דאס געקומען דערציילן פארן הייליגען דברי חיים זי"ע, האט דער דברי חיים געזאגט בזה"ל, **"ווען דו וואלסט נישט געזינדיגט וואלסטו זיך אויך געקענט אזוי ווערטלען"**.

אויך האט דער הייליגער זיידע רבי אברהם זי"ע זיך אסאך מסתופף געווען ביים הייליגען צדיק וקדוש **רבי אשר'ל מראפשיץ** זי"ע, מען דערציילט, אז איינמאל איז דער צדיק רבי אברהם געווען אין ראפשיץ ביים טיש פון זיין רבין, פלוצלונג זענען אנגעקומען די פאליציי פון די מיליטער, דארט אין ביהמ"ד זענען געווען גאר אסאך בחורים וואס האבן זיך פראבירט ארויס צו דרייען פון מיליטער, אבער דער רבי אברהם איז געגאנגען מיט שטעקענעס און געווען פטור פון די מיליטער.

אבער וויבאלד ער איז געזעצן אויבן אן, זענען די פאליציי גלייך געקומען צו אים, און געבעטן אז ער זאל ווייזן זיין פטור, ער מיט זיין חכמה האט זיך אנגעהויבן טענה'נען מיט די פאליציי און זיי נישט געוואלט ווייזן זיינע פאפירן, די חברה האבן זיך גענומען איבער אים, אבער אין די זעלבע צייט האבן זיך אלע בחורים וואס האבן נישט געהאט קיין פטור ארויס געשלייכט פונעם ביהמ"ד, ווען ער האט געזען אז יעדער איז שוין ארויס, האט ער ארויס גענומען זיינע פאפירן און זיי האבן אים געלאזט גיין, אבער מיט דעם שפיל האט ער געראטעוועט אלע אנדערע בחורים.

מען דערציילט, אז ביים ברית האט מען געוואלט געבן נאר דעם נאמען **יצחק** נאכן הייליגען **חוזה מלובלין** זי"ע, אבער וויבאלד דער קינד איז געווען אין א סכנה בשעת ער איז געבוירן, האט דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע געהייסן, אז מען זאל דעם קינד צו געבן דעם נאמען **משה**, וויבאלד עס איז געווען **באו מים עד נפש** און ער איז געראטעוועט געווארן איז דאס ווי ביי משה רבינו ע"ה **כי מן המים משיתהו**.

פון אלס יונג קינד האט מען שוין געזען אויף אים זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין התנהגות דקדושה, צדיקי הדור האבן מעיד געווען, **אז די שכינה ריעט אויף דעם קינד**, ער איז שוין געווען דאן באוויסט אלס א עילוי בתורה, און דער הייליגער צדיק רבי איציק'ל זי"ע האט כסדר ביים

לעבן געזאגט, **אז אלס קינד איז ער געווען א הייליג קינד און א גאון**, אבער ער ברוב ענוות האט כסדר געזאגט, **ווער ווייסט וואס איך האב שוין מקלקל געווען אז איך בין שוין נישט דער הייליגער איד.**

ער איז געווען מקושר בלב ובנפש צו די צדיקים בדורו ובתוכם.

**דודו** הרה"ק **בעל דברי יחזקאל משינאווא** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה משינאווא** זי"ע,
הרה"ק **רבי שמחה ישכר דוב מצעשינוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אהרן רוקח מבעלזא** זי"ע,
הרה"ק **רבי ישעי' מטשחויב** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי אלימלך מבלאזשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אלעזר ריישער** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי מרוזוודוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אברהם חיים מפלאנטש** זי"ע,
הרה"ק **רבינו יואל בעל דברי יואל מסאטמאר** זי"ע.

זיין רבו מובהק איז געווען הרה"ק **רבי חנה הלברשטאם בעל דברי חנה מקאלאשיץ** זי"ע, הי"ד.

דער הייליגער צדיק רבי איציק'ל זי"ע האט דערציילט, אז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט גאר שטארק מכבד געווען בנן של קדושים, ובפרט די אייניקלעך פון רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, און ער האט זייער משבח געווען די אלע וואס האבן אויך מקרב געווען די רבי אלימלך'ס אייניקלעך.

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע פלעגט נאך זאגן בשם זיין הייליגען רבין דער זרע קודש מראפשיץ זי"ע, **אז ווען משיח וועט קומען, וועט די ערשטע שאלה זיין אויב מען האט מקרב געווען די אייניקלעך פון דעם הייליגען רבי אלימלך זי"ע, און דער ראפשיצער רב האט געזאגט, אז ער וועט קענען ענטפערן אז יא ער האט זיי מקרב געווען.**

האט דער צדיק רבי איציק'ל זי"ע צוגעלייגט בשם זיין הייליגען רבין דער קאלאשיצער רב זי"ע א טעם צו דעם, ווייל כידוע האט דער רבי אלימלך מתפלל געווען, אז זיינע יוצאי חלציו זאלן זיין ארימעלייט, נאר בעקבתא דמשיחא וועט מען זיי באווארפן מיט גאלד, קומט דאך אויס, אז די וואס זענען מחזק די אייניקלעך פון רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, זענען זיי מקרב די גאולה און ביאת המשיח.

בשנת תרמ"ו האט זיך זיין טאטע רבי נפתלי אלימלך לויט דעם ציווי פונעם הייליגען שינאווער רב זי"ע, אריבער געצויגען צום שטאט **שינאווא**.

בשנת תרנ"ד, ווען ער איז געווען 11 יאר אלט, האט אים דער פעטער דער הייליגער שינאווער רב זי"ע געשיקט לערנען קיין **טארנא** אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי משה אפטער בעל אמרי משה** זי"ע, וואס דער רבי משה איז געווען באוויסט אלס א גאון וחריף און א גדול בתורה, ווי דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט שוין מעיד געווען אויף אים בזה"ל, **"מוהר"ר משה איש ריעי ואהובי וגדול בתורה ויראה וראוי להאריך בשבחו אך מרתתין ידי מאפס כחי ולכן קצרתי"**.

דער צדיק וקדוש רבי איציקל זי"ע האט דערציילט, אז ער האט דאך געהאט א געוואלדיגע קרבה ביים הייליגען שינאווער רב זי"ע זייענדיג א קרוב, פלעגט ער זיך גאר אסאך דרייען ביי אים אין שטוב ווי א בן בית, דערציילט ער, אז איינמאל איז ער אזוי ווי די דרך פון קינדער ארום געלאפן אין ביהמ"ד אין שינאווא, עס איז געווען ערב שבת קודש ביי מנחה, **און ער איז אנגעקומען אונטערן טלית פונעם הייליגען שינאווא רב זי"ע.**

האט דערציילט דער צדיק רבי איציקל זי"ע, אז דער הייליגער שינאווא רב האט דאן געהאלטן אינמיטן די שמונה עשרה פון מנחה, און געהאלטן ביי די ווערטער **הָקל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא**, דערציילט ער, **אז ווען ער האט געהערט דעם שינאווא רב זאגן די ווערטער, האט אים אנגעכאפט א פחד און א אימה ויראה, אז ער האט פאר אפאר טאג נישט געקענט שטיין נעבן דעם שינאווער רב זי"ע, און די פחד האט אים באגלייט זיין גאנץ לעבן.**

דער צדיק רבי איציקל זי"ע האט דערציילט, אז ביי זיין בר מצוה האט ער געטון ווי אסאך האבן דאן געטון, אז מען האט זיכער געמאכט אז דער סופר זאל נישט האבן גרייט די תפילין ביי די בר מצוה, און אזוי האט ער געהאט די זכי', אז דער הייליגער שינאווער רבי זי"ע האט אים געלייגט ביי די בר מצוה זיין אייגענע תפילין.

ביי די בר מצוה איז ער א חתן געווארן, האט דער צדיק דערציילט, אז נאכן תפילין לייגן איז ער אהיים מיטן הייליגען שינאווא רב צו זיך אין שטוב, כדי צו אפרעכטן דעם סעודת בר מצוה, אבער ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט ער געזען, ווי מען גרייט צו עפעס חוץ דעם בר מצוה סעודה, דאן איז ער געוואר געווארן, אז דאס איז אויך די תנאים ווי מען האט געשלאסן דעם שידוך, אבער ליידער נאך בעפאר מען האט אפ געראכטן זיין חתונה ו׳ טבת בשנת תרנ״ט, איז דער הייליגער שינאווער רב זי״ע נסתלק געווארן.

ראש חודש ניסן בשנת תרנ״ט האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת רחל** ע״ה,
בת הרה״ק **רבי ישכר דוב הכהן גלאנץ** זי״ע,
בן הרה״ק **רבי יוסף חיים גלאנץ משינאווא** זי״ע,
בן הגה״ק **רבי צבי הירש הכהן גלאנץ** זי״ע, (חבר נאמן מיטן הייליגען **רבי אלימלך מליזענסק** זי״ע),
חתן הרה״ק **רבי אריה לייבוש ליפשיץ בעל אריה דבי עילאי** זי״ע,
א אייניקל פון הגה״ק **רבי נפתלי הכהן כ״ץ בעל סמיכות חכמים** זי״ע,
אויך א אייניקל פון הרה״ק **רבי שמואל קאמינקער** זי״ע.

נאך די חתונה איז דער צדיק געזעצן אונעם שטאט **שינאווא** על תורה ועבודה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך האט ער זיך גאר אסאך מסגף געווען און געקענט פאסטן די גאנצע וואך ממש, ער האט זיך דאן שוין געפירט מיט א מוראדיגע קדושה וטהרה.

ביי די ערשטע וועלט מלחמה ווען די הייליגע שטאט שינאווא איז ליידער חרוב געווארן, האט ער זיך באזעצט אין שטאט **פשעווארסק**, און פון דאן אן האט מען אים אנגעהויבן רופן **דער פשעווארסקער רבי** זי״ע.

בשנת תר״צ האט אינעם שטאט פשעווארסק אויס געבראכן א שרעקליכע פייער, וואס דאן איז ליידער חרוב געווארן 50 הייזער פון אידן פונעם שטאט.

אויך די קלויז ווי דער הייליגער צדיק הגה״ק **רבי משה סופר בעל אור פני משה מפשעווארסק** זי״ע האט געדאווענט איז פארברענט געווארן און אויך דעם שטוב פונעם רבין איז פארניכטעט געווארן אונעם פייער מיט אלעס וואס ער האט פארמאגט.

אבער דער צדיק האט זיך ווייטער מחזק געווען און ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און נישט נאך געלאזט מיט זיין עבודת הקודש, ער האט מחזק געווען די אידן פון שטאט און גאר אסאך עוסק געווען צו צוריק אויפבויען דעם שטאט.

בשנת ת״ש ווען עס האט ליידער אויס געבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, איז דער צדיק אנטלאפן מיט די גאנצע משפחה קודם קיין **האלאשיץ**, דארט האט דער הייליגער צדיק מיט א מסירת נפש ווייטער געפירט זיין עבודת הקודש און מחזק געווען אידישע קינדער.

ווינטער בשנת ת״ש האבן די רשעים געלאזט יעדן אויס וועלען אויב מען וויל גיין קיין סיביר אדער בלייבן דארט אין האלאשיץ, עס איז געווען א צעמישעניש צווישן עולם, ווייל מען האט נישט געוויסט וואס עסווארט אפ דארט אין סיביר, אבער דער צדיק האט יא אפגעמאכט צו גיין קיין סיביר רוסלאנד.

דארט אין סיביר האט דער צדיק מיט געמאכט דעם זעלבן גורל ווי אלע אידן, מען האט ליידער גאר אסאך מיט געמאכט מען האט ליידער געלעבט אין א שרעקליכע הונגער, אבער א יאר שפעטער איז אנגעקומען די שמועות פון האלשיץ וואס איז ליידער געבליבען אונטער די דייטשן ימ״ש, און דארט זענען כמעט אלע אידן ליידער אומגעקומען על קידוש השם הי״ד.

הרה״ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי״ע האט דערציילט, אז דארט אין סיביר האט מען דאך געלעבט אין א שרעקליכע הונגער, אבער דער שווער דער צדיק רבי איציקל זי״ע **האט די גאנצע וואך צוזאמען געקליבן מיט א מסירת נפש די שאלעכטס פון די פרוכט און ירקות און אויך דאס ביסל מעל, און פון דעם האט ער יעדן שבת קודש געמאכט א קוגעל**, פארשטייט זיך אז דער צדיק רבי איציק׳ל האט פון דעם אין קליינעם קוגעל געטיילט פאר אסאך אידן.

אידן האבן דערציילט, אז זייענדיג אין **סיביר**, איז דער צדיק איינגעשטאנען אין א הויז וואס האט באלאנגט פאר א גויטע, איין טאג האט דער גויטע ארויס געווארפן דעם צדיק מיט די גאנצע משפחה אויף די גאס, די רבי האט איר געשאלטן מיט קללות, און דאן האט זיך די רבי אוועק געצויגען צום שטאט **טאלעמענקא**.

אבער נישט אסאך נאכדעם האבן די קינדער פון דעם גויטע אנגעהויבן קראנק ווערן און האבן איינס ביי איינס גע'פגר'ט, די גויטע האט פראבירט צו זיכען דעם רבין און איבער בעטן, אבער די רבי האט איר בשום אופן נישט געוואלט אויף נעמען, **און צום סוף האבן אלע קינדער גע'פגר'ט און אויך די גויטע האט גע'פגר'ט**, כן יאבדו כל אויבך ד'.

דער צדיק האט דערציילט, אז בשנת תרצ"ז ווען מען האט שוין געשפירט די סכנה פון די צווייטע וועלט מלחמה אין גאנץ אירופה, האט זיך זיין רבי דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע אויף געשטעלט בעפאר תקיעות שופר און געזאגט פאר די אידן אין ביהמ"ד, **אז כדי צו ניצול ווערן פון די צרות, זאל זיך יעדער איד מקבל זיין די מצוה פון וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ**.

דער הייליגער צדיק רבי איציק'ל זי"ע האט דערציילט, אז הרה"ק **רבי אהרן מבעלזא** זי"ע האט געזאגט, אז יעדער איד וואס איז ניצול געווארן פון די נעגל פון די דייטשן ימ"ש ביי די מלחמה, **האט געהאט צוויי מלאכים וואס האבן אים באגלייט די גאנצע צייט, און רבי איציק'ל האט צו געלייגט, דאס אז איין מלאך איז נישט גענוג געווען ווייזט וואסערע סכנה מען איז געווען, און כדי ניצול צו ווערן האט מען געברויכט צוויי מלאכים**.

חודש אייר בשנת תש"ו האט די ממשלה פון רוסלאנד נאכגעגעבן, אז די אלע וואס זענען נישט קיין בירגער פון רוסלאנד זאלן קענען ארויסגייען צוריק פון ווי זיי קומען, דאן איז די רבי געפארן פאר אפאר וואכן, וואס די נסיעה אליין איז נישט געווען קיין גרינגע נסיעה.

צווישן פסח און שבועות איז דער צדיק צוריק געקומען קיין פולין און ער האט זיך באזעצט אין שטאט **ברעסלאו**, און וויבאלד דארט אין שטאט איז נישט געווען געהעריג מסודר מיט בתי מדרשים און אלע צרכי הקהילה, האט ער זיך חודש אלול געצויגען צום גרויסן שטאט **קראקא**.

אין קראקא איז ער איין געשטאנען אין שטוב פון **הר"ר חיים פריעדמאן ז"ל** פון די גרויסע בעלזא חסידים, דערציילט מען, אז דארט אין קראקא האט דער צדיק געהאט א גאר גרויסע נס און ער איז ניצול געווארן בדרך נס ממות לחיים.

ווי דער מנהג פון דעם צדיק איז געווען, פלעגט ער יעדע נאכט שטייענדיג אויף די פיס עוסק זיין בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה אין דעם עזרת נשים פון דעם ביהמ"ד, איז געווען די נאכט פון **ח' ניסן** די יארצייט פון זיין הייליגען טאטן הגה"ק **רבי נפתלי אלימלך** זי"ע, איז דער צדיק געשטאנען און געלערנט זיינע שיעורים די גאנצע נאכט.

אינמיטן די נאכט האט ער זיך אוועק געזעצט אויפן בענקל אין שטוב ביים טיש, כדי ער זאל קענען משלים זיין דעם מסכת לכבוד דעם יארצייט פון זיין טאטן, **יענע רגע איז א קויל דורך געפלויגן העכערן קאפ פונעם רבין, און וויבאלד ער האט זיך דאן אראפ געזעצט איז ער ניצול געווארן**.

די קויל האט געשאסן א גוי א רשע וואס איז געווען א שכן מיטן רבין, און ער האט נישט אויס געהאלטן ווי דער צדיק זיצט און לערנט די גאנצע נאכט, און דערפאר האט ער געשאסן א קויל צום רבין, **אבער בדרך נס האט זיך דער צדיק דאן אראפ געזעצט, און דורך דעם געראטעוועט געווארן**.

כסלו בשנת תש"ט האט זיך דער צדיק געצויגען קיין **פאריז**, דארט האט דער צדיק גאר אסאך עוסק געווען צו מחזק זיין די אידן וואס זענען געבליבן נאכן גרויסן חורבן, ער האט דארט עוסק געווען אין לערנען מיט א מוראדיגע מסירת נפש און התמדה.

בשנת תשי"ז האט זיך דער צדיק געצויגען קיין **אנטווערפן אין בעלגיע**, ווי דער צדיק האט שוין געוואוינט ביז צו זיין הסתלקות, דארט אין אנטווערפן האט דער צדיק פראבירט צו לעבן א

גאר באשיידן לעבן און עוסק געווען יומם ולילה בתורה ועבודת השם, אבער ווי די משנה זאגט, **כל הבורח מן הכבוד הכבוד רודף אחריו**, איז דער צדיק גאר שנעל געווארן באוויסט אלס א גאון וגדול בתורה, אויך איז ער דאן באוויסט געווארן אלס **א גרויסער פועל ישועות בקרב הארץ**.

אפילו זייענדיג פון די זקני הדור האט ער זיך ממש אונטער געווארפן אונטער די צדיקים בדורו, ער האט זיך באמת געהאלטן אלס עפר ועפר און זיך כסדר מסתופף געווען בצלו פון די צדיקי הדור.

אויך איז ער געווען באקאנט אלס איינער פון די איינציגסטע צדיקים **וואס האבן דערציילט גאר אסאך מעשיות פון צדיקים הקודמים מיט א געוואלדיגע פונקטליכקייט**, אידן בדורו האבן געוויסט, אז ביי דעם צדיק קען מען אייביג הערן מעשיות פון צדיקים און ער איז געווען דבוק און די צדיקים הקודמים מיט א געוואלדיגע דביקות דקדושה.

ווי באקאנט איז דער צדיק געווען גאר שטארק דבוק אונעם זון פון דעם הייליגען שינאווער רב זי"ע הרה"ק **רבי שמחה ישכר דוב מציעשנוב** זי"ע, און אפילו נאכן פטירה פון זיין רבין איז ער נאך געווען דבוק אין זיין רבין מיט א געוואלדיגע קשר און כסדר גערעדט פון זיין רבין'ס גדלות און קדושה, ער פלעגט אסאך רעדן פון דעם רוח הקודש וואס זיין רבי האט געהאט.

זיין רבי הרה"ק רבי שמחה ישכר דוב מציעשנוב זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויף זיין תלמיד רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע בזה"ל, "**מיין איציקל, תורה זאגט ער נישט, דאווענען הערט מען נישט פון אים, אבער אז ער וועט געבן א שטיקל קוגעל, וועט עס אויך העלפן**".

איינמאל האט זיין רבי דער הייליגער צדיק מצעשינוב זי"ע געהייסן פארן רבין, אז צוליב זיין שוואכקייט און זיין געזונט **זאל ער יעדן טאג בעפארן דאווענען שחרית טועם זיין א שטיקל מזונות**, פארשטייט זיך אז ביי דעם צדיק איז דאס געווארן א חלק פון זיין טאג, און ער האט דאס נישט אויף געגעבן פאר קיין שום זאך און ער האט אויף דעם נישט מוותר געווען.

מען דערציילט, אז עש"ק שבת שובה בשנת תשל"ז אפאר טאג בעפאר זיין פטירה איז דער צדיק געווען גאר שוואך און ליידער האט זיך קיין שום עסן נישט געהאלטן אונעם גוף קדוש, דער דאקטאר האט געהייסן, אז צוליב זיין געזונט זאל מען אים נישט געבן קיין שום עסן.

אבער פרייטאג צופרי ווען דער צדיק האט געוואלט גיין דאווענען, האט ער געבעטן אז מען זאל אים געבן א שטיקל מזונות כדי ער זאל מקיים זיין וואס זיין רבין האט אים געהייסן, ווען מען האט אים געזאגט וואס דער דאקטאר האט באפוילען, האט דער צדיק מיט זיין געוואלדיגע אמונת צדיקים געזאגט, **וואס ווייסט דער דאקטאר, אויב די רבי האט געהייסן עסן דארף מען עסן**, און בלית ברירה האט מען אים געגעבן א שטיקל מזונות, **און לפלא האט זיך די שטיקל מזונות יא געהאלטן, אלעס נאר מיט זיין ריינע אמונה**.

אויך איז דער הייליגער צדיק געווען מפורסם אלס א גרויסער קנאי און ער איז געווען גאר שטארק מקושר נאך בעפאר די מלחמה מיט הרה"ק **רבינו יואל מסאטמאר** זי"ע, און אסאך מעשיות ווערט דערציילט, ווי די צוויי צדיקים האבן זיך גאר שטארק מכבד געווען איינער דעם אנדערן, דער הייליגער סאטמאר רבי האט גאר אסאך מאל זיך אויס געדריקט אויפן רבין, **אז ער איז א סימבאל פון א קנאי וואס מיינט אלעס נאר לשם שמים**.

ער האט זיך גאר אסאך משתתף געווען צום הייליגען סאטמאר רבי זי"ע מיט די מלחמה קעגן די ציונים און אייביג געווען פון די ראשונים צו אונטער שרייבן מחאות קעגן די ממשלות הכופרים און כסדר געפאדערט פון זיינע מענטשן צו מיט שטיין מיטן הייליגען סאטמאר רבי זי"ע.

גאר אסאך מאל האט ער זיך אויסגעדריקט בזה"ל, "**נאך א מזל עס איז דא דער סאטמאר רבי, האלט זיך נאך דאס אידישקייט**", איינמאל איז א איד צוריק געקומען נאך די ימים נוראים ביים סאטמאר רבי זי"ע, האט אים דער צדיק רבי איציק'ל געבעטן, אז ער זאל אים נאך זאגן די תורה וואס די רבי האט געזאגט, און דאן האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "**עס איז נאך דא היינט ערליכע אידן**

**אויף די וועלט, אבער ווען עס טיט אמת'דיג ווי דער כבוד שמים איז ער איינער".**

בשנת תשכ"ז נאך די מלחמה אין ארץ ישראל, ווען די ציונים האבן ליידער פארשפרייט זייערע שקרים אין די וועלט מיט די ניסים וואס זיי האבן געהאט און מיט זייער נצחונות, איז דער צדיק רבי איציק'ל געזעצן ביי מלווה מלכה, האט ער דאן גענומען דעם הייליגען ספר **ויואל משה** אין די האנט און מעין געוווען דעראון, דאן האט ער דאס פארמאכט און א קיש געגעבן און געזאגט בזה"ל, "**אלעס וואס שטייט אין דעם ספר איז תורת אמת**", איינמאל האט זיך דער הייליגער צדיק אויס געדריקט בזה"ל, "**אני מאמין באמונה שלימה שלולא הציונים היינו כבר נושעים בגאולה שלימה**".

בשנת תשי"ט ווען ער איז געווען אין אמעריקע צו די חתונה פון זיין אייניקל הרה"ק **רבי לייבוש לייזער** שליט"א, איז ער אריין צום רבין מסאטמאר זי"ע, און דאן האט ער געזאגט פאר די רעבעצין, **עס גייט נישט דורך א טאג וואס איך בין נישט מתפלל די צוויי נעמען, דעם הייליגען רבין'ס נאמען און זיין רעבעצין**, און ער האט זיך כמה פעמים אויס געדריקט בזה"ל, "**אזוי ווי עס איז א חיוב פאר א איד יעדן טאג צו לייגן תפילין, אזוי איז א חיוב אויף יעדן איד, יעדן טאג צו מתפלל זיין פאר אריכות ימים פונעם הייליגען סאטמאר רבין**".

זיין גרויסע אהבה צום הייליגען צדיק הדור רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע קען מען זען פון די מעשה, עס איז געווען בשנת תשל"א, ווען דער צדיק איז שוין דאן געווען א **בן תשעים** און געווען גאר שוואך, האט ער געבעטן פון זיין גבאי הר"ר אנשיל ז"ל אז ער זאל אים ערלעדיגן די פאפירן צו קענען פארן אויף חוץ לארץ, ווייל ער וויל זייער באזיכן דעם צדיק הדור.

און מיט א געוואלדיגע מסירת נפש האט דער צדיק געמאכט דעם וועג קיין אמעריקע אויף שב"ק בעפאר ראש השנה, ווען ער איז אנגעקומען צום רבין מסאטמאר האבן זיך די צוויי צדיקים זייער געפרייט, רבי איציק'ל זי"ע האט דאן נאך געזאגט בשם זיין הייליגען רבין מצעשינוב זי"ע, **אז ווען מען מאכט א נסיעה צו א צדיק, דארף מען דאס באהאלטן**, האט דער הייליגער סאטמאר רבי געזאגט, מען דארף דאך וויסן ווער דער צדיק איז, האט רבי איציק'ל געזאגט, "**ב"ה איך וויס**".

דאן איז דער צדיק געזעצן ביים טיש פונעם סאטמאר רבי ממש ווי א חסיד, ער האט נישט געוואלט מען זאל אים מכבד זיין, ווען די סאטמאר רבי האט אים געבעטן, אז ער זאל בענטשן די פירות, האט ער בכלל נישט פארשטאנען וואס מען וויל פון אים, ווייל דער צדיק האט באמת נישט געהאלטן אז ער איז ראוי פאר דעם.

ווען ער האט געזאגט פארן סאטמאר רבי אז ער וויל עסן זיינע שיירים, האט די רבי געזאגט, **אז ביים קוקען אויף די פרוכט ווערט עס שוין געבענטשט, האט רבי איציק'ל מרוב עניוות געכאפט פרוכט שריים פון סאטמאר רבין זי"ע**.

נאך די נסיעה האט דער צדיק רבי איציק'ל נישט אויפגעהערט רעדן פון דעם זכי' וואס ער האט געהאט זיך צו קענען מסתופף זיין בצלו פונעם סאטמאר רבי זי"ע, און כסדר געהאלטן און איין זאגן, "**ב"ה אז איך האב נאך זוכה געווען צו זיין ביים צדיק הדור**".

בשנת תשל"ב ווען א יונגערמאן איז אריין געקומען צו אים זיך געזעגענען אז ער פארט קיין אמעריקע, האט דער צדיק געזאגט, **אז ער איז אים מקנא אז ער וועט האבן די זכי' צו זיין ביים צדיק הדור**, און דאן האט דער צדיק רבי איציק'ל געשיקט דעם יונגערמאן אלס שליח צום רבין, און געהייסן אז ער זאל דעם רבין פרעגן דעם שאלה.

אזוי ווי ער האט שוין נישט קיין כח אליין צו קומען צום רבין, וויל ער וויסן, דער נועם אלימלך שרייבט פרשת מצורע, נגע צרעת כי תהיה באדם, זאגט דעם הייליגער נועם אלימלך, אז נגע גייט ארויף אויף עבירות, והובא אל הכהן, וואס דאס גייט ארויף אויפן צדיק הדור, אז א איד וואס האט עבירות איז די עצה צו גיין צום צדיק הדור, פרעגט ער דעם רבין, אז אזוי ווי ער האט נישט קיין כח צו קומען, אבער ער לייגט יעדן טאג תפילין ווי א איד און ער לייגט צדקה אין דעם פישקע פון רבי מאיר בעל הנס און בעט פארן רבין געזונט פונעם רבין, וויל ער וויסן, אויב ער איז מיט דעם יוצא, אדער דארף ער ממש קומען צו פארן צום רבין.

ווען דער יונגערמאן איז אנגעקומען צום רבין און איבער געזאגט דעם שאלה פונעם צדיק רבי איציק'ל פארן רבין און דער משב"ק רבי מאיר דייטש האט דאס איבער געזאגט פארן רבין, האט דער סאטמאר רבי זי"ע געענטפערט און קורצע דבורים, "**זאג אים אז ער איז יוצא**".

אידן האבן כסדר דערציילט, אז ווען איינער איז צוריק געקומען פון אמעריקע און האט נישט דערציילט פארן צדיק אז מען איז געווען ביים רבין פון סאטמאר, האט דער צדיק ממש נישט געקענט פארשטיין, **ווי אזוי א איד פארט קיין אמעריקע, און האט נישט קיין שכל צו גיין צום צדיק הדור**, און ווען א איד פון וויליאמסבורג איז איינמאל געקומען צו אים אויף א שבת און געבעטן שריים, האט דער צדיק מיט זיין לשון געזאגט פאר דעם איד, "**די ברויכסט שריים, פאר א בהמה געט מען נישט קיין שריים, די קומסט פון אמעריקע וואס דארט וואוינט דער הייליגער צדיק דער סאטמאר רבי, און די בעטס פון מיר שיריים**".

ער איז געווען באוויסט אלס א גאר באהאלטענער צדיק וקדוש, ער האט זיך גאר אסאך מנהגים געפירט לויט די סודות הנסתרים, ער האט זייער אבאכט געגעבן אז מענטשן זאלן נישט זעהן וואס ער טוט, און דערפאר האט ער כמעט נישט געטון קיין זאכן פארענט פון אנדערע אידן, ער האט זיך ברבים אייביג געפירט מיט א געוואלדיגע פשטות.

ווערט דערציילט, אז צום הייליגען צדיק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע איז איינמאל ערב שבת קודש אריין געקומען א גוי, און ער פרעגט דעם צדיק אויב ער ברויך פיש פאר שבת, האט אים דער צדיק געזאגט, אז ער זאל אריין גיין אין די קאך צו די רעבעצין, און דארט פרעגן אויב מען ברויך פיש, איז דער גוי אריין און די רעבעצין האט געזאגט, **אז זי האט שוין פיש פאר שבת**.

אויפן וועג ארויס, איז דער גוי צו געגאנגען צום צדיק און געזאגט, "**וואס וועט זיין מיט פיש פאר מלווה מלכה**", דאן האט דער הייליגער רבי אלימלך זי"ע אויף געהויבן זיינע הייליגע אויגן און געזאגט, **אה דאס בוסטו דוד המלך ע"ה, וואס זאל איך טון, איך בין שוין צו אלט און איך האב שוין נישט קיין כח פאר גרויסע מלווה מלכה'ס, אבער מיינע אייניקלעך וועלן פראווען גרויסע מלווה מלכה'ס און וועלן פועל'ן גרויסע ישועות**.

איז באקאנט, אז ביי דעם צדיק רבי איציק'ל זי"ע וואס איז דאך געווען א אייניקל פון רבי אלימלך זי"ע האט מען געזען גאר גרויסע מופתים ביי מלווה מלכה, ער פלעגט פראווען גרויסע מלווה מלכה'ס, ער פלעגט טיילן קנאבל און צוקער און הונדערטער אידן האבן געזען גרויסע ישועות ביי דעם צדיק מוצאי שבת קודש.

ער פלעגט זאגן, **אז קנאבל מוצאי שבת איז א סגולה פאר פרנסה**, איינמאל האט א איד באקומען א קנאבל און עס איז געווען נישט אזא גוטע קנאבל עס איז געווען אביסל פארדארבן, דער איד האט דאס גלייך געוואלט צוריק געבן און נעמען א אנדערע, האט דער צדיק געזאגט, **די ווייסט נישט אז פון א פארדארבענע זאך וואקסט ארויס גאר שיינע זאכן, כך הוה דער איד האט גאר שטארק מצליח געווען נאך דעם ברכה**.

איינמאל האט דער צדיק געהאט גאר שטארקע יסורים אויף די פיס, איינע פון די חסידים וואס האט געזען די יסורים וואס די רבי האט זיך אנגערופען, "**עס איז שוין צייט אז משיח זאל קומען, און דורך דעם וועט די רבי פטור ווערן פון די יסורים**", האט זיך דער צדיק אנגערופען, **וועגן מיינע פוס מוז משיח נישט קומען**.

דאס זהירות פון דעם צדיק איז געווען ממש להפליא, איינמאל איז א בחור געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק מיט א קוויטל, און דער צדיק רבי איציק'ל האט פונקט דאן נישט אנגעהאט זיין היט, און ווי דער מנהג ביי דעם צדיק אז ווען ער האט געליינט א קוויטל האט ער מקפיד געווען צו האבן אנגעטון א גארטל און א היט.

ווען ער איז געגאנגען נעמען זיין היט, האט ער געזען אז אויפן זעלבן פלאץ ליגט נאך א היט וואס איז זייער ענדליך צו זיין היט, האט ער געהייסן מען זאל רופן דעם בעל הבית פונעם אנדערן היט כדי יענער זאל קענען זיכער מאכן וועלכע איז זיינס, און דער צדיק האט דאס גלייך מסביר געווען, **אז וויבאלד דער היט באלאנגט נישט צו אים, וויל ער**

**ח"ו נישט אן רורען א אנדערנס חפץ און דערפאר וויל ער יענער זאל קומען בודק זיין וועלכע היט איז זיינס**.

ער האט ליידער פארלוירען **דריי קינדער** ביי די מלחמה.

אבער בחסדי השם איז איבער געבליבן פארן דור יתום דעם רבין'ס טאכטער **הרבנית הצדקת מרת אלטע בינא** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי יעקב לייזער מפשעווארסק** זי"ע וואס האט איבער גענומען דאס רבנות נאכן הסתלקות פון זיין הייליגן שווער.

הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן ביים איידעם וואס איז געווען מפורסם אלס א גרויסע צדיק וקדוש און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

ווי באקאנט האט דער צדיק פאר איבער דרייסיג יאר געליטן גרויסע יסורים אויף א בראך, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט אריבער גיין קיין אפעראציע.

ליידער דאנערשטאג עשי"ת בשנת תשל"ז איז די מצב געווארן גאר שווער, יענעם טאג ביי מנחה האט ער געדאווענט מיט א מסירת נפש ממש, און ביי אבינו מלכנו אנשטאט "**כתבנו**" האט ער געזאגט "**חתמינו**", און די מנחה איז געווען דאס לעצטע תפלה פונעם הייליגען צדיק.

שפעטער האט מען אים ליידער אריין געפירט אין שפיטאל, דערציילט מען, אפילו דער צדיק איז נישט געווען ביי זיך די גאנצע צייט אין שפיטאל, ווען מען איז איינמאל דורך א מזוזה, **האט זיך דער צדיק געווארפן צום מזוזה און דאס אנגערירט**, פרייטאג האט דער צדיק צוריק באקומען אביסל זיין באוויסטזיין און האט מעיין געווען אין א ספר.

מען האט ערב שבת קודש געמאכט אן אפעראציע וואס איז דורך בשלום, אבער ליידער איז דער גוף קדוש געווארן אלס שוואכער און שוואכער, דערציילט מען, אז אפילו זייענדיג אין אזא שווערער מצב, האט מען געזען ווי דער צדיק זאגט הייליגע זאכן און זיינע ליפן האבן זיך די גאנצע צייט געשאקעלט.

ליידער יום הקדוש פארמיטאג **נִצְחוּ אֶרְאֶלִּים אֶת הַמְּצוּקִים וְנִשְׁבָּה אֲרוֹן הַקֹּדֶשׁ** און דער צדיק וקדוש האט צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה ליוצרה, און ווי חז"ל זאגן **סילוקן של צדיקים מכפרת**.

דערציילט מען, אז די גאנצע צייט יום הקדוש זענען געווען 9 אידן דארט אין שפיטאל ביים צדיק, אבער ממש מינוטען בעפאר דעם יציאת נשמה האט א איד אריין שפאצירט אין שפיטאל, **און דער צדיק האט געהאט א זכי', אז ביי יציאת נשמה איז דארט געווען א מנין אידן**.

נסתלק לגנזי מרומים **בעצם יום הקדוש בשנת תשל"ז**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין **פיטע הולאנד נעבן אנטווערפען**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**מען דערציילט**, אז דער הייליגער צדיק האט דעם גאנצן יאר געבעטן זיינס א אייניקל, אז ער זאל אים דערמאנען ערב יום הקדוש, אז ער זאל נישט פארגעסן צו זאגן **פרשת המן**, ווען אלע אידן זאגן **תפילות זכה יום הקדוש ביינאכט**, ווייל דער צדיק האט אייביג אינזין געהאט **צו ברענגען השפעות פאר אידישע קינדער**.

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי איציק'ל זי"ע** פלעגט גאר אסאך גיין נאך געלט פאר צדקה צוועקן זיין גאנץ לעבן, אסאך מאל איז ער געגאנגען **מיט ביידע הענט נאך געלט פאר צוויי עקסטערע צוועקן**, איינמאל האט א איד געפרעגט דעם צדיק, פארוואס גייט איר אזוי פיל נאך געלט, האט דער צדיק געזאגט, **איך גיי פאר דריי סיבות נאך געלט, פאר מיין נשמה און מיין זכות, פאר דיין נשמה אז די זאלסט האבן א טובה דערפון, און אויך פארן נצרך וואס ברויך דאס געלט**.

• • •

**אמאל ווען דער צדיק וקדוש רבי איציק'ל זי"ע** איז געווען א יונג קינד, האט דער הייליגער שינאווער רב זי"ע געהערט פון פענסטער, ווי רבי

איציק'ל זייענדיג א קליין קינד שפילט זיך מיט א אנדערן קינד און זאגט, ה**לוואי זאל איך זיין דער אייזל פון משיח צדקנו**, האט דער הייליגער שינאווער רב זי"ע וואס איז געווען א איש האמת ארויס געשריגן, **איך ווייס נישט אויב די אייזל וועסטו זיין, אבער אפשר דער אייזל פון משיח'ס גבאי**.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל האט דער הייליגער צדיק רבי איציק'ל געברויכט א לבנה, האט ער געהייסן אז מען זאל ברענגען דעם פישקע **קופת רבי מאיר בעל הנס**, און גיזאגט, **רבי מאיר'ל אז מען שטארקעט העלפט ער**, אבער בטעות האט מען געברענגט א **אינגערישע קופת כולל שומרי החומות**, האט דער גבאי געזאגט, רבי מיט דעם פישקע וועט ארויס קומען די לבנה אין באדאפעסט, האט זיך דער צדיק דערשראקן, און געהייסן מען זאל ברענגען די גאליציאנע פישקע און ער וועט אריינלייגן דארט אויך.

• • •

**איינמאל איז נישט געווען קיין שיינע לבנה צו מאכן קידוש לבנה**, האט דער צדיק געהייסן, מען זאל ברענגען **כוס של ברכה** און אזוי וועט די לבנה געזונט ווערן, און כך הוה גלייך נאכדעם האט זיך די לבנה אויס געקלארט.

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען רבי איציק'ל זי"ע האט נאך געוואוינט אין פאריז, איז איינמאל דער גרויסער גאון הגה"ק רבי חיים קרייזווירט גאב"ד אנטווערפען זי"ע הערענדיג פון דעם צדיק רבי איציק'ל געקומען קיין פאריז צו כאפן א בליק אויף דעם צדיק, אבער אזוי ווי ער איז אנגעקומען, האט אים דער צדיק רבי איציק'ל מכבד געווען, אז ער זאל קומען מיט אים צוזאמען קלייבן געלט פאר א צדקה צוועק.

דער גאון רבי חיים איז דאך געווען כל כולו תורה און ער האט נישט מבטל געווען קיין רגע אויף דברים גשמיות, האט ער זיך זייער געוואונדערט, פארוואס דער צדיק רופט אים גיין נאך געלט, אבער לכבודו פונעם צדיק איז ער מיט אים געגאנגען נאך געלט.

שפעטער האט אים רבי איציק'ל געזאגט, דער גאון ליגט טאקע ראשו ורובו אין תורה, אבער ווען מען וועט ארויף קומען בעולם העליון, וועט מען נאר דעם קאפ אריין לאזן אין גן עדן, אבער מיטן גיין נאך געלט און העלפן אנדערע אידן, איז מען אויך מתקן דעם גאנצן גוף, דער גאון איז מוראדיג נתפעל געווארן פון דעם גרויסע עבודה הצדקה פונעם צדיק רבי איציק'ל זי"ע.

• • •

**ווען דער הייליגער צדיק רבי איציקל זי"ע** איז געווען נאך די מלחמה אין קראקא, שבת קדוש ביים טיש ווען ער האט געהאלטן ביי די זופ, איז א איד געקומען מזכיר זיין א פרוי א מקשה לילד און דער דאקטאר האט געהייסן אפערירן.

האט דער צדיק געזאגט, **איציק'ל איז נישט מסכים צו דעם**, און דער צדיק האט אנגעהויבן דערציילן א מעשה, אמאל איז מען געקומען צו הייליגען שינאווער רב זי"ע מזכיר זיין א מקשה לילד שבת קודש ביי די זופ, האט דער שינאווער רב דערציילט א מעשה, אז איינמאל איז מען געקומען מזכיר זיין א מקשה לילד ביים הייליגען ראפשיצער רב זי"ע ביי די זופ, **האט דער הייליגער ראפשיצער רב אביסל געמישט די זופ, און גלייך איז מען געקומען מבשר זיין אז עס קומט א מזל טוב**.

בשעת מעשה האט דער הייליגער שינאווער רב געמישט די זופ, און גלייך איז מען געקומען מבשר זיין אז עס קומט א מזל טוב, און דאן האט רבי איציק'ל געהייסן פארן עולם ווייטער עסן די זופ און ער רבי איציק'ל האט נאך אביסל געמישט די זופ, **און אפאר מינוט שפעטער איז געקומען די מזל טוב אז דאס קינד איז געבוירן בשעה טובה ומוצלחת**.

• • •

**ווערט דערציילט, אז ווען דער צדיק האט חתונה געמאכט זיין אייניקל הרה"צ רבי משה אהרן רייך שליט"א**, איז ער צו געגאנגען צום חתן ביי די סעודה און געזאגט, חתן לעבן, איך הער אז די האסט ליב צו גיין נאך געלט, קום וועלן מיר גיין נאך געלט, איז דער הייליגער זיידע מיטן חתן ארום מיט א שטריימל באקס נאך געלט.

ווען זיי זענען אן געקומען צום גביר הרה"ח **רבי מענדל בערגער** ע"ה, האט דער חסיד געפרעגט וויפיל די רבי ברויך, ווייל עס איז דאך נישט קיין כבוד אז דער חתן זאל ארום גיין נאך געלט, **האט**

**דער הייליגער צדיק ארויס געשלעפט 5000 פונט פון רבי מענדל בערגער ע"ה.**

אבער דאן האט דער צדיק געזאגט פאר רבי מענדל, קום די אויך לאמיר צוזאמען גיין נאך געלט, און דער הייליגער צדיק מיטן חתן און ר' מענדל זענען ארום געגאנגען און צוזאמען געשטעלט א גאר גרויסע סכום געלט, אבער ביי די נאכט איז שוין פון די גאנצע געלט נישט געווען קיין פרוטה, ווייל דער צדיק האט דאס אלעס אויסגעטיילט פאר נצרכים.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז אנגעקומען אין אנטווערפען א איד וואס איז ליידער געווען א קריפל ער איז געגאנגען מיט שטעקענעס, ווען ער איז אריין געקומען צום הייליגען צדיק רבי איציק'ל זי"ע, האט דער צדיק אים גלייך געזאגט, עס איז נישט קיין כבוד אז די זאלסט דיך ארום שלעפן נאך געלט, זאג מיר וויפיל די ברויכסט און איך וועל דיר עס צוזאמען שטעלן, האט דער איד געזאגט **בערך 30 טויזענט פונט** ווייל ער ברויך חתונה מאכן א קינד.

דער הייליגער צדיק איז ארום געגאנגען נאך געלט, און ער האט געטראפן איינעם א גרויסען עושר, האט דער צדיק געבעטן פון דעם איד, אז ער זאל ארום גיין און צוזאמען שטעלן דאס געלט, האט דער איד וואס איז געווען א בכובוד'דיגע איד געפרעגט וויפיל די רבי ברויך, האט דער צדיק געזאגט אז ער ברויך 30 טויזענט פונט, **האט דער איד גלייך ארויס גענומען א טשעק און געגעבן דעם גאנצן סכום פארן רבין.**

דער הייליגער צדיק איז געווארן אזוי בשמחה פון דעם איד'ס נתינה, אז יענעם פרייטאג צונאכטס האט ער דעם איד צוגעשיקט צום עמוד קבלת שבת, **און אפילו דער עושר האט נישט געטראגן קיין בארד וואס דער צדיק האט זיך אייביג געפירט נישט צו שיקען איינעם צום עמוד וואס האט נישט קיין בארד**, און ער האט געזאגט, **דער איד האט א גאלדערנער בארד מיט די מצוה וואס ער האט מקיים געווען.**

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז ווען ער איז געווען אין שטאט **יערסלוב**, האט ער געהאט עפעס א געוואוקס אין האלז, איז ער געגאנגען צום דאקטאר, און דער דאקטאר האט געהייסן אז מען זאל דאס אפערירען, האט דער צדיק געפרעגט, אפשר איז דא א וועג פון אויס טריקענען דעם געוואוקס, האט דער דאקטאר, וואס איז נישט געווען אזא גרויסער מאמין געפרעגט, **אפשר ווילט איר אויס טריקענען דעם גאנצן ים**.

איז דער צדיק וקדוש אריבער צום ציון פונעם הייליגען זיידן רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, און ער האט געזאגט, אז בשעת ער איז געווען אויפן ציון האט ער געשפירט ווי דער געוואוקס טריקענט איין, דאן ווען ער איז צוריק געקומען צום דאקטאר האט דער צדיק געזאגט פאר דעם דאקטאר, **זעסטו אז דער הייליגער זיידע קען עס יא איינטריקענען.**

• • •

**ווען דער הייליגער צדיק רבי איציק'ל זי"ע האט נאך געוואוינט אין פאריז**, פלעגט מען צוויי מאל א וואך שחט'ן הינדלעך ביי דעם צדיק אין שטוב, איין מאל איז געווען דינסטאג און דער צווייטער מאל איז געווען דאנערשטאג לכבוד שבת קודש.

דערציילט א איד, אז ער איז געווען א דינסטאג ביים צדיק, און דער טאכטער קומט אריין און זאגט פארן טאטן, דער שוחט פראבירט צו שחט'ן א הינדל אבער דער הינדל אנטליופט, האט דער צדיק געבעטן דעם איד, אז ער זאל גיין העלפן כאפן דעם הינדל, אבער דער איד האט אויך נישט מצליח געווען, איז דער צדיק ארויס געקומען און געזאגט, מן הסתם וויל דער הינדל ווארטן מען זאל אים ניצן אויף שבת קודש.

דערציילט דער איד, אז ער איז צוריק געקומען דאנערשטאג און לפלא דער הינדל האט זיך געלאזט שחט'ן אן קיין פראבלעמען, אויך שבת קודש איז דער איד געווען דארט ביים צדיק, האט דער איד דערציילט, אז דער צדיק רבי איציק'ל האט גאר שטארק מקפיד געווען **אז קיינער זאל נישט איבער לאזן קיין ברעקל פון די פלייש פון דעם הינדל, וויבאלד דאס איז זיכער געווען א גלגול פון א געהויבענע איד.**

• • •

**ווי באקאנט האט דער הייליגער צדיק געהאט א גאר שטארקע עבודה מיטן טיילן די קוגעל יעדן**

**שבת קודש**, ער פלעגט ארום גיין אין די גאס ערב שבת, און אפילו פאר די קינדער געהייסן, אז מען זאל קומען נעמען קוגעל ווייל עס איז א גרויסע סגולה פאר יראת שמים.

איינמאל האט א קינד געזען, ווי א איד האט רח"ל מחלל שבת געווען, האט דער קינד געפרעגט פון זיין טאטע, **דער איד האט נישט מורא פון דעם רבין**, האט דער טאטע געפרעגט דעם קינד, פון וועלכע רבי רעדסטו, האט דער קינד געזאגט, **דער רבי וואס טיילט די קוגל שבת**, ווען דער איד האט דאס דערציילט פאר רבי איציק'ל זי"ע, האט דער הייליגער צדיק גאר שטארק הנאה געהאט דערפון, און געבעטן דעם איד אז ער זאל אים דאס דערציילן נאכאמאל.

•••

**הרה"צ רבי משה אהרן רייך זי"ע האט דערציילט א מעשה**, אז ווען דער הייליגער זיידע רבי איציק'ל זי"ע איז אנגעקומען קיין אנטווערפען, האט א איד דארט אין אנטווערפען אריין געגעבן א ספר תורה, אבער דער איד איז געווען פון די מתחדשים וואס האט נישט געגעליכען דעם צדיק רבי איציק'ל, און ער האט אים נישט גערופען צום הכנסת ספר תורה, דער צדיק האט געהאט גרויס חלישת הדעת דערפון.

דעם קומענדיגן יו"ט שמחת תורה ווען מען האט געליינט אין דעם ספר תורה, און מען איז אנגעקומען סוף פונעם ספר תורה צו די ווערטער פון "**וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל־יִשְׂרָאֵל**", האט מען געזען אז דער סופר האט געמאכט א טעות און אנשטאט שרייבן "**אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל־יִשְׂרָאֵל**", האט ער געשריבן "**אֲשֶׁר עָשָׂה ד' לְעֵינֵי כָּל־יִשְׂרָאֵל**", וואס דאס האט געמיינט אז דער ספר תורה איז פסול, דער איד האט געהאט פון דעם גרויסע בושות, און אונעם ביהמ"ד פונעם צדיק האט מען געשמיסט, **אז דאס איז געווען א עונש פונעם הקפדה פונעם צדיק רבי איציק'ל זי"ע**.

•••

**אויך דערציילט הרה"צ רבי משה אהרן רייך זי"ע**, אז דער זיידע האט געהאט א צדקה פישקע פאר רבי מאיר בעל הנס ביי זיך אין ביהמ"ד, און ליידער זענען געווען אידן וואס פלעגן ארויס גנב'נען געלט פון די פישקעס, איין טאג האט מען געכאפט איינע פון די אידן אויף ברעכן דעם פישקע, און מען האט גערופן די פאליציי, ווען די פאליציי האבן געוואלט דעם איד ארעסטירן, האבן זיי געברויכט דעם אונטער שריפט פון רבי איציק'ל, וויבאלד ער איז דאך געווען דער וואס איז געווען דער בעל הבית אויפן הויז.

אבער דער הייליגער צדיק איז דערציטערט געווארן הערענדיג אז מען וויל דא ארעסטירן א איד, אבער די פאליציי האט נישט געוואלט נאכגעבן, האט דער צדיק מיט זיין חכמה געזאגט פאר די פאליציי, **איך האב פארלוירען דעם שליסל צו די פישקע, און איך האב געבעטן דעם איד אז ער זאל מיר אויף ברעכן דעם פישקע כדי איך זאל קענען ארויס נעמען דאס געלט**, און אזוי האט מען דעם איד געלאזט גיין, דאס איז געווען די געוואלדיגע אהבת ישראל וואס דער צדיק האט געהאט, אפילו פאר א איד וואס האט גע'גנב'ט אויך.

•••

**ווי באקאנט האט דער הייליגער צדיק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע געזאגט**, אז צום ציון קדשו פונעם שווער זאל מען נישט גיין **ערב שבת קודש**, ווייל דער צדיק איז נישט דארט, ווייל וויבאלד ער איז געווען גאר שטארק פארנומען בחייו מיטן שבת קודש, איז ער יעצט אויך נישט ביים ציון ערב שבת קודש, וואס ווי באקאנט האט דער צדיק גאר שטארק געקאכט מיטן קדושת השבת נישט צום באשרייבען.

•••

**מען דערציילט**, אז די ישועות וואס דער צדיק האט גע'פועל'ט מיט **כוס של ברכה מוצאי שבת קודש** איז געווען גאר הויער, ווי באקאנט האט דער צדיק געהאט א בעכער פון הרה"ק **רבי מאיר מפרעמישלאן** זי"ע, דערציילט מען, אז דאס ערשטע מאל וואס דער צדיק האט גע'פועל'ט א ישועה מיט כוס של ברכה, איז געווען ווען א איד איז געקומען צום הייליגען צדיק, און זיך מזכיר געווען אז ליידער גייט נישט די צורקעלאציע אין זיין פוס, און ער האט פון דעם גרויסע יסורים.

האט דער צדיק גענומען וויין פון כוס של ברכה, **און דאס ארום געשמירט פאר דעם איד אויף די פוס**, און תיכף איז דער איד אויס געהיילט געווארן, פון דאן האט דער צדיק גענוצט דעם

סגולה גאר אסאך, און גאר אסאך אידן האבן געהאט גרויסע ישועות מיט דעם כוס של ברכה פון דעם צדיק זי"ע.

• • •

**מען דערציילט**, אז א איד איז אמאל געקומען צו זיין זוהן אויף שבת קודש קיין אנטווערפען, און שבת ביינאכט האט דער זוהן געבעטן דעם טאטן, אז ער זאל קומען צום טיש פון רבי איציק'ל זי"ע, אבער דער איד האט געזאגט פארן זוהן, וואס האב איך צו גיין צום טיש, דער רבי זאגט דאך נישט קיין תורה ביים טיש, און דער איד איז געווען געוואוינט צו גיין צו טישן פון רבי'ס וואס האבן געזאגט תורה.

אבער נאכדעם וואס דער זוהן האט אים זייער געמיטשעט, איז דער איד אריבער צום צדיק רבי איציק'ל זי"ע, ווען דער איד איז אריין געקומען, האט ער געטראפן ווי דער צדיק זיצט ארום גענומען מיט זיינע חסידים, דער איד לייגט צו אן אויער און הערט, ווי דער צדיק זאגט פאר זיינע חסידים בזה"ל, "**ס'איז דא מענטשן וואס מיינען, אז אויב דער רבי זאגט נישט קיין תורה, איז ער ערגער ווי א גוי**", ווען דער איד האט געהערט דעם אפענעם רוח הקודש פון רבי איציק'ל, איז ער שוין געבליבן א גרויסע חסיד פון דעם צדיק.

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי איציק'ל זי"ע האט דערציילט די מעשה**, וואס ער האט געהערט פון זיין רבין הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע.

דער בעש"ט הקדוש זי"ע איז איינמאל אנגעקומען צו א שטאט, און לכבודו פונעם בעש"ט האט דער בעל אכסניא צוגעגרייט א שיינע סעודה און ער האט איינגעליידענט די גאנצע שטאט, אויך די דיינים און רבנים פונעם שטאט, אינמיטן די סעודה איז ארויף געקומען א שאלה אויפן עוף וואס מען האט געברויכט סערווירען, און עס איז געווארן א דין ודברים צווישן די רבנים און דיינים פון שטאט, אבער קיינער פון זיי האבן נישט געוואלט פסק'נען אויפן עוף, נאר האבן דאס געברענגט צום בעש"ט הקדוש זי"ע.

דאן האט דער בעש"ט געפרעגט פון דעם בעל אכסניא, אויב אלע זיינע קינדער זענען ביים טיש, דער בעל אכסניא האט געזאגט יא, אבער גלייך האט ער זיך דערמאנט און ער זאגט פארן בעש"ט, איך האב איין קינד א יונגעל, **וואס איז ליידער געבוירן געווארן א דומם, ער קען נישט גיין רעדן אדער טון סיי וואס, נאר דער קינד ליגט אין בעט זייט ער איז געבוירן געווארן, און היינט איז טאקע זיין בר מצוה ער ווערט 13 יאר אלט**.

האט דער בעש"ט געגעבן זיין שטעקן פאר זיין גבאי און געזאגט, אז ער זאל גיין צום בחור און זאגן, **אז דער בעש"ט רופט אים**, לפלא אזוי ווי דער בחור האט געהערט די ווערטער, **האט ער זיך אויף געשטעלט פון בעט און זיך אנגעטון די בגדי שבת און אריין געקומען צום בעש"ט**, אזוי ווי דער בחור קומט אריין, האט זיך דער בעש"ט הקדוש זי"ע **אויף געשטעלט מלא קומתו**, און מקבל געווען דעם בחור מיט גרויס כבוד.

דאן האט דער בעש"ט הקדוש געהייסן מען זאל ברענגען דעם שאלה פארן בחור, און דער בעש"ט האט געהייסן דעם בחור צו מעיין זיין אויב דער עוף איז כשר אדער נישט, דער בחור האט מעיין געווען, און דאן געזאגט אויפן עוף "כשר", דאן האט דער בעש"ט ארויס באגלייט דעם בחור מיט גרויס יראת הכבוד, און דער בחור האט זיך צוריק געלייגט אין בעט **און גלייך איז געווען יציאת נשמה און דער בחור איז נפטר געווארן**.

שפעטער האט דער בעש"ט הקדוש זי"ע דערציילט פאר די אידן דארט, וואס דא איז פאר געקומען, אז ביים הייליגען גאון **דער בעל תבואות שור זי"ע** איין ערב שבת קודש, ווען ער איז געווען זייער פארנומען מיט די הכנת צום שבת קודש, איז א פרוי געקומען מיט א שאלה אויף א עוף, און דער גאון, וויבאלד ער איז געווען זייער פארנומען, האט געגעבן דעם פסק, אז די עוף איז טריפה, אין דעם עוף איז געווען די נשמה פון א איד וואס איז שוין ליידער גאר אסאך דורך, און מיט דעם וואס דער גאון האט געזאגט טריפה, **האט דער נשמה נישט געהאט איר תיקון**.

כ"ז טבת בשנת תצ"ז, ווען דער הייליגער תבואות שור זי"ע איז נסתלק געווארן, האט די נשמה געריפען דעם גאון צו א דין תורה ביים בית דין של מעלה, און מען האט גע'פסקנט, אז דער גאון וועט מיזן מגולגל ווערן כדי צו קענען מתקן דעם חטא, אבער וויבאלד דער גאון האט צוריק

געגעבן זיין נשמה לויטער אין ריין, האט מען גע'פסקנט, אז **ער וועט מגולגל ווערן אין א אבן דומם, כדי ער זאל ח"ו נישט קענען מקלקל זיין גארנישט**.

יעצט ווען ער איז געווארן **בר מצוה**, האט מען געפירט פון הימל, אז איך דער בעש"ט זאל דא זיין, און אין דעם עוף איז געווען דער נשמה פון יענעם איד, און יעצט אז דער בחור האט געזאגט כשר, **האט דער נשמה געהאט זיין תיקון**, און אויך דער הייליגער תבואות שור זי"ע **האט מתקן געווען דעם חטא, און דערפאר איז דער בחור גלייך נפטר געווארן**.

• • •

**נאך ווען דער צדיק רבי איציק'ל זי"ע האט געוואוינט אין פאריז האט פאסירט**, אז א בחור וואס איז געווען א בן יחיד צו זיינע עלטערן איז זייער קראנק געווארן, און עס איז שוין געווען אין א מצב פון גסיסה און מען האט זיך געגרייט פאר יציאת נשמה, אבער דאן איז דארט אן געקומען דער צדיק רבי איציק'ל זי"ע, און ווען ער האט געהערט ווי דער עולם רעדט צווישן זיך אז מען ווארט אויף יציאת נשמה, האט דער צדיק א שריי געגעבן און ארויס געשיקט יעדן פון שטוב.

און דאן האט זיך דער צדיק איינגעשפארט אין שטוב מיטן חולה, און לפלא נישט לאנג נאכדעם איז פארן בחור בעסער געווארן, און נאך אפאר טאג איז דער בחור ארויס פון בעט און געזונט געווארן כאחד אדם.

אביסל שפעטער ווען דער בחור איז אריבער געקומען צום צדיק, האט דער צדיק געפרעגט פונעם בחור, אויב ער געדענקט וואס ער האט אים געטון, דער בחור האט נישט געדענקט, האט דער צדיק געזאגט מיט א פשטות, **איך האב סך הכל געשמירט אויף דיין שטערן די איבער געבליבענע אויל פון די חנוכה ליכט**, ווייל איך האב מיך דערמאנט, אז הרה"ק **רבי משה מראזוואדוב** זי"ע **האט זיך אויך באניצט מיט דעם סגולה.**

• • •

**א איד א חסיד פונעם צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז וואוינענדיג נישט ווייט פונעם צדיק אין פאריז, האט דער איד איין טאג שטייענדיג אין זיין געשעפט, אנגעהויבן שפירן שרעקליכע יסורים אין זיין בויך, די יסורים זענען געווארן שווערער און שווערער, איז דער איד אריבער געלאפן צום שטוב פונעם צדיק רבי איציק'ל זי"ע, אבער דער צדיק האט דאן געהאלטן אינמיטן דאווענען, האט דער איד מיט די יסורים געווארט אז דער צדיק זאל אהיים קומען.

ווען דער צדיק איז אהיים געקומען און האט געזען דעם איד איינגעבויגן, און געזען אז דער איד האט שרעקליכע יסורים, האט דער צדיק געפרעגט דעם איד וואס גייט פאר, דער איד האט פון גרויסע יסורים אפילו נישט געקענט רעדן, נאר ער האט געוויזן פארן צדיק אויף זיין בויך, דאן האט דער צדיק אריבער געלייגט זיין טלית ותפילין אין די לינקע האנט.

און דאן האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "**ווען מען האט ווען דעם בעלזא רב'ס האנט**", וואס ווי עס איז מפורסם האט דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע געהיילט אידן נאר מיטן אן כאפן דעם פלאץ פון די מחלה, און רבי איציק'ל האט דאס איבער געזאגט אפאר מאל, **און בשעת מעשה האט דער צדיק אריבער געפירט זיינע הייליגע הענט אויפן בויך פונעם איד**, און לפלא איז פארן איד גלייך בעסער געווארן.

• • •

**א איד וואס האט ליידער שטארק געליטן אויף שטיינער אין די נירן**, און ער האט געהאט גאר שטארקע יסורים, די דאקטורים האבן אן געזאגט, אז עס איז א גרויסע סכנה און מען ברויך אים גלייך אפערירן, אבער דער איד האט נישט געוואלט מאכן קיין אפעראציע, האט ער געבעטן איינעם, אז ער זאל אים מזכיר זיין ביים צדיק וקדוש רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע.

ווען דער שליח איז אריין צום צדיק און מזכיר געווען דעם איד, האט דער צדיק געזאגט דעם פסוק (תהלים קי"ד ח') **הַהֹפְכִי הַצּוּר אֲגַם מָיִם חַלָּמִישׁ לְמַעְיְנוֹ מָיִם**, ווען דער שליח האט איבער געגעבן פארן חולה די ווערטער, האט דער חולה געבעטן, אז ער זאל אים נאכאמאל מזכיר זיין, ווייל ער האט געפערליכע יסורים, ווען דער איד איז אריין נאכאמאל צום צדיק, האט ער ווייטער איבער געזאגט די ווערטער, לפלא איז גלייך בעסער געווארן פאר דעם איד.

די קומענדיגע יאר האט אבער דער איד נאכאמאל באקומען שרעקליכע יסורים, און די דאקטאר האט אים געזאגט, אז עס איז ממש א סכנה און ער וואלט גע'עצה'ט אז מען זאל מאכן די אפעראציע און ארויס נעמען די שטיינער.

האט דער איד נאכאמאל געבעטן, מען זאל אים מזכיר זיין ביים צדיק רבי איציק'ל זי"ע, אבער דער צדיק האט נאכאמאל געזאגט דעם פסוק, און לפלא זענען די שטיינער צוגאנגען און מער האט דער איד נישט געהאט קיין יסורים פון די שטיינער.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט געזאגט** פאר די אידן וואס זענען אים געקומען פרעגן **כ"א אדר** ביים יארצייט פון דעם הייליגען זיידן **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע, אויב זיי זאלן גיין אויפן ציון פונעם שווער אנשטאט פארן קיין ליזענסק.

האט דער צדיק געזאגט, עס האט נישט וואס צו גיין צום שווער, **ער איז ביים יארצייט אין ליזענסק און בכלל נישט ביי זיין ציון**, אויך איז באקאנט, אז דער צדיק רבי יענקעלע זי"ע פלעגט ביים ציון פונעם שווער **רעדן צום שווער כאילו ער איז ממש דארט פארענט פון אים**.

• • •

**ווי באקאנט האט דער צדיק רבי איציק'ל זי"ע גאר אסאך מופתים באוויזן מיטן טיילן קנאבל מוצאי שבת קודש**, הונדערטער מעשיות זענען דא פון אידן וואס האבן געזען ממש אפענע מופתים מיט די קנאבל, דערציילט א איד, אז ער האט איינמאל באקומען קנאבל פונעם צדיק, און אלס שמירה האט ער דאס אריין געלייגט אינעם סעיף ווי ער האלט זיינע וויכטיגע פאפירן און טייערע זאכן, נאך א שטיק צייט איז די קנאבל איין געגאנגען און מער אפילו נישט געשמעקט.

אפאר יאר שפעטער האט זיך די רעגירונג ארויף געכאפט אויף דעם איד, און זיי האבן געמאכט א גרויסע אינוועסטיגעשאן אויף דעם איד, איין טאג האבן זיי געמאכט א באזיך ביי דעם איד אין שטוב, און דער איד האט געהאט אסאך אימלעגאלע סחורה אין די סעיף, און די חברה האבן געהייסן אויף מאכן דעם סעיף, דער איד האט זיך שוין געגרייט אויף די צרה אז מען גייט אלעס כאפן ביי אים.

אבער לפלא אזוי ווי ער מאכט אויף דעם סעיף, איז ארויס געקומען אזא שטארקע גראך פון די קנאבל, אז די חברה האבן מיט גרויס כעס געהייסן גלייך פארמאכן דעם סעיף, און דער איד איז געראטעוועט געווארן, און דער וואונדער איז געווען, אז ביז דעמאלט האט די קנאבל בכלל נישט געשמעקט, נאר דעם איינמאל ווען די חברה האבן אויף געמאכט דעם סעיף האט דאס געפערליך געשמעקט.

• • •

**א איד איז אמאל געפארן פון א מדינה און ער האט געהאט צוויי פעקליך מיט זיך** וואס אין איינס זענען געלעגן זאכן וואס איז נישט געווען קיין טובה אז די אינסטאנצן זאלן דאס זעהן, האט ער געבעטן זיין ווייב זאל אריין גיין צום צדיק רבי איציק'ל זי"ע און אים מזכיר זיין, דער צדיק האט זיך אנגערופן בזה"ל, **"זיי וועלן בלינד ווערן"**, לפלא איז דער איד דורך ביים עירפארט און די חברה האבן אלעס געזען, אויסער די פעקל האבן זיי פארזעהן און ער איז דורך בשלום.

• • •

**א איד פון שטאט וויען איז אמאל אריין געקומען צום צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע**, און האט זיך זייער באקלאגט, אז ער האט א גוי א שכן וואס טיילט אים אויס שרעקליכע צרות, און ער האט געבעטן א ברכה פונעם צדיק, האט דער הייליגער צדיק געזאגט בזה"ל, **"צו הרג'נען א גוי איז נישט קיין גרויסע זאך"**, אבער איך געב דיר צוויי אפציעס, **אדער זאל דער גוי פגר'ן, אדער וועט דער גוי ווערן איבער געדרייט צו א גוטער גוי**.

דער איד האט גלייך געזאגט פארן צדיק, אז ענדערשט זאל די רבי אים מאכן פאר א גוטע גוי, לפלא יענעם טאג ריפט אים זיין ווייב פון ביי אים אין שטוב, און דערציילט אים, אז דער גוי דער שכן איז אריבער געקומען, און ער האט געזאגט, אז ער וויל איבער מישן דעם בלעטל און בעטן מחילה פון זיי, ווייל ער האט חרטה אויף די אלע צרות וואס ער האט אים ביז יעצט געטון, און ער זאגט צו, אז מהיום והלאה וועט ער זיין א גוטע שכן, ויהי לפלא.

• • •

**איינע פון די משמשים ביים צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע האבן דערציילט**, אז א איד פון אמעריקע האט זיך כסדר מזכיר געווען ביים רבין,

אז ערליידט זיך זייער אן פון א רשע וואס ארבעט פאר די "**יוניען**", און ער האט כסדר געזאגט פארן רבין, אז ער האלט דאס שוין מער נישט אויס, איין וואך מוצאי שבת קודש ריפט דער איד און זאגט פארן משמש, אז ער זאל זאגן פארן רבין אז עס איז שוין ממש אין א מצב סכנה.

ווען רבי איציק'ל האט געהערט די ווערטער, האט ער געבעטן פון דעם איד זאל אים זאגן די נאמען פון דעם גוי און זיין מאמע'ס נאמען, און דער צדיק האט געהייסן, **מען זאל דאס אראפ שרייבן אויף א פאפיר, און דער צדיק האט גענומען דעם פאפיר און דאס פארברענט אין די ליכט פון מוצאי שבת**, לפלא אפאר טאג שפעטער האט דער גוי דער רשע געכאפט א פגירה, און דער איד האט געהאט מנוחה, **כן יאבדו כל אויביך ד'.**

• • •

**איין ראש חודש האט זיך דער צדיק געזעצט צום סעודת ראש חודש**, אבער דאן האט דער צדיק געזאגט פאר זיין טאכטער, אז מען זאל צו ווארטן אביסל, ווייל דער און דער ברויך נאך קומען און ברענגען פיש לכבוד ר"ח, האט דער טאכטער געזאגט פארן טאטן, דער איד איז שוין לאנג געגאנגען ארבעטן, איז פארוואס טראכט דער טאטע אז ער וועט נאך קומען.

אבער לפלא א קורצע צייט שפעטער קומט אריין דער איד וואס די רבי האט געזאגט אז ער גייט קומען, און מיט זיך ברענגט ער א גרויסע שיינע פיש, און דער איד דערציילט, אז אויפן וועג צו די ארבעט איז ער דורך דעם מארק פלאץ, און ער האט דארט געזען א גאר שיינע גרויסע פיש, און ער האט ביי זיך געטראכט, אז די פיש איז דאך אזוי שיין עס איז ראוי צו זיין אויפן טיש פונעם רבין, דערפאר האט ער עס גלייך געקויפט און אריבער געברענגט פארן רבין, און דער צדיק רבי איציק'ל האט מיט זיינע הייליגע אויגן דאס פאר געזען.

• • •

**מען דערציילט, אז סוף ימיו פון דעם צדיק רבי איציק'ל זי"ע**, האט זיך געמאכט א פראבלעם מיט זיינע אויגן, און פאר א שטיק צייט האט ער נישט געקענט ליינען נאר גאר גרויסע אותיות, איין טאג האט מען פארן צדיק געברענגט א מכתב מיט כתב יד קדשו פון **דעם הייליגען מגיד מקאזניץ** זי"ע, און דער גבאי, וויבאלד ער האט געוויסט אז די רבי קען דאך נישט ליינען קיין קליינע אותיות, האט ער אנגעהויבן פאר ליינען דעם מכתב פארן רבין.

אבער גלייך האט דער צדיק רבי איציק'ל זי"ע געבעטן, מען זאל אים געבן דעם מכתב, און לפלא האט ער אפ געליינט דעם גאנצן מכתב ווארט ביי ווארט.

איינע פון די מקורבים ווען ער האט דאס געזען, האט ער פון גרויס התרגשות געזאגט, די רבי קען דאך נישט זעהן געהעריג, און דא ליינט ער דעם מכתב אזוי קלאר, האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "**די זעהסט נישט, די אותיות לייכטען**".

• • •

**דער צדיק רבי איציק'ל זי"ע איז דאך געווען א גרויסער עניו** און כסדר זיך אליין משפיל געווען אין די אויגן פון די ארימיגע, איינמאל ווען ער האט געטיילט שיריים פארן עולם, האט ער געזאגט בדרך צחות, **אז זיין שיריים איז א סגולה פאר יראת שמים און עשירות**, ווייל א עושר לאזט דאך איבער זיין יראת שמים פאר אנדערע, ווייל דאס האט ער דאך נישט, און ווייטער א ירא שמים לאזט דאך איבער דאס עשירות פאר אנדערע, ווייל דאס האט ער דאך נישט, האט דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות אויס געפירט, **ביי מיר אבער איז דא ביידע, ווייל איך האב נישט קיין יראת שמים און נישט קיין עשירות**.

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען מען האט גערעדט דעם שידוך פארן צדיק רבי איציק'ל זי"ע מיטן טאכטער פון הרה"ק **רבי ישכר דוב הכהן גלאנץ** זי"ע, איז דער שווער געקומען פרעגן פון הרה"ק **רבי משה משינאווא** זי"ע וועגן דעם שידוך, ווען דער צדיק רבי משה משינאווא זי"ע האט געהערט פון וועם מען רעדט האט ער געזאגט בזה"ל, "**פון רבי'ן רבי אלימלך ביז אים, איז נאך נישט קאליע געווארן דער יחוס**".

• • •

**איינמאל איז אריין געקומען צום צדיק הרה"ק רבי חנה מקאלאשיץ זי"ע, הי"ד**, א איד וואס האט שוין געהאלטן א שיינע פאר יאר נאך די חתונה, און ער האט ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און ער האט זיך מזכיר געווען ביים הייליגען קאלאשיצער פאר א ישועה, האט אים דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע געזאגט, **אז ער זאל**

**געבן 150 זלאטעס פאר זיין תלמיד רבי איציק'ל זי"ע וואס איז נאך דאן געווען א יונגערמאן, און אזוי וועט ער געהאלפן ווערן.**

בתוך הדברים איז דער תלמיד רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע אריין געקומען אין שטוב, און דער הייליגער קאלאשיצער האט געוויזן פאר דעם איד, אז ער זאל אהין געבן די 150 זלאטעס פאר רבי איציק'ל, אבער רבי איציק'ל האט נישט געוואלט נעמען דאס געלט, האט אים זיין רבי געזאגט, אז ער הייסט אים נעמען די געלט, האט רבי איציק'ל געזאגט פאר זיין רבין בזה"ל, "**אויף דעם רבינ'ס פלייצעס**", ווי צו זאגן אז די רבי וועט דעם איד פועל'ן א ישועה.

אבער דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע האט זיך נישט געלאזט, נאר האט געזאגט פאר זיין תלמיד, אז ער זאל דאווענען פאר דעם איד, און ווען רבי איציק'ל איז ארויס פון שטוב האט דער הייליגער קאלאשיצער זי"ע געזאגט פאר דעם איד בזה"ל, "**דארפסט דיך נישט זארגן, רבי איציק'ל נעמט נישט קיין געלט בחינם**", לפלא צום יאר איז דער איד געהאלפן געווארן מיט א קינד.

• • •

**אין ספר שיח יצחק ווערט דערציילט**, אז נאכן קריג, ווען דער צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע האט געוואוינט אין פאריז, איז א איד אריינגעקומען צו אים מיט א צובראכן הארץ און דערציילט, אז ער האלט ביים חתונה מאכן א קינד און ער שטייט ממש אן קיין פרוטה צו די נשמה, דער רבי האט געעפנט דעם טיש-שופלאד, **ארויסגענומען אלע געלט וואס איז דארט געלעגן פון פדיונות און נדבות יענעם טאג, און עס איבערגעגעבן פארן איד ביזן לעצטן פרוטה.**

א קורצע צייט נאכדעם וואס יענער איז ארויס, איז אריינגעקומען דער משמש און זיך אנגערופן צום רבין מיט זארג, "**רבי, מען דארף דאך באצאלן פארן בעל-הבית שכר-דירה און מיר האבן נישט איבערגעלאזט קיין געלט אויף שבת**", האט דער צדיק רבי איציק'ל געענטפערט מיט זיין גרויסער פשטות, "**דער אויבערשטער איז א טאטע, אז ער שיקט א איד וואס דארף חתונה מאכן א קינד, קען מען דען דאס געלט האלטן אין שופלאד, פאר אונז וועט ער שוין אויך זארגן**", נאך פאר עס איז געווארן נאכט, איז אנגעקומען א גביר פון אויסלאנד, און איבערגעלאזט א סכום הגון וואס האט געדעקט אלע הוצאות פונעם רבין'ס שטוב.

• • •

**אינעם ספר י"ג אורות ווערט דערציילט**, אז א איד א סוחר פון אנטווערפן איז געקומען צום צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע מיט גרויס געוויין, זיין שותף האט אים אפגענארט, ער האט פארלוירן זיין גאנצן ביזנעס, און ער שטייט פאר גיין באנקראט, און דער איד האט געבעטן מיט ביטערע טרערן פונעם רבין א ברכה און א ישועה.

דער צדיק רבי איציק'ל האט אים אנגעקוקט מיט ליבשאפט, אנגעגאסן א גלעזל בראנפן, און אים דערלאנגט א שטיקל מזונות און געזאגט, "**מאך א ברכה, און מאך א לחיים**".

דער איד איז געווען אזוי צובראכן אז ער האט קוים געקענט רעדן, האט דער רבי צו אים געזאגט, "**אז א מענטש איז ברוגז אויפן באשעפער אדער פארצווייפלט, פארשפארט ער די טויערן, קודם דאנקט מען דעם אויבערשטן אויף וואס מען האט יא, מען געדענקט אז פרנסה קומט נאר פון אים און נישט פונעם שותף און נישט פון דער סחורה, און ערשט נאכדעם בעט מען אויף ווייטער**", און דער צדיק רבי איציקל האט אים אנגעוואונטשן מיט פעסטע בטחון און געזאגט, "**גיי אהיים בשמחה, דער אויבערשטער האט שוין צוגעגרייט א בעסערע פרנסה**", אין עטליכע וואכן ארום האט יענער איד געעפנט א נייע האנדל-געשעפט וואס האט מצליח געווען אסאך מער ווי זיין אלטער שותפות.

• • •

**אין שיחות וסיפורי קודש פון רבי איציק'ל ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע פלעגט כסדר פארציילן **סיפורי צדיקים**, און איינע פון די יסודות'דיגע מעשיות וואס ער פלעגט חזר'ן איז געווען איבער זיין רבי'ן, **דער הייליגער שינאווער רב** זי"ע.

און ער האט דערציילט, אז איינמאל איז ער געפארן מיטן שינאווער רב אויפן וועג אין א גרויסן שניי, און דער וואגן איז געווארן שטעקן טיף אין בלאטע, דער בעל עגלה האט זיך זייער גערעגט, געשאלטן און געשמיצט די פערד מיט ביטערע שמיץ, אבער דער וואגן האט זיך נישט גערירט.

דער הייליגער שינאווער רב האט ארויסגעקוקט פונעם פענסטער און געזאגט, "**ר' איציק'ל, קוק אן, דער איד מיינט אז מיט כעס און מיט קלעפ פאר די פערד וועט מען ארויסגיין פון בלאטע, ער כאפט נישט אז נאר ווען מען שטעלט די פיס אויף דער ערד און מען בעט פונעם בורא עולם הילף, קען מען זיך הייבן**", און דער צדיק רבי איציקל האט מוסיף געווען, "**דאס איז א מוסר השכל פאר יעדן איד אין זיין לעבן, אז ווען א מענטש שטעקט אין א בלאטע, העלפט נישט קיין כעס און נישט לייגן שולד אויף אנדערע, מען דארף אראפשפרינגען, ארבעטן מיט אמונה, און מתפלל זיין צו גאט**".

• • •

**אינעם קונטרס בסוד קדושים ווערט דערציילט**, אז אין אנטווערפן פלעגן זיך דרייען אין רבי איציק'לס הויז אלע סארטן מענטשן, חסידים, ליטווישע, מאדערנע, און אפילו אידן וואס זענען געווען גאר ווייט פון תורה ומצוות, איינמאל איז געקומען א איד וואס האט געוואלט "מזהיר" זיין דעם רבי'ן, **אז א געוויסער מענטש וואס קומט אפט עסן ביים טיש פירט זיך נישט ערליך אין פריוואטן לעבן**.

דער צדיק רבי איציק'ל האט גלייך אפגעשטעלט יענעם מיט א שמייכל און א טיפן בליק, און געזאגט, "**מיין טיר איז אפן פאר יעדן איד וואס איז הונגעריג, מיין אויפגאבע איז צו געבן צו עסן און צו ווארעמען א אידיש הארץ, נישט צו זיין א שופט און אויספארשן יענעמ'ס מעשים, דער אויבערשטער קוקט אויפן הארץ, און אויב דער בורא פארנעמט אים אין זיין וועלט, בין איך אים אויך מחויב מקרב צו זיין אין מיין הויז**", דער מאן האט זיך פארשעמט און האט מער נישט גערעדט קיין לשון הרע.

• • •

**אינעם ספר שיח יצחק ווערט דערציילט**, אז אין די תקופה נאכן קריג, ווען דער צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע האט זיך אויפגעהאלטן אין פאריז, האט מען אים איינמאל געמוזט אריינעמען אין א כשר'ן רעסטאראן צוליב א שמחה אדער א געוויסע אסיפה, דער זאל איז געווען באצירט מיט גרויסע גלאזערנע **שפיגלען** אויף די ווענט, ווי עס איז דעמאלט געווען דער שטייגער.

ווי נאר דער רבי האט אריינגעטרעטן און באמערקט די גרויסע שפיגלען, האט ער תיכף אראפגעלאזט די אויגן און נישט געוואלט ארויפקוקן, כדי נישט חלילה צו זען קיין שום מראה אדער נשים וואס קענען זיך אפשפיגלען דארט, און ער האט פארלאנגט פון די ארומיגע, אז מען זאל אויסדרייען זיין בענקל פנים קעגן דער וואנט, אדער אראפנעמען/פארדעקן יענע שפיגלען, זאגנדיג מיט פשטות, "**א איד דארף היטן די אויגן אפילו פון אן אומדירעקטן בליק, די נשמה ווערט פאראומרייניגט פון יעדעס קליין בילד**".

• • •

**אין ספר י"ג אורות ווערט דערציילט**, אז אין די ביטערע יארן פון גלות סיביר, אין דעם טיפן רוסישן קעלט און שניי, פלעגן די רשעים צווינגען אלע געפאנגענע, מענער און פרויען, צו גיין צוזאמען צו די שווערע האק-ארבעט טיף אין וואלד, די תנאים זענען געווען שרעקליך אומצניעות'דיג און שווער.

האבן עדי ראי' דערציילט, אז דער צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע **פלעגט גיין דעם גאנצן וועג מיט צוגעמאכטע אויגן, ממש ווי א בלינדער מענטש, און זיך אנגעכאפט אין די פלייצע פון א צווייטן איד, כדי ער זאל נישט דארפן אויפהייבן זיינע בליקן**, אפילו ווען די גוים האבן געשריגן און געשלאגן, האט ער נישט געעפנט זיינע אויגן אויף דער גאס און אויפן פעלד, נאר געדעקט זיין פנים מיט א טיכל אדער א שאל און איבערגעחזרט פרקים תהלים, און ער האט געזאגט, "**קעלט און הונגער קענען מוטשען דעם קערפער, אבער קדושת העיניים מוז מען היטן פאר די נשמה**".

• • •

**אינעם קונטרס בסוד קדושים ווערט געברענגט**, אז אין די שפעטערע יארן אין אנטווערפן, איז דער צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע איינמאל געפארן מיט א קאר אין מיטן א הייסן זומער-טאג צו א ברית אדער א דבר מצוה, יענעם טאג איז געווען א שטארק הייסע טאג, און דער דרייווער האט געוואלט אראפלאזן די פענסטערס פונעם אויטא כדי עס זאל אריינקומען אביסל פרישע לופט.

אבער דער צדיק וקדוש רבי איציק'ל האט אים גלייך אפגעשטעלט און געבעטן צו לאזן די

פענסטערס פארמאכט, און אפילו אראפגעצויגן דעם פארהאנג פון זיין זייט, ווען דער דרייווער האט געזען ווי ער חלש'ט ממש פון היץ, האט ער געפרעגט פון רבי איציק'ל צי עס שטערט אים נישט די שווערע היץ, האט דער רבי געענטפערט מיט א פשטות אבער מיט א ברען, "**בעסער צו שוויצן עטליכע מינוט אויף דער וועלט צוליב צניעות, ווי איידער זיך אנטרעפן אין א גאס וואס איז נישט אויסגעהאלטן און פארלירן דעם ריינעם מחשבה פאר איין רגע**".

• • •

**אין כתבי קודש פון פשעווארסק ווערט דערציילט**, אז ביים צדיק רבי איציק'ל איז קדושה נישט געווען בלויז שמירת עיניים, נאר אויך א שרעקליכע **קדושת הפה און זהירות פון שקר**, איינמאל איז אריינגעקומען א בעל-טובה א גרויסער נגיד וואס האט געוואלט הערן פונעם רבי'ן א שבח אויף א געוויסן פלאן וואס דער רבי האט געהאלטן אז עס איז נישט אויסגעהאלטן לויט דער הלכה.

די ארומיגע האבן מורא געהאט, אז אויב מען זאגט אים דעם אמת אין פנים קען יענער ברוגז ווערן און אויפהערן שטיצן ארעמעלייט, דער צדיק רבי איציק'ל האט אבער פעסט געזאגט, "**אפילו פאר אלע געלטער פון דער וועלט קען מען נישט בייגן דעם אמת, א מויל וואס דארף רעדן קדושה און מתפלל זיין פאר אידישע קינדער, טאר זיך נישט באשמוצן מיט קיין ברעקל חנופה אדער ליגן**", און ער האט יענעם ערקלערט מיט גרויס ליבשאפט און דרך ארץ פארוואס ער איז נישט מסכים, אן זיך בייגן איין האר פונעם אמת.

• • •

**אינעם ספר שיח יצחק ווערט דערציילט**, אז א איד א תלמיד חכם איז אמאל געקומען צום צדיק רבי איציק'ל זי"ע קיין אנטווערפן מיט א צובראכן הארץ, ער איז שוין געווען פארהייראט העכער צען יאר און נאך אלץ נישט געהאלפן געווארן מיט קיין קינדער, און דער איד האט זיך אויסגעוויינט פארן רבי'ן און געבעטן א ברכה פאר א ישועה.

דער צדיק רבי איציק'ל האט אויסגעהערט זיין ווייטאג, און פלוצלונג זיך אנגערופן מיט א שמייכל, "**איך האב אמאל געהערט פונעם הייליגן שינאווער רב, אז מען דארף האבן בטחון אינעם בורא עולם**", און דער צדיק רבי איציק'ל האט גענומען א שטיקל **קוגל** פונעם טיש, עס צעטיילט אין צוויי שטיקלעך, און דאס דערלאנגט פארן איד און געזאגט, "**איין שטיקל עס דו אליין אויף, און דאס צווייטע שטיקל נעם אהיים פאר דיין ווייב, און דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאלן זיין צוויי קינדער**", דער איד האט געפאלגט, און פונקט א יאר דערויף איז ביי זיי געבוירן געווארן **א פאר צווילינג א יונגעל און א מיידל** נאך יארן פון גרויס ווארטן.

• • •

**אינעם ספר י"ג אורות ווערט דערציילט**, אז א איד א סוחר פון לאנדאן איז אריינגעפאלן אין א שווערער קאמפליצירטער געריכט-קלאגע דורך די רעגירונג וועגן שטייערן און ביזנעס-פאפירן, די אדוואקאטן האבן אים געזאגט, אז לויט ווי די זאכן קוקן אויס אין געריכט איז נישט פאראן קיין וועג ארויס, און ער שטייט אויס א שווערן טורמע-אורטייל פון עטליכע יאר.

דער איד איז אריבערגעפארן קיין בעלגיע אנטווערפן און אריינגעלאפן צום צדיק רבי איציק'ל אין שטוב אין דערציילט פארן רבי'ן זיין ביטערע מצב אין וואס ער איזליידער אריינגעפאלן.

דער רבי דער צדיק רבי איציק'ל האט אים אנגעקוקט מיט גרויס רחמנות, גענומען א קוויטל מיט פדיון, און געזאגט, "**זארג נישט, ביים אויבערשטן זענען אלע שופטים און דיינים גארנישט, לייג צו א סכום פאר צדקה פאר עניי ארץ ישראל, און זאג יעדן טאג קאפיטל קכ"א אין תהלים ('שיר למעלות אשא עיני'). און דער שופט וועט פלוצלונג פארגעסן די גאנצע טענה**".

דער איד האט אויסגעפאלגט וואס דער רבי האט אים געהייסן, אויפן טאג פונעם משפט איז געשען א פלא, דער הויפט-שופט איז נישט ערשינען צוליב א פלוצימדיגע קרענק, און דער פארטרעטער-שופט וואס איז אונטערגעקומען האט איבערגעקוקט די פאפירן מיט א רואיגן בליק, אפגעווארפן די הויפט קלאגעס פון דער פראקוראר צוליב א טעכנישער טעות אין די דאקומענטן, און באפרייט דעם איד נאר מיט א קליינעם געלט-שטראף.

• • •

**אינעם ספר בסוד קדושים ווערט געברענגט**, אז א איד איז אמאל געקומען צו לויפן צום צדיק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע מיט טרערן אין די אויגן און דערציילט, אז די דאקטוירים האבן געפונען א געפערליכע מחלה ביי זיין קינד חלילה, און זיי האבן אנגעזאגט אז מען מוז דורכפירן א שווערע און געפארפולע אפעראציע אויפן קאפ ממש אין עטליכע טעג ארום.

דער צדיק רבי איציק'ל האט אויסגעהערט די שווערע הזכרה פון דעם איד, און דער צדיק האט זיך פארטראכט פאר עטליכע מינוט אין טיפע דביקות, און דערנאך געזאגט פארן טאטן, "**גיי זאג פאר די דאקטוירים זיי זאלן נאכאמאל מאכן די בילדער און טעסטן, ווייל איך זעה נישט דארט גארנישט**", דער טאטע איז געווען דערשראקן און די דאקטוירים אין שפיטאל האבן חוזק געמאכט פון דער פארלאנג, אבער דער פאטער האט זיך עקשנ'ט אז דער רבי האט אזוי געהייסן.

לפלא, ווען מען האט איבערגעמאכט די בדיקות א טאג פאר דער אפעראציע, זענען די דאקטוירים געבליבן שאקירט, ווייל דער שעדליכער גידול איז ממש פארשוואונדן געווארן און די בילדער זענען געווען אינגאנצן ריין, און דער הויפט-דאקטאר האט זיך אנגערופן צום פאטער, "**איך ווייס נישט וואס דא איז געשען, אבער דיין רבי האט געזען בעסער ווי אונזערע מאשינען**".

• • •

**אין כתבי קודש פון פשעווארסק ווערט דערציילט**, אז אין אנטווערפן איז די ברילאנטן-אינדוסטריע געווען דער הויפט מקור פון פרנסה, איינמאל האט א אידישער ברילאנטן-הענדלער פארלוירן א פעקל מיט זייער טייערע שטיינער וואס איז געווען ווערט א גאנצן פארמעגן, און א גרויסער חלק דערפון איז געווען געלט פון אנדערע סוחרים, דער מענטש איז ממש אראפ פון די זינען פון גרויס שרעק.

ער איז געלאפן צום צדיק רבי איציק'ל מיט בכיות נוראות, רבי איציק'ל האט אים בארואיגט, אים אנגעגאסן א גלעזל לחיים, און געזאגט, "**גיי אהיים, גיי אין קאבינעט וואו דו לייגסט אוועק דיינע בגדי שבת, און זוך אין דער רעכטער קעשענע פונעם שבת'דיגן רעקל**", דער סוחר האט זיך געוואונדערט, ווייל ער נעמט דאך קיינמאל נישט מיט קיין סחורה אין שבת-קליידער, אבער אז די רבי הייסט איז ער גלייך געלאפן אהיים, ווי גרויס איז געווען זיין ערשטוינונג, ווען ער האט אריינגעשטעקט די האנט אינעם קעשענע פונעם שבת'דיגן בגד, און געפונען דאס גאנצע פעקל גאנץ און אומבארירט, נאכדעם וואס ער האט עס בטעות דארט אריינגערוקט אין איילעניש פארגאנגענעם פרייטאג צוליב די טרדות.

• • •

**אינעם ספר שיח יצחק ווערט דערציילט**, אז א איד פון אנטווערפן איז געווארן שטארק קראנק אויף די נירן, און די דאקטוירים האבן אים געזאגט, אז ער מוז קראנקערהייט פארן קיין שווייץ (ציריך) צו א באקאנטן פראפעסאר וואס איז געווען דער גרעסטער ספעציאליסט אין יענע יארן, פארן פארן איז דער איד אריין צום צדיק רבי איציק'ל נעמען א ברכה און א פדיון.

דער צדיק רבי איציק'ל האט אויסגעהערט אלע פרטים, און פלוצלונג זיך אנגערופן, "**פאר קיין שווייץ, אבער זוך נישט דעם גרויסן פראפעסאר וואס יעדער רעדט פון אים, נאר זוך דוקא דעם יונגערן דאקטאר וואס ארבעט נעבן אים, דורך אים וועט קומען די רפואה**", דער חולה איז געווען ערשטוינט, ווייל דער אלטער פראפעסאר איז דאך געווען דער וועלטס-מומחה, אבער ער האט מיט זיין גרויס אמונה געפאלגט דעם רבי'ן.

ווען ער איז אנגעקומען אין שפיטאל, האט זיך ארויסגעשטעלט א געוואלדיגע זאך, אז יענער בארימטער אלטער פראפעסאר איז יענע וואך געווען שטארק אפגעשוואכט און געמאכט א פאטאלן טעות אין די דיאגנאזע פון א צווייטן פאציענט, בעת דער יונגערער דאקטאר האט באמערקט א קליינעם כעמישן פעלער אין די בלוט-רעזולטאטן פונעם איד, אים געגעבן א לייכטע מעדיצין, און ער איז אויסגעהיילט געווארן אינגאנצן אן קיין שום אפעראציע.

• • •

**אינעם ספר י"ג אורות ווערט דערציילט**, אז א חסידישער סוחר האט געדארפט פליען אויף א וויכטיגע ביזנעס-רייזע קיין ניו יארק, פאר דער נסיעה איז ער אריין זיך גועזעגענען ביי צדיק רבי

איציק'ל מפשעווארסק זי"ע, רבי איציק'ל האט אים געגעבן א ברכת הדרך, אבער אינמיטן האט דער רבי גענומען א קליין צעטל, אנגעשריבן עטליכע פסוקי שמירה און א ברכה, און אים אנגעזאגט, **"לייג דאס אריין אין דיין ביזעם-קעשענע, און וואס עס זאל נאר פאסירן זאלסטו נישט מורא האבן, גאט איז מיט דיר"**.

אינמיטן ד נסיעה אויפן פליגער איבערן אטלאנטישן אקעאן, האט זיך פלוצלונג אויסגעלאשן איינע פון די הויפט מאטארן פונעם פליגער, און שווערע רויך האט אנגעהויבן אריינדרינגען אין קאבינע, דער קאפיטאן האט אויסגערופן א נויטפאל און געזאגט פאר אלע פאסאזשירן זיך אנצוטון די לעבנס-וועסטלעך ווייל מען גרייט זיך צו א געוואגטער לאנדונג אויפן וואסער, וואס מיינט א סכנת נפשות ממש.

דער איד האט זיך דערמאנט אינעם צעטל, ארויסגענומען דעם צעטיל פון קעשענע, עס צוגעדרוקט צום הארץ און געזאגט תהלים מיט גרויס כוונה.

ממש עטליכע מינוט נאכדעם האט דער קאפיטאן ווידער אויסגערופן מיט גרויס וואונדער, אז דער צווייטער רעזערוו-מאטאר האט זיך מיטאמאל צוריק אנגעצונדן פון זיך אליין, און דער פליגער האט געקענט מאכן א זיכערע נאטורליכע נויט-לאנדונג אויף אן אינזל אין אירלאנד אן דעם וואס קיינער זאל געשעדיגט ווערן.

• • •

**אינעם ספר בסוד קדושים ווערט דערציילט**, אז שבת אינדערפרי נאכן דאווענען פלעגט רבי איציק'ל שטענדיג פארבעטן ארעמעלייט און אורחים צום קידוש, איינמאל איז געזעסן ביים טיש א פשוט'ער איד, וואס האט דורך געלעבט דעם ביטערע מלחמה, וואס האט קיינמאל נישט געבעטן גארנישט און איז געווען שטארק פארשעמט.

ווען רבי איציק'ל האט געטיילט די מאכלים, האט ער פלוצלונג גענומען א גרויסע מאכל א שטיקל געבעקס וואס מען האט געמאכט פארן טיש, און עס דערלאנגט פאר דעם איד מיט א שמייכל און געזאגט, **"נעם, עס וועט דיר גוט טון אויפן הארץ"**.

ווען יענער איד האט גענומען דעם ביסן, האט ער אנגעהויבן וויינען מיט הייסע טרערן, שפעטער האט מען אים געפרעגט וואס עס איז געווען די גרויסע התרגשות.

האט ער דערציילט, **"איך האב פארלוירן מיין גאנצע משפחה אינעם קריג. היינט אינדערפרי ביים דאווענען האב איך זיך דערמאנט אין מיין טאטן און מאמע ע"ה, און ווי מיין מוטער פלעגט מאכן פונקט דעם דאזיגן מאכל לכבוד שבת, און איך האב געטראכט צו מיר אין הארץ מיט א טיפן קרעכץ, 'רבונו של עולם, שוין דרייסיג יאר וואס איך האב נישט פארזוכט דעם טעם פונעם היימישן שבת-מאכל וואס מיין מאמע פלעגט מאכן', קיינעם אויף דער וועלט האב איך דאס נישט דערציילט, אבער דער צדיק רבי איציק'ל האט מיט זיין גרויס אהבת ישראל דערשפירט מיין הארץ, און מיר דערלאנגט פונקט דאס"**.

• • •

**אין די כתבי קודש פון פשעווארסק ווערט דערציילט**, אז א יתום א בחור וואס האט שוין געהאלטן אויף די עלטערע יארן און קיין שום שידוך איז נישט געגאנגען, איז געזעסן ביי רבי איציק'ל אין שטוב שפעט ביינאכט נאך קבלת קהל, דער בחור איז געווען אינגאנצן מיואש און געהאלטן אז מען האט שוין פארגעסן פון אים.

דער צדיק רבי איציק'ל האט אים צוגערופן, ארויסגענומען א קליין פלעשל ברוינפן פונעם שאפע, עס אריינגעלייגט אין זיין טאש און געזאגט, **"נעם דאס פלעשל, עפן עס נישט אויף, ווארט ביז דו באקומסט א טעלעפאן-רוף וועגן א שידוך פון אן אנדערע שטאט, וואס מען וועט דיר בקרוב אנטראגן, עפן דאן אויף דאס פלעשל, טרינק א לחיים, און דער שידוך וועט פארטיג ווערן בכי טוב"**.

דער בחור האט נישט פארשטאנען וויאזוי דאס קען זיין, ווייל ער האט קיינעם נישט געקענט מחוץ לעיר, אבער דריי טעג שפעטער האט זיך דער טעלעפאן צעקלונגען, א שדכן פון לאנדאן האט אים אנגעטראגן א טאכטער פון א חשוב'ע משפחה, דער בחור האט געטרונקען דעם לחיים פונעם הייליגן פלעשל, די זאך איז געפארן מיט אן אומנאטירליכער וואונדער און הצלחה, און א חודש שפעטער איז ער געווארן א חתן.

• • •

**איינמאל איז געקומען א גרויסער עושר צום רבין קיין אנטווערפען** בעטן א ברכה פאר הצלחה אין ביזנעס, ווייל זיינע געשעפטן זענען געפאלן און ער איז געשטאנען פארן גיין באנקראט, דער צדיק רבי איציקל האט אים אנגעקוקט מיט ליבשאפט און געפרעגט צי ער האט שוין געגעסן מיטאג, דער גביר האט געענטפערט אז ניין, רבי איציקל האט געהייסן מען זאל אים אריינברענגען א פריש געקאכטן **עוף מיט זופ**.

דער גביר איז אבער געווען א שוואכער עסער און האט געזאגט, "**רבי, איך בין נישט הונגעריג, איך קען נישט עסן**", רבי איציק'ל האט זיך אבער פאר'עקשנ'ט און געזאגט, "**כאטש דעם פליגל עסט אויף**", דער איד האט נישט געוואלט פארשעמען דעם רבין און האט זיך געצוואונגען אויפצועסן דעם פליגל, גלייך דערנאך האט אים רבי איציקל געזאגט, "**איצט קענסטו גיין לחיים ולשלום, דו וועסט אי"ה האבן הצלחה**".

אפאר טעג שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער עושר האט געהאט א שותף וואס האט אים געוואלט אונטערקויפן און צונעמען די גאנצע פירמע דורך א באהאלטענעם פונקט אינעם קאנטראקט וואס הייסט "**אגף**" (**א פליגל פונעם הסכם**), און צוליב א פליטישן טעות האט מען יענעם פונקט מבטל געווען, און דאס גאנצע פארמעגן איז געראטעוועט געווארן.

דער עושר האט דעמאלט פארשטאנען פארוואס רבי איציקל האט אים געהייסן "**עסן דעם פליגל**", און דער צדיק האט מיט דעם אפגעראטעוועט זיין פרנסה מיט **רוח הקודש**.

• • •

**א איד פון לאנדאן איז אמאל געקומען זיך געזעגענען** פונעם רבין רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע פאר ער פארט צוריק אהיים, רבי איציקל האט אים געגעבן א פלעשל משקה און געזאגט, "**האלט דאס נעבן דיר אויפן וועג**", דער איד האט געמיינט, אז דער רבי גיט דאס פשוט אלס שיריים אדער ברכה, און ער האט עס געלייגט נעבן דעם דרייווער זיץ, אויפן שאסיי אינמיטן וועג האט פלוצלינג פאסירט א שרעקליכער עקסידענט, א קאר פאר אים האט זיך אויסגעדרייט און אראפגעפאלן א שיפע בארג, דער איד האט זיך גלייך אפגעשטעלט און איז געלאפן העלפן.

ווען מען האט ארויסגעצויגן דעם דרייווער פונעם צעקלאפטן קאר, איז ער געווען אין א גרויסן שאק און אנגעהויבן פארלירן דאס באוואוסטזיין פאר שרעק און קעלט, דער איד האט זיך דערמאנט אינעם פלעשל וואס רבי איציקל האט אים געגעבן, ער איז גלייך געלאפן צו זיין קאר און געברענגט דעם פלעשל משקה און האט געגעבן צו טרינקען פאר דעם פארוואונדעטן מענטש, און דאס האט ממש צוריקגעברענגט זיין נשמה ביז די אמבולאנס איז אנגעקומען, דעמאלט האט ער פארשטאנען, אז רבי איציקל האט פאראויסגעזען אז ער גייט דארפן ראטעווען א מענטש אויפן וועג, און דערפאר האט ער אים געגעבן דע פלעשל משקה.

• • •

**ביי די טישן פונעם צדיק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע** פלעגן זיך דרייען אידן פון אלע שיכטן, חסידים, ליטווישע, און אפילו פשוט'ע ארבעטער אדער אידן וואס זענען ליידער געווען ווייט פון תורה ומצוות, איינמאל איז א איד אריינגעקומען מיט קורצע ארבל און אן קיין קאפל, און די עולם האט געוואלט אים ארויסבאגלייטן כדי נישט צו באליידיגן דעם רבין.

דער צדק רבי איציקל האט מיט זיין גרויס אהבת ישראל דאס גלייך באמערקט, האט ער זיך תיכף אויפגעשטעלט, צוגערופן דעם איד צו זיך, אים געגעבן א גלעזל לחיים און געזאגט צו די חסידים, "**דער איד איז א הייליגער איד, ער האט מיטגעמאכט די שרעקליכע קריג און איז געבליבן אן עקשן צו הייסן א איד, ער איז העכער פון אונז אלע**!", דער איד איז געווארן אזוי איבערגענומען פונעם כבוד און דער אמת'ער ליבשאפט וואס דער צדיק האט אים געוויזן, **אז ער האט זיך צעוויינט און פון יענעם טאג אן אנגעהויבן גיין מיט ציצית און היטן שבת**.

• • •

**דער צדיק רבי איציקל זי"ע האט אמאל דערציילט**, אז ווי באקאנט ליגט זיין טאטע דער צדיק רבי נפתלי אלימלך זי"ע אין די **ביה"ח החדש** אין שטאט **אוהעל**, איינמאל ווען ער איז געפארן קיין אוהעל צום יארצייט פונעם טאטן אין אוהעל,

איז ער אויפן וועג אהיים בכוונה אריבערגעפארן דעם שטעטל **קערעסטיר** כדי צו קענען לערנען דעם צדיק וקדוש **דער מופת הדור רבי ישעי'לע מקערעסטיר** זי"ע.

אנקומענדיג צו רבי ישעי'לע'ס שטוב, זעהט ער א איד **מיט א גרויסן קאפל און מיט א ברייטן טלית קטן, פיטערט אינעם הויף די הינער און גענז**, רבי איציקל האט געפרעגט דעם איד, "**וואו איז דער רבי**", האט דער איד געענטפערט, "**קודם גייט אריין עפעס עסן, דערכאפט אייך דאס הארץ, נאכדעם וועלן מיר זעהן וועגן דעם רבי'ן**".

ווען דער צדיק רבי איציקל האט זיך אוועק געזעצט ביים טיש אין שטוב, האט ער געפרעגט דעם איד, "**אויב ער קען דא בלייבן פאר עטליכע טעג**", האט יענער איד געענטפערט, "**יא אוודאי, קיין שום פראבלעם, איך בין שוין אויך דא א לענגערע צייט, און מען לאזט מיך אויך דא זיין**", דערנאך האט זיך יענער איד אנגערופן, "**מיך רופט מען ישעי'לע קערעסטירער**", האט רבי איציקל זי"ע אויסגעפירט, "**באמת האב איך גלייך געכאפט אז דאס איז הרה"ק רבי ישעי'לע זי"ע, אבער איך האב נאר געוואלט זעהן וויאזוי ער וועט דאס אויסשפילן**".

• • •

**ביים צדיק וקדוש רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע**, האבן זיך געוואלגערט ישועות און מופתים פון וואס מען קען רעדן אן א שיעור, אבער איין הפלא'דיגע זאך וואס איז שטארק מפורסם, אז פאר אידן וואס האבן געהאט פראבלעמען מיט **שריפטן** ביים אריבערגיין די גרעניץ, האט דער צדיק באוויזן גרויסע מופתים, ער האט כסדר געגעבן חפצים ווי א **'בענטשער'** אדער **'זמירות'**, און מיט דעם איז מען געפארן, און די באאמטע ביים גרעניץ האבן אפילו ארויפגעזיגלט אויף דעם ביים גרעניץ אזוי ווי עס וואלט געווען א געהעריגע **פאספארט**, אויך זענען געווען אידן וואס זענען יארן לאנג געפארן **מיט אן אפגעלאפענע פאספארט** בברכתו פון רבי איציקל, און ווילאנג רבי איציקל האט געלעבט האט דאס געארבעט, אבער נאכדעם האט עס שוין נישט געארבעט.

איינער פון די אידן וואס האבן געזעהן דעם מופת ביים צדיק איז געווען, הרה"ח **רבי אפרים שטאלצבערג**, וואס איז געפארן אמאל צו רבי איציקל אויף שבת, מוצאי שבת ווען ער האט געדארפט אהיימפארן, האט ער געהאט א פראבלעם מיט זיין פאספארט, און ער האט נישט געקענט צוריקפארן, ער איז אריינגעגאנגען צו רבי איציקל, און מזכיר געווען אז ער דארף אהיימפארן און ער האט נישט וויאזוי.

האט דער צדיק רבי איציקל גענומען א **'בענטשער'** וואס איז געליגן אויפן טיש און אים עס געגעבן, זאגנדיג, "**דאס איז דיין פאספארט**", דער חסיד רבי אפרים איז געפארן מיט דעם בענטשער, און מען האט עס אים געזיגלט ביים גרעניץ, און דער זיגל איז פונקט אויסגעקומען ביי **'ועל הניסים'**, און ער איז אריבער אנדעם וואס מען האט אים אפילו אפגעשטעלט.

• • •

**עס האט דערציילט רבי מענדל שיממעל ע"ה,** אז ווען ער האט אמאל געלערנט אין א קלויז אין קראקא פאר די מלחמה, איז פונקט דארט געווען דער צדיק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע, רבי איציקל איז שוין דאן געווען מפורסם אלס רבי וואס נעמט **צדקה** און וואונטשט **ברכות**, אבער ער איז נישט געווען אויסגערופן **אלס תלמיד חכם און גדול בתורה**.

ער און זיין חברותא האבן זיך דעמאלטס זייער געמוטשעט א לענגערע צייט אויף איין שטיקל אין די שווערע סוגיות אין הלכות מקוואות, וואס זיי האבן נישט געקענט פארשטיין פשט, נאך א שטיק צייט רופט זיך רבי איציקל אן צו זיי, "**וואס לערנען ענק**", דערציילט רבי מענדל אז ער האט מתחילה נישט געוואלט זאגן, אבער נאך אביסל מוטשענען האט ער געזאגט, און צו זיין וואונדער האט אים רבי איציקל געזאגט א הערליכן פשט וואס האט אים באלויכטן די אויגן, און ער האט איינגעזען, **אז אויסער זיין גרויסער כח הצדקה און ישועות, איז ער אן אמת'ער גדול בתורה**.

• • •

**עס איז אינטערעסאנט צו פארציילן** איבער דער וואונדערליכע אופן הנהגה מיט וואס רבי איציקל האט געפירט, עס איז אמאל געווען א בחור פון אנטווערפן וואס האט געלערנט אין די סאטמארע ישיבה אין וויליאמסבורג, און ווען ער איז אהיימגעקומען קיין אנטווערפן אויף יום טוב,

איז ער נישט געקומען צו רבי איציקל גאנץ יום טוב ווייל ער האט זיך נישט גוט געפילט, נאר מוצאי שבת ביי מלוה מלכה איז ער געקומען.

ווען ער איז אריבער נעמען **'כוס של ברכה'** האט אים רבי איציקל געפרעגט, "**דו ביסט דאך שוין דא א שטיקל צייט, פארוואס זעט מען דיך נישט**", און דער צדיק רבי איציק'ל זי"ע האט ממשיך געווען און דערציילט, אז דער הייליגער ציעשנאבער רב האט געזאגט, "**מיין איציקל, תורה זאגט ער נישט, דאווענען הערט מען נישט פון אים, אבער אז ער וועט געבן א שטיקל קוגל וועט עס אויך העלפן**", און דער צדיק רבי איציקל האט צוגעענדיגט פאר דעם בחור, "**מעגסט קומען, מעגסט קומען**", ווערט דערציילט, אז דער קאלאשיצער רב האט אויך געזאגט אויף רבי איציקל, "**ער זאגט נישט קיין תורה, ער שמועסט נישט, אבער אז ער שיילט אפ אן עפעלע און געבט עס, איז ער דערמיט מחזק די אמונה**".

• • •

**אין יאר תרפ"ו, איז די רעבעצין** פונעם צדיק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע געווארן זייער נישט געזונט, רבי איציקל איז ארומגעגאנגען איר מזכיר זיין ביי די צדיקים, און צווישן זיי האט ער אויך מזכיר געווען ביים צדיק **רבי אברהם שלום סטראפקוב'ער רב** זי"ע, אבער דער סטראפקוב'ער רב האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון די הזכרה, נאר ער האט אים אנגעוואונטשן "**אז ער זאל זיין א רבי**".

רבי איציקל, וועלנדיג באקומען א ברכה פאר די רעבעצין אז זי זאל זיין געזונט, האט איבערגעזאגט זיין בקשה, אבער דער הייליגער סטראפקוב'ער רב האט אים נאכאמאל אנגעוואונטשן "**אז ער זאל האבן אסאך חסידים**", און אפילו ווען ער האט געבעטן א דריטע מאל, האט אים דער סטראפקוב'ער רב געזאגט, "**זאלסט האבן אזויפיל חסידים אז מען זאל ביי דיר ברעכן טירן**", רבי איציקל האט געזען דערמיט, אז עס איז שוין ליידער פארזיגלט די גזירה, און די רעבעצין איז טאקע דעמאלטס אוועק אין יונגען עלטער פון איין און פערציג יאר, און פון דעמאלטס איז רבי איציקל געווען אן אלמן כל ימיו.

• • •

**נאכדעם וואס די רעבעצין איז נפטר געווארן**, כ' תמוז בשנת תרפ"ו, און ער איז ל"ע געווען אן אלמן פאר איבער פופציג יאר, ביז זיין פטירה יום הקדוש בשנת תשל"ז, פלעגט ער אלע יארן צינדן די שבת ליכט אליין, און זאגן דערביי די תחינה וואס איז געדרוקט אין **'קרבן מנחה סידור'**, ער האט עס געזאגט ווארט ביי ווארט אין אידיש, אזוי ווי עס שטייט דארט, "**זאלסט באשיצן מיר מיט מיין מאן**" און אזוי ווייטער, איינמאל האט איינער פון די חסידים אים געפרעגט, פארוואס ער זאגט די בקשה אויף דעם אופן וואס האט דאך נישט קיין פשט ביי אים, האט רבי איציקל דערויף געענטפערט מיט א פשטות, "**עס איז אן אויסגעוויינטע בקשה פון נשים צדקניות, דערפאר זאג איך דאס מיט דעם לשון**".

• • •

**זייענדיג אין סיביר זענען איינמאל אנגעקומען** דארט צוויי אידישע מיידלעך וואס זענען אנטלאפן פון זייער **צוואנגס-ארבעט** וואו זיי זענען געווען פארשקלאפט, אנטלויפנדיג זענען זיי אנגעקומען אין דעם שטעטל וואו רבי איציקל האט זיך אויפגעהאלטן, אבער קיינער האט זיי נישט געוואלט אריינלאזן אין שטוב, וויסנדיג אז אויב מען כאפט זיי ביי איינעם אינדערהיים שפילט מען זיך מיטן לעבן.

אבער דער צדיק רבי איציקל האט זיי אריינגענומען צו זיך, און זיי זענען געבליבן ביי אים ביז די ענדע קריג, שפעטער ווען די פוילישע רעגירונג האט געבעטן פון רוסלאנד, אז זיי זאלן באפרייען זייערע בירגער וועלכע זענען געווען אין סיביר, איז צוגעשטעלט געווארן א באן פאר די פוילישע בירגער אהיימצופארן קיין פוילן, די צוויי מיידלעך זענען אבער געווען **רוסישע בירגער**, און זענען דערפאר נישט געווען ערלויבט צו פארן מיט די באן.

אבער דער צדיק רבי איציקל מיט זיין מסירת נפש צו העלפן אידישע קינדער האט זיי געוואלט ארויסראטעווען פון סיביר, האט ער זיי מיטגענומען אויף די באן, און זיי אפילו אוועקגעגעבן זיין פלאץ, און ער זעלבסט איז געזעסן אויף די פעקלעך אויף די באן במשך די נסיעה וואס האט גענומען עטליכע וואכן, ביי יענע נסיעה האט מען געזען אפענע נסים, ווייל אויף די באן האבן זיך געדרייט פאליציי, צו מאכן זיכער אז עס כאפן זיך נישט מיט פרעמדע נישט-פוילישע

בירגער, אבער די צוויי מיידלעך האבן זיי באופן פלא נישט געזען און נישט באמערקט דורכאויס די גאנצע נסיעה, און זיי זענען אנגעקומען צו זייערע קרובי משפחה אין פוילן לחיים ולשלום.

• • •

**זייענדיג אין סיביר איז א איד ארייננגעלאפן צו רבי איציקל אינדערהיים**, זאגנדיג אז ער איז אנטלאפן פון מיליטער, די סאלדאטן לויפן אים נאך, און מען וויל אים שיסן, רבי איציקל האט אים געהייסן זיך שנעל ארייגלייגן אין זיין בעט, און זיך צודעקן מיט זיין דאכענע.

עס איז אדורך געציילטע מינוטן, און די סאלדאטן זענען אנגעקומען צו די טיר פון דעם הויז מיט אויסגעשטרעקטע געווער, פארלאנגנדיג אז מען זאל שוין ארויסגעבן דעם אנטלאפענעם סאלדאט, דער צדיק רבי איציקל האט זיי גאנץ קאלט געענטפערט, "**ער איז נישט דא אינדערהיים, איר קענט אים זוכן וואו איר ווילט**", זיי האבן טאקע איבערגעדרייט דאס גאנצע הויז, געזוכט און געשנישטערט אין יעדעס ווינקל, אבער זיי האבן גארנישט געטראפן, זענען זיי אוועקגעגאנגען, און אזוי איז דער איד געראטעוועט געווארן פון זייערע הענט.

• • •

**אין יענע צייט האט א רוסישער אפיציר אנגעקלאפט ביי רבי איציקל אין טיר**, פרעגנדיג **צי דא וואוינט א ראבין**, זעלבסטפארשטענדליך אז מען איז געווארן מלא פחד, ווער ווייסט וואס ער וויל, עס איז געווען אונטער די קאמוניסטן, און מען האט מורא געהאט אז מען וויל ח"ו ארעסטירן דעם רבין, האט מען אים געזאגט **אז עס וואוינט נישט דא קיין רבי**.

דער אפיציר האט זיך אבער נישט אוועקגערוקט פון דארט, און ער האט זיך אנגערופן, "**איך ווייס וואס א רבי איז, מיין טאטע האט מיר אמאל געוואונטשן קיין סלאנים, און איך ווייס וויאזוי א רבי זעט אויס**", און ער האט דערציילט, אז זיין זון איז אין מיליטער, און מען וויל אים יעצט שיקן קיין 'סטאלינגראד', וואו עס זענען דעמאלטס אנגעגאנגען שווערע שלאכטן צווישן די רוסן און די דייטשן, און עס זענען דארט געפאלן מיליאנען סאלדאטן פון ביידע זייטן, **וויל ער בעטן א ברכה אז זיין זון זאל אהיימקומען לעבעדיג**.

דער צדיק רבי איציקל זי"ע זעענדיג אז ער איז א איד, האט פארלאנגט פון אים דריי זאכן, **שבת, כשרות, און נאך איין זאך**, און יענער האט זיך עס אונטערגענומען, און רבי איציקל האט אים טאקע אנגעוואונטשן, נאך פיר חדשים איז דער אפיציר געקומען צו פארן מיטן זון, פארציילנדיג, **אז ער איז דער איינציגער פון פיר הונדערט סאלדאטן פון זיין גרופע וואס איז ארויס לעבעדיג פון יענע שלאכטן**.

• • •

**עס פארציילט זיין אייניקל כ"ק אדמו"ר מ'פשעווארסק שליט"א**, אז ער גדענקט אלס קינד איינמאל אין קראקא, איז אנפאנג וואך געקומען א גוי און פארקויפט א פיש, און מען האט עס געלייגט אין וואסער אז עס זאל זיך האלטן ביז שבת, **איין טאג שפעטער איז עס אבער געשטארבן**, האט מען עס ארויסגענומען פונעם וואסער און געלייגט ביים פענסטער, כדי עס זאל נישט פארשימלט ווערן, נאר זיך האלטן פריש דורך די קעלט.

יענע מיטוואך אינדערפרי איז געווען ראש חודש, און רבי איציקל האט אים געזאגט אז ער זאל גיין קוקן, און זען אויב די פיש לעבט נאך, ער האט דאך ביי זיך געוואוסט אז עס איז שוין געשטארבן, אבער אז דער זיידע הייסט איז ער געגאנגען קוקן נאכאמאל, **פלוצלינג זעט ער ווי די פיש שפרינגט אויף ארויף**, איז ער צוריקגעגאנגען זאגן פארן זיידן רבי איציקל, אז די פיש לעבט נאך, האט דער זיידע געזאגט, "**אויב אזוי לייג עס אוועק פאר שבת**".

• • •

**עס איז געווען איינמאל ערב יום הקדוש אין פאריז**, ווען רבי איציקל איז אריינגעקומען צו רבי יענקעלע אין צימער דארט העכער די דירה, און רבי איציקל זעט **ווי רבי יענקעלע שטייט און פארעט זיך ביי די שאפע, ער פאקט ארויס זאכן, און ער איז מסדר די שאפע**, פרעגט אים רבי איציקל, "**דאס טוט מען ערב יום הקדוש**", זאגט רבי יענקעלע, "**וואס דען דארף מען טון ערב יום הקדוש**", זאגט רבי איציקל, "**מען דארף תשובה טון**", זאגט רבי יענקעלע, "**און אז מען האט נישט געזינדיגט**".

און דער שווער רבי איציקל פלעגט זאגן אויף זיין איידעם רבי יענקעלע, "**אז עס מוז זיין אז ער**

**האט נישט געטון קיין עבירות, ווייל אויב יא וואלט די גאנצע שטאט שוין געוואוסט דערפון**", וואס ווי באקאנט אז אויב עס האט זיך אמאל געמאכט ביי רבי יענקעלע א זאך וואס עס איז נישט געווען אויסגעהאלטן, אפילו בשוגג, האט ער דאס מודיע געווען ברבים, אפילו שוין זייענדיג רבי, האט ער ביים טיש געקענט זאגן, "**איך האב דאס און דאס געטון**".

• • •

**אין יענע תקופה אין פאריז** איז אמאל געקומען צום צדיק רבי איציקל דער ראש ישיבה ומנהל פון ישיבת נובהרדוק אין פראנקרייך הגאון **רבי גרשון ליבמאן** ז"ל, וועלכער איז געווען באקאנט מיט זיין מסירת נפש צו ראטעווען אידן און מרביץ תורה זיין אין פראנקרייך, און ער האט זיך שטארק געפלאגט דערמיט.

איינמאל איז אויסגעקומען, אז ער איז געווען ביי רבי איציקל פאר א יום טוב, אזוי שמועסנדיג האט ער זיך אויסגערעדט דאס הארץ **אז עס קומט יום טוב און ער וועט נישט קענען קויפן פלייש פאר די ישיבה בחורים אויף יום טוב, וויבאלד די פלייש געשעפט וויל אים שוין נישט מער געבן אויף בארג, ווייל ער איז שולדיג גאר אסאך געלט**, זאגט אים רבי איציקל, "**האלטס נאר אייער קאפעליטש איבערגעדרייט**".

און דאן האט דער צדיק רבי איציקל אנגעפילט דעם קאפעליטש מיט דאס גאנצע געלט פון די פדיונות וואס עס איז געלעגן אויפן טיש, און געזאגט פאר רבי גרשון, "**פון דעם געלט זאלט איר גיין קויפן פלייש אויף יום טוב פאר די ישיבה בחורים**", די טאכטער די רעבעצין פון רבי יענקעלע, צוזעענדיג ווי דער טאטע גיבט אוועק אלע געלטער וואס ער האט נאר געהאט ביי זיך, האט זי זיך אנגערופן, "**טאטע איך בין דאך אויך שולדיג אין די געשעפטן, און איך דארף אויך געלט אנצוגרייטן דעם יום טוב**", האט איר רבי איציקל געענטפערט, "**פאר דיר וועט מען נאך בארגן, אבער פאר זיי בארגט מען שוין נישט מער**".

• • •

**זייענדיג אין פאריז האט דער צדיק רבי איציקל אמאל באגעגנט א באקאנטן**, וועלכער איז ליידער געווען אינגאנצן אראפ פון אידישן וועג ל"ע, דער צדיק רבי איציקל האט פרובירט צו רעדן צו זיין הארץ, און זיך געבעטן ביי אים ער זאל תשובה טון, דער איד וואס איז שוין געווען נעבעך אזוי פארזונקען, האט זיך אנגערופן צו רבי איציקל, "**איך ליג שוין אזוי טיף אין די בלאטע אז איך קען שוין נישט ארויסגיין**".

האט דער צדיק רבי איציקל ארויסגענומען א שטיקל פאפיר און אים געזאגט, "**שרייב דא אראפ אלעס וואס דו האסט געטון**", אנהייב האט ער נישט פארשטאנען וואס רבי איציקל וויל מיט דעם, אבער אז רבי איציקל זאגט אים שרייב, האט ער אנגעהויבן שרייבן, **אבער ער האט נישט אלעס געשריבן**, ווען רבי איציקל האט עס באמערקט האט ער אים נאכאמאל געזאגט, "**שרייב 'אלעס' אראפ אויפן פאפיר**".

ווען ער האט געענדיגט שרייבן, זאגט אים רבי איציקל, "**גיב מיר אהער דאס פאפיר**", און ער האט געזאגט, "**דאס אלעס וואס עס שטייט אויף דעם צעטל, נעם איך אויף מיינע פלייצעס, דו הייבסט יעצט אן א נייע לעבן, דו דארפסט זיך נישט זארגן אויף דיין פארגאנגענהייט**", דער איד האט טאקע אנגעהויבן א נייע אידישע לעבן, און אויפגעשטעלט שיינע ערליכע דורות, און חסידים האבן מסביר געווען די טענה'רייען וואס עס פלעגט זיין צווישן **רבי יענקעלע** מיט **רבי איציקל לגבי פאסטן תעניתים**, רבי יענקעלע פלעגט אלץ פרעגן דעם שווער פארוואס ער פאסט, און רבי איציקל פלעגט אים אלץ ענטפערן, "**דו האסט נישט געזינדיגט, דארפסטו נישט פאסטן, איך האב געזינדיגט, איך דארף פאסטן**", און מען האט פארשטאנען, אז דאס זענען די עבירות וואס רבי איציקל האט גענומען אויף זיך פון אידן.

• • •

**די טאכטער די רעבעצין פון רבי יענקעלע זי"ע, האט דערציילט**, אז אין פשעווארסק האט געוואוינט א איד וועלכער פלעגט זאגן, **אז ער גלייבט נישט אין קיין רבי'ס**, אבער אויף רבי איציקל האט ער געזאגט אז ער גלייבט יא **אז ער איז א רבי**, ווייל אינמיטן די ערשטע וועלט-קריג האט ער אמאל געזען ערב שבת, ווען עס זענען געפלויגן באמבעס פון אלע זייטן, עס איז געווען ממש סכנת נפשות צו בלייבן אינדרויסן, יעדער איז געלאפן זיך באהאלטן, אבער רבי איציקל האט ווייטער ממשיך געווען אנצוגרייטן דעם שבת

קודש, ווי גלייך די מלחמה האט גארנישט געהאט מיט אים, האט דער איד אויסגעפירט, "**דאס איז א רבי**".

• • •

**ביים צדיק וקדוש רבי איציקל זי"ע,** פלעגט יעדן ערב שבת זיין א גרויסע געפילדער און טומל, אנגרייטנדיג אלע טעפ מיט עסן, ס'איז געווען א ברייטע ווירטשאפט פאר די געסט און די סעודות, און די הכנות צום שבת האט געדויערט ביז ממש די לעצטע מינוט פארן זמן, הרה"ח **ר' שלמה אקער** ע"ה, איינער פון די משמשים, האט אמאל געטראכט, "**פארוואס דארף אלץ זיין אזא טומל מיט די אלע הכנות ביז צום זמן**", און ער האט איין וואך ערב שבת אלעס אנגעגרייט עטליכע שעה פאר'ן זמן, אז עס זאל זיין אויף א רואיגן אופן.

יענעם פרייטאג מיטאג האט ער אריינגעפירט רבי איציקל אין קאך, וואו עס איז שוין אלעס געווען גרייט צום שבת, און געזאגט, "**דער רבי זאל געבן א קוק, עס איז נאך דא א שעה/צוויי ביז שבת, און אלעס איז רואיג, ממש א מחיה**", דער צדיק רבי איציקל האט געשמייכלט צו ר' שלמה פאר זיין שיינע ארבעט, אבער ער איז צוגעגאנגען צו די 'געז רענטש', ער האט אויסגעלאשן אלע פלאמען, און זיך אנגערופן, "**שבת קומט נישט מיט א רואיגקייט, שבת דארף זיין מיט א ברען צו אנגרייטן לכבוד שבת קודש**".

• • •

**אמאל אינמיטן א געשפרעך מיט איינער פון די דיינים אין אנטווערפן,** האט זיך רבי איציקל אנגערופן, "**אז ער האט כסדר מחשבות זרות בשעת'ן דאווענען**", האט אים דער דיין געפרעגט, וואספארא מחשבות זרות האט דער רבי, האט רבי איציקל געענטפערט מיט א פשטות, "**ווען איך שטעל זיך אוועק דאווענען, דערמאן איך מיר איבער די אלמנה וואס האט נישט וואס צו עסן, און אן אנדערער צעבראכענער איד, און אנדערע נצרכים וואס מ'דארף זיי ארויסהעלפן, און איך קען מיך נישט מצמצם זיין דעם קאפ צום דאווענען**".

• • •

**אמאל איז געקומען א איד א גרויסער אנטיק סוחר** צום צדיק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע, און פארגעלייגט, אז ער פארמאגט פארשידענע גאר טייערע אנטיק זאכן וואס ער האלט אין עטליכע מאגאזינען, און ער האט מורא אז עס זאל ח"ו נישט פאסירן א גניבה, דעריבער וויל ער מאכן דערויף פארזיכערונג (**אינשורענס**), און עס זענען געווען עטליכע אינשורענס פירמעס פון פארשידענע לענדער אין אייראפע, און ער האט געבעטן אז רבי איציקל זאל אים זאגן וועלכע אינשורענס פירמע ער זאל נעמען.

האט אים רבי איציקל געזאגט, אז ער זאל אים ברענגען א רשימה פון אלע אינשורענס קאמפאניס מיט זייערע פרייזן, און אויך דער אופן וויאזוי מען דארף דאס באצאלן, **אויפאיינמאל אדער צוביסלעך**.

דער סוחר האט געברענגט די גענויע רשימה פון אלע אינשורענס פירמעס מיט אלע פרטים פון די באצאלונגען, רבי איציקל האט איבערגעקוקט די רשימה, **און האט אים געהייסן נעמען די אינשורענס פירמע וועלכע בעט די העכסטע פרייז, און פארלאנגען צו באצאלן אלעס אויף איינמאל (נישט מיט פעימענטס).**

האט דער סוחר געזאגט פאר רבי איציקל, "**גוט, אז דער רבי הייסט מיר נעמען די אינשורענס קאמפאני וועל איך זיי נעמען**", רופט זיך אן רבי איציקל צו אים, "**יא, דו וועסט באצאלן די פרייז פון די טייערסטע פירמע וואס איך האב דיר געהייסן נעמען, און אויך דאס גאנצע אויפאמאל, אבער נישט פאר זיי זאלסטו געבן דאס געלט, נאר פאר מיר**", אזוי האט דער איד טאקע געטון, און יעדעס יאר האט ער באצאלט זיין אינשורענס פאר רבי איציקל, און עס האט אזוי אנגעהאלטן אסאך יארן, און ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין גניבה, **ביז א טאג נאך דאס הסתלקות פון רבי איציקל, ווען עס האט דאס ערשטע מאל פאסירט ביי אים א גניבה, ווייל זיין אינשורענס איז שוין געווען אפגעלאפן.**

• • •

**אמאל האט ביי א געוויסן נגיד אין שטוב אריינגעקלאפט א איד** און זיך פארגעשטעלט ווי א שליח פון רבי איציקל, אז ער האט אים באאויפטראגט צו זאמלן געלט פאר א וויכטיגן צדקה צוועק, דער נגיד וועלכער האט געהאט א נאנטע שייכות מיט רבי איציקל, האט צוליב א געוויסע סיבה געהאלטן, אז ס'איז נישט אינגאנצן אמת וואס יענער זאגט, נאר דער איד האט זיך אליין באאויפטראגט פאר דעם צוועק.

האט ער דעריבער באשלאסן צו אויספארשן די זאך, ער האט יענעם געבעטן צו ווארטן א מינוט אינדרויסן ביז ער וועט זעהן וואס ער קען אים געבן, דערווייל האט ער גענומען דעם טעלעפאן און אנגערופן רבי איציקל אליין, כדי צו הערן פון אים אויב דער איד איז טאקע א שליח פון אים אדער נישט, ווען רבי איציקל האט געהערט זיין שאלה, האט ער אים גאר שארף פארגעהאלטן, זאגנדיג, "**א איד שטייט ביי דיין טיר און בעט געלט, און אנשטאט אים געבן האסטו צייט פאר חקירות, מער זאלסטו אזוינס קיינמאל נישט טון, ווען א איד קומט צו דיר פאר געלט, זאלסטו געבן בהרחבה אן אים צופיל אויספארשן**".

• • •

**דער צדיק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע פלעגט פארציילן**, אז ער האט באקומען א ברכה פון הרה"ק **רבי אברהם שלום מסטראפקוב** זי"ע, **אז ער זאל קענען העלפן אידן**, און די מעשה איז געווען, אז רבי איציקל איז אמאל געווען אין מארינבאד (וואו אסאך צדיקים זענען געפארן אויף אפרו), און דער הייליגער סטראפקוב'ער רב איז דארט געווען, האט רבי איציקל געבעטן דעם סטראפקוב'ער רב, **אז ער וויל זיין ביי אים אויף שבת**, אבער ער האט אים אפגעזאגט.

דעם אנדערן טאג האט דער סטראפקוב'ער רב געטראפן רבי איציקל, און יעצט האט ער אים גאר איינגעלאדנט אז ער זאל קומען צו אים אויף שבת, (ווייל דער סטראפקוב'ער רב איז געווען אן איש פלא, ווי זיין טאטע דער הייליגער שינאווער רב זי"ע האט געזאגט אויף אים, "**אז זיין נשמה איז פון גאר א הויכער עולם, וועגן דעם איז ביי אים אלעס באופן פלא**"), האט אים רבי איציקל געענטפערט, "**איך האב אייך נעכטן געפרעגט וועגן זיין ביי ענק אויף שבת, און איר האט מיר אפגעזאגט, בין איך אריין צום בעלזא רב הרה"ק רבי ישכר דוב, און זיך איינגעמאלדן ביי אים אויף שבת, און איך וויל שוין נישט משנה זיין**".

דער הייליגער סטראפקוב'ער רב זי"ע האט זיך פאר אים פארענטפערט אז ער געדענקט בכלל נישט פון אזא זאך, און כדי אים צו מפייס זיין האט ער אים געזאגט, **אז ער קען אים יעצט בעטן וואס ער וויל**, האט רבי איציקל געזאגט, "**איך זאג גארנישט, דער רבי זאל מיר בענטשן מיט וואס ער וויל**", האט דער הייליגער סטראפקובער רב געזאגט, "**וועל איך דיך בענטשן אז דו זאלסט זיין א רבי, און אידן זאלן דורך דיר געהאלפן ווערן**".

• • •

**עס ווערט דערציילט א מעשה נפלא**, הרה"ח **ר' זלמן בינער** ז"ל וואס האט פאר יארן לאנג געדינט אלס איבער געגעבענע מנהל אין די מוסדות סאטמאר אין וויליאמסבורג, האט אין יאר תשל"ו באשלאסן צו קומען וואוינען קיין אמעריקע, כדי צו וואוינען נאנט צו זיינע קינדער, זיינע קינדער האבן איינגעגעבן די פאפירן פאר א גרין קארד, און ווי דער סדר איז, דארף עס דורכגיין דורכן אמעריקאנער קאנסול, זיי רופן אראפ די מענטשן וואס געבן איין פאר די גרין קארד, און מען פילט אויס די פאפירן, געוועהנליך דויערט דאס עטליכע חודשים ביז זיי זענען מודיע אז די גרין קארד איז באשטעטיגט, און מען קען עס אויפפיקן אינעם לופטפעלד.

אבער ביי ר' זלמן האט זיך די זאך געצויגן און געצויגן פאר גאר א לאנגע צייט, און מען האט נישט געזען קיין עק, ר' זלמן האט עטליכע מאל מזכיר געווען ביי רבי איציקל וועגן די שריפטן, אבער רבי איציקל האט נישט רעאגירט דערויף, איינמאל האט ער מזכיר געווען, צוגעבנדיג, **אז ער האט פראבלעמען, עס שלעפט זיך שוין גאר לאנג, און ער וואלט שוין לאנג געדארפט באקומען די שריפטן**, אבער רבי איציקל האט נישט געענטפערט, ר' זלמן האט זיך אנגערופן, "**רבי, איך האלט אז דער רבי האלט אפ די שריפטן**".

יעצט האט זיך רבי איציקל אנגערופן, "**האט איר געפרעגט סאטמארער רב אויב איר זאלט וועקפארן פון אנטווערפן**", ענטפערט ר' זלמן, "**יא, מיין ברודער ר' יחזקאל איז דאך לעצטנס געקומען וואוינען קיין אנטווערפן, ער וועט איבערנעמען מיין פלאץ אין די תלמוד תורה, ער איז זייער א גוטער מלמד**", האט רבי איציקל אים געזאגט, "**אזוי, דעמאלטס קענט איר גיין מארגן צום קאנסול פאר די שריפטן**".

האט ר' זלמן דערציילט, אז נאך פאר זיי זענען געגאנגען צום קאנסול, האט מען שוין פון קאנסול גערופן צו זיי אהיים זאגן, אז זיי האבן די שריפטן, און מען האט עין בעין געזעהן, אז רבי איציקל האט

נישט געוואלט אז ר' זלמן זאל איבערלאזן די סאטמארע תלמוד תורה, ער איז געווען אן אויסערגעוועגליכער מלמד, האט ער אים אפגעהאלטן די שריפטן.

• • •

**עס איז געווען א בחור**, וואס זיין משפחה איז געקומען פון ארץ ישראל וואוינען קיין אנטווערפן, אבער ער האט נישט געהאט קיין שריפטן, זיין ארץ ישראל'דיגע פאספארט איז אפגעלאפן, און מען האט נישט געוואלט פארלענגערן דעם פאס אין בעלגיע, ווייל ער דארף זיך שטעלן אין מיליטער אין ארץ ישראל, און ער האט געדארפט משום איזה סיבה פארן קיין לאנדאן, אבער ער האט נישט געקענט פארן ווייל ער האט נישט געהאט די שריפטן.

דער בחור איז אריין צום צדיק רבי איציקל, און פארציילט, אז ער דארף פארן קיין לאנדאן אבער ער האט נישט קיין שריפטן, ער האט נאר א **'ווייסע קארד'** (דאס איז א קארטל וואס באשטעטיגט אז בעלגיע לאזט אים בלייבן אין לאנד), און מיט דעם קען מען נישט ארומפארן פון איין לאנד צום צווייטן, זאגט אים רבי איציקל, "**פאר געזונטערהייט**!" דער בחור זאגט אבער, "**איך האב דאך נישט קיין פאס צו פארן נאר די ווייסע קארד**" זאגט אים רבי איציקל, "**איך האב דיר דאך געזאגט אז דו קענסט פארן! פאר געזונטערהייט**!".

לפלא, אנקומענדיג ביי די גרעניץ ארויס פון בעלגיע, בעט מען אים דעם פאס, ער גיבט אהין די ווייסע קארד, און ער איז דורך אן קיין שום פראבלעמען, דאס זעלבע האט נאכאמאל פאסירט ביים אריינגיין קיין ענגלאנד, מען האט אים געבעטן זיין פאספארט, און ער האט געגעבן דאס קארטל, און אזוי איז ער געפארן מערערע מאל מיט די 'ווייסע קארד' אהין און צוריק פון בעלגיע קיין ענגלאנד.

• • •

**אמאל זייענדיג אין באדגאסטיין-עסטרייך** איז געקומען א טעלעפאן רוף פון פראנקרייך, צו מזכיר זיין א פרוי וואס די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף איר ל"ע, ווען דער בעל אכסניא הרה"ח ר' נפתלי ראזענצווייג ע"ה האט איבערגעגעבן די הזכרה, האט אים רבי איציקל באפוילן, הער מיך צו, נעם דעם טעלעפאן, און זאלסט איבערזאגן בזה הלשון, ווי איך זאג, און דו זאלסט נישט משנה זיין פון דעם נוסח וואס איך זאג דיר, "**די דאקטוירים האבן געזאגט אז זיי קענען נישט העלפן, יא אמת, זיי קענען טאקע נישט, אבער רבי איציקל פשעווארסקער זאגט אז דער 'כל יכול' קען איר געבן א רפואה שלימה, און זי וועט האבן א רפואה שלימה בקרוב**", און רבי איציקל איז געשטאנען ביים טעלעפאן, און זיכער געמאכט אז ר' נפתלי זאגט נאךווארט ביי ווארט פון זיין לשון, און אז ער טוישט נישט קיין ווארט, איבריג צו זאגן אז בחסדי השי"ת איז זי געזונט געווארן א קורצע צייט דערויף, ווערנדיג צוריק כאחד האדם.

**יארצייט י"א תשרי**

**הגה"ק רבי אברהם אביש ב"ר צבי הירש זי"ע**
**(פילד)**
**בעל ברכת אברהם, מפרנקפורט דמיין**
**"הנקרא רבי אביש'ל פראנקפורטער"**

ער איז געבוירן אין שטאט מעזריטש, **בשנת ת"ן**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי צבי הירש אב"ד מעזריטש** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אברהם ממעזריטש** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי צבי הירש אב"ד דובנא** זי"ע, (חתן הגה"ק **רבי אברהם חיים שור בעל תורת חיים מסאנטוב** זי"ע),
בן הגה"ק **רבי עוזר מקרעמניץ** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת ריזל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי מרדכי גינצבורג אב"ד בריסק דליטא** זי"ע, (חתן הגה"ק **רבי יצחק מזאלקאווא** זי"ע),
בן הגה"ק **רבי בנימין זאב גינצבורג** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יעקב אב"ד פריעדלאנד** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אליעזר לייזר** זי"ע,
בן **הקצין המפורסם הר"ר שמעון גינצבורג מפוזנא** זי"ע.

ער איז געווען א גאון הגאונים און א איש קדוש מאוד, ער איז געווען א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, דער מאור הגולה המפורסם בכל קצוי ארץ, ביי דעם צדיק איז מקיים געווארן וואס חז"ל זאגן, **איש אשר רוח המקום ורוח הבריות נוחה הימנו, האי עניו והאי חסיד**, ער איז געווען מפורסם אלס א איש האמת נפלא, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים און גדולים בתורה מיט א מסירת נפש, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א מתמיד עצום, צדיקים הקודמים האבן מעיד געווען, **אז דער צדיק האט זוכה געווען צו גילוי אליהו הנביא ז"ל**, און ווי מען קען זען אויף די ניסוח המציבה, **איז ער געווען א גרויסע בעל מופת און פועל ישועות בקרב הארץ**.

מען דערציילט, אז דער גאון האט אמאל געזאגט, **אויב א מענטש וואלט ווען געוויסט די גרויסע כח פון דעם מידות האמת, וואלט א איד קיינמאל נישט ליגענט געזאגט**, אויך האט הגה"ק רבי לייב'עלע אייגער בעל אמרי אמת זי"ע מעיד געווען אויף דעם גאון, **אז ער איז געווען אזוי גרויס אונעם מידות האמת, אזוי ווי דער אר"י הקדוש זי"ע אין תורת הנסתר**, הרה"ק רבי יעקב יצחק היהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע האט מעיד געווען, **אז עס איז נישט געווען אויף די וועלט איינער וואס איז געווען א תם וישר אזוי ווי דעם גאון רבי אברהם אביש זי"ע**.

ער האט געלערנט ביי די גדולים און גאונים בדורו ובתוכם.

הגה"ק **רבי צבי הירש חריף אשכנזי בעל כוס ישועות מהאלבערשטאט** זי"ע,
הגה"ק **רבי נפתלי הכהן כ"ץ בעל סמיכת חכמים** זי"ע.

זיין רבו מובהק איז געווען הגה"ק **רבי שמואל בעל בית שמואל אב"ד פיורדא** זי"ע, וואס ער האט רוב פון זיין תורה געלערנט ביי דעם רבין.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת רבקה גאלדא** ע"ה,
בת הקצין הגה"ק **רבי אליהו הכהן ממעזריטש** זי"ע,
חתן רבו מובהק הגה"ק **רבי שמואל בעל בית שמואל מפיורדא** זי"ע.

נאך די חתונה האט ער ווייטער עוסק געווען בתורה אויף א באשיידענעם אופן, זיין רעבעצין האט געהאט א קליינעם געשעפט וואס פון דעם האבן זיי געהאט פרנסה בדוחק, און דער גאון האט געלערנט יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה בנגלה ובנסתר, צדיקים האבן מעיד געווען, **אז ער האט געהאט גילוי אליהו הנביא ז"ל**.

ער האט געדינט אלס רב און די אלע שטעט, **וואין**, **ווישניץ**, **ליקוב**, **יאנוב**, **מעזריטש**, **רוצוויל**, **קארוב**, **ליסא**, און יעדן שטאט ווי ער איז אנגעקומען, האט מען אים גאר שטארק מעריך געווען צוליב זיין גדלות בתורה, אבער ער דער גאון האט זיך אייביג באהאלטן און עוסק געווען בתורה אויף א גאר איינגעהאלטענעם אופן.

זייענדיג רב אין שטאט ליסא האבן שוין די גדולים און גאונים בדורו געוויסט פון זיין גדלות

בתורה און זיין געוואלדיגע מידות האמת, אלע גדולי הדור האבן זיך אויף אים פארלאזט מיט זיין הוראה, ווען עס האט אויסגעבראכן די גרויסע מחלוקה צווישן דעם **הייליגען פני יהושע** זי"ע און דער גאון **רבי יונתן אייבשיץ** זי"ע, האבןביידע צדדים מסכים געווען צו קומען צו דעם גאון רבי אברהם אביש, כדי מען זאל מאכן שלום.

צדיקים האבן מעיד געווען אז אליהו הנביא ז"ל איז געקומען לערנען מיט דעם גאון חכמת הקבלה און תורת הנסתר, און ער איז געווען א **בעל רוח הקודש**, דער בעש"ט הקדוש זי"ע האט געזאגט אויף דעם גאון, **אז ער איז א בעל רוח הקודש און א בקי במתיבתא דרקיעא**.

בשנת תקי"ט 4 יאר נאכן פטירה פונעם הייליגען גאון דער פני יהושע זי"ע האט מען דעם גאון רבי אברהם אביש אויף גענומען אלס ממלא מקום אין שטאט **פראנפורט**, דאן איז ער נתפרסם געווארן אין די וועלט אלס א גדול בתורה, מען האט זיך צו אים געוואנדען מיט די שווערסטע שאלות און מען האט זיין תשובה אנגעקומען **אלס דער פוסק האחרון**.

ער האט דארט אויך אויף געשטעטלט זיין ישיבה, וואס פון דארט זענען ארויס געקומען גרויסע גדולים און גאונים בתורה ובתוכם.

הגה"ק **רבי זלמן חסיד מפרנקפורט דמיין** זי"ע, (דער רבי פונעם **הייליגען חתם סופר** זי"ע),
הגה"ק **רבי חיים אויערבאך בעל דברי משפט אב"ד לונטשיץ** זי"ע.

מען דערציילט, אז זיינע תלמידים די גרויסע גאונים בתורה האבן מעיד געווען, אז ווען אימער זיי דערמאנען זייער רבין דער גאון וקדוש רבי אביש זי"ע, **כאפט זיי א פחד און א יראת הכבוד פון זיין גרויסע גדלות בתורה וחסידות און פון זיין געוואלדיגע פרישות און צדקות**.

ווערט דערציילט, אז דער הייליגער חתם סופר זי"ע איז געבוירן געווארן ערב שבת קודש גאר שפעט, דער עולם איז שוין געווען אין ביהמ"ד גרייט צו מקבל שבת זיין, אבער דער גאון וקדוש רבי אביש'ל זי"ע, האט געהייסן ווארטן און נישט אנהייבן קבלת שבת, **ווייל ער זעהט אז א גאר גרויסע נשמה דארף אראפ קומען אויף די וועלט, און ער וויל נישט מען זאל פאר דעם מחלל שבת זיין**.

נאר נאכדעם וואס מען איז געקומען מבשר זיין פארן צדיק, אז דאס קינד איז געבוירן געווארן, דאן האט זיך דער צדיק געשטעלט דאווענען און מקבל שבת געווען, אויך האט דער גאון געהייסן געבן פארן קינד דעם נאמען **משה**, **ווייל ער וועט נאך זיין א מנהיג ישראל ווי משה רבינו ע"ה**.

דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געזאגט בזה"ל, **אסאך גרויסע נשמות האבן געלעבט אין די צייטן פון דעם בעש"ט הקדוש זי"ע, אלע פון זיי זענען געווען חכמי הדור און אדירי התורה, אבער דעם נשמה פון רבי אביש'ל איז געווען גדול מכולם**, און די תלמידים פונעם חוזה האבן מעיד געווען, אז ווען זייער רבי דער חוזה האט אנגעהויבן רעדן פון דעם גאון רבי אברהם אביש זי"ע, **האט זיין פנים געלאכטען מיט א הימלישע לעכטיקייט**, און ער האט גערעדט מיט א געוואלדיגע התלהבות, איינמאל האט זיך דער חוזה אויס געדריקט בזה"ל, "**מאברהם עד אברהם, לא קם כאברהם**".

מען דערציילט, אז דער צדיק הרה"ק רבי לוי יצחק דער הייליגער קדושת לוי מברדיטשוב זי"ע איז איינמאל געווען אין שטאט ליקוב, ווען ער איז אריין געקומען אין דעם ביהמ"ד האט ער גלייך געזאגט, אז ער איז מרגיש א גרויסע אור אין דעם ביהמ"ד, און ער האט געפרעגט ווער עס האט דא געדאווענט, האט מען אים אויס גערעכנט אלע צדיקים און גאונים וואס האבן דארט געדאווענט, אבער ער האט זיך נישט בארואיגט, ביז מען האט פארן הייליגען בארדיטשובער זי"ע געזאגט, **אז אין דעם ביהמ"ד האט געדאווענט רבי אביש'ל מפרנקפורט זי"ע**, דאן האט דער צדיק געזאגט, **אז ער פארשטייט דעם גרויסן לעכטיקייט אונעם ביהמ"ד, נאכדעם וואס דער גאון האט דארט געדאווענט**.

הרה"ק רבי דוב בער המגיד ממעזריטש זי"ע האט גאר אסאך גערעדט פון דעם גדלות בתורה פונעם גאון רבי אביש'ל זי"ע, און ער האט געזאגט,

**אז אלע חידושים וואס זענען שגור אין די וועלט אן קיין נאמען נאר ווי א וועלטליכע חידוש, "למשל, העולם אומר", איז דאס פון דעם גרויסן גאון רבי אביש'ל זי"ע.**

הרה"ק רבי יקותיאל יהודה בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע האט דערציילט, אז דער זיידע דער הייליגער ישמח משה מאוהעל זי"ע האט געהאט א מנהג יעדן ערב יום הקדוש צו זאגן די ווערטער.

**עס קומט דער גרויסער טאג, דער טאג וואס דער באשעפער מאכט דעם חשבון אויף די גאנצע יאר פון די מעשים, און דער ישמח משה זי"ע האט געזאגט, אז ער האט א גרויסע פחד פונעם יום הדין, אבער אויב וואלט ביים דין געווען נאר מלאכים, וואלט מען עס נאך געקענט דורך טראגן, ווייל א מענטש איז דאך נישט קיין מלאך.**

**אבער וואס זאל מען טון, אז ביים יום הדין זענען צווישן די דיינים אויך ילידי אשה ווי דער גאון הגה"ק רבי אביש'ל מפרנקפורט זי"ע און דער הייליגער גאון הגה"ק רבי יחזקאל סג"ל לאנדא בעל הנודע ביהודה זי"ע, וואס דאס מאכט דעם פחד אסאך גרעסער.**

ער האט איבער געלאזט זיינע געהויבענע ספרים וואס אסאך דערפון זענען אויפן דרך פרד"ס און דרך הקבלה.

**ספר ברכת אברהם, על מסכת ברכות,**
**ספר ברכת אברהם, על מסכת עירובין, פסחים, ביצה,**
**ספר מחזה אברהם, על הגדה של פסח,**
**ספר קנה אברהם, על ספר בראשית,**
**ספר עמק המלך, על הרמב"ם,**
**ספר ברכת אברהם, על שו"ע או"ח.**

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער גאונים וקדושים.

הגה"ק **רבי אלעזר אב"ד שאוועל** זי"ע,
הגה"ק **רבי יעקב אב"ד לוקניק** זי"ע,
הגה"ק **רבי משה מקאריב** זי"ע,
הגה"ק **רבי אריה ליבוש מקאריב** זי"ע,
הגה"ק **רבי יוסף מקאליש** זי"ע,
הגה"ק **רבי צבי הירש מפרנקפורט דמיין** זי"ע,
הגה"ק **רבי עוזר אב"ד ביאלא מעזריטש** זי"ע,
חתנו הגה"ק **רבי אשר לעמיל הכהן** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **י"א תשרי בשנת תקכ"ט**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **פרנקפורט**, סמוך ונראה צום **הייליגען רי"ף** זי"ע, און הגה"ק **רבי שמואל שאטין כ"ץ בעל חידושי מהרשש"ך** זי"ע, הגה"ק **בעל פני יהושע** זי"ע, הגה"ק **בעל הפלאה** זי"ע, הגה"ק **רבי נתן אדלער** זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**ווערט דערציילט א מעשה וואס ברענגט ארויס דעם גרויסע קדושה און צדקות פון דעם גאון,** איינמאל איז דער גאון געווען אויפן וועג און עס איז געווארן נאכט, בלית ברירה האט זיך דער גאון איינגעבעטן ביי א גוי, אז ער זאל קענען איבער נעכטיגן אין זיין גאסט הויז.

פארשטייט זיך אז דער גאון איז אויף געווען די גאנצע נאכט און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, אבער דארט אין דעם גאסט הויז איז איין געשטאנען אן אנדערע איד ליידער א גנב, אינמיטן די נאכט ווען יעדער איז געשלאפן, האט דער גנב גע'גנב'עט טייערע דיימאנט שטיינער פון דעם גאסט געבער, און דער גנב האט זיך געלייגט שלאפן.

צופרי האט דער גוי געזען, אז מען האט גע'גנב'עט פון אים די טייערע דיימאנט שטיינער, האט ער גלייך חושד געווען דעם גאון רבי אביש, וויבאלד ער איז דאך געווען דער איינציגסטער וואס איז אויף געווען די גאנצע נאכט, דער גוי האט אנגעהויבן פארשעמען און שלאגן דעם גאון, אבער דער גאון האט זיך ממש געבעטן, אז מען זאל אים אפלאזן, ווייל ער איז נישט געווען דער גנב, אבער דער גאון האט בשום אופן נישט געוואלט אויס זאגן ווער דער גנב איז, אפילו ער האט דאך באמת געוויסט צו זעענדיג די גניבה.

אבער פלוצלונג האט דעם גנב אן געכאפט א געפערליכע קרענק, אז מען האט געמיזט אראפ

נעמען אלע זיינע קליידער, און דאן האט מען אנדעקט די טייערע דיימאנט שטיינער וואס ער האט גענומען, דאן האט דער גוי געזען, אז ער האט סתם חושד געווען דעם גאון דעם צדיק און ער האט אים איבער געבעטן, אבער דאס ווייזט אז דער גאון איז געווען גרייט צו ליידן ווי איידער איינעם צו מסר'ן. (ספר אהל אברהם).

• • •

**ווי באקאנט איז דער גאון געווען א גרויסער עניו** און זיך בכלל נישט גרויס געהאלטן אפילו ער איז באמת געווען פון די גרעסטע גאונים בימיו, אויך איז ער געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע מידות צדקה וחסד וואס דער גאון האט צוזאמען געשטעלט גאר גרויסע סכומים פאר צדקה און אלעס אן קיין שום פורסים.

• • •

**מען דערציילט, אז דער גאון איז אמאל געווען אין א שטאט** ווי ער איז געגאנגען צוזאמען שטעלן געלט פאר א גאר וויכטיגע צדקה צוועק, איז דער גאון ארויף צום שטוב פון א גרויסע גביר וואס איז געווען באוויסט אלס א גרויסער קמצן, און מען האט פון אים נישט געקענט באקומען קיין פרוטה פאר צדקה, און אזוי ווי דער גאון איז אריין געקומען צו דעם קמצן אין שטוב, האט ער דעם גאון פארטריבן פון ביי זיך אין שטוב.

אזוי ווי דער גאון איז ארויס פון שטוב, האט דער קמצן באמערקט אז זיין טייערע גאלדענע שטעקן פעילט אים, ער האט גלייך חושד געווען דעם איד וואס איז געווען ביי אים אין שטוב, אז ער האט דאס זיכער גענומען, דער קמצן נישט וויסענדיג ווער דער גאון איז, איז דער גביר גלייך ארויס געלאפן פון שטוב, און צו געגאנגען צום גאון און אים גוט באזידעלט פארן נעמען דעם שטעקן, דער גאון האט גלייך געזאגט פאר דעם קמצן, אז ער האט באמת נישט גענומען דעם שטעקן, אבער דער קמצן האט פון גארנישט געוואלט וויסן, און ער האט גוט אנגעקלאפט דעם גאון און בלית ברירה זיך אהיים געגאנגען.

ווען עס איז אנגעקומען דעם שבת, האט אין ביהמ"ד געהאנגען צעטליך אז דער גאון רבי אביש'ל פראנקפורטער וועט זאגן א דרשה אין דעם גרויסן ביהמ"ד, צום צייט האבן זיך צוזאמען גענומען די גאנצע שטאט אין ביהמ"ד צו הערן דעם דרשה פון דעם גאון, און צווישן די וואס זענען געקומען הערן די דרשה איז געווען דער גביר דער קמצן.

אזוי ווי דער גביר קומט אריין אין ביהמ"ד און דערזעהט ווער דער גאון וואס גייט רעדן איז, האט אים געכאפט א פחד, ווייל ער האט געכאפט אז ער האט דעם גרויסן גאון געשלאגן און באזידעלט און סתם חושד געווען אין די גניבה, האט זיך דער גביר צוגעשטיפט צום גאון כדי ער זאל אים בעטן מחילה אויף וואס ער האט אפגעטון.

אבער אזוי ווי דער גאון האט געזען דעם גביר, **האט דער גאון געמיינט אז זיכער קומט דער גביר אים נאכאמאל שלאגן וועגן דעם שטעקן, האט ער זיך גלייך געבעטן ביי דעם גביר, אז ער זאל אים גלייבן אז ער האט נישט גענומען דעם שטעקן, עס איז דעם גאון בכלל נישט איינגעפאלן אז דער גביר קומט אים דא יעצט מפייס זיין**. (ספר אהל אברהם).

• • •

**הגה"ק רבי יצחק מאיר אלתר בעל חידושי הרי"ם מגור זי"ע האט דערציילט**, אז ער האט געהערט פון איינע פון די זקנים וואס האבן נאך געקענט דעם הייליגען צדיק רבי אביש'ל פראנקפורטער זי"ע, אז אין די יונגע יארן האט דער גאון רבי אביש'ל נישט פארשטאנען קיין לערנען, און עס איז אים געווען גאר שווער צו פארשטיין דאס לערנען, אבער ער איז געווען א **ירא שמים מאוד, אבער צוליב דעם האבן די קינדער כסדר חוזק געמאכט פון דעם צדיק און געטשעפעט צוליב זיין שוואכע קאפ**.

ווען ער איז א חתן געווארן בשעת טובה מיט זיין מחותן הקצין מוה"ר אלי' הכהן זי"ע חתן רבו הגה"ק רבי שמואל בעל בית שמואל אב"ד פיורדא זי"ע, און יענע צייט איז געווען דער מנהג, **אז דער חתן האט ביי די חתונה געבענטשט אויפן קול הויעך פארן עולם**, און וויבאלד דער חתן אביש'ל איז דאך געווען זייער שוואך אין זכרון, האט מען די גאנצע צייט בעפאר די חתונה גע'חזר'ט מיט אים דאס בענטשן, כדי ביי די חתונה זאל ער נישט מאכן קיין בושת פאר די משפחה.

אבער אויפן וועג צום חתונה ווען מען האט זיך אפגעשטעלט אין א גאסט הויז, און מען האט

דארט געמאכט א סעודה, האט מען מכבד געווען דעם חתן מיטן בענטשן, **אבער מיט זיין שוואכן זכרון האט דער חתן נעבעך פארגעסן דאס בענטשן**, און די משפחה זענען געווארן שטארק ברוגז אויפן חתן, און דער עלטערע ברודער הגה"ק רבי מרדכי זי"ע האט דעם חתן גאר שטארק באוואשן פארן פארגעסן דעם בענטשן, **און דורך דעם וועט ער ברענגען שרעקליכע בושות פאר די משפחה**.

פון גרויס צער איז דער חתן אביש'ל ארויס געלאפן פון שטוב, און ער איז אריין געלאפן אין וואלד, און מיט גרויס געוויין האט ער געזאגט, **רבוש"ע אויב האסטו געוואלט איך זאל זיין א עם הארץ און א טיפש, פארוואס בין איך געבוירן געווארן אין א שטוב פון אזא חשובע משפחה וואס שטאמט פון אזאנע גרויסע גדולים און גאונים בתורה, און פון גרויס צער און געוויין איז דער חתן איינגעשלאפן**.

און דאן איז געקומען צו אים אין חלום א איש קדוש מאוד, און ער זאגט פארן חתן די בשורה טובה, אז פון יעצט וועט זיין הארץ געעפנט ווערן כפתחו של אולם, ער וועט אי"ה אנהייבן פארשטיין תורה און האבן א שטארק זכרון, און די משפחה וועט זיך מיט אים בענטשן, אבער ער זאל נישט טוישן זיין מדרגת פון זיין געוואלדיגע יראת שמים און שפלות, און ער זאל קיינעם נישט מגלה זיין אז ער פארשטייט תורה, און איך וועל דיר שטיין צו די האנט ווען די וועסט מיך ברויכן.

און דאן האט זיך דער חתן דערוועקט און ער האט גלייך געשפירט, אז עס האט זיך פאר אים אויף געמאכט די שערי אורה, און ער האט פארשטאנען אז דאס איז זיכער געקומען פון הימל.

דעם קומענדיגע טאג נאך די חתונה האט דער חתן געדאווענט אין שוהל פונעם שטאט, די משפחה האט זיך אויף געהאלטן אין זייער אכסניא נישט וועלענדיג ווערן מבוזה פון דעם חתן דער עם הארץ, אבער נאכן דאווענען ווען מען האט מכבד געווען דעם חתן צו זאגן דברי תורה, האט ער געזען דעם איד וואס איז געקומען צו אים אין חלום די פאריגע נאכט, און דער גאון האט זיך גענומען זאגן א דרשה פיל מיט חריפות און בקיאות, דער גאנצער עולם איז ממש ארויס פון התפעלות און מען האט ממש באוואונדערט זיין גדלות וחריפות בתורה.

די משפחה האט געווארט אז דער חתן זאל אהיים קומען פון שוהל, אבער ווען עס איז שוין געווארן שפעט און דער חתן איז נישט אהיים געקומען, האבן זיי געשיקט א שליח זעהן וואס גייט פאר מיטן חתן, מיט גרויס שמחה קומט דער שליח צוריק און זאגט, עטס וועט נישט גלייבן וואס גייט פאר, דער חתן שטייט אין שוהל און זאגט א דרשה פיל מיט חריפות וגאונות און דער גאנצער עולם זיצט און הערט זיך צו מיט דארשט צום דרשה.

פארשטייט זיך אז די גאנצע משפחה איז אריבער געלאפן אין שוהל, און צו זייער וואונדער זעהן זיי ווי דער חתן שטייט און זאגט א דרשה כאחד הגדולים בדורו, דאן האט די משפחה אנגעהויבן טראכטן ביי זיך, אז דער חתן דער תלמיד חכם פאסט דאך נישט צו זיין א איידעם ביי דעם קצין פון שטאט, אבער דער חתן האט בשום אופן נישט געוואלט הערן פון אפ לאזן דעם שידוך, און טאקע וועגן דעם האט ער זיך כסדר גע'חתמ'ט "**אברם הוא אברהם**", צו ווייזן אז ער איז אמאל געווען נאר אברם, אבער ער איז איבער געדרייט געווארן צו אברהם. (ספר כוחה של תפלה).

• • •

**איינמאל ווען עס איז געווען א שנת בצורת און עס איז געווען גאר שווער צו באקומען עסן**, האט דער צדיק אויס געגעבן זיין גאנצע פארמעגן וואס ער האט פארמאגט, כדי צו פארשאפען עסן פאר די ארימעלייט פון שטאט, האט איינער געפרעגט פון דעם גאון, היתכן ער איז עובר אויף די דברי חז"ל וואס זאגן, (מסכת כתובות נ') ש**אל יבזבז אדם יותר מחומש, אז א מענטש זאל נישט אויסגעבן אויף צדקה מער ווי א פיפטל פון זיין פארמעגן**.

האט דער גאון מיט זיין גדלות אין מידות הצדקה געענטפערט, די ווערטער פון חז"ל איז נישט געזאגט געווארן ווען עס איז **פיקוח נפש**, ווייל אפילו שבת קודש וואס איז אסאך הארבער ווי סיי וואס, ווערט עס אבער נדחה ביי פיקוח נפש, כל שכן א מילתא דרבנן, און אויך זאגט די פסוק אין משלי, **רודף צדקה וחסד ימצא "חיים" צדקה וכבוד**. (ספר אהל אברהם).

• • •

**מען דערציילט, אז איין וואך שבת קודש איז אנגעקומען א גאסט** צום צדיק דער גאון רבי אביש'ל זי"ע, פארשטייט זיך דער גאון האט דעם גאסט מקבל געווען מיט גרויס שמחה, אבער ווען ער האט געענדיגט עסן די ביינאכט סעודה, האט ער געבעטען אז ער ברויך נאך עסן, האט דער גאון אים געגעבן דאס גאנצע עסן פון די צופרי סעודה, אבער דער גאסט איז נאכאלס נישט געווען זאט, האט דער גאון געבעטען מען זאל ברענגען נאך עסן פון אנדערע אידן פון שטאט.

מוצאי שבת האט דער גאסט ווייטער געבעטן עסן, האט דער צדיק געבעטן, מען זאל ברענגען בהמות און שחט'ן פארן גאסט, **אבער צום מזל האט מען גע'שחט'ן דרייצן בהמות און אלע זענען ארויס געקומען טריפה אויסער דאס לעצטע בהמה**, אבער דער גאון איז גאר נישט אנגעגאנגען, נאר ער האט געוואלט מאכן זיכער אז דער גאסט ווערט זאט.

דאן האט דער גאסט מגלה געווען פארן גאון, אז באמת איז ער נישט קיין פרעסער וואס זיכט מען זאל אים געבן אזוי פיל עסן, נאר איך בין א שליח מן השמים, וואס מען האט מיך געשיקט אויס פראבירן אויב מען וועט מיר אין שטוב פונעם צדיק געבן וויפיל איך וועל בעטן, **און יעצט זעה איך אז דאס מידות הצדקה האט ביים גאון נישט קיין גבול.** (ספר אהל אברהם).

• • •

**צו פארשטיין די חכמה און צדקות פון דעם צדיק איז ראטזאם צו דערציילן די מעשה,** איינמאל איז א איד א סוחר געקומען אין שטאט פראנקפורט אויף מסחר, און דער איד איז אינמיטן וועג אריבער א פלאץ און איז אריין אין ביהכ"ס, זייעדניג דארט האט ער אראפ געלייגט זיין בינטל געלט, און דער איד איז ארויס און פארגעסן דעם בינטל געלט דארט.

א שטיק צייט שפעטער האט דער איד באמערקט אז עס פעלט אים זיין גאנצע געלט, דער איד איז געווארן אינגאנצן צובראכן און איז ארום געלאפן אין די גאס שרייענדיג און וויינענדיג אויפן פארלירן זיין גאנצע געלט, דער גאון וצדיק רבי אביש'ל פראנקפורטער זי"ע וואס איז דאן געווען דארט רב, איז צו געגאנגען צו דעם איד און פרעגט וואס עס גייט פאר, האט אים דער איד דערציילט, אז ער האט פארלוירען זיין גאנצע געלט און ער ווייסט נישט וואס צו טון.

האט אים דער צדיק רבי אביש'ל זי"ע געזאגט, זייט נישט באזארגט איך האב אייער געלט, אבער קודם קומט אריין צו מיר און שטוב און עסט א סעודה און בארואיגט זיך, און איך וועל אייך צוריק ברענגען דאס געלט, דער איד איז אריין געקומען און האט געגעסן א פיינע סעודה און זיך בארואיגט, **אבער דאן האט ער זיך דערמאנט ווי ער האט געלאזט די געלט, און ער איז גלייך אהין געלאפן און געטראפן דאס גאנצע געלט**, האט אים דער צדיק רבי אביש'ל זי"ע געזאגט, **איר זעהט איך האב געוויסט, אז אויב וועט איר באקומען ישוב הדעת און זיך בארואיגן, וועט איר זיך דערמאנען ווי דאס געלט ליגט.** (ספר אהל אברהם).

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אביש'ל מפראנקפורט זי"ע איז געווארן רב אין שטאט פרנקפורט, האט ער דארט געהאט אסאך מתנגדים וואס האבן ליידער נישט אויס געהאלטן אז מען נעמט אים אויף אלס רב אין אזא גרויסע שטאט, און מען האט אסאך גערידערט איבער דעם, און ווען דער צדיק האט זיך אויפגעשטעלט זאגן זיין איינצוגס דרשה אין שוהל האט ער געזאגט, איך האב דריי קשיות.

דאס ערשטע איז, **ווי אזוי האב איך אזא הדיוט חוצפה צו ווערן דער רב אין אזא חשובע שטאט ווי פרנקפורט**, די צווייטע קשיא איז, **פארוואס די אידן פון שטאט ווילן נעמען אזא מענטש ווי מיר זאל ווערן רב אין שטאט**, דער דריטע קשיא איז, **פארוואס האט דער בורא כל עולמים צו געלאזט אזא זאך, אז א א פשוטע מענטש ווי איך זאל ווערן רב אין אזא גרויסע שטאט ווי פרנקפורט.**

האט דער צדיק פאר ענטפערט די קשיא'ס, דאס ערשטע, **אויב זענען דא אידן אין שטאט וואס ווילן איך זאל ווערן רב, בין איך דאס מקבל אויף מיר**, דאס צווייטע, **אויב פון הימל וויל מען אז איך זאל ווערן רב, דאן זענען די אידן פון שטאט אויך מסכים צו דעם**, און לגבי דעם דריטן קשיא, **דאס ווייס איך שוין נישט דעם תירוץ, אבער די אידן וואס וויל וויסן די תירוץ, וועט מען ארויף ריפן אויבן אין הימל, לא**

**היה ימים מועטים און די אידן זענען נעבעך נפטר געווארן, און פון דאן האבן די אידן פון שטאט שוין מכבד געווען דעם צדיק וקדוש**. (ספר אהל אברהם).

• • •

**הרה"ק רבי מנחם מענדל השרף מקאצק זי"ע האט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי אביש'ל מפרנקפורט זי"ע האט זייער מהדר געווען אויף יעדע מצוה מיט א געוואלדיגע הידור, אבער ספעציעל האט ער זייער מקפיד געווען נישט אפ צו זאגן קיין **סנדקאות**, אפילו עס איז אים אסאך מאל אנגעקומען גאר שווער די מצוה.

איינמאל איז דער צדיק געפארן מיט א בעל עגלה צו א ברית ווי מען האט אים מכבד געווען מיט סנדקאות, און אויפן וועג פארענדיג צום ברית האט דער צדיק געהאט צוויי אפציעס ווי אריבער צו גיין, איינס איז געווען דורך א **תיפלה**, וואס דארט זענען בשעת מעשה געווען גוים און עס איז געווען א סכנה, וויבאלד עס איז דאן געווען די חגאותביי זיי, אדער האט מען געקענט פארן פון א אנדערע וועג, **אבער יענע וועג איז געווען זייער מאראסטיג און זאמדיג, וואס דאס וואלט געווען צער בעל החיים פאר די פערד**.

דער בעל עגלה האט אבער געוואלט גיין דורך די מאראסטיגע וועג, ווייל ער האט מורא געהאט פון די גוים, האט זיך דער צדיק רבי אביש'ל זי"ע אנגערופן, **לאמירווארטן א פערטל שעה, וואס דאן וועט אויס ברעכן א פייער אינעם תיפלה, און וויבאלד די גוים וועלן זיין פארנומען מיטן פייער, וועלן זיי אונז נישט זעהן דורך גיין, און אזוי וועט מען קענען גיין אויפן געהעריגן וועג און נישט מצער זיין די פערד**, לפלא נאך א האלבע שעה האט אויס געבראכן א פייער אינעם תיפלה, און די גוים זענען געווען פארנומען מיטן פייער און זיי זענען דורך בשלום.

האט דער בעל עגלה געפרעגט דעם צדיק, פון ווי האט די רבי געוויסט אז עס גייט אויס ברעכן א פייער אינעם תיפלה, האט דער צדיק מיט זיין געוואלדיגע עניוות געזאגט, **מיינט נישט אז דאס איז געווען רוח הקדוש אדער חכמה, בכלל נישט**, נאר וויבאלד איך האב דאס געזאגט און איך היט אפ מיינע ריידט, פאסירט אזוי ווי איך זאג, און די קענסט דאס אויך באווייזן, ווייל עס שטייט דאך אין תנא דבי אליהו אויפן פסוק, **לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה**, אז איינער וואס גיבט אכטונג אויף זיינע דיבורים, ווערט מקיים וואס ער זאגט. (בשם הרה"ק מקאצק זי"ע).

• • •

**איין ערב יום הקדוש איז געקומען צום גאון וקדוש רבי אביש'ל מפרנקפורט זי"ע**, איבער הונדערט שאלות אויף הינדלעך אויב עס איז כשר, און דער גאון האט געפסק'נט אויף אלע אז עס איז כשר, איינע פון די דיינים אינעם בי"ד האט ארויס געוויזן גרויס וואונדער, **ווי אזוי עס קען זיין אז אלע הינדלעך זענען ארויס כשר**, האט אים דער גאון רבי אביש'ל זי"ע געזאגט, **מאכן פון כשר טריפה איז א עבירה בין אדם לחברו, אבער מאכן פון טריפה כשר איז א עבירה בין אדם למקום, און אויף דעם איז יום כיפור מכפר, און האב נישט מורא, אויף אלע די שאלות האב איך גע'פסק'נט ריכטיג**. (ספר נפלאות חדשות).

• • •

**איינמאל איז איינע פון די נאנטע אידן צום צדיק רבי אביש'ל מפרנקפורט זי"ע** געקומען צום הייליגען מגיד ממזריטש זי"ע, און דער הייליגער מגיד האט געפרעגט דעם איד, **וואס איז פארגעקומען מיטן אייער רבין רבי אביש'ל דעם יום הקדוש, ווייל יעדעס יאר זעה איך אים אויבן אין הימל יום הקדוש**, דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דער מגיד מיינט, אבער ווען ער איז צוריק געקומען קיין פרנקפורט און דערציילט פאר זיין רבין וואס דער מגיד האט געזאגט, האט דער צדיק רבי אביש'ל געזאגט, **דער מגיד האט מיך געזיכט אין הימל, אבער איך בין געווען ביים מלך אין פרייסן צוליב דעם מלחמה, און ב"ה איך האב ביי אים גע'פועל'ט אז די מלחמה זאל זיך שוין ענדיגן**. (ספר אהל אברהם).

• • •

**ווי באוויסט האט דער הייליגער צדיק רבי אביש'ל מקפיד געווען** צו זיצן ביי א דין תורה אנגעטאן מיט די טלית ותפילין, איינמאל זענען די בעלי דינים געזעצן אין פאדער שטוב פונעם צדיק, און מען האט געווארט אויפן צדיק אז ער זאל ארויס קומען, האט איינער דארט באמערקט אויפן וואנט א מנורה פון האלץ, און דער איד האט געפרעגט, **היתכן אין שטוב פון אזא גדול בתורה איז נישט דא קיין מנורה פון גאלד**, האט איינע פון די אידן דארט געזאגט בדרך צחות, **אז באמת איז דאס**

**יא פון גאלד, נאר מען האט דאס באדעקט מיט האלץ.**

פלוצלונג קומט אריין דער צדיק רבי אביש'ל אין שטוב, אבער גלייך דרייט ער זיך אויס און גייט ארויס פון שטוב און זאגט, אז ער איז נישט מסכים צו פירן דעם דין תורה, און ער האט מסביר געווען די סיבה, ווי דער פסוק זאגט **אֱלֹקִים נִצָּב בַּעֲדַת קֵל**, און יעדעס מאל איך קום אריין צו א דין תורה, **זעה איך די השראת שכינה הקדושה ריען דארט, אבער דא האט איינער געזאגט ליצנות, און די פסוק זאגט, אז ווי מען מאכט ליצנות איז נישט דא קיין השראת השכינה, דערפאר וויל איך נישט דא זיין**. (ספר אהל אברהם).

• • •

**אין ספרי תולדות גדולי אשכנז ופולין ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי אביש'ל מפרנקפורט זי"ע איז נאך געווען א יונגערמאן אין שטאט קראקא, איז ער געווען אויסערגעווענליך באקאנט מיט זיין **מדת הכנסת אורחים**, און טראץ זיין גרויסע דחקות און עניות, האט זיין הויז כסדר געווירבלט מיט אורחים, און יעדעס מאל אן ארעמאן האט אריינגעטראטן, האט ער אים פערזענליך באדינט מיט אן אויסערגעווענליכע שמחה.

איינמאל איז געקומען צו גיין א פרעמדער ארעמער הונגעריגער איד, צעריסן און צעשלאגן, דער צדיק רבי אביש'ל האט אים געוואשן די פיס, צוגעגרייט דאס בעסטע עסן וואס איז געווען אין שטוב, און אים אליין צוגעטראגן די טעלער, אינמיטן עסן האט דער גאסט געוואלט ארויסגיין פון שטיבל, און רבי אביש'ל איז אים נאכגעאנגען באדינען.

פלוצלונג האט דער גאסט אויסגעדרייט דאס פנים צו אים און זיך מגלה געווען **אלס דער מלאך רפאל** (**און לויט א צווייטע נוסח, אליהו הנביא / א מגיד פון הימל**), און ער האט אים אנגעזאגט, "**צוליב דיין מורא'דיגע זהירות אין הכנסת אורחים מיט אזא אמת'ע עניוות, האט מען אין הימל באשלאסן דיר משפיע צו זיין אן אויסערגעווענליכע השגה בתורה און רוח הקודש**", און פון יענער שעה אן האט מען ביי רבי אביש'ל געזען אפענע מופתים און גילויים נפלאים.

• • •

**אין מסורות וסיפורי צדיקים ווערט דערציילט**, אז אינעם חסידישן מסורה ווערט דערציילט, אז דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט אמאל געזאגט פאר זיינע תלמידים, "**איך זעה א גרויסע ליכטיגקייט וואס שיינט אין דער מערב-וועלט (אשכנז), און דאס איז דער קדוש עליון רבי אביש'ל פראנקפורטער**".

און מען דערציילט, אז דער בעש"ט האט געוואוסט פון רבי אביש'לס כוחות אפילו ווען זיי זענען קיינמאל נישט געזעצן צוזאמען פנים אל פנים בגשמיות, תלמידי בעש"ט האבן דערציילט, אז רבי אביש'ל האט זוכה געווען צו א בחינה פון "**נשמה דאצילות**" וואס איז געווען אינגאנצן אפגעזונדערט פון גשמיות, און אפילו די גרעסטע חסידישע רבי'ס פלעגן דערמאנען זיין נאמען מיט א ציטער און אימה פון זיין צדקות.

• • •

**אין ספר זכרון אברהם ווערט געברענגט**, אז אין די צייטן וואס דער צדיק וקדוש רבי אביש'ל זי"ע האט געדינט אלס רב אין פראנקפורט דמיין, איז ארויסגעקומען א שווערע גזירה מצד דער לאקאלער רעגירונג (דער הערצאג/הערשער פון דער געגנט) **קעגן די אידישע איינוואוינער איבער שטייערן און וואוין-רעכטן**, די ראשי הקהילה זענען געווען שרעקליך צובראכן, און מיט גרויס שרעק זענען זיי געלאפן צום רב, רבי אביש'ל, אז ער זאל מיטגיין מיט א דעלעגאציע פון עשירים שתדלנ'ן ביים פאלאץ.

דער צדיק רבי אביש'ל איז געווען איינגעהילט אין טלית ותפילין און פארטיפט אין זיין עבודת הקודש און זיין לימוד התורה בקדושה, ער האט געזאגט פאר די פרנסים, "**גייט איר צום פאלאץ, און איך וועל גיין צום מלך מלכי המלכים**", און ער האט זיך פארשפארט אינעם ביהמ"ד ביים ארון קודש און פארגעגאסן טייכן טרערן מיט בכיות נוראות און מתפלל געווען צום באשעפער פאר א ישועה.

ווען די דעלעגאציע איז אנגעקומען צום פאלאץ פונעם פריץ, אנשטאט כעס און רשעות, האט דער הערשער זיי אויפגענומען מיט אן אויסערגעווענליכער איידלקייט, ער האט זיך אנגערופן צו זיי, "**ווען איך בין היינט**

**אויפגעשטאנען, איז מיר געקומען א פחד און א שרעק אין הארץ, און איך האב געפילט אז אן אלטער הייליגער מאן שטייט איבער מיר און ווארנט מיר נישט צו טשעפען די אידן**", און די גזירה איז אויפן פלאץ בטל געווארן, ווען די פרנסים זענען צוריקגעקומען דערציילן די גוטע בשורה פארן רב, האט מען געזען **אז דער פריץ האט געשילדערט גענוי די צורה און די בגדים פון רבי אביש'ל**.

• • •

**אינעם קובץ כרם שלמה ווערט דערציילט**, אז טראץ דעם וואס ער איז געווען מרא דאתרא פון א ריזיגע וועלט-בארימטע קהילה ווי פראנקפורט דמיין, פלעגט דער צדיק רבי אביש'ל זיך פירן מיט א שפלות רוח וואס מען האט זעלטן געזען, אום ימים נוראים, ווען ער איז צוגעגאנגען צום עמוד דאווענען מוסף פאר דער גאנצער קהילה, האט ער געוויינט מיט אזעלכע בכיות אז דער גאנצער בית המדרש איז צעגאנגען פון גרויס השתפכות הנפש פונעם צדיק.

איינמאל האט אים איינער פון די דיינים געפרעגט, "**דער רבי איז דאך מפורסם אלס א קדוש וטהור, פון וואו קומט אזא שטארקע שפלות און צעבראכנקייט**", האט דער צדיק רבי אביש'ל געענטפערטמיט א פשטות און מיט זיין געוואלדיגע עניוות, "**ווען איך שטיי פארן בורא עולם, קוק איך נישט אויף וואס די מענטשן רעדן אדער אויף מיין כבוד הרבנות, איך קוק נאר וויפיל חסד השי"ת טוט מיט א בשר ודם וואס איז גארנישט, און ווען מען זעט דעם רבונו של עולם'ס גרויסקייט, ווערט דאס גאנצע מענטשליכע גדלות אויסגעוועפט ווי שטויב**".

• • •

**אין ספר זכרון טוב ווערט דערציילט**, אז א שווארצער איד א שיינע בעל פרנסה פון פראנקפורט, וואס פלעגט האנדלען מיט גרויסע סחורות, איז איינמאל געקומען צו לויפן צום רב דער צדיק רבי אביש'ל זי"ע, און מיט בכיות נוראות דערציילט דער סוחר, אז ער האט געהאט א שליסל-בינטל צו זיין אייזערנער קאסע, וואו עס זענען געלעגן אלע זיינע געלטער, וועקסלען און שטרות פון די גאנצע שטאט, און ער האט דאס בינטל אומגליקליך פארלוירן ווען ער איז אריבערגעפארן דעם בריק איבער דער טייך אין פראנקפורט דמיין, און ער איז געשטאנען פאר פולקאמען באנקראט, און אויב מען געפינט עס נישט זענען אנדערע מענטשן אויך פארלוירן.

דער צדיק רבי אביש'ל האט אים אנגעקוקט מיט גרויס רחמנות און געזאגט, "**זארג נישט, גיי ארויס צום טייך, ווארט ביים ברעג וואו די פישער קומען אן מיט די שיפלעך, קויף אפ דעם ערשטן גרויסן פיש וואס קומט ארויס פון וואסער, און עפן אים אויף אין שטוב**", דער איד האט געפאלגט דעם רב'ס הייליג ווארט, ער איז געלאפן צום ברעג, אפגעקויפט פון א דייטשן פישער דעם ערשטן פרישן פיש, און אינדערהיים ביים אויפשניידן די געדערעם האט ער געפונען דאס גאנצע שליסל-בינטל אומגעשעדיגט, די מעשה האט געמאכט א גרויסע קידוש השם אין דער גאנצער שטאט, ווען אפילו די גוים האבן געציטערט פונעם "**אידישען געטליכע מאן**" וואס זעט באהאלטענע זאכן טיף אין וואסער.

• • •

**אין ספר עטרת משה ווערט דערציילט**, אז צוויי נכבדים אין פראנקפורט זענען געקומען צום צדיק רבי אביש'ל פאר א דין תורה, איבער א גרויסער ירושה, איינער פון זיי—א גרויסער עושר מיט א שטארקן נאמען אין שטאט—האט מיטגעברענגט א געחתמ'עטן שטר וואס האט געוויזן אז דער נפטר האט אים איבערגעלאזט די גאנצע פארמעגן, די דיינים האבן איבערגעקוקט דעם שטר, די חתימות האבן געשטימט, און לויט די טרוקענע הלכה איז דער עשיר געווען גערעכט, דער צדיק רבי אביש'ל האט גענומען דעם שטר אין האנט, פארמאכט די אויגן פאר עטליכע מינוט, און פלוצלונג געזאגט מיט א שטארקייט, "**דער שטר איז א מזויף, און דער טינט איז פרישער ווי דער פאפיר**".

דער עושר האט אנגעהויבן טענה'ן מיט שטורעם אז דער רב באשולדיגט אים אומזיסט און פארשעמט זיין כבוד, אבער דער צדיק רבי אביש'ל האט רואיג געענטפערט און געוויזן פארן עושר, "**קוקט גוט אן דעם פאפיר קעגן דער זון שיין, דער נפטר איז נפטר געווארן מיט דריי חדשים צוריק, אבער אויפן וואסער-צייכן (Watermark) פונעם פאפיר שטייט די פאבריק-טאג וואס איז ערשט פראדוצירט געווארן פאריגע וואך**", ווען מען האט

אריינגעקוקט אין דער זייט, האט מען קלאר געזען דעם שטעמפל פונעם פאפיר-מיל, און דער עושר איז געפאלן צו די פיס פונעם רב, און מודה געווען אז ער האט געפעלשט דעם שטר נאך דער פטירה, און געבעטן תיקון אויף זיין עבירה.

• • •

**אין ספר אוצר המעשיות ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז א קינד פון אן אנגעזעענעם איד אין דער קהילה קראנק געווארן אויף א ביטערן אופן, די גרעסטע דאקטוירים אין פראנקפורט האבן שוין אויפגעגעבן זייערע האפענונגען און געזאגט אז עס איז שוין בלויז אן ענין פון שעות, חלילה, דער טאטע איז געלאפן היסטעריש צום הויז פונעם רב דער צדיק וקדוש רבי אביש'ל זי"ע, אריינגעלאפן אין זיין חדר און געשריגן מיט בכיות נורואות צום רבין אז ער זאל ברענגען א רפואה פארן קינד.

דער צדיק רבי אביש'ל איז דעמאלט געזעצן מיט טלית ותפילין נאכן דאווענען, און עוסק געווען אין זיין עבודת הקדוש מיט גרויס קדושה, ער האט אויסגעטאן זיין טלית קטן (ציצית), דאס איבערגעגעבן פארן פאטער און געזאגט, "**לויף שנעל אהיים, לייג דעם טלית אויפן ברוסט פונעם קינד, און זאג דריי מאל דעם פסוק 'שמע ישראל', און מיטן באשעפער'ס הילף וועט דאס קינד האבן א רפואה בקרוב**", דער פאטער איז געלאפן אהיים, און ווען ער האט ארויפגעלייגט דעם בגד אויפן קראנקן קינד, האט דאס קינד פלוצלונג געעפנט די אויגן, און גענומען א טיפן אטעם, און געבעטן א גלאז וואסער, די דאקטוירים וואס זענען געשטאנען ביים בעט זענען געבליבן צעטומלט און דערשטוינט פון דעם וואונדער, און ביז עטליכע טעג איז דאס קינד געווען געזונט און שטארק ווי פריער.

• • •

**אינעם ספר שם הגדולים החדש ווערט דערציילט**, אז אין יענע יארן פונם צדיק רבי אביש'ל פרנקפורטער זי"ע זענען די שטעט אין דייטשלאנד געווען געבויט מערסטנס פון האלץ, און שריפות זענען געווען א שרעקליכע סכנה, איין נאכט האט אויסגעבראכן א שרעקליכע שריפה אין שטאט פרנקפורט דמיין, די ווינטן זענען געווען שטארק, און די פלאמען האבן זיך געצויגן גלייך אין ריכטונג פונעם אידישן געטא (די באקאנטע "יודענגאַסע"). מענטשן האבן אנגעהויבן אנטלויפן מיט די קינדער אין מיטן דער נאכט פאר גרויס שרעק.

די ראשי הקהל זענען געלאפן צום רב דער צדיק וקדוש רבי אביש'ל זי"ע, דער צדיק האט גענומען זיין שטעקן, איז ארויסגעגאנגען ביז צום אריינגאנג פונעם אידישן געסל, אויסגעשטרעקט דעם שטעקן קעגן די פלאמען, און אויסגערופן מיט הייליגע שמות, "**ביז אהער זאלסטו קומען און נישט ווייטער**", אויפן פלאץ האט דער ווינט איבערגעדרייט זיין ריכטונג קעגן דעם ליידיגן פעלד, די פייער-צינגען האבן זיך איינגעשטילט, **און קיין איינציג אידיש הויז איז נישט געשעדיגט געווארן**.

• • •

**אין ספר נפלאות התפארת ווערט דערציילט**, אז א בחור א יתום פון שטאט פראנקפורט, א שטילער מתמיד און א גרויסער ירא שמים, איז א חתן געווארן מיט א בת תלמיד חכם, דער מחותן האט אבער געפאדערט א סומע פון הונדערט גאלדענע רייניש פאר די נדוניא, און דער ארימער בחור האט נישט פארמאגט קיין איין פרוטה צו דער נשמה, דער חתונה-טערמין האט זיך דערנענטערט, און דער מחותן האט געסטראשעט אפצוזאגן דעם שידוך.

מיט ביטערע בכיות איז דער בחור געקומען צו לויפן צום צדיק וקדוש רבי אביש'ל פראנקפורטער זי"ע, דער רב האט אים אויסגעהערט, אר**ויסגענומען א קליין שטיקל פאפיר, אנגעשריבן עטליכע קורצע ווערטער אין לשון הקודש, און דאס צוגעקלאפט מיט זיין חותם**, און רבי אביש'ל האט געזאגט פארן בחור, "**גיי ארויס צום גרויסן פאלאץ פונעם הויפט-מיניסטער (דער דייטשער גראף פונעם ראט), גיב אים דעם צעטל אין זיין האנט, און ווארט אויף זיין ענטפער**".

דער בחור האט געציטערט פאר גרויס שרעק און געטראכט ביי זיך, ווי קען אן ארימער אידישער בחור אריינטרעטן אינעם פאלאץ פון א מאכטפולן פריץ מיט א צעטיל אן קיין ערקלערונג, אבער אז דער הייליגער רב הייסט, פאלגט מען, ער איז געגאנגען צום טויער, און ווי דורך א נס האבן אים די שומרים דורכגעלאזט ביז צום קאבינעט פונעם שר, דער מיניסטער האט געעפנט דעם קליינעם

פאפיר, אריינגעקוקט דערין, **און פלוצלונג איז זיין פנים געווארן בלאס ווי קאלך, און די הענט האבן זיך אים אנגעהויבן ווארפן פון גרויס שרעק**.

תיכף האט דער שר געעפנט זיין אייזערנעם שראנק, **אויסגעציילט פונקטליך הונדערט גאלדענע מטבעות און עס אריינגעלייגט אין דעם בחור'ס טאש מיט א טיפן פארלויבונג**, שפעטער האט דער מיניסטער פארטרויט פאר די ראשי הקהילה וואס איז דארט געשטאנען, און אים דערציילט, **אינעם צעטל האט רבי אביש'ל אים בלויז דערמאנט א געהיימע זינד וואס דער שר האט אפגעטון אלס יונגערמאן אין טיפן וואלד, א זאך וואס קיין שום לעבעדיגער באשעפעניש אויף דער וועלט האט נישט געוואוסט**, מיט א ווארענונג, **"גיב תיכף די הונדערט גילדן פאר דעם יתום, כדי זיך צו ראטעווען פון גרויס בושה וחרפה"**.

• • •

**אין ספר תולדות אברהם ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז רבי אביש'ל געפארן אויפן וועג פון קראקא קיין פרעמיסלא צו א שידוך פון איינע פון זיינע קינדער, צוזאמען מיט אים אויפן וואגן איז געזעצן דער בעל-עגלה און א גבאי, און אונטערן זיץ איז געלעגן א טיישל מיט די גאנצע נדוניא-געלטער וואס מען האט מיט גרויס מיה צוזאמענגעקליבן.

אינמיטן א טונקעלן, פארלאזטן וואלד איז פלוצלונג ארויסגעשפרונגען א באוואפנטער גזלן מיט א געשריי, אנגעשטעלט זיין ביקס אויפן בעל-עגלה און געפאדערט די פערד און דאס גאנצע פארמעגן, דער בעל עגלה און דער גבאי זענען געווארן פאראליזירט פון טויט-שרעק, אבער דער צדיק רבי אביש'ל איז געזעצן רואיג, זיך נישט אפגעשטעלט פון זאגן משניות בעל פה, און בלויז ארויסגעקוקט פונעם קארעטע-פענסטער, ער האט א קוק געטאן אין די אויגן פונעם גזלן און געזאגט מיט א שטילן, שארפן טאן, **"שטיי אויף דיין ארט ווי א שטיק האלץ, ביז מיר פארן אריבער דעם וואלד"**.

פלוצלונג איז דער גזלן געבליבן פארפרוירן אויפן פלאץ ווי א שטיין, מיט די הענט אויסגעשטרעקט און די ביקס אין דער לופטן, אן די מעגליכקייט צו באוועגן אן אבר, דער בעל-עגלה האט געשלאגן די פערד און זיי זענען אנטלאפן מיט גרויס איילעניש, ערשט ווען זיי זענען ארויסגעקומען פונעם וואלד און אנגעקומען צום נעקסטן דארף, האט רבי אביש'ל געזאגט, **"יעצט קען ער שוין גיין צו אלע רוחות"**, און מען האט שפעטער געהערט, אז יענער רויבער האט זיך שפעטער אפגעלאזט פון זיינע שלעכטע וועגן נאכן צוזעהן דעם מלאכישן כח פונעם רב.

• • •

**אין ספר סיפורי אנשי שם ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען איין יאר עטליכע טעג פאר פסח, און ביי רבי אביש'ל אין הויז איז נישט געווען קיין גראשן אויף יו"ט צו מאכן, די ארעמעלייט פון שטאט זענען געשטאנען ביים טיר נאך **"קמחא דפסחא"**, און דער גבאי איז ארומגעגאנגען פארצווייפלט, ווייל די קאסע איז געווען ליידיג ביזן לעצטן פעני, און אין שטוב איז אפילו נישט געווען קיין מעל פאר די אייגענע מצות.

דער צדיק וקדוש רבי אביש'ל האט באמערקט דעם גבאי'ס צער און האט אים געזאגט, **"וואס ביסטו אזוי באזארגט, גיי אראפ אינעם קעלער אונטערן הויז, עפן די גרויסע פאס, און ברענג ארויס וואס דו געפינסט דארט"**, דער גבאי האט דאך געוואוסט, אז דער קעלער איז שוין וואכן לאנג ליידיג און די פאס איז פארשטויבט, אבער ער האט מקיים געווען דעם באפעל פון זיין גרויסן רבין.

לפלא, ווען ער איז אראפגעגאנגען און אויפגעדעקט דעם שווערן דעקל, איז ארויסגעקומען א גלאנץ, **די פאס איז געווען אנגעפילט מיט זילבערנע און קופערנע מטבעות ביז אויבן, מיט דעם געלט האט מען נישט נאר איינגעקויפט אלע באדערפענישן פארן רב'ס הויז, נאר רבי אביש'ל האט פארטיילט שיינע סומעס פאר הונדערטער נצרכים און אלמנות אין פראנקפורט לכבוד יום טוב "קמחא דפסחא"**, נאך יום טוב האט דער גבאי געוואלט אריינקוקן נאכאמאל אין דער פאס זען אויב עס איז נאך עפעס געבליבן, **אבער די פאס איז געווען אינגאנצן ליידיג און פארשפינט מיט שפינוועבס, ווי גלייך קיינער האט איר נישט אנגערירט פאר יארן**.

**יארצייט י"ב תשרי**

**הרה"ק רבי אברהם ב"ר דוב בער זי"ע, (פריעדמאן)**
**בעל חסד לאברהם, ממזריטש**
**"הנקרא בפי כל ר' אברהם המלאך"**

ער איז געבוירן אין שטאט מעזריטש, **בשנת תק"א**.

אלס בן יחיד צו זיין טאטן הרה"ק **רבי דוב בער המגיד הגדול ממעזריטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם המיוחס מלמד מלוקאטש** זי"ע,
די משפחה איז געווען פון די יוחס פון **רבינו יהודה הנשיא** ע"ה, און פון **התנא האלוקי רבי יוחנן הסנדלר** ע"ה.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת קיילא** ע"ה.

מען דערציילט, אז דער הייליגער מגיד ממעזריטש זי"ע האט געזאגט, אז אינעם זכות פון די מאמע די צדקת האט ער זוכה געווען אראפ צו ברענגען אויף די וועלט די הייליגע נשמה פון רבי אברהם המלאך, **וואס אפאר הונדערט יאר איז שוין נישט געווען אויף די וועלט אזא הייליגע נשמה**.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד עד להפליא, זיין פרישות און דביקות בשם מיט זיין געוואלדיגע עבודת השם איז געווען עד אין לשער, ער האט זיך געפירט מיט א קדושה כאחד מן המלאכים ממש, דער צדיק וקדוש האט זיין גאנץ לעבן געברענט מיט א אש קודש בשם, און צדיקים בדורו האבן געזאגט, **אז מרוב קדושתו איז ער אנגעקומען צו התפשטות הגשמיות ממש**, טויזענטער אידן יראי השם און גדולים און צדיקים האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש און געקומען שעפן קדושה וטהרה ביי אים, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

מען האט אים גערופען מיטן נאמען **מלאך**, ווייל ער איז פאר יארן לאנג געווען אפגעשייד פון מענטשן און געלעבט מיט א געוואלדיגע התבודדות, און אויך האט ער זיין גאנץ לעבן זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה, דער הייליגער בעל התניא זי"ע וואס האט זיך פאר רופען אלס א תלמיד און א חבר פון רבי אברהם המלאך האט געזאגט, **אז ער איז געווען א קדוש מרחם אמו**.

ער האט רוב פון זיין תורה געלערנט פון זיין הייליגען טאטע דער מגיד הגדול ממעזריטש זי"ע, זיין טאטע האט אים קובע געווען פאר א חברותא דעם הייליגען בעל התניא זי"ע, און דער בעל התניא האט אויס געלערנט **פאר רבי אברהם המלאך תורת הנגלה**, און דער הייליגער מלאך האט אויס געלערנט **דעם בעל התניא תורת הנסתר**.

האט מען דערציילט, אז איינמאל נאכדעם וואס די חברותא קדישא האבן געענדיגט לערנען א גאר טיפע ענין בתורת החסידות, האט דער הייליגער מלאך זי"ע געטראפן דעם בעל התניא זי"ע, **ווי ער עסט א שטיקל ברויט מיט פוטער**, ווען דער הייליגער מלאך האט געפרעגט דעם בעל התניא, ווי אזוי ער קען עסן א דבר גשמי נאכן עוסק זיין אין אזא געהויבענע לימוד.

האט אים דער הייליגער בעל התניא געזאגט, אז בשעת'ן לערנען דעם תורת החסידות האט ער מרגיש געווען אז נאך אביסל און ער קומט צו א מצב פון כלות הנפש, וועגן דעם האט ער געמיזט עסן עפעס א דבר גשמי כדי די נשמה זאל זיך נישט שיידן פונעם גוף.

הרה"ק רבי מנחם מענדל בעל צמח צדק מליובאוויטש זי"ע האט מעיד געווען, **אז ביים הייליגען צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע, בשעת ער האט געדאווענט און ער איז אנגעקומען צו די ברכה פון יוצר אור, איז געווען אזא התלהבות און א אש דקדושה, אז מען האט ממש געקענט אנצינדען א שפענדל האלץ פון דעם פייער ממש בלי גוזמא**.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת גיטל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי משולם פייביש הורוויץ בעל משנת חכמים מקרעמניץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי דוב בעריש הלוי איש הורוויץ** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי מאיר הלוי הורוויץ בעל מהר"ם טיקטין** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי שמואל שמעלקא מטורנא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יהושע הארוך** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי פנחס הלוי איש הורוויץ** זי"ע.

ער האט נאך די חתונה ווייטער עוסק געווען בתורת הנגלה והנסתר מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז שוין דאן געווען באוויסט מיט זיין גדלות בתורה און מיט זיין קדושה נורא מאוד, אבער דער צדיק האט ווייטער געדינט דעם באשעפער אויף א באהאלטע דרך, רוב צדיקים בדורו האבן גאר שטארק געשעצט דעם צדיק וקדוש.

בשנת תקל"ג ווען זיין הייליגע טאטע דער מגיד הגדול ממעזריטש זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן די אידן אין שטאט מעזריטש געוואלט אויף נעמען דעם בן יחיד אלס ממלא מקום פונעם טאטן, אבער דער צדיק האט נישט געוואלט הערן דערפון, נאר געוואלט ווייטער דינען דעם באשעפער אויף זיין דרך בהסתר באהאלטן פון די אויגן פון מענטשן.

אבער נאך גאר אסאך הפצרות האט ער מסכים געווען, דאן איז ער געווארן רב אין שטאט **מעזריטש**, די צדיקי הדור זענען זיך געקומען מסתופף זיין בצלו אפילו די וואס זענען געווען עלטער ווי אים האבן צוליב זיין געוואלדיגע קדושה זיך אונטער געווארפן אונטער זיין הנהגה.

מען דערציילט, אז דער צדיק אפילו שוין זייענדיג ממלא מקום פונעם טאטן, פלעגט ער נאך פארן זיך מסתופף זיין בצלו פון צדיקים בדורו, איינמאל איז ער געפארן קיין קרעמניץ צו באזיכען זיין שווער, אלע מענטשן פון שטאט ובתוכם די תלמידים חכמים און נכבדי העיר זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם צדיק וקדוש, ובתוכם איז געווען א יונגערמאן וואס האט זיך געציילט פון די מתנגדים פונעם דרך החסידות.

ווען דער צדיק איז אנגעקומען אין זיין שטוב איז ער געשטאנען ביים פענסטער און באטראכט א הויעכן בארג וואס מען האט געזען פונעם פענסטער, דער יונגערמאן דער מתנגד וואס האט זיך געהאלטן פאר א למדן און א יחתן האט א פרעג געגעבען דעם צדיק, **פארוואס קוקט זיך די רבי אזוי צו צום בארג פון זאמד**.

דער צדיק מיט זיין גרויסע קדושה און חכמה האט גלייך געענטפערט פאר דעם יונגערמאן, **איך באטראכט אזוי דעם בארג, אז ער איז סך הכל ערד און ער האלט זיך אזוי גרויס אז ער איז אזא הויעכע בארג**, דער יונגערמאן האט גאנץ גוט פארשטאנען וואס דער צדיק איז אים דא מרמז, און צום סוף איז ער געווארן פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק.

הרה"ק רבי יצחק מראדוויל זי"ע האט געהאט א געוואלדיגע השתוקקות צו פארן זיך מסתופף זיין בצלו פונעם הייליגען צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע, איז ער אריין פרעגן זיין הייליגן טאטן הרה"ק המגיד מזלוטשוב זי"ע, דאן איז געווען אפאר וואכן בעפאר תשעה באב, האט אים דער טאטע געזאגט, אז ער קען פארן צום צדיק, **אבער בתנאי אז ער וועט דארט בלייבן ביז נאך תשעה באב**, דער זון האט מסכים געווען און איז געפארן.

דארט ביים הייליגען צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע האט דער רבי יצחק קונה געווען גאר אסאך קדושה און תורה, אבער ווען עס איז געקומען ליל תשעה באב האט ער געזען א מחזה וואס ער האט קיינמאל אין לעבן נישט פארגעסן.

דער הייליגער צדיק רבי אברהם המלאך האט זיך אין ביהמ"ד אראפ געלייגט בפישוט ידים ורגלים און מיט בכיות נוראות געקלאגט אויפן חורבן בית המקדש און אויף צער השכינה הקדושה, אזוי איז דער צדיק געליגען דעם גאנצע נאכט און דעם גאנצן טאג תשעה באב און די גאנצע צייט געקלאגט מיט טרערן, ערשט ביי מנחה האט זיך דער צדיק אויפגעשטעלט און געגאנגען דאווענען מנחה, דאן האט שוין דער רבי יצחק פארשטאנען פארוואס דער טאטע האט געוואלט אז ער זאל בלייבן ביז נאך תשעה באב, האט דער טאטע אים אויס געפירט, **אילו זכותי וואלסטו געזען אז אליהו הנביא ז"ל שטייט דארט נעבן רבי אברהם המלאך און טרייסט אים**.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין זיין ספר **חסד לאברהם**, וואס האט געהאט דעם הסכמה פונעם הייליגען רוזינער זי"ע.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי ישראל חיים מלודמיר** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי שלמה מקארלין** זי"ע,

הרה"ק **רבי שלום שכנא מפראהביטש** זי"ע, **דער טאטע פונעם הייליגען רוזינער** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת בלומא** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי יעקב רבינוביץ** זי"ע.

בערך א האלבע יאר בעפאר זיין הסתלקות האט זיך דער צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע געצויגען צום שטאט **פאסטוב**, ליידער האט דער צדיק וקדוש נישט מעריך ימים געווען און איז נסתלק געווארן **זייענדיג בערך 36 יאר אלט.**

די רעבעצין די צדיקת איז ארויף געפארן קיין ארץ ישראל נאכן הסתלקות פונעם מאן, און די קינדער זענען אויף געצויגען געווארן ביים צדיק הרה"ק **רבי שלמה מקארלין** זי"ע, מען דערציילט, אז דער צדיק רבי שלמה האט די קינדער געהאלטן ווי אייגענע קינדער און זיי מחנך געווען אויף א גאר הייליגע דרך, שפעטער האט ער גענומען דעם זון רבי ישראל חיים זי"ע אלס אן איידעם פאר זיין טאכטער.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ב תשרי בשנת תקל"ז**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **פאסטוב**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**איינע פון די גרויסע חסידים פונעם הייליגען צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע** איז געווען א איד א גרויסער עושר וואס די מזל האט אים שטארק געשיינט, דער איד האט גאר אסאך געשעטיצט דעם רבין און געגעבן גרויסע סכומים אויף צדקה און אייביג געווען פון די ראש וראשון פאר צדקה וחסד.

איין טאג איז דער איד געקומען צום רבין און זיך מזכיר געווען, אז ליידער האט זיך דאס רעדל אנגעהויבן דרייען אויף אראפ, אבער ער זעט באמת נישט פון וואס עס איז געשען, ווייל די ביזנעס גייט פונקט ווי ביז יעצט און עס קומט אריין געלט, צדקה געט ער פונקט ווי ביז יעצט און נאך אפילו מער ווי ביז יעצט, אבער די הכנסה ווייזט אויף די ביכער אז עס איז נישט דא קיין געלט, און ער האלט שוין ממש גאר אין א שווערער מצב.

דער הייליגער צדיק מיט זיינע הייליגע אויגן האט דעם חסיד געהייסן, גיי אהיים און גרייט צו א סעודה כיד המלך שטעל אהער דאס שענסטע און דאס בעסטע און לאז רופן אלע דיינע נאנטע מענטשן און קויף איין גאר פיינע ווין און זאגט פארן חסיד, **לֵךְ אֱכֹל בְּשִׂמְחָה לַחְמֶךָ וּשֲׁתֵה בְלֶב טוֹב יֵינֶךָ כִּי כְבָר רָצָה הָאֱלֹקִים אֶת מַעֲשֶׂיךָ**.

דער חסיד האט נישט פארשטאנען וואס די רבי מיינט מיט דעם, אבער זייענדיג א פייערדיגע חסיד האט ער מיט זיין גרויס אמונת צדיקים געפאלגט וואס זיין רבי האט אים געהייסן, ער האט געלאזט באשטעלן פון דאס שענסטע און דאס בעסטע וואס ער האט געקענט און געלאדענט זיינע גוטע פריינט און אפגעראכטן א סעודה גדולה.

נאכן סעודה איז דער איד דער חסיד געווען אביסל בגלופין און ער האט זיך צו געלייגט אביסל, אבער ווען ער וועקט זיך אויף און ער גייט אריין אין זיין פריוואטע שטוב ווערט אים שווארץ פאר די אויגן, זיין רועה חשבון וואס פירט זיינע ביכער שטייט ביים פריוואטן סעיף ווי ער האלט זיינע געלטער, און ער פאקט זיך אן די טאשן מיט דעם סוחר'ס געלט.

ווען דער רואה חשבון האט באמערקט דעם סוחר האט ער געשפירט ווי **כָלְתָה אֵלָיו הָרָעָה** זיין בעל הבית האט אים געכאפט ביי די מעשה, דער איד האט געמיינט אז דער סוחר האט גאר אסאך געטרינקען און ער וועט נאך שלאפן, און דערפאר האט ער געטראכט אז עס איז א גוטע צייט צו גנב'נען פון דער סוחר.

דאן האט דער סוחר שוין גאר גוט פארשטאנען פארוואס די רבי האט אים געהייסן מאכן דעם גרויסע סעודה, כדי ער זאל דורך דעם כאפן דעם גנב וואס ברענגט אים אונטער זיינע געשעפטן מיטן נעמען כסדר געלט פון אים.

דער איד האט זיך געבעטן ביים סוחר אז ער זאל אים נישט איבער געבן פאר די פאליציי, דער

סוחר זייענדיג א גרויסע חסיד פונעם רבין האט געהייסן דעם גנב, אז ער זאל מיט אים מיט קומען צום הייליגען רבין און וואס די רבי וועט הייסן זאל ער טון און אזוי וועט ער אים מוחל זיין אויף די גניבה.

ווען זיי זענען ביידע אריין געקומען צום רבין האט די רבי געזאגט פאר דעם איד, קודם זאלסטו צוריק געבן פארן סוחר יעדן פרוטה וואס די האסט פון אים גענומען, דער איד איז געווען מלא חרטה און געבעטן פונעם רבין, אז ער האט נעבעך צוויי טעכטער וואס ברויכן שידוכים און עס גייט נישט קיין שידוכים און דערפאר האט ער כסדר גע'גנב'עט פון דעם עושר געלט, ווייל ער האט געמיינט אז אויב וועט ער האבן דאס געלט צו קענען געבן נדן וועט ער טרעפן א שידוך אבער דאס האט בכלל נישט געארבעט.

האט אים דער הייליגער צדיק געהייסן, טו דיך אן ארעמע צוריסענע קליידער און גיי צום הקדש שטוב ווי אלע ארימעלייט עסן און פארברענג דארט און דארט וועט קומען דיין ישועה, דער איד האט נישט פארשטאנען וואס די רבי מיינט מיט דעם, אבער אזוי ווי ער האט געזען אז ביי דעם סוחר האט געארבעט די עצה וואס די רבי האט אים געהייסן טון, האט דער איד געפאלגט דעם רבין, ער האט זיך אנגעטון ווי א ארימאן און געגאנגען צום הקדש שטיבל.

זיצענדיג דארט האט איינע פון די ארימעלייט געזען אז עס איז דא א נייע גאסט האט ער אים מקרב געווען, און בתוך הדברים רעדענדיג מיט אים לגבי דאס וואס מען גייט נאך געלט אין שטאט.

האט דער ארימאן גע'עצה'ט דעם נייעם ארימאן ביי וועלכע שטובער ער זאל נישט גיין נאך געלט, ווייל דארט גיבט מען נישט קיין געלט און צווישן די נעמען האט דער ארימאן אויס גערעכענט דעם נאמען פון דעם רואה חשבון מיט וועם ער האט בשעת מעשה גערעדט.

און דער ארימאן דערציילט אים, אז שוין פאר א שיינע שטיק צייט יעדעס מאל מען טראגט אן א שידוך פארן טאכטער פון דעם רואה חשבון, גייט דער ארימאן און דערציילט פאר די מדברת וואסערע קמצן ער איז און אזוי רעדט ער אים אפ די שידוכים.

דער רואה חשבון האט שוין גאר גוט פארשטאנען פארוואס דער היליגער צדיק רבי אברהם המלאך האט אים דא געשיקט, און דער איד איז צוריק צו זיך אהיים און אנגעהויבן געבן צדקה מיט א ברייטע האנט, גאר שנעל איז זיין נאמען ארויס אויף די גאס אלס א גרויסע בעל צדקה און נישט לאנג נאכדעם האט ער געטראפן שיינע שידוכים פאר זיינע קינדער.

• • •

**מען דערציילט**, אז דער שווער פונעם צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע איז געווען הרה"ק **רבי משולם פייבוש מקרעמניץ** זי"ע וואס איז געווען א קדוש וטהור, ווען עס איז געקומען די חתונה פון זיין טאכטער וואס איז פאר געקומען אין מעזריטש, איז דער שווער צוליב ביטול תורה נישט געפארן צו די חתונה, נאר האט געשיקט דעם טאכטער מיט די רעבעצין צו די חתונה.

אבער נאך א שטיק צייט ווען דער שווער האט געהערט דאס גדלות און קדושה פון זיין איידעם, האט ער געהאט חשק זיך צו באקענען מיט זיין איידעם, איז דער שווער געפארן אויף א שבת קיין מעזריטש.

דערציילט מען, אז ביים טיש פונעם איידעם רבי אברהם המלאך איז דער שווער געזעצן, אזוי ווי דער איידעם האט אנגעהויבן שלום עליכם, **האט דער הייליגער שווער מקרעמניץ אוועק גע'חלש'ט**, ווען מען האט אים דערמינטערט האט דער איידעם דער מלאך הקדוש געזאגט פארן שווער, **די שווער האט נאר געזען די אייגענע מלאכים, ווען דער שווער זעט ווען מיינע מלאכים אויך, וואלט דער שווער שוין נישט אויפגעשטאנען.**

• • •

**ווי באקאנט האט זיך דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אברהם המלאך זי"ע** גאר ווייניג געדרייט צווישן מענטשן, נאר ער איז רוב צייט געווען פארשפארט ביי זיך אין שטוב און עוסק געווען אין זיין הייליגע עבודה, אפילו זייענדיג דער רב פון שטאט פאסטוב, האבן די אידן כמעט נישט געזען זייער רב, דאן פלעגן אידן מכבד זיין דעם צדיק מיט סנדקאות, וואס דאס האט ער קיינמאל נישט

אפגעזאגט, און אזוי זאל מען האבן די זכי' צו זען דעם הייליגען צדיק.

דערציילט דער הייליגער **מאור עיניים** זי"ע, אז ווען מען האט געהערט אז דער צדיק קומט אויף סנדקאות, איז זיך דער גאנצער שטאט צוזאמען געלאפן כדי צו האבן די זכי' צו זען דעם הייליגען צדיק, אבער אזוי ווי דער צדיק איז אריין געקומען אין ביהמ"ד, זענען די אידן פון שטאט אנטלאפן פון גרויס פחד און יראה פון דעם צדיק וקדוש, און ער דער הייליגער מאור עינים זי"ע איז געווען מוהל ביים ברית, האט ער דערציילט, **אז ער האט פון גרויס פחד געהאלטן דעם מעסערל פארקערט, און ער געדענקט נישט אפילו אויב ער האט געמאכט א ברכה, און גלייך נאכן ברית איז ער אויך פון גרויס פחד אנטלאפן.**

• • •

**הרה"ק רבי הלל מפאריטש זי"ע האט דערציילט,** אז איינמאל האט דער הייליגער מגיד הגדול ממעזריטש זי"ע געזאגט פאר זיין קינד רבי אברהם המלאך זי"ע, אז די דרך עבודה וואס ער רעכט אפ איז נישט געמאכט פאר א בשר ודם, און אים געבעטן אז ער זאל אביסל נאכלאזן מיט זיין הייליגע דרך, האט דער זון דער הייליגער קדוש רבי אברהם המלאך געזאגט פארן טאטן, **די בוסט א פליישיגע טאטע, אבער איך האב א פייערדיגע טאטע אין הימל דער בורא כל עולמים, און איך טו זיין רצון,** און אויף דעם האט דער הייליגער צדיק רבי הלל מפאריטש זי"ע געווינט, אז מען האט אנגערופן דעם הייליגען מגיד וואס איז געווען א קדוש וטהור "**א פליישיגע טאטע**".

• • •

**דער זון הרה"ק רבי שלום שכנא מפרוהוביטש זי"ע האט דערציילט,** אז ווען ער איז געווען נאך א גאר קליינע קינד, האט ער זייער געוואלט זיין שבת קודש ביינאכט ביי די קידוש פון זיין גרויסן טאטן רבי אברהם המלאך זי"ע, ווי באוויסט איז דער עבודה פונעם מלאך געווען גאר געהויבן מיט א געוואלדיגע קדושה ודביקות, ווען דער טאטע איז אריין געקומען צו קידוש גאר שפעט, האט דער קליינער שלום שכנא געזאגט "**א גוט שבת טאטע**", האט אים דער טאטע א קיש געגעבן אויף די שטערן, און דער הייליגער שלום שכנא האט מעיד געווען, **אז דער קיש האט אים געברענט ווי פייער אויף די שטערן די גאנצע נאכט.**

• • •

**דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט דערציילט,** אז ווי באוויסט האט ער געהאט א שיעור יעדן טאג מיטן צדיק וקדוש רבי אברהם המלאך זי"ע, **דריי שעה האט דער בעל התניא געלערנט תורת הנגלה מיטן מלאך, און דריי שעה האט דער הייליגער מלאך געלערנט תורת הנסתר מיטן בעל התניא,** דערציילט דער בעל התניא, אז דער מלאך איז געווען אין אזא גרויסע דביקות ביים לערנען, אז ער האט ממש גארנישט געוויסט, און דער בעל התניא האט געהאט אזא תענוג רוחני פונעם שיעור, **אז ער פלעגט כסדר צוריק ריקן דעם זייגער, כדי ער זאל קענען לערנען מער צייט מיטן מלאך,** דער מלאך האט אבער דאס קיינמאל נישט באמערקט זייענדיג אזוי אריין געטון אין תורה.

• • •

**דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אברהם המלאך זי"ע האט אמאל דערציילט,** אז עס איז געווען א גרויסע עושר וואס האט געטיילט גאר אסאך צדקה און געהאט א אפען טיר פאר יעדן איד, ליידער האט זיך דאס רעדל איבער געדרייט, און דער עושר איז געווארן א עני ואביון, און דער עושר האט געהאט גרויס צער און עגמת נפש אז ער קען מער נישט מקיים זיין די מצוה פון צדקה, איז אליהו הנביא ז"ל געקומען אין נאכט אין חלום צום עושר און האט אים געזאגט, **זאלסט וויסן אז דיין צער אז די קענסט מער נישט מקיים זיין די מצוה פון צדקה, ברענגט אסאך א גרעסערע נחת רוח ווי דאס טיילן אזויפיל צדקה.**

• • •

**מען דערציילט,** אז דער הייליגער מגיד הגדול ממעזריטש זי"ע האט געהאט גאר גרויסע חימרות ביי די מצות באקן אויפן יו"ט פסח, נאר איינעם האט ער געלאזט עוסק זיין מיט די מצות, און דאס איז געווען זיין הייליגע זוהן **רבי אברהם המלאך** זי"ע, דערציילט מען, אז אויף פסח פלעגט דער תלמיד פונעם מגיד הרה"ק **רבי אהרן ד"ר גארדיא מאוסטראהא** זי"ע ברענגען די מצות פארן רבין דער הייליגער מגיד זי"ע.

דערציילט מען, אז איין יו"ט פסח איז מען געקומען לויפען צום הייליגען מגיד, אז דער תלמיד רבי אהרן האט טועם געווען פון די מצות, **און ער שרייט קולות אז עס ברענט אים ממש אונעם האלז פון די מצות,** האט דער הייליגער מגיד

געזאגט, ווער האט אים געהייסן עסן פון די מצות, דאס קדושה וואס דער זון רבי אברהם המלאך האט אריין געלייגט אין די מצות איז נישט געמאכט פאר יעדן צו עסן דערפון, און דער הייליגער מגיד האט געהייסן, אז מען זאל מאכן דעם רבי אהרן אויס ברעכן די מצות, **ווייל אז נישט ווער ווייסט וואס עס וועט אים ח"ו שאטן**.

• • •

**נעבן דעם הייליגען צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע** ליגט דער הייליגער צדיק הרה"ק **רבי ישראל פלאצקער** זי"ע פון די גדולי תלמידי המגיד ממעזריטש זי"ע, דערציילט מען, אז רבי ישראל איז מתחילה ארויף קיין ארץ ישראל צוזאמען מיט די צוויי צדיקים רבי אברהם מקאליסק זי"ע און רבי מענדעלע מוויטעפסק זי"ע, אבער וויבאלד די מצב דארט אין צפת איז געווען גאר שווער, האבן די צוויי צדיקים רבי מענדעלע און רבי אברהם מקאליסק געבעטן רבי ישראל, אז ער זאל צוריק פארן קיין חוץ לארץ און צוזאמען שטעלן געלט פאר די יושבים אין צפת.

דאן איז דער צדיק צוריק געפארן אין ער איז ארום געפארן אין אסאך מדינות און צוזאמען געשטעלט מעמדות פאר די תושבי צפת, אינמיטן די נסיעה איז דער הייליגער צדיק אנגעקומען אין שטאט **פאסטוב** דארט ווי דער הייליגער צדיק דער מלאך ליגט, איין נאכט האט ער גע'חלמ'ט, אז דער הייליגער צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע קומט און בעט אים זייער, **אז ער זאל קומען ליגען דארט אין ביה"ח נעבן אים ווי צדיקים זאגן, "צדיקים בחייהם ובמותם לא נפרדו"**.

אבער דער הייליגער צדיק רבי ר' זושא מאניפאלי זי"ע האט אים געזאגט, אז ער זאל זיך נישט וויסענדיג מאכן פון דעם חלום, אבער נאכן דריטן נאכט וואס דער הייליגער צדיק רבי אברהם המלאך איז געקומען אין חלום, האט דער צדיק רבי ישראל אפגעמאכט, **אז ער קען נישט אפזאגן זיין רבין'ס א זון**, אפאר טאג נאכדעם איז דער הייליגער צדיק רבי ישראל פלאצקער זי"ע נסתלק געווארן, אין ער איז געקומען לקבורה נעבן דעם הייליגען מלאך זי"ע.

דערציילט מען, אז יארן שפעטער איז דער הייליגער בעל התניא זי"ע אריבער געפארן דעם שטאט פאסטוב, האט ער זייער געטריבען דעם בעל עגלה, **ווייל ער האט מורא געהאט אז רבי אברהם המלאך וועט אים נאך אויך בעטן צו קומען דארט ליגן נעבן אים**.

יארן שפעטער האבן די קאמיאניסטען ימ"ש געוואלט מפנה זיין די צוויי הייליגע קברים פון די צדיקים, ווייל זיי האבן געוואלט ניצן דעם פלאץ פאר זייערע געברויכען, אבער יעדער וואס האט נאר פראבירט צי צו רורען די הייליגע ציונים האט גלייך אויפן פלאץ גע'פגר'ט.

די רשעים האבן געוויסט אז די צדיקים וועלן נישט פוגע זיין אין אידישע קינדער, דערפאר האבן זיי ליידער געצווינגען א קבוצה אידן, אז זיי זאלן מפנה זיין די הייליגע קברים, בלית ברירה האבן זיך די קבוצה אידן מקדש ומטהר געווען, און מען האט די צוויי קברים מפנה געווען אין דעם נייעם ביה"ח און מען האט אויפגעשטעלט א מצבה אויף דעם קבר פון די צוויי צדיקים.

• • •

**אין ספר דברים ערבים ווערט דערציילט**, אז דער צדיק דער **יהודי הקדוש מפשיסחא** זי"ע איז אמאל געפארן צום הייליגען צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע, און ער איז געבליבן דארט ביי אים פאר פיר וואכן, און ער האט ביי זיך געשפירט, אז ער האט נישט די כוחות פון גרויס פחד און יראה אריין צו גיין צו דעם הייליגען צדיק.

אבער נאכדעם האט ער זיך געשטארקט און ער איז אריין געקומען צו אים, האט אים דער צדיק געפרעגט, **וואס בעטסטו**, האט ער געענטפערט, **איך בין געקומען צו לערנען אביסל יראת שמים**, האט אים דער צדיק געזאגט, קום מארגן.

ווען דער הייליגער יהודי הקדוש איז מארגן אריין געקומען צו אים בשעת ער האט געלייגט די תפילין, האט דער צדיק אויסגעדרייט זיין פנים קעגן דעם פענסטער מיט די תפילין אויפן קאפ, **איז אויפן יהודי הקדוש ארויפגעפאלן א שרעקליכע פחד, און ער איז אנטלאפן פונעם צימער**, און אויך די מענטשן וואס זענען דאן ארויס געגאנגען אויפן מארק טאג, ווען זיי האבן געזען דורכן פענסטער דעם זיו קדשו פונעם צדיק, איז אויך אויף זיי ארויפגעפאלן אזא גרויסע אימה און פחד, אז זיי

זענען אנטלאפן צו זייערע הייזער פונעם מארק טאג, **דאס איז געווען זיין גרויסע קדושה און זיין הייליגע צורה**.

• • •

**מען דערציילט, איבער די געוואלדיגע התקשרות** צווישן דעם הייליגען מלאך און דער הייליגער מאור עיניים זי"ע, אז אין די טעג בעפאר די הסתלקות פונעם הייליגען צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע, איז א שליח געקומען צום הייליגען מאור עיניים זי"ע זאגן, אז דער צדיק רבי אברהם המלאך איז זייער שוואך געווארן אויף יום כיפור, און ביי תפילת הנעילה האט ער אויפגעהערט צו רעדן, און מען האט געפרעגט פונעם הייליגען צדיק רבי אברהם המלאך, צי מען זאל שיקן דערציילן איבער זיין מצב פארן הייליגען מאור עיניים, אז ער זאל דאווענען פאר אים, **האט דער צדיק געווינקען מיט זיין קאפ אלס א צייכן אז יא**.

מען האט טאקע געשיקט א שליח דערציילן פארן מאור עיניים איבער די מצב, אבער נאך אינמיטן וועג איז דער צדיק רבי אברהם נסתלק געווארן, ווען דער מאור עיניים האט געהערט איבער די מצב פונעם הייליגען מלאך, איז דער הייליגער מאור עיניים געלאפן זיך טובל'ן אין מקוה, ווייל ער האט געזאגט, איך וועל דאווענען פאר אים אויף מיין ארט, אבער נאך בעפאר דעם יו"ט סוכות האבן די מקורבים ביים הייליגען מאר עיניים שוין געהערט די בשורה, אז דער צדיק רבי אברהם המלאך איז ליידער נסתלק געווארן, אבער פארן מאור עיניים האט מען נישט דערציילט, ווייל מען האט געוויסט אז דאס וועט אים שטארק מצער זיין אים יו"ט.

חול המועד האט איינער אין זיין תמימות דערציילט פארן הייליגען מאור עיניים, אז דער הייליגער צדיק רבי אברהם המלאך איז נסתלק געווארן, **האט דער הייליגער מאור עיניים אנגעהויבן קלאפן דעם קאפ אין וואנט פון גרויס צער, און געוויינט א גרויס געוויין בערך צוויי שעה, און מען האט אים נישט געקענט בארואיגען**, ביז מען האט גענומען דעם הייליגען מאור עיניים ביי זיין האנט, און אים אריין געבראכט אין סוכה, און מען האט אים געזאגט, "**רבי, געדענקט אז היינט איז יו"ט**", דאן האט דער הייליגער מאור עיניים זיך בארואיגט און אויפגעהערט וויינען, און האט אנגעהויבן דערציילן די שבחים פונעם הייליגען צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע.

• • •

**אין ספר השיחות ווערט געברענגט**, אז עס ווערט געברענגט אין די ספרי חב"ד, אז איין נאכט ביים לערנען בחברותא, **איז פלוצלונג נתגלה געווארן אליהו הנביא זכור לטוב אין צימער צו לערנען מיט רבי אברהם המלאך**, דער הייליגער בעל התניא, זייענדיג דארט, **האט נאר דערהערט א קול אבער נישט זוכה געווען צו זעהן די הייליגע געשטאלט**, און ווען דער הייליגער בעל התניא האט געפרעגט דעם מגיד, **פארוואס ער האט נישט געזען**, האט אים דער מגיד געענטפערט, "**ווייל דו האסט איין מאל אין לעבן געקוקט אויף א פנים וואס מ'טאר נישט קוקן**".

ווען דער הייליגער בעל התניא האט שפעטער געפרעגט רבי אברהם המלאך, וואס אליהו הנביא ז"ל האט אים געלערנט, האט רבי אברהם זיך אנגערופן מיט זיין מורא'דיגע תמימות און פרישות, "**איך האב אפילו נישט געקוקט אויף זיין פנים, ווייל דער טאטע דער הייליגער מגיד ממזריטש זי"ע האט מיר געלערנט, אז מ'טאר נישט קוקן קיין שום צורה בעולם חוץ אויף דער צורה פונעם הייליגן רבי'ן דער בעל שם טוב זי"ע**".

• • •

**אין ספר נחלת יעקב ווערט געברענגט**, אז ווען דער הייליגער קארלינער מגיד, הרה"ק רבי אהרן הגדול מקרלין זי"ע, האט געזוכט א שידוך פאר זיין טאכטער **הרבנית יוכבד** ע"ה, איז ער געקומען קיין מעזריטש און פארגעשלאגן דעם שידוך פאר רבי שלום שכנא זי"ע, דער זון פון רבי אברהם המלאך זי"ע און אייניקל פונעם מגיד.

דער צדיק רבי אהרן הגדול האט זיך געוואנדן צום מחותן רבי אברהם המלאך און געפרעגט, וויאזוי ער גייט קומען צוגיין צום שידוך און צו דער חתונה, און וואספארא נדן ער גיט, האט דער צדיק רבי אברהם המלאך זיך אנגערופן מיט זיין באקאנטער אפגעשיידטקייט פון עולם הזה, "**וואס פארלאנגסטו פון מיר, איך קום אויף דער וועלט אן קיין שום מלבושים פון חומר, א נשמה אן קיין שום שייכות צו גשמיות**", האט אים רבי אהרן הגדול געענטפערט מיט גרויס הכנעה, "**אט דאס איז דער גרעסטער נדן וואס א איד קען נאר באקומען**".

• • •

**אין ספר קדושת אברהם ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער מגיד הגדול ממזריטש זי"ע האט איינמאל געזאגט תורה אין עניני קבלה ומעשה בראשית, די תלמידים האבן געציטערט פאר גרויס פחד פון די הויכע השגות, דער זוהן דער צדיק וקדוש רבי אברהם המלאך איז געשטאנען אין א ווינקל מיט צוגעמאכטע אויגן, אינגאנצן פארזינקען אין א גאר שטארקע דביקות.

נאכן טיש האבן די תלמידים געפרעגט דעם צדיק רבי אברהם, "**ילמדנו רבינו, וואס האט דער רבי היינט מחדש געווען אין מעשה בראשית**", האט דער צדיק רבי אברהם געענטפערט אין איין קורצן ווארט, "**דער טאטע האט יעצט געוויזן פאר יעדן וואס האט נאר געוואלט זען, וויאזוי דער רבוש"ע באשאפט די וועלט אין דעם יעצטיגן רגע און מאכט א יש מאין, און ווען ער וואלט אויף איין רגע צוריקגעצויגן דעם רצון, וואלט אלעס צוריקגעפאלן צו גארנישט**", און דער ענטפער האט באמת אפגעשפיגלט וויאזוי דער צדיק רבי אברהם האט געלעבט יעדע סעקונדע, **ער האט נישט געזען קיין וועלט מיטביימער, הייזער אדער שטיינער, נאר בלויז דאס ווארט פונעם באשעפער וואס האלט אויף די בריאה.**

• • •

**אינעם ספר חסד לאברהם ווערט געברענגט**, אז דער צדיק וקדוש רבי אברהם המלאך זי"ע האט שוין ביי זיין חתונה געבעטן פון זיין פאטער דער הייליגער מגיד זי"ע, **אז זיין נשמה זאל נישט דארפן לאנג פארבלייבן אויף דער פינצטערער ערד אין א גוף פון פלייש און ביין**, נאך דער פטירה פונעם מעזריטשער מגיד (י"ט כסלו תקל"ג), איז רבי אברהם אריבערגעגאנגען וואוינען קיין פאסטאוו, וואו ער האט געדינט אלס מגיד מישרים, אבער ער איז געווען כמעט אינגאנצן פארשפארט אין צימער.

ווען מען האט אים געבעטן ער זאל נעמען אויף זיך צו פירן די עדה און נעמען קוויטלער, האט ער געזאגט, **אז ער קען נישט פארנעמען די ענינים פון עולם הזה**, ער פלעגט פאסטן פון שבת צו שבת, ביז זיין גוף איז געווארן אויסגעארבעט ווי א רוחניות'דיגע בריאה, ביום י"ב תשרי בשנת תקל"ז, בלויז פיר יאר נאך זיין פאטער'ס פטירה, זייענדיג קוים 36 יאר אלט, האט ער צוריקגעגעבן זיין נשמה צום באשעפער, און צדיקים האבן געזאגט דערויף דעם פסוק, "**כי לקח אותו אלקים**", **ער איז נישט אוועק פון קראנקייט, נאר די נשמה האט פשוט נישט געקענט בלייבן איינגעשפארט אינעם גוף**.

• • •

**אין ספר בית אהרן ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז געקומען א איד צום הייליגען מעזריטשער מגיד זי"ע און זיך ביטער באקלאגט אויף א שווערער קראנקייט ביי אים אין שטוב וואס קיינע פון די גרויסע דאקטוירים האבן נישט געקענט היילן, דער מגיד האט אים געזאגט, "**גיי אריין צו מיין זון אברהם, ער וועט דיר געבן א ישועה**".

דער איד איז אריין צום זוהן רבי אברהם המלאך, אבער רבי אברהם, וועלכער איז געווען אינגאנצן אפגעשיידט פון עולם הזה, האט נישט געוואלט אויסהערן קיין גשמיות'דיגע זאכן און האט זיך אנגערופן מיט א תמימות, "**וואס פארלאנגט איר פון מיר, איך בין דאך גארנישט, זאל דער בורא עולם, וואס אלעס געהער צו אים, שיקן א רפואה שלימה**".

ווען דער איד איז ארויסגעגאנגען צום טיר, איז אים פלוצלונג איינגעפאלן א געדאנק צו פרעגן דעם מלאך אן עצה אויף א רפואה טבעית, האט זיך רבי אברהם אומגעקוקט און געזאגט **איין נאמען פון א פשוט'ן קרייטל (גראז) וואס וואקסט אין פעלד, און געהייסן דעם איד דאס געבן פארן קינד**, דער איד איז אהיימגעלאפן, געזוכט דאס קרייטל, געגעבן צו טרינקען פארן חולה, און ער איז געזונט געווארן אין יענעם טאג ממש, ווען דער מגיד האט דאס געהערט, האט ער באשטעטיגט, **אז די גאנצע וועלט שטייט אויפן הייליגן דיבור פון זיין זוהן רבי אברהם מלאך**.

• • •

**אין ספרי בית רוז'ין ווערט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי אברהם המלאך זי"ע פלעגט זיצן פארשפארט אין זיין צימער טעג און נעכט אנגעטון מיט טלית און תפילין, פארטיפט אין לימוד הנסתר און תעניתים, בלויז אויף א קורצע צייט אין טאג פלעגט ער עפענען די טיר כדי ארויסצוגיין אין בית המדרש, איינמאל איז געשטאנען ביים טיר א

פשוט'ער איד, א גראבער מענטש וואס איז געווען פארזינקען אין עבירות און האט זיך געדרייט אן קיין שום תשובה יארן לאנג.

ווי נאר דער צדיק רבי אברהם האט געעפנט די טיר און געווארפן איין איינציגן בליק אויף דעם מענטש, **איז דער איד צוזאמגעפאלן אויף דער ערד אין א שווערע חלשות**, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט, האט דער איד אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין וואס האט געציטערט איבערן גאנצן הויף, ער האט תיכף אויסגעשריגן אלע זיינע עוונות, אפגעלאזט זיינע שלעכטע וועגן, און געווארן א בעל תשובה גמור ביז צו זיין לעצטן טאג, און צדיקים האבן מסביר געווען דעם מופת, **אז וויבאלד די אויגן פונעם צדיק רבי אברהם המלאך האבן קיינמאל נישט געקוקט אויף עולם הזה, האט זיין בליק געהאט די כח פון "אש אוכלה" (א ברענענדיגע פייער), וואס האט אפגעברענט די קליפות און אויסגערייניגט די נשמה אויפן פלאץ.**

• • •

**אין ספר חסד לאברהם ווערט דערציילט**, אז איינמאל האט דער צדיק וקדוש רבי אברהם המלאך זי"ע געדאווענט שחרית ביחידות אין זיין צימער, ווי זיין סדר איז געווען צוליב זיין גרויסער פרישות, עטליכע חסידים האבן זיך צוגעשטעלט הינטער דער טיר כדי צו הערן זיין דאווענען.

אינמיטן דאווענען האבן זיי געהערט **ווי דער צדיק רבי אברהם רופט אויס קדיש און קדושה מיט א קול חוצב להבות אש, כאילו ער שטייט פאר א גאנצן מנין מענטשן, און מען האט ממש געהערט א קול וואס ענטפערט "אמן יהא שמיה רבא" און "קדוש קדוש קדוש"**, ווען דער צדיק האט געענדיגט און געעפנט די טיר, האבן זיי געפרעגט מיט מורא וואס דאס איז געווען, האט ער געענטפערט מיט א פשטות, **"ווען א מענטש שיידט זיך אינגאנצן אפ פון דער וועלט און דאווענט נאר פאר דער כבוד פונעם בורא, פעלט נישט אויס צו האבן א מנין פון בשר ודם, ווייל די פמליא של מעלה קומט אראפ ענטפערן קדושה צוזאמען מיט אים"**.

• • •

**אין ספר נר ישראל ווערט געברענגט**, אז ביי איין ליל הסדר ביים הייליגן מעזריטשער מגיד זי"ע, איז דער זוהן רבי אברהם המלאך געזעצן ביים טיש אינגאנצן פארטיפט אין א דביקות דקדושה אין געווען בעולמות עליונים, ווען עס איז געקומען צו מצוות אכילת מצה, האט דער מגיד געגעבן פאר זיין זון א שטיקל מצה, אבער רבי אברהם האט קוים געקענט נעמען א ברעקל אין מויל צוליב די עצומות פונעם הייליגן טאג און די גילויים וואס ער האט געזען.

דער הייליגער מגיד האט אים אנגעקוקט און געזאגט מיט ליבשאפט, "**אברהמ'ל, עס דעם כזית מצה, ווייל אין דעם שטיקל ברויט פון אמונה ליגט יעצט דער גאנצער תיקון פון די עולמות וואס דו זעסט אויבן**", ווי נאר דער זוהן רבי אברהם האט אריינגעביסן אין דער מצה, האט זיין געזיכט געשיינט ווי די זון, און ער האט אויסגעשריגן, "**יעצט שפיר איך ווי דער טעם פון גן עדן גייט אריין אין יעדן אבר**", און דער הייליגער רוז'ינער זי"ע פלעגט דערציילן די מעשה און צולייגן, "**מיין עלטער-זיידע דער מלאך האט געדארפט א גאנצן מופת כדי צו קענען אראפברענגען די הייליגע השגות אין א שטיקל גשמיות'דיגער מצה**".

• • •

**אין ספר מאמרים קדמונים ווערט דערציילט**, אז אין דער שטאט פאסטוב האט געוואוינט א גרויסער פריץ (א גראף) וואס איז געווען א גרויסע שונא ישראל און פלעגט רודפ'ן די אידן מיט שווערע שטייערן און גזירות, די אידן פונעם שטעטל זענען געווען צעבראכן און האבן כסדר געוויינט פאר הילף, איינמאל איז דער פריץ געפארן מיט זיין קארעטע אויפן גאס פון שטעטל מיט גרויס גאווה, און פונקט אין יענער מינוט האט דער צדיק רבי אברהם המלאך ארויסגעטראטן פונעם בית המדרש.

דער פריץ האט זיך אנגעשטויסן אינעם הייליגן מלאך'ס אויגן, און אין איין רגע איז א שרעק אריין אין דעם פריץ, זיין פנים איז געווארן בלאס ווי קאלך, און ער האט באפוילן דעם קוטשער אפצושטעלן די פערד אויפן פלאץ, דער פריץ איז אראפגעקראכן פון זיין קארעטע, צוגעגאנגען צום רבי'ן מיט ציטערדיגע פיס און זיך געבויגן ביז צו דער ערד, און שפעטער האט דער פריץ געזאגט פאר זיינע מענטשן, "**איך האב נישט געזען קיין מענטש פון פלייש און ביין, איך האב געזען א ג-טלעכן באשעפעניש מיט א פייערדיגן**

**שווערד, און איך האב געשפירט, אז אויב איך טו אים נישט קיין כבוד, וועל איך נישט בלייבן לעבן קיין מינוט"**, און פון יענעם טאג אן האט דער פריץ מבטל געווען אלע גזירות קעגן די אידן און געהאלטן אן אפענע האנט צו העלפן די אידן.

• • •

**אין ספר שמועות טובות ווערט דערציילט**, אז איינמאל ביים גיין אויפן וועג פון מעזריטש קיין פאסטוב, איז דער וואגן דורכגעפארן א טיפן, פינצטערן וואלד, פלוצלונג האט דער צדיק וקדוש רבי אברהם המלאך זי"ע באפוילן דעם בעל עגלה ער זאל אפשטעלן די פערד אוןווארטן, דער צדיק רבי אברהם איז אראפגעגאנגען פונעם וואגן, אריינגעטראטן טיף צווישן דיביימער, און זיך געשטעלט לעבן אן אלטן בוים וואס איז דארט געשטאנען.

ער האט אנגעהויבן זאגן עטליכע קאפיטלעך תהילים מיט בכיות נוראות וואס האבן גערירט די הערצער פון די וואס זענען געשטאנען פון ווייטנס, נאך א שעה האט ער געזאגט דעם פסוק "**ברוך מתיר אסורים**", און דאן האט זיך דער צדיק אומגעקערט צום וואגן, און געהייסן פארן ווייטער, ווען די תלמידים האבן אים געפרעגט וואס דאס איז געווען, האט ער זיי ערקלערט, "**א נשמה איז שוין געווען מגולגל אין יענעם בוים איבער הונדערט יאר צוליב א שווערע עבירה, און זי האט געווארט אויף א תיקון, פונקט ווען מיר זענען דורכגעפארן, האט זי געשריגן צו מיר מען זאל זי אויסלייזן, און ברוך השם אז זי האט יעצט זוכה געווען צו איר מנוחה אין גן עדן**".

• • •

**אין מאמרי אדמו"ר הזקן ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע **פלעגט צומאל פארגעסן אינגאנצן אז ער דארף עסן אדער שלאפן, ביז זיין גוף איז געווען ממש אויסגעדארט**, זיין הייליגער טאטע, דער מעזריטשער מגיד, פלעגט אים צומאל מוזן באפעלן בתורת כיבוד אב ער זאל נעמען א טרונק וואסער אדער עסן א שטיקל ברויט.

איינמאל האט דער הייליגער מגיד אים געזאגט, "**אברהם, די וועלט דארף האבן א נשמה אין א גוף, נישט א נשמה אן א גוף, דער אויבערשטער וויל מען זאל אים דינען מיט כל עצמותי תאמרנה, אבער אויך דורך דעם חומר אליין**", האט דער צדיק רבי אברהם געענטפערט פארן טאטן מיט גרויס הכנעה, "**טאטע, איך פראביר מיט אלע כוחות צו שפירן דעם גוף, אבער ווי נאר איך טראכט פונעם בורא עולם, שפיר איך נישט מער ווי איין גרויסע פייער וואס פארברענט יעדע גשמיות**".

**יארצייט י"ג תשרי**

**הגה"ק רבי עקיבא השני ב"ר משה זי"ע, (איגר)**
**בעל רעק"א, אב"ד פוזנא**

ער איז געבוירן אין שטאט אייזנשטדט, **א' מרחשון בשנת תקכ"ב**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי משה גינז** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי שמואל שלעזינגער** זי"ע,
חתן הגה"ק **רבי משה ברודא אב"ד וורמייזא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אברהם ברודא בעל אשל אברהם ראב"ד פראנקפורט דמיין** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת גיטל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי עקיבא איגר הראשון בעל משנת דרבי עקיבא מהאלבערשטאט** זי"ע.

ער איז געווען א גאון הגאונים און דער גדול הדור, ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד, ער איז געווען א בקי בתורה און א למדן נפלא, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן מסגף געווען און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש און התמדה, ער איז כמעט נישט געשלאפן ביינאכט, ביי חצות לילה אפילו ווינטער אין די גרויסע פראסטן, איז דער גאון געגאנגען זיך טובל זיין און מטהר זיין, ער האט גאר אסאך עוסק געווען מיט א מסירת נפש ממש אין צדקה וחסד מיט אנדערע אידן, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גדולים וגאונים בתורה.

ער איז געווען א אויסגערופנע עניו און א גאר צוגעלאזענע מענטש, ער האט קיינמאל נישט מצער געווען א אנדערן איד, נאר אייביג גערעדט מיט יעדן בנחת, אפילו מיט א קליין קינד האט ער גערעדט מיט א געוואלדיגע צו געלאזענקייט.

ער האט קיינמאל נישט געלאזט אז א אנדערער זאל אים באדינען, אויך האט ער נישט געלאזט מען זאל אים קישן די הענט בתורת רבי אפילו פון זיינע אייגענע תלמידים, אויך האט ער מקפיד געווען אז מען זאל אויף אים נישט שרייבן קיין שבחים ווי צדיק וגאון, און ביים גאון האט די שבחים געמיינט ממש גארנישט, אז עס איז דא אסאך בריוון וואס דער גאון האט געשריבן פאר אידן ווי גאון ורבי, און דער גאון האט באמת נישט געהאלטן אז דאס איז אפילו עפעס ווערט.

פון אלס קליין קינד ביז צו די 12 יאר האט דער גאון געלערנט אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי נתן נטע אב"ד מאטערסדארף** זי"ע, דארט האט ער גאר שטארק מצליח געווען אין זיינע לימודים, און ער איז שוין דאן געווען באוויסט אלס א גאון בתורה עד להפליא.

ביי די 12 יאר איז ער אריבער לערנען אין שטאט **ברעסלוי** אין די ישיבה פון זיין פעטער הגה"ק **רבי בנימין וואלף איגר אב"ד מילץ לייפציג** זי"ע, בן הגה"ק **רבי עקיבא איגר הראשון בעל משנת חכמים** זי"ע, דארט ביים פעטער האט דער גאון גאר שטארק מצליח געווען בתורה, ער האט דאן אוועק געגעבן יעדע מינוט פונעם טאג און פונעם נאכט פאר תורה.

ביי זיין בר מצוה האט ער ארויסגעגעבן זיין ערשטע חיבור אויף מסכת חולין, וואס גדולים בדורו האבן דעם חיבור גאר שטארק באוואונדערט, און דאן איז ער שוין געווען מפורסם אלס א גאון און גדול בתורה, וואס די גרעסטע גאונים בדורו האבן שוין דאן מפליא געווען זיין גדלות בתורה.

בשנת תק"ם זייענדיג אכצען יאר אלט, האט דער צדיק **הגביר המפורסם** הגה"ק **רבי יצחק איצק מרגליות מליסא** זי"ע גענומען דעם גאון פאר אן איידעם פאר זיין טאכטער **הרבנית הצדקת מרת גליקל** ע"ה, און דאן האט זיך דער גאון אריבער געצויגען וואוינען אין שטאט **ליסא** נעבן זיין שווער, דער שווער האט דעם איידעם אויס געהאלטן מיט גרויס כבוד און דעם איידעם גאר שטארק מכבד געווען וויסענדיג זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע התנהגות דקדושה.

דארט אין שטאט ליסא האבן זיך בחורים גאונים בתורה מדבק געווען אין דעם גאון, אפילו ער איז נאך דאן געווען 18 יאר אלט, אבער זיין גדלות בתורה און זיין מידות הענווה איז שוין דאן געווען באוויסט, און דערפאר האבן די בחורים זיך מדבק געווען אין אים, דער גאון האט דאן מרביץ תורה געווען מיט א מסירת נפש אריין לייגענדיג שעות אריכות פאר די תלמידים און אויך פאר זיינע אייגענע לימודים.

גרויסע גאונים און גדולים בדורו האבן שוין דאן געשיקט צו דעם גאון שווערע שאלות אין

הלכה, וואס דער גאון האט זיי אלע געגעבן תשובות וואס האט זיי באצויבערט, מען האט געזען זיין געוואלדיגע גדלות ארויס שיינען פון זיינע גאר טיפע תשובות.

צווישען די גדולים און גאונים וואס האבן זיך געשריבען מיט דעם גאון בדבר הלכה איז געווען.

הגה"ק **רבי יהודה נוימבורג אב"ד ראוויטש** זי"ע,
הגה"ק **רבי דוד טעביל ראב"ד ליסא** זי"ע,
הגה"ק **רבי יעקב לורברבוים בעל חוות דעת אב"ד ליסא** זי"ע.

אויך האבן די גדולים און גאונים בדורו אים מצרף געווען אין זייער בית דין אפילו ער איז נאך דאן געווען 18 יאר אלט, אבער אין הלכה איז ער שוין געווען **כאחד מהגדולים מדורות הראשונים**.

דער גאון האט געהאט א סדר היום פיל מיט תורה און קדושה, ער האט יעדן טאג סוף טאג געמאכט א חשבון הנפש, ווי אזוי דער טאג איז דורך און אויב ער האט אויס געניצט יעדע מינוט אויף תורה און רצון השם, ער האט אפגעשיידט מעשר אויך פון זיינע טעג, **ווייל יעדע צענטע טאג האט ער מקדיש געווען כולו לשם דעם גאנצן טאג**.

ווען מען האט דעם גאון מכבד געווען אויף סיי וואסערע אופן, האט ער געוויינט אויף דעם מיט גרויסע בכיות ממש ווי מען וואלט אים מצער געווען, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן גאר שטארק מסגף געווען, ער האט כמעט נישט געגעסן, ווען ער האט שוין יא געגעסן **פלעגט ער אראפ שלינגען דאס עסן אן דאס ציקייען, ווייל ער האט נישט געוואלט הנאה האבן פון די וועלט**, אפילו ער איז בטבע געווען א גאר שוואכער מענטש, האט ער אבער געהאט גאר הייליגע כוחות, אז ער האט זיך געקענט מסגף זיין אויף א גאר הויכעכע מדרגה.

עס איז געווען באוויסט, אז די וואס האבן זיך געוואגט צו טשעפענען דעם גאון אדער ח"ו פוגע זיין בכבודו, זענען גלייך נענש געווארן פון הימל, אפילו די גוים פון שטאט האבן געוויסט צו זאגן פון זיין גדלות און קדושה מיט וואס דער גאון האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן, גרויסע שרים פון די מלוכה פלעגן זיך קומען דורך רעדן מיט דעם גאון, ווייל זיי האבן אלע געוויסט אז ער איז געווען א גאר קלוגער און ערליכער מענטש.

אפילו ער איז געווען באוויסט אלס א גרויסער קנאי, און ווען עס איז געקומען צו סיי וואס האט נוגע געווען לדבר ד', האט זיך דער גאון ארויס געשטעלט מיט א אש להבה, און נישט נושא פנים געווען און זיך נישט אוועק גערירט פון די הלכה אדער פון סיי וואס האט אנגערירט צו הלכה, אבער ווען עס איז געקומען סתם אזוי מיט א מענטש, איז דער גאון געווען א גאר צו געלאזענער מענטש און מקדים שלום געווען פאר יעדן מענטש.

בשנת תק"ן האט ליידער אויס געבראכן א שרעקליכע שריפה אין שטאט ליסא, וואס עס איז ליידער פארברענט געווארן גאר אסאך אידישע הייזער, אידן האבן דאן פארלוירען אלעס וואס זיי האבן פארמאגט, אויך דער הייליגער גאון רבי עקיבא איגר און זיין שווער האבן ליידער מיט געטיילט דעם גורל, און דער גאון האט ממש אלעס פארלוירען, אויך זיין שווער איז דאן געווארן א יורד ל"ע, און בלית בריה האט ער געמיזט נעמען א רבנות פאסטן אין שטאט פריעדלאנד אז ער זאל זיך האבן פון ווי צו מפרנס זיין די ווייב און קינדער, אויף דעם פאסטן האט דער גאון געדינט פאר 24 יאר.

דארט אין שטאט **פריעדלאנד** האט דער גאון ווייטער מרביץ תורה געווען פאר זיינע גרויסע תלמידים, אויך האט ער דארט אין שטאט גאר אסאך אויף געטון ארויף צו ברענגען אין דעם שטאט סיי דאס רוחניות און סיי דאס גשמיות, דאן איז זיין נאמען ארויס אין גאנץ פולין און ער איז דאן מפורסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה, דאן האבן די רבנים פון פולין אים אויס געקליבן אלס דער ראש פון די אסיפה אין **ווארשא**.

דער גאון אפילו זייענדיג אריין געטון נאר אין תורה, האט ער זיך גאר אסאך אפגעגעבן מיט די צרכים פונעם שטאט, ער האט מייסד געווען ארגוני צדקה אונעם שטאט וואס פון דארט האט מען אויס געהאלטן די ארימעלייט פונעם שטאט, אויך א חברה קדושה, אויך האט ער געגרינדעט א קרן צדקה וואס האט צו געשטעלט האלץ פאר ארימע משפחות פארן ווינטער אז זיי זאל קענען ווארעמען זייערע שטובער.

מען קען זעהן ווי דער גאון רבי עקיבא איגר האט באמת פיינט געהאט דאס רבנות און ער האט

דאס באמת נישט געוואלט, ווי ער שרייבט אין א מכתב צו די דיינים פון שטאט ליסא בזה"ל, "**קצתי בחיי מפני הרבנות, והיה נוח לי יותר להיות שמש או שומר לילה מרב**", נאר בלית ברירה כדי זיך מפרנס צו זיין, האט ער דאס געמיזט נעמען.

דער גאון האט געזאגט פאר זיין זוהן הגה"ק **רבי שלמה אב"ד קאליש** זי"ע, אז יעדן ראש השנה און יום הקדוש זאל ער מתפלל צום גרויסן באשעפער, **אז ער זאל אים מציל זיין פון רבנות, נאר ער זאל בעטן אז דער גרויסער באשעפער זאל אים שיקן א אנדערע פרנסה**.

י"ב אדר בשנת תקנ"ו איז ליידער זיין זיווג ראשון הצדקת **מרת גליקל** ע"ה נפטר געווארן און געלאזט דעם גאון מיט צוויי יונגע יתומים, דאן האט דער גאון חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הרבנית הצדקת מרת בריינדל** ע"ה, בת הגה"ק **רבי יהושע הלוי פייבלמאנן אב"ד סאטמאר** זי"ע, וואס איז געווען אן איידעם פון דעם גאון'ס שווער מזיווג ראשון.

בשנת תק"ע האבן די אידן פון שטאט **אייזנשטאט** די שטאט ווי דער גאון איז געבוירן געווארן אויף גענומען דעם גאון אלס זייער רב, אבער די שטאט פריעדלאנד האט דעם גאון נישט געוואלט לאזן גיין, און דערפאר האט דער גאון געמיזט צוריק וויזן דאס רבנות פון אייזנשטאט, אפילו ער האט באמת געהאט א גאר שטארקע קשר מיט די אידן פון אייזנשטאט.

אבער בשנת תקע"ד ווען דער גאון הגה"ק **רבי שמואל ב"ר פנחס בעל בית שמואל אב"ד פוזנא** זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן זיי גלייך אויף גענומען דעם גאון אלס ממלא מקום פון דעם גאון רבי שמואל זי"ע, דער גאון רבי עקיבא איגר האט אבער מחמת זיין גרויסע ענווה געהאלטן, אז ער איז נישט ראוי צו זיין ממלא מקום אין דעם גרויסן שטאט **פוזנא**, וואס איז דאן שוין געווען א עיר מלאה תלמידי חכמים וסופרים און געווען פון די גרעסטע שטעט במדינת אשכנז, האט ער מתחילה צוריק געוויזן דאס רבנות.

אבער דאן האבן זיך צוזאמען גענומען אלע גדולים און גאונים בדורו, און האבן זייער צו גערעדט דעם גאון צו נעמען דעם פאסטן, ווייל מיט זיין געוואלדיגע גדלות און גאונות בתורה קען ער גאר אסאך אויפטון פאר אידישע קינדער, דאן האט דער גאון בלית ברירה גענומען דאס רבנות, און דאן איז די נאמען פון דעם גאון באוויסט געווארן אין גאנץ אירופה.

דארט אין פוזנא האט דער גאון אויף געשטעלט זיין ישיבה ווי ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער בחורים גאונים און גדולים בתורה, און גאנץ שנעל איז די ישיבה געווארן באוויסט אלס דעם גרעסטען ישיבה וואס רוב גדולים און גאונים און רבנים פונעם דור האבן דארט געלערנט.

צווישן זיינע גרויסע תלמידים האבן זיך גערעכנט פון די גרעסטע גדולים מפורסמים ובתוכם.

הגה"ק **רבי אברהם דוב בער פלאם בעל ויען אברהם מלובלין** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי אהרן פולד בעל בית אהרן** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי יוסף זונדל מסלנט** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי יוסף יהודה לייב פעדער בעל אומץ יוסף דיין בק"ק ברעסלויא** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי יעקב צבי מעקלנבורג בעל הכתב והקבלה אב"ד קניגסברג** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי יצחק איצק עטינגער בעל דודאי מהרי"א אב"ד פלעשען** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי מרדכי מיכאל יפה בעל תשובת מר"ם יפה** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי משה גינז שלעזינגער** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי משה פיילכנפלד אב"ד רוגוזין** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי עקיבא ישראל ווערטהיימער ראב"ד אלטונא** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי שמעון סג"ל לוי בעל שער שמעון אב"ד פארדאן** זי"ע,<br>
הגה"ק **רבי שמעון שאטין כ"ץ בעל כהנת עולם אב"ד שארוש פאטאק** זי"ע.

דער גאון האט זיך מקשר געווען מיט די אידן און די קהלה אין שטאט פוזנא און עס איז געווען א אהבה און קשר וואס מען קען ממש נישט באשרייבן, יעדער אן א אויסנאם האט מחבב געווען און מכבד געווען דעם גאון, און וועגן דעם, ווען אנדערע גרויסע שטעט ווי ניקלשבורג ווען זייער רב הגה"ק **רבי מרדכי בינעט בעל פרשת**

**מרדכי** זי"ע איז נסתלק געווארן, און האבן געזיכט א ממלא מקום, אדער די שטאט ווילנא האט געזיכט א נייעם רב, האט דער גאון בשום אופן נישט געוואלט אוועק גיין פון פוזנא.

ער איז געווען פארעכנט בדורו אלס דער גדול הדור און דער פוסק הדור, אויך איז ער געווען פון די גדולי למדנים בדורו, זיינע חידושים און שו"ת ווערן נאך עד היום געלערנט אין רוב ישיבות.

אויך האט ער געהאט א גרויסע השפעה אויפן דרך הלימוד גמרא תוספות, אויך אין לימוד הלכה האט דער גאון געהאט א גאר גרויסע השפעה, זיינע הגהות אויף שלחון ערוך אין זיינע שו"ת איז א זאך וואס ווערט נאך עד היום גענוצט בעולם הדיינים.

בשנת תקצ"א האט ליידער אויס געבראכן א שרעקליכע מגיפה פון די **מחלה כולרה** אונעם שטאט **פוזנא** וואס איז דאן פארעכענט געווארן פון די גרעסטע שטעט אין פולין, דאן האט דער גרויסער גאון איין געפירט גאר אסאך תקנות אינעם שטאט כדי די מחלה זאל זיך ח"ו נישט פארשפרייטן שנעל, ער האט געשטעלט אידן וואס זאלן זיכער מאכן אז דאס ריינקייט אין שטאט זאל זיין אויפן העכסטן פארנעם, וואס דאס האט געהאלפן אז ווייניגער אידן זאלן ווערן אנגעשטעקט מיט די מחלה.

אויך האט ער דאן מבטל געווען דאס דאווענען מיט מנין די גאנצע צייט וואס די מחלה האט געבאשעוועט, אפילו ימים נוראים האט ער געמאכט א סדר פון א גורל ווער עס זאל דאווענען אין שוהל מיט מנין מצומצם ראש השנה און יום הקדוש, נאכדעם וואס די מחלה האט זיך אפגעשטעלט, האט דער גאון באקומען **א מכתב הודעה פונעם קעניג פרידריך דער דריטער איבער זיין הילף בשעת'ן מגיפה**, און די ממשלה האט דאן ארויס געגעבן א **מטבע**, וואס האט געהאט דעם צורה פונעם הייליגען גאון אלס הכרת הטוב.

אויך דערציילט מען, אז דער גאון האט ביי די מגיפה געשריבן גאר אסאך הייליגע קמיעות וואס ער האט דאס ארום געטיילט פאר אלע אידן פונעם שטאט, און דורך דעם געראטעוועט די אידן פון דעם שטאט פון ווערן אנגעשטעקט מיט די מגיפה, אפילו די גוים פון שטאט פוזנא זענען געקומען קויפן די קמיעות פון דעם גאון וויסענדיג אז וואס דער גאון טוט האט הצלחה.

ער האט איבער געלאזט קינדער און איידעמער גאונים און גדולים בעולם התורה.

הגה"ק **רבי אברהם איגר מראוויטש** זי"ע,
הגה"ק **רבי שלמה איגר אב"ד קאליש** זי"ע, וממלא מקום אביו בפוזנא,
בתו **הצדקת מרת שיינדל** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי משה היינריך דודזון מברומברג** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת שרל** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי אברהם משה קאלישער** זי"ע בזיווג ראשון, בזיווג שני אשת הגה"ק **רבי משה סופר בעל החתם סופר מפרשבורג** זי"ע,
הגה"ק **רבי משה איגר מווארשא** זי"ע,
הגה"ק **רבי בנימין וואלף איגר מיוהניסבורג וברלין** זי"ע,
הגה"ק **רבי יצחק לייב איגר מלאמזא** זי"ע,
הגה"ק **רבי שמואל איגר ממינסק** זי"ע,
הגה"ק **רבי שמחה בונם איגר מבארדיטשוב** זי"ע,
הגה"ק **רבי דוד איגר מברעסלויא** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת ראדיש** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי וואלף שיף מוואלשטיין** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת פריידא** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי פישל גראדשטיין מלובלין** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת גיטל** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי שמואל קארנפעלד מבראד** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת רבקה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי חיים שמואל בירנבוים מפוזנא** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת בילא** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי מאיר לייב ראזאניס מבראד** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת יוטא** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי שמעון ברלינער מקרוטשין** זי"ע.

קינדער וואס זענען ליידער נפטר געווארן יונגערהייט
**צפורה ע"ה,**
**יהושע איגר ע"ה,**
**הדסה ע"ה.**

דער גאון האט מחבר געווען גאר גרויסע און הייליגער ספרים, סיי על התורה און אויך אויף ש"ס ופוסקים, הגהות אויף ש"ס חידושי תורה און די

טויזענטער, אויך איז דא פון דעם גאון טויזענטער שאלות ותשובות אויף גאר אסאך שאלות בהלכה.

דער איידעם דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט מעיד געווען אויפן שווער, **אז ווען מען קוקט אויפן שווער קען מען זיך מצייר זיין וואס עס מיינט אמת'ע ענווה און מען קען פארשטיין אביסל דעם מידה וואס משה רבינו ע"ה האט געהאט.**

הגה"ק רבי יעקב משה לורברבוים בעל חות דעת מליסא זי"ע האט געזאגט אויפן גאון רבי עקיבא איגר זי"ע, **אז ער איז געווען א גדול בתורה ווי דער הייליגער ש"ך זי"ע און א צדיק וקדוש ווי הרה"ק רבי שמואל שמעלקא מניקלשבורג זי"ע,** און אויף זיך האט רבי יעקב משה געזאגט, **ביז איך בין נישט געקומען צום גאון רבי עקיבא איגר אין שטוב, האב איך געמיינט אז איך בין א למדן, אבער אזוי ווי איך בין געקומען צום גאון אין שטוב, האב איך געזען אז איך בין ממש גארנישט קעגן זיין לימוד התורה און זיין ידועות בש"ס ופוסקים.**

הגה"ק בעל חזון איש זי"ע האט זיך אמאל אויס גערדיקט, **אז דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע איז ראוי געווען צו זיין א גאון אין די צייטן פונעם הייליגע רשב"א זי"ע, נאר דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונז, און געגעבן דעם גאון רבי עקיבא איגר זי"ע אין אונזער דור,** אויך האט זיך דער חזון איש זי"ע אויס גערדיקט בזה"ל, **"די וועלט מיינט אז דער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע איז געווען א בעל כשרון נפלא, און דורך דעם האט ער מחדש געווען זיינע געוואלדיגע חידושים, אבער די אמת איז, אז דאס איז געווען צוליב זיין גאונות און אויך זיין געוואלדיגע "יראת שמים", וואס דאס איז כמעט נישט געווען בדורו".**

ווערט דערציילט, אז איינמאל איז איינע פון די גרויסע תלמידים פון רבי עקיבא איגר זי"ע אנגעקומען צום צדיק **דער הייליגער שרף מקאצק** זי"ע, און דער הייליגער קאצקער האט געבעטן פון דעם תלמיד, אז ער זאל עפעס דערציילן איבער זיין גרויסן רבין ר' עקיבא איגר, האט דער תלמיד אנגעהויבן דערציילן איבער זיינע הנהגות דקדושה וואס ער האט כסדר געזעהן ביי זיין רבין.

אבער דער הייליגער קאצקער איז נישט נתפעל געווארן, אבער דאן האט דער תלמיד דערציילט, **אז ווען זיין רבי האט אנגעהויבן לערנען, האט ער פאר שעות אריכות בכלל נישט ארויס געקוקט פון די גמרא די גאנצע צייט וואס ער האט געלערנט,** דאן האט דער הייליגער שרף מקאצק געזאגט, **דאס האב איך געוואלט הערן.**

דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט דערציילט, אז דער גרויסער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע פלעגט געבן פאר זיינע תלמידים יעדן טאג א שיעור וואס האט גענומען א שיינע פאר שעה און געווען אנגעפילט מיט געהויבענע חידושים נפלאים, איין טאג האט דער גאון געברויכט מפסיק זיין אינמיטן דעם שיעור צוליב א גאר וויכטיגע ענין.

דערפאר האט דער גאון צו געזאגט צו משלים זיין דעם שיעור ביינאכט, כך הוה דער גאון האט טאקע משלים געווען דעם שיעור ביינאכט, אבער דאן האט דער גאון געזאגט, אז וויבאלד ער זעהט אז ער האט צייט צו פאר לערנען א שיעור ביינאכט, האט ער פון יענעם טאג ווייטער אויך פאר געלערנט א שיעור קבוע יעדע נאכט, דאס איז געווען זיין חביבות און מסירת נפש פאר תורה.

אפאר יאר בעפאר זיין פטירה האט דער גאון געבעטן, אז מען זאל נאך זיין פטירה נישט שרייבן אויף אים קיין שבחים ווי גאון אדער רבינו, אויך האט ער געהייסן, אז די הספד זאל מען נאר זאגן אויפן בית החיים בעפאר מען באערדיגט אים און אויך נישט מעריך זיין מיט קיין שבחים ביים הספד, נאר איין זאך וואס מען זאל יא זאגן איז בזה"ל, **"שמיום היות בן ט"ז שנים למד תורה עם תלמידים ביסורים גדולים".**

אויך האט ער געשריבן דעם נוסח המציבה און געהייסן אז מען זאל גארנישט צו לייגען צום מציבה חוץ וואס ער האט געשריבן, דער נוסח המציבה לייגט זיך ווי פאלגאנד, **"פ"נ הרב ר' עקיבא איגר, עבד לעבדי ד' בק"ק מ. פרידלאנד ובק"ק פוזנא, נאסף אל עמיו ביום ה' י"ג תשרי שנת תקצ"ח".**

חודש אלול בשנת תקצ"ז איז דער גאוןליידער קראנק געווארן, דער גאון האט נאך עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש אפילו זייענדיג אין גרויסע יסורים, יום הקדוש איז דער

גאון נאך אריין געקומען צו די תפילות, אבער לײדער א טאג נאך יום הקדוש איז דער מצב געווארן גאר שווער, און אפאר טאג שפעטער איז דער גאון נסתלק געווארן **זייענדיג 76 יאר אלט**.

דעם טאג פון די לוי האט מען געמאכט א ביטול מלאכה אונעם שטאט פוזנא אלס כבוד פונעם גאון הדור, צום לוי זענען זיך צוזאמען געקומען אנשים נשים וטף יעדער איד איז ארויס געקומען אפגעבן דעם כבוד האחרון פארן גדול וגאון הדור, גרויסע גאונים און גדולים האבן זיך משתתף געווען ביים לוי', אפילו להבדיל די גוים און דער בישוף פון שטאט פוזנא איז געקומען באגלייטן דעם גאון, ווייל אפילו די גוים האבן געוויסט דעם גדלות פון דעם גאון.

נאכן לוי האט מען מפרסם געווען די צוואה פונעם גאון ווי ער שרייבט אז ער וויל נישט מען זאל אים מספד זיין, נאר ער בעט פון זיינע תלמידים אז מען זאל לערנען משניות דעם גאנצן יאר פון זיין פטירה לעילוי נשמתו און יעדעס יאר ביים יארצייט זאל מען אויך לערנען משניות.

ליידער ביים צווייטע וועלט מלחמה האבן די דייטשן ימ"ש חרוב געמאכט דעם גאנצן ביה"ח ווי דער צדיק וגאון איז נטמן געווארן, אבער יארן שפעטער האט מען צוריק ארויף געשטעלט א מצבה אויף ציון קדשו.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ג תשרי בשנת תקצ"ח**, ומנוחתו כבוד איז אויפן ביה"ח אין שטאט **פוזנא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז דער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע געקומען צו א שטאט, ער איז געגאנגען איינשטיין ביי א קרוב זיינער וואס איז געווען א גרויסער ארימאן, ווען איינער האט געזאגט פארן גאון, אז דאס איז דאך נישט לפי כבודו צו איינשטיין ביי א ארימע שטוב, ער וואלט ענדערשט געברויכט גיין איינשטיין אין א שטוב פון א עושר וואס דאס איז מער בכבוד פארן גאון.

האט דער הייליגער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע געענטפערט, ביי השבת אבידה זאגט די פסוק, (דברים כ"ב א') **לֹא תִרְאֶה אֶת שׁוֹר אָחִיךָ אוֹ אֶת שֵׂיוֹ נִדָּחִים וְהִתְעַלַּמְתָּ מֵהֶם הָשֵׁב תְּשִׁיבֵם לְאָחִיךָ**, וואס חז"ל דרש'נען, אז אמאל מעג מען זיך יא פארהוילען פון אן אבידה, למשל, ווען עס איז א זקן און עס איז נישט לפי כבודו, וואס דאן דארף מען נישט מקיים זיין השבת אבידה.

אבער ווען עס קומט צו די מצוה פון **וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם**, דארט זעט מען שוין נישט אז חז"ל זאלן זאגן, **אז עס איז דא א צייט ווען מען מעג פארזען א קרוב, נאר ווען עס קומט צו א קרוב, דארף אפילו א זקן אדער א גדול אויך זיך וויסענדיג מאכן פון זיין קרוב**, און דערפאר איז ער געגאנגען צו דעם קרוב דער ארימאן.

• • •

**איינמאל איז א איד געקומען זיך מזכיר זיין ביים גאון**, אז ער ברויך אריבער גיין א בראך אפעראציע, אבער ער האט נישט דאס געלט פארן דאקטאר, גלייך האט דער גאון געגעבן פארן איד דאס גאנצע געלט וואס ער האט געברויכט, און דער גאון האט געהייסן פאר דעם איד, אז ער זאל זיך נישט פארזוימען, ווייל עס קען ח"ו זיין א סכנה, נאר ער זאל גלייך גיין צום דאקטאר און מאכן דעם אפעראציע.

אפאר טאג נאך דעם אפעראציע זעט דער איד, ווי דער גאון קומט אריין צו אים אין שטוב, דער איד האט נישט געוויסט וואס דער גאון וויל, אבער דער גאון האט גלייך געפרעגט דעם איד, ווי אזוי די אפעראציע איז דורך, און אויב ער גיבט זיך אכטונג נישט ארויס צו גיי אויף די גאס, און דאס איז געווען דער גרויסער גאון וואס האט עוסק געווען יעדע מינוט פון זיין לעבן נאר אין תורה, **אבער ווען עס איז געקומען צו א אנדערן איד, האט דער גאון מסכים געווען צו מבטל זיין תורה, נאר צו מאכן זיכער אז דער איד ווערט געזונט**.

• • •

**דאס עניוות פון דעם גאון איז געווען ממש נישט צום באשרייבן**, דערציילט מען, אז איינמאל האט מען מכבד געווען דעם גאון מיט א ברית וואס איז פאר געקומען אין א ווייטע שטאט, דער גאון איז די גאנצע נאכט געפארן כדי צו קענען זיין ביים ברית.

אינמיטן וועג האט זיך גענומען רעגענען גאר שטארק, און אויפן וועג האט דער בעל עגלה געשפירט אז די וואגן האלט זיך ח"ו ביים איבער דרייען, דער בעל עגלה איז גלייך אראפ געשפרינגען פונעם וואגען, און ער האט מסדר געווען אלעס ביז ער האט געזען אז מען איז ארויס פונעם סכנה.

ווען דער בעל עגלה איז צוריק ארויף אויפן וואגן, זענען זיינע שטיוול געווען דורך געווייקט פון די רעגן, האט דער גאון געגעבן פארן בעל עגלה א אנדערן פאר שטיוול, כדי ער זאל נישט דארפן פארן דעם גאנצן וועג מיט נאסע שטיוול.

אבער ווען מען איז אנגעקומען אין דעם שטאט, און דער גאון איז ארויס פונעם וואגן, האט דער בעל עגלה געזען אז די פאר שטיוול וואס דער גאון האט אים געגעבן, זענען געווען זיינע אייגענע שטיוול, ווען דער גאון האט געזען דעם וואונדער אין די אויגן פונעם בעל עגלה, האט ער מיט א פשטות געזאגט, **איז דען יושר, אז די זאלסט זיצן מיט נאסע שטיוול אין איך זאל זיצן מיט שטיוול**, ווייל ביי דעם גאון איז דאס געווען זייער פארשטענדליך און ער האט בכלל נישט געשפירט אז ער האט דא געטון עפעס ספעציעל.

• • •

**הגה"ק רבי משולם דוד הלוי סאלאווייציק זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל האט דער גרויסער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע פאר געלערנט פאר זיינע תלמידים א שיעור, אינמיטן האט דער גאון געפרעגט א גאר שווערע קשיא, דער גאון צוזאמען מיט די תלמידים האבן פראבירט צו טרעפן א ריכטיגע תירוץ, אבער מען האט נישט מצליח געווען, נאך א שטיק צייט איז דער גאון ארויס פון ביהמ"ד.

נאך א שטיק צייט וואס די תלמידים האבן געזעהן אז דער גאון קומט נישט צוריק, זענען אפאר תלמידים ארויס פון ביהמ"ד זיכן דעם גאון, עס איז געווען אינמיטן ווינטער און עס איז געגאנגען א שווערע שניי אויף די גאס, און די תלמידים האבן געזעהן אויף איין פלאץ, אז דארט איז די שניי אביסל העכער, האט מען אויף געגראבן די שניי, און לפלא האט מען דארט געטראפן דעם גאון ליגן אין די שניי.

אזוי ווי מען האט באפרייט דעם גאון פון די שניי, האט ער גלייך געזאגט פאר די תלמידים מיט א שמייכל, "**איך האב א תירוץ אויף די קשיא**", דער גאון האט בכלל נישט מרגיש געווען, אז פון גרויס דביקות בתורה איז ער געווארן באדעקט מיט שניי, און די דאקטורים האבן געזאגט, **אז בדרך הטבע וואלט דער גאון נישט געקענט מיט זיינע שוואכע כוחות דורך לעבן ליגענדיג אין די שניי, אבער דאס איז געווען זיין מסירת נפש פאר תורה**.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז דער גרויסער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע געקומען צו גאסט אין א שטאט, לכבודו פונעם גאון האבן די אידן פונעם שטאט אוועק גענומען די פערד פונעם וואגן, און דער גאנצער עולם האט זיך געשטעלט שלעפן דעם וואגן, ווייל זיי האבן געוואלט משמש זיין דעם גדול הדור דער שר התורה, אינמיטן שלעפן דעם וואגן האט מען געקוקט אינעם וואגן, און מען זעט אז דער וואגן איז ליידיג, האט מען אנגעהויבן זיכן דעם גאון.

אבער דאן האט מען באמערקט, אז דער גאון האט זיך אויך צו געשטעלט שלעפן דעם וואגן, ווען מען האט געפרעגט דעם גאון פארוואס ער האט דאס געטון, האט דער גאון מיט זיין געוואלדיגע פשטות געזאגט, **איך האב געזען ווי דער גאנצער ציבור איז עוסק אין א מצוה מיט א שמחה און התלהבות, האב איך אויך געוואלט האבן א חלק אין די מצוה, דערפאר בין איך אראפ פונעם וואגן און זיך צו געשטעלט צום גאנצן ציבור**.

• • •

**א איד האט אמאל געפרעגט דעם גרויסן גאון דער הייליגער חפץ חיים זי"ע**, ווי אזוי האט דער גרויסער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע זוכה געווען צו די גרויסע מדריגות אין תורה און קדושה אז ער איז נתקבל געווארן אלס פוסק הדור און דער גרעסטער גאון בדורו.

האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע געזאגט, **אין יעדע דור קומט אראפ א שפע און סייעתא דשמיא פאר דעם דור, וואס דאס ווערט צוטיילט צווישן אלע גאוני הדור, אבער ביים דור פונעם הייליגען גאון רבי עקיבא איגר זי"ע, האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן רח"ל די תנועה פון השכלה, וועגן דעם ווען עס איז אראפ געקומען די**

**השפעה אויפן דור, איז ליידער נישט געווען קיין סאך אונעם דור וואס זאלן קענען מקבל זיין די השפעות, און דערפאר איז די גאנצע השפעה פון יענעם דור געגאנגען צום גאון רבי עקיבא איגר זי"ע**.

• • •

**צום גרויסן גאון רבי עקיבא איגר זי"ע** איז אמאל אריין געקומען איינער פון די עשירים פון שטאט, און אזוי שמועסנדיג האט דער עושר פארוויכערט א ציגאר, "**צו וואס דארפט איר רויכערן**" פרעגט דער גאון, "**רבי**," ערקלערט דער עושר, "**כ'האב צופיל היינט געגעסן, איך בין אנגעפילט, און מיין מאגן פארדייט שווער דאס עסן, דארף איך א ציגאר וואס העלפט מיר פארדייען דאס עסן**".

עטליכע טעג שפעטער, איז אריין געקומען א גרויסער ארימאן צום גאון, און שמועסנדיג האט ער אויך גענומען א ציגאר אין מויל, "**צו וואס דארפט איר א ציגאר**" פרעגט דער גאון, "רבי," ערקלערט דער ארימאן, "**כ'האב טיילמאל נישט קיין ברויט אין מויל צו נעמען, דארף איך כאטש א ציגאר צו שטילן מיין הונגער**".

"**ווי אינטערעסאנט זענען מענטשן**," זאגט דער גאון, "**דער עושר רויכערט ווייל ער איז צו זאט, דער ארימאן, ווייל ער איז הונגעריג, זאל דער עושר געבן זיין איבריג עסן פאר'ן ארעמאן, וועט קיינער נישט דארפן רויכערן**".

• • •

**דער גרויסער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע** פלעגט אין זיינע יונגע יארן מיט זיין יונגען שארפן שכל, כסדר באפאלן זיין פאטער מיט פארשידענע קשיות, פון וועלכע זיין פאטער האט געקוואלן און געשעפט נחת, איינמאל זענען זיי געזעסן און צוזאמען געגעסן דעם מאכל וואס מ'רופט **קאשע**.

האט אים דער טאטע געפרעגט, **נו, וואס פארא תירוץ האסטו אויף די קאשע?** (ווייזענדיג אויפ'ן מאכל), דאס יונגל האט געוויינקען א צייכען אז **אין משיחין בסעודה, מ'טאר נישט רעדן אינמיטן עסן**, ווען מ'האט געענדיגט די סעודה פרעגט אים זיין טאטע ווידער, **נו, וואס איז דער תירוץ**, "**איצט איז שוין קיין קאשע נישטא**", האט דאס קינד א שמייכל'דיגער געענטפערט.

• • •

**עס ווערט געברענגט אין ספר חוט המשולש,** אז דער גרויסער גאון און צדיק רבי עקיבא איגר זי"ע, איז געווען זייער שטארק נזהר אין די מדה פון **ביקור חולים**, און ווען ער האט געהערט אז עס איז דא א קראנקער מענטש אין די שטאט, איז ער געגאנגען צו דעם קראנקען מענטש, און האט אים געברענגט עסן און אויפגערוימט די שטוב, אויך פלעגט ער אסאך מאל איבער נעכטיגן ביים דעם קראנקען מענטש, און ארויס געהאלפן מיט וואס ער האט נאר געקענט, אין די שפעטעריגע יארן ווען ער איז שוין געווען אלט און שוואך, **האט ער געדינגען די חשוב'ע מענטשן פון שטאט, אז זיי זאלן גיין מבקר חולה זיין בשליחות פון אים**.

• • •

**אין די צייט וואס דער רבן של כל בני הגולה רבי עקיבא איגר זי"ע**, איז געווען רב אין פוזנא, איז דארט געווען אן אלטער איד, א גרויסער עושר און א בעל צדקה, ווען דער איד איז געלעגן אין זיין לעצטע קראנקהייט, און דער גאון רבי עקיבא איגר האט אים מבקר חולה געווען, האט דער חולה אים געפרעגט א שאלה, אזוי ווי דער דאקטער האט אים פארשריבן מעדיצין וואס זענען טריפה, וויל ער וויסן וואס ער זאל טון, צו מעג ער זיי נעמען, אדער זאל ער דאס נישט נעמען, האט דער גאון רבי עקיבא איגר אים געענטפערט, **אז לויט זיין מיינונג טאר ער דאס נישט נעמען, ווייל ער איז נישט אין אזא געפערליכן צושטאנד, אז מען זאל אים מתיר זיין טריפות**.

באלד נאך דעם ווען דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר האט געענדיגט זיין באזוך, איז ער געגאנגען אין קיך צו דעם ווייב פון דעם קראנקען איד, און האט שטרענג אנגעזאגט, **צו מאכן אלע מעדיצינען פונקט אזוי ווי דער דאקטאר הייסט**, די ווייב איז געווען אביסל פארוואונדערט, האט דער הייליגער גאון רבי עקיבא איגר געזאגט, "**איך האב נישט געוואלט אז אייער מאן זאל וויסן אין וואס פאר א שלעכטן צושטאנד ער געפינט זיך, ווייל דאס קען אים מער שאטען, זאל ער מיינען אז ער איז א חולה שאינו מסוכן**".

• • •

**א גרויסער גביר וואס האט געוואוינט אין שטאט ווארשא**, איז אמאל געקומען צום זוהן הגה"ק רבי שלמה איגר זי"ע, און ער האט מזכיר געווען זיין ווייב, "**רבקה בת שרה**", אז זי איז ליידער זייער קראנק, און ער בעט אויב ער קען די פרוי מזכיר זיין ביי זיין הייליגן טאטן רבי עקיבא איגר

זי"ע, און אלס הכרת הטוב וועט ער לאזן אויף נייען ווארעמע מלבישים פאר צוויי הונדערט תלמידים פון די ישיבה.

דער זוהן וואס זיין שטייגער איז געווען נישט צו מטריח זיין דעם טאטן, האט אבער צוליב וואס דער עושר וועט מחי' זיין צוויי הונדערט ארימע תלמידים געשיקט א בריוו צו זיין טאטן און מזכיר געווען "**שרה בת רבקה**", אז דער טאטע זאל מתפלל זיין פאר די פרוי אז זי זאל האבן א רפואה שלימה.

נישט לאנג נאכדעם איז געקומען דער ענטפער פונעם טאטן, איך האב מתפלל געווען פאר "**שרה בת רבקה**" אבער מען האט נישט אנגענומען מיין תפלה, און דער טאטע שרייבט, אז ער זאל איבער קוקען ווייל אפשר האט מען געמאכט א טעות מיטן נאמען.

דאן האט דער זוהן געזען, אז ער האט טאקע געמאכט א טעות און נישט געשריבן דעם ריכטיגען נאמען, האט ער צוריק געשיקט א בריוו צום טאטן און געשריבן דעם ריכטיגען נאמען "**רבקה בת שרה**", און עס איז צוריק געקומען א ענטפערט פונעם הייליגען טאטן "**התפללתי ונעניתי**" און כך הוה די פרוי איז טאקע באלד דערנאך געזונט געווארן און געהאט א רפואה שלימה.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז דער גרויסער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע געווען ביי איינעם אין שטוב, און ער האט געבעטן פון יענעם אויב ער קען אים ברענגען **א ספר הרשב"א**, ווען דער איד האט דאס געברענגט, האט דער גאון געזעהן אז עס פעילט איין בלאט פונעם ספר, אלס הכרת הטוב **האט דער גאון אפגעשריבן דעם גאנצן בלאט רשב"א ווארט ביי ווארט אלעס וואס האט געפעילט**, און דאס אלעס האט דער גאון געטון בעל פה גלייך פון זכרון.

שפעטער האט דער איד איבער געקוקט דעם בלאט מיט א אנדערע רשב"א, און געזען אז דער גאון האט דאס אפגעשריבן ממש ווארט ביי ווארט ווי עס איז געשטאנען, צדיקים ווען זיי האבן געהערט דעם מעשה האבן זיי מפליא געווען די מעשה, אבער די עיקר וואס זיי האבן מפליא געווען איז געווען, **דאס חביבות וואס דער גאון האט געהאט צום ספר הרשב"א, אז אפילו ער האט געדענקט דעם רשב"א בעל פה, מיט דעם אלעם האט ער געבעטן מען זאל ברענגען דעם ספר, כדי אריין צו קוקען אין דעם ספר.**

• • •

**הרה"ק רבי אברהם מפוריסוב זי"ע האט דערציילט**, איבער דעם מידת האמת פונעם גאון רבי עקיבא איגר זי"ע, ווי ער האט מקיים געווען דעם חז"ל **קַבֵּל הָאֱמֶת מִמִּי שֶׁאֲמָרָהּ**, איינמאל האט דער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע זיך מקבל געווען צו פאסטן דריי טאג, ווען עס איז געקומען די דריטע טאג, איז דער גאון געווען גאר שוואך און האט נישט געהאט די כוח צו קומען פאר לערנען די שיעור פאר זיינע תלמידים, איז אריין צום גאון איינע פון זיינע חשובע תלמידים, און ער האט געבעטן רשות פונעם גאון אויב ער מעג עפעס זאגן פארן רבין.

דאן האט דער תלמיד געזאגט מיט א געוואלדיגע רגש, ווי לאנג א איד איז אין גשמיות האט מען א יצר הרע, יעצט אז די רבי פאסט איז דער יצר הרע מרוויח, ווייל אזוי האט די רבי נישט די כוחות צו קומען לערנען תורה מיט אונז, לפלא האט דער גאון וקדוש גלייך מודה געווען צום תלמיד, און האט גלייך געהייסן מען זאל ברענגען עפעס צו עסן, און אזוי ווי עס איז אים בעסער געווארן, איז ער גלייך אריבער אין ישיבה פאר לערנען פאר די תלמידים.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז דער גרויסער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע געווען אין שטאט ווארשא, און ער איז געגאנגען באזיכען דעם מרא דאתרא הגה"ק **רבי שלמה זלמן ליפשיץ בעל חמדת שלמה** זי"ע, בשעת ווען דער גאון איז דארט געווען, איז געקומען א פרוי און זייער געוויינט און דערציילט, אז איר מאן איז ליידער אראפ פון אידישען וועג און געווארן א מומר ל"ע, און ער וויל בשום אופן נישט געבן קיין גט, און צוליב דעם איז זי א עגונה, און דער רב דער חמדת שלמה האט שוין אסאך מאל פראבירט צו באקומען פאר די פרוי א גט, אבער דער מומר האלט זיך נישט ביים בייגן.

האט דער הייליגער גאון רבי עקיבא איגר געבעטן, אויב מען קען פועל'ן ביי דעם מאן אז ער

זאל אריבער קומען דא צום שטוב פון דעם מרא דאתרא, עס איז נישט גרינג געגאנגען, אבער מען האט אראפ געברענגט דעם מאן דער מומר צום שטוב פונעם רב, ווען דער מאן איז אנגעקומען, האט דער הייליגער גאון רבי עקיבא איגר געפרעגט דעם מאן, פארוואס ווילסטו נישט געבן קיין גט, דאס אז די האסט אויס געוועלט דעם שלעכטן וועג דאס איז דיין עבירה, אבער וואס איז שולדיג דיין פרוי.

דער מומר האט פארן גאון געלאכט אין פנים זאגענדיג, אז ער וויל בשום אופן נישט געבן קיין גט, דאן האט דער הייליגער גאון געבעטן, מען זאל אים ברענגען א גמרא מסכת קידושין, און ער זאגט פארן מאן, די האסט געלערנט גמרא אין דיינע יונגע יארן, ווייסטו וואס די גמרא זאגט, **הָאִשָּׁה נִקְנֵית בְּשָׁלֹשׁ דְּרָכִים, וְקוֹנָה אֶת עַצְמָהּ בְּגֵט וּבְמִיתַת הַבַּעַל**, האסטו א ברירה, **אדער נעמסטו דעם ערשטען דרך פון א גט, אויב נישט דאן בלית ברירה וועט מען מיזן נוצן דעם צווייטן דרך פון מיתת הבעל**.

דער מומר האט זיך אויסגעלאכט און געמאכט ליצנות פון די גאנצע זאך, און מיט א אויפגעהויבענעם קאפ ארויס פון שטוב פונעם רב, אבער אזוי גייענדיג אראפ די שטיגן האט ער פלוצלונג געשפירט, ווי עס ווערט אים טונקעל פאר די אויגן און דער קאפ דרייט זיך אים, באלד איז דער מומר אראפ געפאלן די שטיגן און איז אויפן פלאץ גע'הרג'עט געווארן רח"ל, און די פרוי איז באפרייט געווארן במיתת הבעל.

• • •

**מען דערציילט**, אז דער הייליגער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע איז געווען גאר א נאנטע חבר מיטן גאון הגה"ק **רבי יעקב משה בעל חות דעת מליסא** זי"ע, איינמאל זענען די צוויי גאונים געווען אין א שטאט אויף שבת קודש, און ביי זיי איז געווען דער עלי' פון **שלישי** די חשובה'סטע עלי',

ווען עס איז געקומען צו קריאת התורה האט מען אויפגערופען, "**יעמוד מורה מורינו רבי עקיבא ב"ר משה שלישי**", האט דער גאון אוועק גע'חלש'ט, ווייל ער האט נישט אויס געהאלטן אז מען רופט אים אויס שלישי, ווען עס איז דא דארט דער גרויסער גאון דער הייליגער חות דעת.

ווען מען האט אים דערמינטערט האט מען אים געמיזט מסבר זיין, אז די סיבה פארוואס מען געט אים שלישי איז נישט ווייל ער איז גרעסער ווי דער חות דעת, **נאר צוליב וואס ער איז רב אין א גרעסערע שטאט פוזנא**, **און וועגן דעם געט מען אים די עלי' פון שלישי**, דאן האט דער גאון מסכים געווען צו עולה זיין שלישי, אזוי גרויס איז געווען די ענווה פון דעם צדיק וקדוש.

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען מען האט אנגעטראגן דעם טאכטער פונעם גאון רבי עקיבא איגר זי"ע בזיווג שני פארן **הייליגען חתם סופר זי"ע**, איז געווען ליידער מענטשן וואס האבן נישט פארגינען פארן גאון, אז ער זאל באקומען אזא גרויסן גאון אלס אן איידעם, האבן זיי אנגערעדט שלעכטס אויפן טאכטער פון רבי עקיבא איגר, **אז זי איז א מיסע אדער זי איז נישט קיין גוטע און נאך שלעכטע אינפארמאציע**.

דער הייליגער חתם סופר האט נישט געוויסט וואס צו טון, האט ער אפ געשריבן א בריוו צום גאון רבי עקיבא איגר זי"ע, און דארט געשריבן וואס ער האט געהערט אויפן טאכטער, און ער האט געשריבן, **אז ער פארלאזט זיך אז דער גאון וועט אים זאגן דעם אמת**.

האט דער הייליגער גאון רבי עקיבא איגר צוריק געשריבן א תשובה פארן חתם סופר, **אז די אלע זאכן וואס מען האט געזאגט אויף זיין טאכטער איז נישט אמת, אבער איין חסרון האט זי, אז זי איז א טאכטער פון אן "עם הארץ", און ער וויל מאכן זיכער אז דער חתם סופר ווייסט פון דעם בעפאר ער נעמט דעם שידוך**.

• • •

**ווי באקאנט איז דער גרויסער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע** געווען שטארק נזהר אין יעדע הלכה, אבער גאר שטארק איז דער גאון געווען, אין היטן אויפן כבוד פון א אנדערן און מקיים געווען דעם בין אדם לחברו מיט א גאר שטארקע תמימות, דער גאון האט זיין גאנץ לעבן זיך מוסר נפש געווען נישט חלילה צו ווי טון א אנדערן איד אפילו נאר בטעות, ווייל דער גאון האט באמת מורא געהאט פון א הקפדה פון א איד.

• • •

**דערציילט מען**, אז ווען מען האט אלס בחור אנגעטראגן פארן גאון א שידוך מיט א מיידל פון א

גאר חשובע משפחה, און די מחותן האט געוואלט זעהן וואס דער בחור קען לערנען, האט דער מחותן געפרעגט פונעם גאון רבי עקיבא איגר א שאלה אין א געוויסע סוגיא, אבער לפלא איז דער בחור רבי עקיבא איגר געבליבן שטיל און נישט געענטפערט קיין תירוץ אויף די קשיא, און אפילו נאכן צווייטן קשיא האט דער גאון גארנישט געענטפערט, עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר זיין טאטן, וויבאלד ער איז שוין דאן געווען מפורסם אלס א גאון וגדול בתורה.

שפעטער האט אים זיין טאטע געפרעגט פשט, פארוואס ער האט נישט געענטפערט א תירוץ אויף די קשיא וואס די מחותן האט געפרעגט, האט דער גאון רבי עקיבא איגר געענטפערט פאר זיין טאטע מיט א תמימות, **אז באמת האט דער מחותן געפרעגט די קשיא, וויבאלד ער האט נאכנישט געלערנט דעם סוגיא גענוג קלאר, ווייל אויב מען לערנט דאס גוט ווי עס ברויך צו זיין, וואלט ער נישט געהאט בכלל קיין קשיא**.

**און וויבאלד איך ווייס אז אויב איך וועל ענטפערן א תירוץ, קען איך דורך דעם גורם זיין א פגיעה אין דעם מחותן, איז מיר אסאך מער ווערט אז די שידוך זאל בטל ווערן, ווי איידער איך זאל ח"ו מבזה זיין א איד**.

• • •

**צדיקים האבן געזאגט**, אז ווען דער הייליגער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע האט באקומען א שאלה פון איינעם, און דארט איז געשטאנען גרויסע טיטלען אויף אים, **פלעגט ער איין בייגן די אויבערשטע חלק פונעם בריוו און נאר געליינט די שאלה, ווייל ער האט באמת נישט אויס געהאלטן ווען מען שרייבט אויף אים אזאנע גרויסע טיטלען**.

אבער ער דער גאון ווען אימער ער האט געשיקט בריוועו פאר סיי וועם, האט ער געקענט שרייבן גאר גרויסע טיטלען אויף אפילו פשוטע אידן, ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער טוט דאס, האט ער בתמימות געזאגט, **פארוואס נישט, מען שרייבט דאך אויף מיר אויך די טיטלען, עס האט ביי אים גארנישט געמיינט די אלע שבחים**.

• • •

**מען דערציילט**, אז דער איידעם דער גרויסער חתם סופר זי"ע האט יא געליינט די אלע טיטלען וואס מען האט געשריבען אויף אים, אבער בשעת מעשה **האט ער כסדר געקרעכצט און געזאגט, קוק וואס מען פאדערט פון מיר איך זאל זיין א גאון און א צדיק וקדוש**, ער האט בכלל נישט געהאלטן אז די אלע שבחים זענען אמת, נאר ער האט געהאלטן, אז די אלע זאכן איז וואס דער עולם וויל ער זאל זיין.

• • •

**אמאל איז אויף פסח געקומען צום הייליגען גאון רבי עקיבא איגר זי"ע אסאך אורחים**, אינמיטן די סדר האט איינע פון די געסט בטעות אויס געגאסן דעם כוס ווין אויף די טיש, דער איד איז געווען זייער פארלוירען, אבער אזוי ווי דער גאון האט דאס באמערקט, **האט ער אנגעהויבן שאקלן די טיש, ביז זיין כוס האט זיך אויך אויס געגאסען**, און דער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע האט זיך אפגערעדט פאר די משמשים, **אז דאס טיש איז נישט רעכט ווייל עס שאקלט זיך זייער**, און מיט דעם האט דער גאון געראטעוועט דעם איד פון פארשעמט ווערן.

• • •

**אמאל איז א איד געקומען מזכיר זייןביים גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע**, אז זיין טאכטער איז זייער נישט געזונט, האט אים דער גאון געפרעגט מיט וואונדער פון דעם איד, וואס קען איך אייך העלפן, האט דער איד געזאגט, אז ער האט יעצט געהערט אז דא אין שטאט איז יעצט געקומען די גרויסע דאקטאר פונעם קעניג, און אפשר קען דער גאון בעטן פון דעם דאקטאר, אז ער זאל אויך קומען אונטער זיכן זיין טאכטער.

דער גאון האט נישט געווארט קיין סעקונדע, נאר גלייך האט ער זיך אנגעטון דעם אויבער ראק און געלאפן צום דאקטאר, דער דאקטאר האט טאקע צוליב געטון פארן גאון, און איז געקומען אונטער זיכן דעם איד'ס טאכטער, אבער דער דאקטאר האט פעסט געשטעלט, אז עס איזליידער נישט דא מיט וואס צו העלפן פאר די מיידל, וויבאלד דאס איינציגסטע רפואה פאר די מחלה איז א ספעציעל פייגל וואס געפינט זיך נאר אין אפריקה, און ער זעהט נישט בנמצא אז דער איד זאל דאס קענען באוויזן.

דער גאון האט זיך באדאנקט פארן דאקטאר פארן קומען אונטער זיכן דאס מיידל, און דער

דאקטאר איז אוועק געגאנגען, אבער דאן ריפט זיך דער גאון אן צו דעם איד, א רפואה איז דא פאר די מיידל, נאר מען דארף דאס ברענגען פון אפריקה, איז לאמיר זיך שטעלן דאווענען און מתפלל זיין צום באשעפער, ווייל ער קען אלעס מאכן.

דער גאון האט זיך געשטעלט דאווענען און האט מתפלל געווען פאר די מיידל, **לפלא נישט לאנג נאכדעם האט אויפן פענסטער פונעם שטוב געקלאפט ממש די פייגל וואס מען האט געברויכט, און מען האט די פייגל אריין גענומען און אפגעקאכט פארן מיידל, און זי האט געהאט א רפואה שלימה**, אלעס מיטן גרויסן כח פון די תפילות פון דעם גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע, וואס אנשטאט דארפן גיין ברענגען די פייגל, האט דער גרויסער באשעפער דאס געשיקט גלייך צום שטוב.

• • •

**אמאל האט דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע** געפרעגט א גאר שווערע קשיא פון זיינע תלמידים, און איינע פון די תלמידים האט געענטפערט א גאר שיינע תירוץ אויף די קשיא, און דער גאון האט זייער הנאה געהאט דערפון, אבער דער גאון האט זיך אנגעריפן, דער תלמיד וועט קיין תלמיד חכם נישט אויס וואקסן, ווייל נאכן זאגן אזא תירוץ ווי ער האט געזאגט, ברויך מען דאך אויפטאנצן פון שמחה און זיך באמת פרייען פאר אזא תירוץ.

אבער דער בחור איז בכלל נישט איבער גענומען געווארן פון דעם תירוץ, דאס איז געווען די גרויסע שמחת התורה פון דעם גאון, אז ער האט באמת פארשטאנען, **אז ווען מען טרעפט א שיינעם תירוץ אויף א קשיא, ברויך א איד ממש אויפטאנצן פון גרויס שמחה**.

• • •

**אין תולדות רבינו עקיבא איגר ווערט דערציילט**, אז בשנת תקצ"א האט אויסגעבראכן די שרעקליכע **כולירע עפידעמיע** אין אייראפע, און האט אויך שווער געטראפן די שטאט פוזנא, דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע האט זיך אריינגעווארפן מיט א געוואלדיגע מסירת נפש צו ראטעווען נפשות, ער האט פאראדנט שטרענגע **היגיענע-רעגולאציעס**, איינגעפירט אז מען זאל לופטערן די הייזער, אפקאכן דאס וואסער, און נישט עסן קיין שום שעדליכע מאכלים.

יום הקדוש האט דער גאון רבי עקיבא איגר געהייסן פאר מענטשן וואס פילן זיך שוואך צו עסן און טרינקען כדי נישט צו קומען צו פיקוח נפש, און ער אליין איז געשטאנען ביים עמוד און געזאגט פאר'ן עולם אז מען מוז פאלגן די דאקטוירים, ער האט אויפגעשטעלט א שפיטאל אויף די קהילה'ס קאסטן, און פלעגט אליין ארומגיין באזוכן די חולים, זיי טרייסטן און אויסבעטן זייערע געלעגערס, ווען דער פרייסישער קעניג פרידריך ווילהעלם דער דריטער האט געהערט פון זיין אויסערגעוועגליכע איבערגעגעבנקייט פאר אלע מענטשן אן קיין אונטערשיד, האט ער אים געשיקט א פערזענליכן בריוו פון אנערקענונג און כבוד און מען האט דאן ארויסגעגעבן א מטבע מיטן צורה פונעם גאון.

• • •

**אין ספר חוט המשולש ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז דער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע געפארן אויפ'ן וועג מיט א פשוט'ן בעל-עגלה, אינמיטן וועג האט זיך דער רעדל פונעם וואגן אריינגעזעצט טיף אין בלאטע, און די פערד האבן עס נישט געקענט ארויסשלעפן, דער גאון רבי עקיבא איגר איז אראפגעשפרונגען פונעם וואגן און אנגעהויבן שטופען דעם וואגן מיט אלע כוחות צוזאמען מיטן בעל עגלה, אבער דער וואגן האט זיך נישט גערירט.

דער בעל-עגלה, זייענדיג אנגעצויגן און אויפגערעגט, האט זיך אנגערופן מיט ביטול צום הייליגן גאון, "**רבי, איר קענט גוט לערנען, אבער שטופען א וואגן קענט איר נישט**", אנשטאט זיך צו באליידיגן, האט דער גאון רבי עקיבא איגר זיך צעשמייכלט און שפעטער געזאגט פאר זיינע תלמידים, "**דער בעל-עגלה האט מיר געגעבן די גרעסטע מוסר השכל**", ער האט געמיינט צו זאגן, "**אויב דו האסט שוועריקייטן ביי א שווערע תוספות אדער א טיפע סוגיא, שטופסטו מיט'ן קאפ ביז דו קומסט אן צום אמת, אבער ווען ס'קומט צו ענינים פונעם גוף, זעט מען ווי שוואך דער מענטש איז באמת**".

• • •

**אין ספר עלי תמר ווערט געברענגט**, אז דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע איז געווען באוואוסט מיט זיין אומבאגרייפליכע **ענווה**, טראץ דעם וואס גאנץ כלל ישראל האט געציטערט פאר

זיין גאונות, איינמאל איז אריינגעקומען צו אים א תלמיד זיינער און אים געוויזן א נייעם ספר וואס ער האט געדרוקט, **אינעם ספר האט דער תלמיד שטארק אפגעפרעגט און אפגעווארפן א חידוש וואס זיין רבי דער גאון רבי עקיבא איגר האט געשריבן אין זיינע ספרים**.

די ארומיגע האבן געווארט צו זעהן ווי דער גאון וועט ענטפערן אויף דער קשיא, דער גאון רבי עקיבא איגר האט געעפנט דעם ספר, מעיין געווען אינעם קושיא עטליכע מינוט מיט טיפער קאנצענטראציע, און דערנאך אויסגערופן מיט גרויס פרייד, "**דער יונגערמאן איז גערעכט! זיין קושיא איז אייזן פעסט, און מיינע ווערטער דארפן פאררעכטן ווערן**", און דער גאון האט גלייך באפוילן אריינצושרייבן די הערה אין זיין אייגענעם כתב־יד, און האט שטארק מכבד געווען דעם תלמיד פאר'ן געפינען דעם אמת אין די תורה, **ווייל דער גאון האט געהאט איין מטרה אין לעבן, ברענגען זיינע תלמידים צו תורת אמת און קיין שום פניעה**.

• • •

**אין ספר חוט המשולש ווערט דערציילט**, אז נאכדעם וואס די ערשטע רעבעצין פונעם חתם סופר **מרת שרה** ע"ה איז נסתלק געווארן, איז פארגעשלאגן געווארן דער שידוך מיט דער טאכטער פון **רבי עקיבא איגר זי"ע, מרת שרל ע"ה די אלמנה פון הגאון רבי אברהם משה קאלישער זי"ע**.

ווען מען האט גערעדט פונעם שידוך, האבן ביידע צדדים געציטערט פון כבוד איינער פאר'ן צווייטן, רבי עקיבא איגר האט געזאגט, "**ווי קען איך מיר משדך זיין מיט'ן גרעסטן גאון פונעם דור**", און דער הייליגער חתם סופר האט געזאגט פונקט דאס זעלבע אויף זיין שווער, ביים שרייבן די תנאים האט דער גאון רבי עקיבא איגר געשריבן א בריוו צום הייליגען חתם סופר מיט אזעלכע טיפע לשונות פון ביטול און הכנעה, ווי א קליין קינד פאר זיין רבי'ן, און דער הייליגער חתם סופר האט שפעטער געזאגט פאר זיינע תלמידים, "**איך האב מורא צו ענטפערן אויף זיינע בריוו, ווייל יעדעס ווארט זיינע ברענט ווי פייער פון קדושה און ענווה**".

• • •

**אין ספר עלי תמר ווערט דערציילט**, אז אין שטאט פוזנא איז איין טאג נפטר געווארן א פשוט'ער, ארעמער מלמד וואס האט געלערנט מיט קליינע קינדער.

ביים לווי' איז דער גאון רבי עקיבא איגר מיטגעגאנגען דעם גאנצן וועג ביז'ן בית עולם און האט מספיד געווען דעם נפטר מיט ביטערע בכיות, נאכ'ן הספד האבן תלמידים געפרעגט דעם רב, פארוואס ער האט אזוי שטארק געוויינט אויף א פשוט'ן מלמד.

האט דער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע געענטפערט מיט אן אמת'ן ציטער, "**דער מלמד קומט יעצט אויף יענער וועלט מיט הונדערטער תינוקות של בית רבן וואס ער האט אויסגעלערנט קריאת שמע און ברכות אן קיין שום פניות, אבער איך, מיט וואס וועל איך קומען צום בית דין של מעלה, מיט מיינע חידושים און שו"ת וואס זענען אפשר געווען געמישט מיט אביסל גאות אדער זוכן כבוד**", דאס איז געווען זיין געוואלדיגע עניוות, אז אפילו ער האט עוסק געווען בתורה יעדע רגע פונעם טאג, האט ער דאך געהאלטן ביי זיך, אז עס איז נישט געווען מיטן פילען אמת.

• • •

**אין ספר זכרון יעקב ווערט דערציילט**, אז איינמאל אין די ימי הרחמים והרצון, פאר מוסף אין די גרויסע שוהל אין פוזנא, איז דער בעל תפילה פלוצלונג הייזעריג געווארן און האט נישט געקענט ווייטער ממשיך זיין מיטן דאווענען, דער עולם האט געווארט, און די גבאים זענען צוגעגאנגען צו רבי עקיבא איגר ער זאל צוטרעטן צום עמוד, אבער דער גאון רבי עקיבא איגר האט זיך אפגעזאגט און געוויזן אויף א פשוט'ן איד, א וואסער־טרעגער וואס איז געשטאנען אין ווינקל, און געזאגט, "**ער זאל צוטרעטן**".

די קהילה לייט האבן זיך געוואונדערט און געפרעגט פונעם גאון רבי עקיבא איגר מיט וואונדער, **פארוואס פונקט ער**, האט דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר געענטפערט, "**דער בעל תפילה דארף זיין איינער וואס איז 'מרוצה לעם' און האט א צובראכן הארץ, דער איד שלעפט שווערע עמערס וואסער א גאנצן טאג פאר עטליכע פרוטות צו שפייזן זיין פאמיליע און מורמלט תהלים מיט טרערן, זיין הארץ איז פיל מער צעבראכן און ריין פון מיינס, און זיין תפילה וועט ענדערש נתקבל ווערן**".

• • •

**אין צוואת הגאון רבי עקיבא איגר ווערט געברענגט**, אז די גרעסטע ראיה אויף די געוואלדיגע ענווה פונעם גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע, קען מען זעהן אין זיין הייליגער צוואה וואס ער האט איבערגעלאזט פאר זיין פטירה, ער האט שטרענג אנגעזאגט אז מען זאל אים ח"ו נישט באטיטלען מיט קיין שום **תוארים** און **שבחים** אויפ'ן **מצבה**, נאר פשוט שרייבן, "**הרב ר' עקיבא איגר עבד לעבדי השם**", און ער האט באפוילן, אז ביי זיין לווי' זאל מען נישט זאגן קיין שום הספדים, נאר בלויז זאגן תהלים און אים גלייך באערדיגן לעבן פשוט'ע אידן, און ער האט צוגעלייגט אין זיין צוואה די ווערטער, "**יידעו נא באי עולם, שלא עשיתי מאומה מימי, ולא למדתי תורה לשמה כראוי, וירחמו עלי להתפלל על נפשי העלובה**".

• • •

**אין תולדות רבינו עקיבא איגר ווערט דערציילט**, אז דער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע פלעגט גיין אנגעטאן לויטן מנהג פון די רבנים אין דייטשלאנד און פרייסן, מיט א פירקאנטיגן סאמעטענעם היטל (קאשקעט) וואס איז נישט געווען איינגעפירט ביי די פוילישע און ליטווישע אידן, איינמאל איז אנגעקומען קיין פוזנא א למדן פון פוילן כדי צו רעדן אין לערנען מיטן גרויסן רב, ער איז אריין אין בית המדרש און געזען אן עלטערן, צעבראכענעם איד זיצן ביים עק טיש מיט דעם פירקאנטיגן היטל, און געמיינט אז דאס איז איינער פון די פשוט'ע בעלי בתים אדער דער שמש.

דער גאסט איז צוגעגאנגען און געפרעגט מיט א שמייכל, "**אידעלע, דו קענסט מיר אפשר זאגן וואו דער גאון רבי עקיבא איגר זיצט, איך האב א שווערע קשיא אין ש"ס וואס קיינער קען נישט פארענטפערן**", דער גאון רבי עקיבא איגר האט זיך נישט אנטפלעקט, נאר ער האט מיט גרויס דרך ארץ געזאגט, "**זאגט מיר דעם קושיא, אפשר וועלן מיר צוזאמען אריינקוקן ביז דער רב וועט קומען**".

דער למדן האט פארגעלייגט זיין טיפע חקירה, און דער גאון רבי עקיבא איגר האט אים אויפן פלאץ אויסגערעכנט עטליכע ראשונים און אחרונים, אויפגעוויזן פיר מהלכים אין דער סוגיא, און מייסטערהאפטיג פארענטפערט די גאנצע קשיא, דער גאסט איז געבליבן פארגאפט און אויסגערופן, "**אויב די פשוט'ע בעלי בתים אין פוזנא קענען אזוי לערנען, וויאזוי זעט אויס דער רב אליין**", הערשט דעמאלט האט מען אים דערציילט אז דאס איז גאר געווען דער רב אליין.

• • •

**אינעם קונטרס אגרות סופרים ווערט דערציילט**, אז ווען דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע איז געפארן קיין בערלין פאר רפואה צוועקן, האבן טויזנטער אידן, אריינגערעכנט תלמידי חכמים און ראשי קהילה, זיך פארזאמלט אים אפצואווארטן ביים אריינגאנג פון שטאט מיט פאקלען און שיינע כבוד־געזאנגען, ווי נאר דער גאון רבי עקיבא איגר האט געהערט די שירה און געזען די ריזיגע מאסן וואס ווארטן אויף אים, **איז ער געווארן שטארק דערשראקן און אנגעהויבן וויינען פון גרויס עגמת נפש**.

דער גאון האט באפוילן דעם בעל־עגלה אפצושטעלן דעם וואגן, און דער גאון איז אראפגעשטיגן, און זיך פארמאכט אין א זייטיגן שטיבל, און ער האט געלאזט וויסן פאר די קהילה־פירער, "**אויב איר שווייגט נישט איין די אלע ניגונים און שיקט נישט אהיים דעם עולם, פאר איך תיכף צוריק קיין פוזנא אן זען דעם דאקטער, ווייל ווער בין איך אז מען זאל זינגען שירה לכבודי, מען זינגט דאך נאר שירה פארן בורא עולם**", און ער איז נישט אריין אין שטאט ביז דער גאנצער עולם איז זיך אינגאנצן צעגאנגען.

• • •

**אינעם ספר תנועת המוסר ווערט דערציילט**, אז איינמאל פאר שבת איז געקומען א פרוי וויינען פארן גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע אז איר מאן איז א כעסן, און ער האט געסטראשעט, אז אויב דאס עסן וועט נישט זיין געקאכט פונקטליך ווי ער וויל פאר שבת, וועט ער מאכן א מחלוקת אין שטוב, און זי איז געווען פארצווייפלט, ווייל זי האט נישט געהאט גענוג געלט איינצוקויפן אלע געברויכן, דער גאון רבי עקיבא איגר האט איר בארואיגט, איר געגעבן געלט פון זיין אייגענער קעשענע, און איר געהייסן גיין קויפן די בעסטע מאכלים לכבוד שבת קודש.

אבער ער האט זיך נישט באגנוגנט מיט דעם, ערב שבת בין השמשות איז דער גאון הדור אליין

געגאנגען צום הויז פון דעם איד, אריינגעקלאפט אין טיר, און געזאגט פארן מאן, "**איך בין געקומען אייך וואונטשן גוט שבת, און געוואלט בעטן איר זאלט מיר מוחל זיין, איך האב געהערט אז אייער בני בית איז געווען פארנומען מיט א שליחות פאר מיר, און אויב עפעס פעלט צום שבת איז עס מיין שולד, בעט איך אייך, כבוד שבת איז שלום בית, זייט מוחל און לאמיר זיך ביידע פרייען מיטן שבת קודש**", דער מאן איז צעגאנגען פון בושה ווען ער האט געזען דעם רב שטיין ביים שוועל, און פון יענעם טאג האט ער מער קיינמאל נישט געטשעפעט זיין ווייב.

• • •

**די גרויסע תלמידים פונעם גאון רבי עקיבא איגר זי"ע האבן דערציילט**, אז טראץ דעם וואס דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע איז געווען באקאנט בעיקר אלס דער **שר התורה און גאון הדור**, האבן די גרעסטע צדיקים און חסידים געוואוסט, אז זיין כח התורה איז געווען פארוואנדלט אין א כח פון **מופתים** און **ישועות למעלה מדרך הטבע**.

איינע פון די באקאנטע סגולה און מקור פאר ישועות קומט פונעם גאון אליין אין זיין הייליגער צוואה, וואס אידן האלטן פאר אן אפענעם פתח פאר ישועות ביז'ן היינטיגן טאג, דער גאון רבי עקיבא איגר האט געשריבן אין זיין צוואה, אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר אין פוזנא, אויסזאגן גאנץ ספר תהלים (אדער לערנען משניות פאר זיין נשמה) און נישט רעדן קיין שום דברי חול, "**וועט ער מליץ יושר זיין פאר אים פאר'ן כסא הכבוד צו האבן א ישועה**".

און דורות לאנג פלעגן אידן פון גאנץ אייראפע פארן קיין פוזנא איינצורייסן ביים ציון אין שווערע צייטן, און אן א שיעור אידן האבן געזען אפענע רפואות און פרנסה דורך דעם כח פונעם גאון'ס הבטחה.

• • •

**אין תולדות גדולי פולין ווערט דערציילט**, אז איינע פון די תלמידים מובהקים פונעם גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע, איז שוין געווען חתונה געהאט העכער צען יאר און האט נאך אלץ נישט געהאט קיין קינדער, פארצווייפלטערהייט איז ער געקומען צו זיין גרויסן רבין און אויסגעגאסן זיין צובראכן הארץ מיט ביטערע בכיות, אז די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אלע האפענונגען.

דער גאון רבי עקיבא איגר האט אים אנגעקוקט מיט גרויס רחמנות און געזאגט, "**לערן מיט מיר צוזאמען א פלפול און מיט יגיעה אין די סוגיא פון 'פריה ורביה' אין ש"ס, און מיר וועלן ביידע לערנען די סוגיא לשמה**", נאכדעם וואס זיי האבן דורכגעארבעט די סוגיא מיט גרויס עמקות, האט רבי עקיבא איגר זיך אנגערופן מיט א הייליגן בטחון, "**דורך דעם כח פון דער הייליגער תורה וואס מיר האבן יעצט עוסק געווען דערין, ביז א יאר ארום וועסטו געהאלפן ווערן מיט א בן זכר**", פונקט א יאר דערנאך איז געבוירן געווארן זיין בכור, און דער גאנצער שטאט האט גערודערט פונעם אפענעם מופת.

• • •

**אין ספר מאיר עיני הגולה ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער חידושי הרי"ם מגור זי"ע, וועלכער איז געווען א תלמיד חבר און האט געהאט אן אומבאגרייפליכע הערצה צום גאון רבי עקיבא איגר זי"ע, פלעגט כסדר שיקן קוויטלעך און נעמען פון קראנקע צום רב קיין פוזנא ער זאל מתפלל זיין פאר די הזכרות און פועלן ישועות.

איינמאל האבן חסידים געפרעגט דעם הייליגען חידושי הרי"ם זי"ע, "**ילמדנו רבינו, פארוואס שיקט איר נעמען פאר ישועות און רפואות צו א ליטווישן/אשכנזישן רב וואס פירט נישט קיין רביסטעווע**", האט דער הייליגער חידושי הרי"ם געענטפערט מיט גרויס התלהבות, "**איר מיינט אז מופתים קומען נאר פון כוונות, דער גאון רבי עקיבא איגר לערנט תורה מיט אזא אבסאלוטער ריינקייט און דביקות אין דעם נותן התורה, אז ווען ער עפנט זיין מויל צו בעטן א ישועה, ציטערט דער גאנצער הימל פאר זיין תורה, און ער קען פועל'ן ישועות פאר אידן וואס אסאך רבי'ס קענען נישט פועל'ן**".

• • •

**אין אגרות סופרים ווערט דערציילט**, אז אין א שטעטל נעבן פוזנא האט אויסגעבראכן א מיסטעריעזע קרענק וואס ליידער האט דאס אוועק געריסן יונגע קינדער ה"י, די קהילה־פירער זענען געלאפן צום רב מיט א געוויין אז זאל מיט

זיין גרויסן כוח ראטעווען די שטאט, דער גאון רבי עקיבא איגר האט זיך ארייגעזעצט אין זיין חדר מיוחד, און פארמאכט די טיר און מעיין געווען עטליכע שעה אין די הייליגע ספרים.

דערנאך איז ער ארויסגעקומען מיט א פסק הלכה און געזאגט, "**לויט דעם דין אין שולחן ערוך, אזוי ווי דער ציבור האט שוין תשובה געטאן און מען האט שוין מפריש געווען צדקה, איז די מדת הדין מער נישט בעל הבית אויף די קינדער**", און דער גאון האט גענומען א קוויטל מיט די נעמען פון די קראנקע קינדער, עס ארייגעקלעבט אין זיין אייגענעם ש"ס אינעם פרק 'כל כתבי', און געזאגט, "**איך בין גוזר בכח התורה אז דער משחית מוז זיך אפשטעלן**", פונקט אין יענעם טאג האט זיך די עפידעמיע אפגעשטעלט, און אלע קראנקע קינדער וואס זענען שוין געווען אויפ'ן שוועל פונעם טויט זענען אויסגעהיילט געווארן.

• • •

**אין תולדות רבינו עקיבא איגר ווערט דערציילט**, אז איינער פון די גרעסטע גבירים אין שטאט פוזנא, וואס פלעגט שטיצן דעם רב'ס ישיבה און אלע צדקה קאסעס ביד רחבה, האט פלוצלונג פארלוירן זיין גאנץ פארמעגן ווען א שיף פיל מיט זיינע סחורות איז פארזונקען געווארן אינמיטן ים, דער איד איז געווען צובראכן אויף שברי שברים און איז געקומען וויינען אין שטיבל פון רבי עקיבא איגר, זאגנדיג אז ער גייט באנקראט און וועט מער נישט קענען שטיין אויף די פיס.

דער גאון רבי עקיבא איגר האט אים אויסגעהערט מיט גרויס מיטגעפיל, אראפגעלייגט די גמרא פון דער האנט, און געזאגט מיט א שטארקער זיכערקייט, "**דיין געלט איז געווען געלט פון ערליכקייט און צדקה, און דער אייבערשטער לאזט נישט איבער זיינע ערליכע אידן, גיי אהיים מיט בטחון, און זארג נישט פאר די חובות**".

עטליכע טעג דערויף איז אנגעקומען א בריוו פון א ווייטן פארט, אז די שיף איז בכלל נישט פארזונקען געווארן, נאר א שטארקער שטורעם ווינט האט איר פארטריבן צו אן אנדערן האפן, און די גאנצע סחורה איז געבליבן גאנץ אן קיין שום שאדן, דער גביר האט פארקויפט אלעס פאר א פילפאכיגן פרייז און איז געווארן נאך רייכער ווי פריער, און ער איז גלייך געלאפן צום רב, און געגעבן פארן רב א גאר שיינעם סכום פאר צדקה, צו דאנקען דעם רב פארן ברענגען א ישועה דורך זיין קדושה און ברכה.

• • •

**אינעם קונטרס נפלאות רעק"א ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א פרוי אין שטאט פוזנא, וועמענס מאן האט איר געוואלט פארלאזן און געצוואונגען צו נעמען א גט, טראץ דעם וואס זי איז געווען אן ערליכע, צנועה'דיגע פרוי, נאר צוליב פאלשע לשון הרע וואס שלעכטע מענטשן האבן פארשפרייט אויף איר משפחה, האט דער מאן געוואלט איר אפ'גט'ן, די פרוי איז געקומען מיט בכיות צום רב בעטן ער זאל נישט לאזן חרוב מאכן איר שטוב.

דער גאון רבי עקיבא איגר האט געלאזט רופן דעם מאן און פרובירט רעדן צו זיין הארץ, אבער דער מאן איז געווען פאר'עקשנ'ט און געזאגט, אז ער גייט אוועקפארן אין א צווייטע מדינה און לאזן זיין ווייב אלס עגונה אויב זי נעמט נישט דעם גט, ווען דער גאון רבי עקיבא איגר האט געזען, אז מיט גוטנס גייט עס נישט, האט ער אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן צום הימל און געזאגט צום מאן, "**איך ווארען דיך, אז אויב דו פלאנסט צו טשעפען דאס אומשולדיגע קינד, וועסטו פונעם טויער פון פוזנא נישט ארויספארן ביז דו וועסט תשובה טון**".

דער מאן האט זיך געמאכט תם'עוואטע און אוועקשפאצירט צום פערד און וואגן צו אנטלויפן פון שטאט, אבער ווי נאר ער איז אנגעקומען צום הויפט טויער פון שטאט, **האבן זיינע פיס פלוצלונג אנגעהויבן ברענען מיט אזעלכע שרעקליכע שמערצן, אז ער האט זיך נישט געקענט רירן פונעם פלאץ**, אין פון גרויס שרעק האט ער פארשטאנען, אז דער רב'ס ווערטער זענען מן השמים, ער האט זיך גלייך געלאזט טראגן צוריק צום רב'ס שטוב, געבעטן מחילה ביי זיין ווייב מיט בכיות, און שלום ושלוה איז צוריקגעקומען אין זייער שטוב.

**יארצייט ערב סוכות י"ד תשרי**

**הרה"ק רבי ישראל ב"ר שבתי זי"ע, (האפשטיין)**
**בעל עבודת ישראל, המגיד מקאזניץ**

ער איז געבוירן אין שטאט אפטא, **בשנת תצ"ז**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי שבתי דער ספרים בינדער** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת פערל** ע"ה.

ער איז געווען א גאון מובהק בתורת הנגלה והנסתר, און א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש אמיתי, און א בעל מופת נפלא און א גרויסע פועל ישועות, זיין עבודת התפלה איז געווען פלאי פלאים, ער איז געווען זיין גאנץ לעבן א איש חלוש מאוד אין א גרויסע בעל יסורים, אבער זיין עבודת הקודש איז אייביג געווען מיט א אש קדוש און א ברען כמלאך ד' צבקות, עס איז באוויסט, אז רוב טאג האט דער צדיק געברויכט צוליב זיין חולשה ליגן אין בעט, אבער ווען עס איז אנגעקומען די זמן תפלה, איז דער צדיק וקדוש געשפרינגען מיט אזא כח, אז מען האט אים ממש נישט דערקענט, ער איז ממש געטאנצן בשעתן דאווענען און מען האט געזען בחוש, אז ער באקומט ביים דאווענען הימלישע כוחות.

ווי באקאנט איז דער הייליגער מגיד מקאזניץ געבוירן געווארן צו זיינע עלטערן אויף די עלטערע יארן, דער טאטע האט מען געקענט אלס דער ספרים בינדער פון שטאט אפטא, אבער צדיקים האבן מעיד געווען, **אז דער טאטע און די מאמע זענען געווען גאר הייליגע בעלי מדרגה**, און ווי דער אייניקל רבי אלעזר מקאזניץ זי"ע האט מעיד געווען, **איז דער זיידע רבי שבתי געווען א בעל רוח הקודש**.

דער טאטע האט געצויגען זיין פרנסה פון בינדן ספרים, אבער ווען ער איז אנגעקומען אויף די עלטערע יארן האט ער שוין נישט געקענט אזוי פיל ארבעטן, האט ער געלעבט אין א גאר שווערע דחקות, האט זיך אמאל געמאכט א פרייטאג נאכמיטאג, און ביים שטוב פון דעם צדיק רבי שבתי איז נישט דא קיין פרוטה פון וואס צו שבת מאכן, איז דער צדיק ר' שבתי אריבער צום בית המדרש און דארט עוסק געווען בתורה, און זיך פארלאזט אויפן הייליגן באשעפער, אז ער וועט שוין שיקן אויף שבת קודש.

ווען עס איז געווארן נאכט און מען האט געענדיגט דאווענען, איז דער טאטע אהיים זיך גרייטענדיג צו טרעפן א טונקל הויז אן לעכט, אבער אזוי ווי ער קומט אריין אין שטוב, האט ער געטראפן א לעכטיג שטוב מיט פיינע פרישע חלות און ווייך אויפן טיש צו געגרייט, פרעגט דער טאטע פון זיין רעבעצין, פון ווי האסטו פארשאפט דאס געלט פאר די צרכי שבת קודש.

האט די מאמע געזאגט, אז ביים אויפרוימען דעם שטוב האט זי געטראפן אן אלטן בגד מיט שיינע גאלדענע קנעפ, איך האב דאס גלייך גענומען און פארקויפט פאר גוט געלט, און פון דעם האב איך איינגעקויפט לכבוד שבת קודש, **פארשטייט זיך אז צו די שמחה פון דעם צדיק ר' שבתי איז נישט געווען קיין גרעניץ**.

דער צדיק ר' שבתי האט געזונגען שלום עליכם מיט גרויס התלהבות דקדושה, און גלייך נאך קידוש האט זיך דער צדיק ר' שבתי ארויס געלאזט אין א טאנץ מיט גרויס שמחה לכבוד דעם גרויסן באשעפער וואס האט אים געשיקט די צרכי שבת, דער שמחה וואס דער צדיק האט געהאט האט געמאכט א גרויסע רעש, און מעורר געווען א גרויסע שמחה ביי די פמליא של מעלה, און דער בעל שם טוב זי"ע האט דערפילט דעם גרויסן שמחה וואס האט זיך אפגעטון בעולמות העליונים.

גלייך נאכן זמן מוצאי שבת איז דער בעש"ט הקדוש זי"ע מיט קפיצת הדרך געפארן צום שטאט אפטא, און ער האט געלאזט רופן דעם רבי שבתי און ער פרעגט אים, וואס איז דא פאר געקומען די וואך שבת אז די גאנצע פמליא של מעלה האט זיך מיט געפרייט, נאכדעם וואס דער רבי שבתי האט דערציילט די גאנצע מעשה, ווי אזוי ער האט געהאט די צרכי שבת, און ווי אזוי ער האט זיך ארויס געלאזט אין א טאנץ לכבוד דעם שבת קודש, האט שוין דער הייליגער בעש"ט פארשטאנען וואס די רעש אין הימל איז געווען.

דאן האט דער בעש"ט הקדוש געבענטשט דעם טאטן, **אז צום יאר זאל ביי אים געבוירן ווערן**

**א בן זכר וואס וועט האבן א גאר הויעכע און הייליגע נשמה, וואס ער וועט באלייכטען די וועלט מיט זיין תורה און קדושה**, און זכות וואס די טאטע האט געמאכט אזא נחת רוח אויבן אין הימל, צום יאר איז טאקע געבוירן געווארן צו די עלטערן **א בן זכר**, און דער בעש"ט הקדוש איז געקומען צום ברית און געווען דער סנדק, און דער בעש"ט הקדוש האט דעם קינד א נאמען געגעבן **ישראל**, און דער קינד איז געווען **דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע**.

מען דערציילט, אז ווען מען האט געפרעגט דעם הייליגען מגיד מקאזניץ זי"ע, ווי אזוי ער האלט אויס די גרויסע יסורים וואס ער האט כסדר געהאט, האט דער צדיק געזאגט, **דעם רגע וואס איז שוין אריבער, איז דאך שוין אריבער, די רגע וואס קומט, איז דאך נאכנישט דא, קומט דאך אויס, אז נאר די רגע פון יעצט איז שווער, איין רגע קען איך אויס האלטן**.

פון אלס יונג קינד האט מען שוין געזען זיין גדלות בתורה וקדושה, ער האט עוסק געווען בתורת הנגלה ובתורת הנסתר יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה ובקדושה ובטהרה, ער האט דאן געלערנט אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי דוב בעריש הכהן אב"ד אפטא** זי"ע, און אויך ביי הגה"ק **רבי מנחם אב"ד טארלא** זי"ע, ער איז שוין דאן געווען מפורסם אלס א **עילוי נפלא און א קדוש ישראל**.

ער האט זיך מסתופף געווען ביי די צדיקים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **רבי דוב בער המגיד הגדול ממעזריטש** זי"ע,
הרה"ק **רבי שמואל שמעלקא מניקלשבורג** זי"ע,
הרה"ק **רבי לוי יצחק בעל הקדושת לוי מבארדיטשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אלימלך בעל נועם אלימלך מליזענסק** זי"ע.

דער מגיד מקאזניץ האט מעיד געווען, **אז ער האט שוין געהאט געלערנט איבער 800 ספרי קבלה נאך בעפאר ער איז אנגעקומען דאס ערשטע מאל צום הייליגען מגיד הגדול ממזריטש זי"ע, אבער ווען ער איז אנגעקומען צום הייליגער מגיד איז ער געוואקסן גאר הויעך אין תורת הנסתר און געווארן א בקי בספרי האריז"ל און אויך דעם סידור האר"י וואס דער מגיד ממעזריטש האט געהאט**.

נאכן פטירה פונעם הייליגען מגיד ממזריטש זי"ע איז ער אריבער צום הייליגען צדיק **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע, דארט איז ער שוין געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע קדושה, אויך איז ער שוין דאן געווען באקאנט אלס א גרויסער פועל ישועות.

שפעטער נאכן פטירה פון דעם הייליגען צדיק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, איז ער אריבער צום שטאט **קאזניץ** און דארט האט ער אנגעהויבן פירן זיין חסידות, דארט אין קאזניץ איז ער שוין געבליבען ביז צו זיין פטירה.

דארט אין קאזניץ איז ער געווארן באקאנט אין גאנץ פולין אלס א גאון בנגלה ובנסתר און אויך אין אנדערע חכמות, ער איז דאן אויך געווארן מפורסם אלס א בעל מופת נפלא און א גרויסער פועל ישועות, טויזנטער אידן זענען געקומען שעפן יראת שמים און אויך נעמען ברכות, אפילו די גוים פון שטאט זענען געקומען בעת צרה צו דעם צדיק.

עס איז באקאנט, אז דער הייליגער מגיד מקאזניץ איז געווען איינע פון די **דריי צדיקים**, וואס האבן געהאלטן ביי די מלחמה פון נפוליאון **אז דאס איז מלחמת גוג ומגוג און עס גייט שוין קומען די גאולה שלימה**, אבער ווי באקאנט האט זיך דאס נישט אויסגעארבעט, און **דער מגיד מקאזניץ**, און **דער הייליגער חוזה מלובלין**, און **רבי מענדעלע מרימנוב** זענען אלע טאקע נסתלק געווארן דעם זעלבן יאר.

ער האט געהאט תלמידים צדיקים וקדושים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **רבי איתמר מקונסקוולה** זי"ע,
הרה"ק **רבי אלעזר מטארניגראד** זי"ע,
הרה"ק **רבי ארי' לייבוש מלאנצוט** זי"ע,
הרה"ק **רבי יעקב צבי יאליש בעל מלא הרועים** זי"ע,
הרה"ק **רבי יהודה לייב מזקילקוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי יחזקאל טויב ממודז'יץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק מאיר אלתר בעל חידושי הרי"ם מגור** זי"ע,
הרה"ק **רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ** זי"ע,

הרה"ק **רבי יעקב אריה מראדזימין** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה בעל ישמח משה מאוהעל** זי"ע,
הרה"ק **רבי קלונימוס קלמן הלוי עפשטיין בעל מאור ושמש מקראקא** זי"ע,
הרה"ק **רבי שמחה בונם מפשיסחא** זי"ע,
הרה"ק **היהודי הקדוש מפשיסחא** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי אלימלך שפירא בעל בני יששכר מדינוב** זי"ע,
הרה"ק **השר שלום מבעלזא** זי"ע,
הרה"ק **רבי אשר ישעי בעל אור ישע מראפשיץ** זי"ע.

דער צדיק וקדוש רבי יהושע קראלער זי"ע האט דערציילט, אז די מתנגדים פון שטאט קראלי האבן צוזאמען געשטעלט חתימות צו מכריז זיין א חרם אויף די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע, ווען זיי זענען געקומען צו הגה"ק **רבי יהושע פריינד מקראלי** זי"ע, און געבעטן אז ער זאל אונטער שרייבן אויף דעם חרם, האט רבי יהושע געזאגט, **באמת קען איך נישט די חסידים און איך וויל זיי נישט קענען, אבער א חרם קען איך נישט אונטער שרייבן, ווייל אויב זענען אלע חסידים אזוי ווי דער מגיד מקאזניץ, קען מען אויף זיי נישט לייגען קיין חרם.**

און רבי יהושע מקראלי האט זיי דערציילט די מעשה, איין טאג בין איך געווען אין דעם שטאט קאזניץ, און מען האט מיך גערופן משלים זיין א מנין ביי דעם קאזניצער מגיד, איך האב דאן נאכנישט געקענט דעם מגיד מקאזניץ, אבער ווען איך בין אריין געקומען אין שטוב, האב איך געמיינט, **אז מען האט מיך גערופן משלים זיין א מנין פאר א גוסס וואס האלט ביי די פטירה רח"ל,** ווייל דארט אין בעט איז געלעגן א איד פון קוים הויט און ביין, וואס ווי באקאנט איז דאס גאנצע חיות פונעם מגיד געווען א פלא אז ער האט בכלל געקענט לעבן זייענדיג אזוי שוואך.

אבער אזוי ווי מען האט פארן מגיד געזאגט, אז עס איז דא א מנין און מען איז גרייט צו דאווענען, **איז דער מגיד ארויס געשפרינגען פון בעט און זיך געשטעלט דאווענען מיט א ברען און א מסירת נפש און א גרויסע התלהבות דקדושה, און וועגן דעם מחזה וואס איך האב געזען איז נישט שייך צו לייגן אויף די חסידים קיין חרם.**

הרה"ק רבי פנחס מגניוושאוו זי"ע וואס איז געווען א תלמיד פונעם הייליגען מגיד מקוזניץ זי"ע האט געהאט א גרויסע השתוקקות צום ספר **תנא דבי אליהו מיטן הייליגען פרוש זקוקין דנורא,** אבער וויבאלד ער איז געווען א גרויסער ארימאן, האט ער נישט פארמאגט דאס געלט צו קויפן דעם ספר.

איין ערב שבת קודש נאך חצות איז אנגעקומען א איד אין שטאט, און ער האט געהאט א גרויסע זעקל מיט ספרים, און צווישן די ספרים האט ער געהאט א תנא דבי אליהו מיטן פירוש הזקוקין, דער איד איז צוגעקומען צום צדיק רבי פנחס און זאגט אים, איך הער אז די ווילסט זייער האבן דעם ספר מיטן פירוש הזקוקין, דא האסטו דעם ספר, אבער רבי פנחס האט געזאגט פאר דעם איד, אז ער האט נישט די געלט צו באצאלען פאר דעם ספר, האט אים דער איד געזאגט, **נעם דעם ספר ביז נאך שבת, און אויב די וועסט נישט האבן די געלט וועל איך צוריק נעמען דעם ספר.**

נאך שבת קודש האט רבי פנחס געזיכט דעם איד מיט די ספרים, אבער קיינער אין שטאט האט נישט געוויסט צו זאגן פון א איד וואס איז געקומען מיט ספרים דא אין שטאט, עס איז געווען א גרויסע חידוש פאר רבי פנחס און דער ספר איז געבליבן ביי אים.

שפעטער ווען רבי פנחס איז געפארן צו זיין רבין דער מגיד מקאזניץ זי"ע, אזוי ווי ער קומט אריין צום רבין און די רבי געט אים שלום עליכם זאגט אים די רבי, **וויסן זאלסטו, אז דער איד מיט די ספרים איז געווען אליהו הנביא ז"ל וואס איז דיר געקומען ברענגען דעם ספר תנא דבי אליהו, וויבאלד די האסט געהאט א גרויסע השתוקקות צום ספר,** האט דער תלמיד געזאגט, **אויב אזוי וועל איך געבן דעם הייליגען ספר א מתנה פארן רבין.**

דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע האט איבער געלאזט גאר הייליגע ספרים.

**אור ישראל, על תיקוני זוהר,**
**בית ישראל, על מסכת אבות, ועל תלמוד בבלי,**
**יקר מפז, על התורה,**

**נזר ישראל, על ספר הזוהר,**
**עבודת ישראל, על התורה,**
**שארית ישראל, פירוש על מדרשים.**

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי משה אליקים בריעה בעל דעת משה מקאזניץ** זי"ע, ממלא מקום אביו בקאזניץ, בזיווג ראשון חתן הרה"ק **רבי יהודה לייב בעל אור הגנוז מאניפולי** זי"ע, בזיווג שני חתן הרה"ק **רבי אלעזר מליזענסק** זי"ע, בן הרה"ק **רבי אלימלך בעל נועם אלימלך מליזענסק** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת פערל** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי אבי עזרא זעליג שפירא מגרעניץ** זי"ע, **דער טאטע פונעם הייליגען שרף ממאגלניצא** זי"ע,
בנו הרה"ק **רבי מרדכי** זי"ע, וואס איז נפטר געווארן יונגערהייט,
חתנו הרה"ק **רבי יחזקאל הלוי ב"ר יהודה אריה מזוואלין** זי"ע.

מען דערציילט, אז דעם לעצטן יום הקדוש האט זיך דער הייליגער צדיק דער מגיד מקאזניץ איינגעריסן ביים באשעפער, אז ער זאל שוין שיקן די **גאולה שלימה**, ווען ער איז אנגעקומען ביי כל נדרי צו די ווערטער, "**ויאמר סלחתי כדבריך**", האט דער צדיק וקדוש זייער געוויינט און געבעטן.

**"רבוש"ע זאג שוין די אויך די ווערטער סלחתי כדבריך, אויב פעילט דיר נאך צדיקים אין דעם דור, האסטו דאך דעם גרויסן צדיק רבי מענדעלע מרימנוב וואס איז שקול קעגן אלע צדיקי הדור, אויב פעילט דיר די אורים ותומים, דאס האסטו דאך אויך דעם הייליגען חוזה מלובלין, אויב פעילט דיר בעלי תשובה, איז דאס אויך נישט קיין פראבלעם, ווייל איך בין גרייט צו תשובה טון פאר גאנץ כלל ישראל, דערפאר בעט איך הייליגע טאטע, זאג שוין די ווערטער סלחתי כדבריך און ברענג שוין די גאולה שלימה"**.

אבער ערב סוכות האט שוין דער הייליגער קאזניצער מגיד געזען, אז ליידער איז דער זמן הגאולה נאכנישט געקומען, און דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע איז צו אים געקומען און אים אנגעזאגט, אז און א קורצע צייט וועט ער זיין מיט אים בעולם העליון.

האט ער געהייסן פאר זוהן אז ער זאל גיין זאגן פאר דעם הייליגען חוזה מלובלין, אז ער זאל אויפהערן מיט דעם מלחמה צו ברענגען די גאולה, דאן האט דער הייליגער מגיד אנגעכאפט זיין דיוקנא קדישא און ער איז נסתלק געווארן, אבער ליידער איז באקאנט, אז מען איז נישט אנגעקומען אין צייט צו מודיע זיין פארן חוזה די ווערטער, און עס איז געשען וואס עס איז געשען און אויך דער הייליגער חוזה איז נסתלק געווארן דעם זעלבן יאר.

נסתלק לגנזי מרומים **ערב סוכות י"ד תשרי בשנת תקע"ה**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **קאזניץ**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**הגה"ק רבי נפתלי הכהן שווארץ בעל בית נפתלי ממאד זי"ע** א זוהן פונעם הייליגען קול אריה זי"ע האט דערציילט א מעשה, אז הרה"ק רבי צבי אורנשטיין מלעמבערג זי"ע האט אים דערציילט, אז דער הייליגער קצות החושן זי"ע האט געהאט א זוהן הגה"ק רבי דוד מפאדייס זי"ע וואס האט ארויסגעגעבן דעם געהויבענע ספר אבני מילואים פון זיין הייליגען טאטן זי"ע.

די פראבלעם איז געווען, אז די חסידים האבן דעם ספר נישט געוואלט קויפן, וויבאלד דער הייליגער קצות און אויך זיין זוהן רבי דוד זענען געווען גרויסע מתנגדים פונעם דרך החסידות, און די אידן אין פולין זענען רוב געווען פייערדיגע חסידים.

האט אים א איד געגעבן אן עצה, פאר צום הייליגען קאזניצער מגיד, און אויב וועט ער דיר געבן אן המלצה בריוו, וועלן די חסידים אויך קויפן דעם ספר, אויך האט דער איד געבעטן, אז ווען ער גייט צום קאזניצער מגיד, זאל ער אים מזכיר זיין, ווייל ליידער ווארט ער שוין יארן צו געהאלפן ווערן מיט קינדער.

בלית ברירה איז דער זון רבי דוד געפארן צום קאזניצער מגיד מיטן ספר אבני מילואים, פארשטייט זיך אז דער הייליגער קאזניצער מגיד

איז מורא'דיג נתפעל געווארן פון דעם הייליגען ספר, און ער האט געגעבן א שיינעם המלצה אז די חסידים זאלן קויפן דעם ספר, ווען רבי דוד איז אוועק האט ער זיך געכאפט, אז ער האט פארגעסן צו מזכיר זיין דעם איד וואס האט אים דאך א גרויסע טובה געטון, איז רבי דוד צוריק געפארן צום מגיד און מזכיר געווען דעם איד אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער.

ווען ער איז צוריק געקומען צום מגיד, האט אים דער הייליגער מגיד מסביר געווען דעם גאנצן ענין על פי סוד, אז דורך דעם וועט דער איד געהאלפן ווערן מיט קינדער, און דער רבי דוד איז אוועק געפארן, ווען מען האט געפרעגט פון רבי דוד, וואס עס איז געווארן מיט דעם איד וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, האט רבי דוד זייענדיג א גרויסער מתנגד געזאגט, **בעוונותינו הרבים איז דער איד געהאלפן געווארן מיט א בן זכר, דורך דעם ברכה פונעם הייליגען קאזניצער מגיד זי"ע**.

• • •

**דער הייליגער מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע שרייבט**, אז איינמאל איז צום הייליגען קאזניצער מגיד זי"ע געקומען א עלטערע פארפאלק, און דער מאן האט געזאגט פארן קאזניצער מגיד זי"ע, אז ער וויל זיך גט'ן פון זיין ווייב, האט דער הייליגער צדיק געפרעגט פון דעם מאן, וואס עס גייט פאר, האט דער מאן געזאגט, **אז די ווייב איז אים פארמיסט געווארן**, האט די ווייב געזאגט פארן צדיק, **ווען אונז האבן חתונה געהאט בין איך געווען גוט, נאר נאכן לעבן מיט מיין מאן אזוי פיל יארן בין איך פארמיסט געווארן**.

האט דער הייליגער צדיק אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט צום הימל און ער האט געזאגט מיט בכיות, **רבוש"ע דיינע אידן ביים מעמד הר סיני זענען דאך געווען אזוי שיין און לויטער, ליידער מיט דעם שווערן עול הגלות זענען זיי פארמיסט געווארן מיט עבירות און צרות, אבער די קוק אויף אויף דיין פאלק ווי אזוי זיי האבן אויס געזען ביי מעמד הר סיני, און לייז אונז שוין אויס פון דעם ביטערן גלות**.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע** האט נאך געזאגט פונעם הייליגען קאזניצער מגיד זי"ע, אז ער האט אמאל געזאגט, עס וואלט געווען אסאך בעסער ווען רבקה אמינו ע"ה וואלט זיך ווען נישט אריין געמישט ביי די ברכות פון יצחק אבינו ע"ה.

ווייל אויב וואלט עס געגאנגען ווי יצחק אבינו האט געוואלט, און ער וואלט געגעבן די ברכות פאר עשיו, און יעקב אבינו וואלט געקומען בעטן פון זיין טאטן וואס וועט זיין מיט מיר, וואלט דאך יצחק געזאגט פאר עשיו, אויב די וועסט נישט האלטן די תורה וועט יעקב אבינו האבן די אויבער האנט, וואלטן די אידישע קינדער ווען געהאט יעצט אין גלות די ברכות, א**בער ליידער יעצט האט עשיו הרשע דער אויבער האנט, ווייל אידישע קינדער זענען נעבעך ליידער פארשמירט מיט עבירות**.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע** האט איין פסח אויפדערנאכט דערציילט, אז ביים הייליגען קאזניצער מגיד זי"ע נאכן סדר האט מען געקלאפט אויף די טיר, איז דער אייניקל דער הייליגער צדיק **דער שרף ממאגלניצא** זי"ע געגאנגען אויף מאכן די טיר, איז ער געקומען זאגן פארן זיידן, אז ביים טיר שטייט א איד מיט א מורא'דיגע הדרת פנים, איז דער זיידע דער הייליגער מגיד קעגן געלאפן דעם איד, און אים מקבל געווען מיט א מוראדיגע שמחה.

נאכדעם האט דער אייניקל געפרעגט דעם זיידן, **דער זיידע האט געהאט גילוי אליהו הנביא ז"ל**, ווייל מען איז דאך געוואוינט אז פסח ביינאכט קומט דאך אליהו הנביא צו יעדן אידישע שטוב, האט דער הייליגער מגיד מקאזניץ געזאגט פארן אייניקל, דאס איז געווען **מיין הייליגע רבי דער מגיד הגדול ממזריטש זי"ע**, און דער הייליגער קאזניצער מגיד האט צו געלייגט, **גילוי נשמות פון צדיקים איז גרעסער ווי גילוי אליהו הנביא**.

• • •

**דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע** האט געהאט דריי מעשיות וואס ער פלעגט דערציילן **שבת מברכים חודש ניסן**, און ער האט געזאגט, **אז דאס איז מסוגל אז אידישע קינדער זאלן האבן א שפע גדול אויף צרכי יו"ט**.

•

**דאס ערשטע מעשה איז געווען**, אז א איד האט פאר פרנסה געשווערצט ברוינפען דורך דעם גרעניץ, און פון דעם האט ער געמאכט שיין פרנסה, איינמאל האט דער איד פראבירט אריבער צו

טראגן א פעסל ברוינפען, און מען האט אים געכאפט מיט די סחורה, און עס האט אים געווארט א שווערע משפט.

איז דער איד געפארן צום הייליגען צדיק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, און ער האט מזכיר געווען, אז עס ווארט אים ח"ו א שווערע משפט, האט דער הייליגער רבי אלימלך געהייסן פאר דעם איד, אז ביים משפט זאל ער זאגן, **אז דער פאס איז פשוטע וואסער**, כך הוה ווען דער איד איז געקומען צום משפט, האט ער געזאגט פארן שופט, אז דער פאס איז וואסער, מען האט דאס בודק געווען, און מען האט געזען אז דאס איז וואסער, **און מען האט דעם איד באפרייט**.

אבער דער איד איז גלייך צוריק געקומען צום הייליגען רבי אלימלך און געזאגט, רבי די פאס איז געווארן וואסער און איך בין טאקע באפרייט געווארן, **אבער יעצט האב איך נישט פון וואס צו מאכן קיין פרנסה**, האט דער הייליגער רבי אלימלך געזאגט, **דאס פאס איז צוריק ברוינפען, גיי טראג עס אריבער און יעצט וועט עס דורך גיין בשלום**, דער איד האט געפאלגט דעם צדיק, און ער האט דאס אריבער געטראגן און האט דאס פארקויפט פאר גוט געלט **און געהאט א שפע פאר צרכי יו"ט**.

•

**דער צווייטער מעשה איז געווען**, עס איז געווען א מלך וואס האט פארלוירען זיין טייערע רינגל, און דער מלך האט געמאלדן, אז ווער עס איז גרייט צו זיכען דעם רינגל, וועט ער געבן א גרויסע סכום געלט, איז געווען א איד דארט אין שטאט א גרויסער ארימאן, האט זיך דער איד געמאלדן, אז ער איז גרייט צו זיכען דעם רינגל, דער מלך האט אים טאקע געגעבן א גרויסע סכום געלט, האט דער איד גענומען דאס געלט און צוגעגרייט א שיינעם יו"ט פסח פאר זיך און זיין משפחה.

איז געווען דארט אין שטאט א גלח א גרויסער רשע, וואס זיין נאמען איז געווען "**דיינו**", און ער האט נישט אויס געהאלטן אז דער איד האט גענומען געלט פונעם מלך און ער זיכט בכלל נישט דעם רינגל, איז דער גלח דער רשע געגאנגען צום מלך, און ער האט געזאגט פארן מלך, די מיינסט אז דער איד זיכט דיין רינגל, בכלל נישט, ער האט נאר גענומען דאס געלט פון דיר און דאס רינגל גייט אים בכלל נישט אן.

איז געווען דאן פסח ביינאכט, און דער גלח האט געטראגן דעם מלך צום שטוב פון דעם איד און זיי האבן זיך געשטעלט ביים פענסטער, און זעהן טאקע, ווי דער איד רעכט אפ א סדר ווי איינע פון די נגידים פון שטאט, דער מלך איז געווארן אין כעס אז דער איד האט אים אפ גע'נער'ט, אבער דאן איז דער איד אנגעקומען צו פזמון "**דיינו**", האט דער איד געהאט א מנהג, ער האט געזאגט דעם גאנצן פזמון, און דאן האבן אלע קינדער געשריגן "**דיינו**".

דאן האט דער מלך פארשטאנען, אז דער איד מאכט דא א פארשט ארבעט וועגן דעם גניבה, און זיי זענען אנגעקומען צום החלטה, אז דער גנב פון דעם רינגל איז געווען דער גלח דיינו, האט דער מלך געהייסן אז מען זאל איינשפארן דעם גלח, און סוף האט זיך דער גלח מודה געווען, אז ער האט טאקע גע'גנב'ט דעם רינגל, **און דער איד האט געהאט א שפע פאר צרכי יו"ט**.

•

**דעם דריטען מעשה האט דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע דערציילט**, עס איז געווען א איד וואס האט געארבעט ביים פריץ, האט דער פריץ געזאגט פארן איד, די ווייסט, אז אויב איך געב דיר נישט קיין פרנסה, וואלסטו אויס געגאנגען פאר הונגער, האט אבער דער איד געזאגט, **ניין די גיבסט מיר נישט פרנסה, נאר דער גרויסער באשעפער ער געט פרנסה**, האט דער פריץ אפגעזאגט דעם איד און געזאגט, לאמיר זעהן ווער עס געט דיר פרנסה, דער איד האט טאקע נישט געהאט קיין געלט צו צוגרייטן דעם פסח.

דער פריץ האט געהאט א גרויסער אוצר פון גאלדענע רענדליך, אויך האט דער פריץ געהאט א **מאנקי** וואס האט געוואוינט ביי אים אין שטוב, דער פריץ האט זיך זייער משתשע געווען מיט זיין אוצר און ער פלעגט כסדר אריין גיין אין זיין אוצר און ער האט באקוקט די גאלדענע רענדליך און דאס אריין גענומען אין מויל און דאס בודק געווען.

איין טאג בעפאר פסח האט דער מאנקי געטראכט, אז דער פריץ עסט די גאלדענע רענדליך, האט זיך דער מאנקי גוט אנגעגעסן מיט גאלדענע רענדליך, פארשטייט זיך אז דער מאנקי האט נישט מעריך ימים געווען נאר דער מאנקי האט גע'פגר'ט, האט דער פריץ געהייסן פאר זיין

בדינער, **אז ער זאל נעמען דעם מאנקי און דאס אריין ווארפן פארן איד אינדערהיים**, און מיט דעם האט דער פריץ געוואלט חוזק מאכן פון דעם איד, אבער אזוי ווי דער באדינער האט אריינגעווארפן דעם מאנקי אינעם שטוב פונעם איד, האט זיך אנגעהויבן גיסן גאלדענע רענדליך **און דער איד האט געהאט א שפע פאר צרכי יו"ט**.

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ זי"ע האט געזאגט, אז דערמאנען ליל שישי** דעם נאמען פונעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע "**רבינו ישראל בן פערל" איז א סגולה פאר א רפואה שלימה פאר אלע חולה ישראל**.

• • •

**הרה"ק רבי משה קאזניצער זי"ע** דער זון פונעם הייליגע מגיד מקאזניץ זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז ער געזעצן ביים טיש פון זיין טאטן דער הייליגער מגיד זי"ע, און דארט איז אויך געווען דער הייליגער צדיק הרה"ק **רבי ר' זושא מאניפאלי** זי"ע, און דער הייליגער טאטע דער קאזניצער מגיד האט געזאגט תורה.

מיט אמאל האט זיך דער הייליגער רבי ר' זושא געגומען זייער וויינען, ווען רבי משה האט אים געפרעגט פארוואס ער וויינט אזוי, האט דער הייליגער רבי ר' זושא געזאגט, **יעצט בשעת ווען דער מגיד זאגט תורה, זענען די מלאכי השרת געקומען הערן די תורה, און איך זושא שעם מיך אזוי פון די מלאכים מיט מיינע עבירות, און דערפאר וויין איך**.

• • •

**דער הייליגער זון הרה"ק רבי משה מקאזניץ זי"ע שרייבט אין זיין ספר באר משה**, אז איינמאל איז ער געפארן מיטן טאטן צום שטאט **בראד**, אינמיטן האט זיך דער טאטע אפגעשטעלט ביי א הויז, און ער שטייט און קוקט אויף דעם הויז, האט ער געפרעגט דעם טאטן, **טאטע וואס קוקסטו אזוי אויף דעם הויז**, האט דער הייליגער מגיד מקאזניץ געזאגט, איך ווייס נישט פארוואס, **אבער פון דעם הויז קומט ארויס א געפערליכע ריח ממש נישט צום אויסהאלטן**.

האט דער זון בודק געווען וואס אין דעם הויז איז פאר געקומען, האט מען מברר געווען, אז אין דעם הויז האט געוואוינט יארן צוריק א גאר גרויסער מתנגד, און ווען עס איז ארויס געקומען די הייליגער **ספר תולדות יעקב יוסף**, וואס איז געווען דאס ערשטע ספר אויפן דרך החסידות פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, **האט דער מתנגד אין דעם הויז פארברענט דעם הייליגען ספר, און דאס איז געווען די ריח וואס דער הייליגער קאזניצער מגיד האט געשפירט ארויס קומען פון דעם הויז**.

• • •

**הרה"ח רבי אלי' ראטה ז"ל פון ירושלים** האט דערציילט די מעשה, איין ערב יום הקדוש איז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע געווען ביי זיין רבין דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע, איז דארט אין שטוב פונעם מגיד געווען א קליין מיידל א אייניקל פונעם קאזניצער מגיד, און דער זיידע האט געהאט געקויפט א מתנה פארן אייניקל, אבער דער קליידער אייניקל איז נישט געווען צופרידן פון דעם מתנה, אבער דער זיידע דער הייליגער מגיד האט פראבירט צו איבער רעדן דאס קינד, אז זי זאל זיין צופרידן מיט די מתנה, האט דער מגיד געבעטן דעם הייליגען ראפשיצער רב, **אז ער זאל אים צו העלפן איבער רעדן דאס קינד**.

נאכדעם וואס דער קינד איז ארויס צופרידן, האט דער הייליגער ראפשיצער רב געפרעגט דעם רבין, **רבי אין אזא הייליגן טאג ווי ערב יום הקדוש, איז דער רבי פארנומען מיטן איבער רעדן דעם אייניקל אויף די מתנה**, האט דער הייליגער קאזניצער מגיד געזאגט, **וואס ברויך איך אין אזא הייליגע טאג ווי יום הקודש זאל דאס אייניקל ח"ו האבן א שווער הארץ אויף מיר**, וועגן דעם האב איך דאס נאך געוואלט פאריכטען בעפאר יום הקדוש, דאס האט געמיינט א צדיק וואס האט מורא געהאט אפילו פון א קליין קינד **אז דער קינד זאל נישט ח"ו האבן א שווער הארץ אויף אים**.

• • •

**דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע** אלס קינד האט אים איינמאל דער טאטע געשיקט לערנען אין די ביהמ"ד פון שטאט, און ער האט אים געגעבן א ליכט און געזאגט, **אז ווען דער ליכט לעשט זיך אויס זאל ער גלייך אהיים קומען**, ווען דער מגיד האט זיך געזעצט לערנען האט דאס גורם געווען א גרויסע נחת רוח אויבן אין הימל פון די תורה לשמה פונעם מגיד, האט מען געמאכט א נס, **אז די ליכט האט געברענט לענגער ווי געווענליך**, און אזוי האט דער קינד געקענט לערנען לענגער.

ווען דער קינד איז אהיים געקומען האט זיך דער טאטע, וואס איז געווען א גאר הייליגער איד פאר געשטעלט, אז דער קינד האט זיכער פארברענגט די צייט מיט שטותים, און וועגן דעם איז ער אהיים געקומען אזוי שפעט, האט אים דער טאטע אנגעשלאגן.

האט דער קאזניצער מגיד געזאגט, **אויב וואלט איך געזאגט פארן טאטן אז עס איז געשען א נס און די ליכט האט געברענט לענגער ווי געווענליך, וואלט מיר די טאטע געגלייבט**, ווייל די טאטע האט געוויסט אז איך זאג נישט קיין ליגענט, אב**ער ווי איידער צו דערציילן פארן טאטן אז עס איז מיר געשען א נס, האט זיך ענדערשט געלוינט צו כאפן די שלעק פונעם טאטן**.

• • •

**איז געווען א גרויסער חסיד פון דעם הייליגן קאזניצער מגיד א גביר**, וואס האט געהאט א אכסניא ווי ער האט אריין גענומען יעדן איד אומזונסט, איין טאג האט אויס געבראכן א פייער און די גאנצע אכסניא איז פארברענט געווארן, איז דער איד געקומען צום הייליגן רבין און געפרעגט דעם רבין, פארוואס איז זיך אים געקומען דעם עונש.

האט דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע געזאגט, די מצוה פון אריין נעמען געסט הייסט אש"ל וואס דאס איז "**אכילה שתיה לויה**", אבער די האסט נאר מקיים געווען דעם געבן עסן און טרינקען, **אבער די האסט נישט ארויס באגלייט די געסט**, און ווען מען נעמט ארויס דעם "**ל**" פון אש"ל ווערט דאס א"**ש**, וועגן דעם איז געקומען א פייער.

• • •

**אין ספר אוצר ישראל ווערט געברענגט**, אז ווען דער הייליגער קאזשניצער מגיד זי"ע, איז אמאל געווען אין אפטא אויף די יארצייט פון זיין טאטע וועלכער ליגט אין אפטא, איז דער גאנצער שטאט געקומען צו לויפן צום גאסט מיט קוויטלעך און בקשות, און ווען דער אפטער רב זי"ע איז געקומען באזוכן דעם גאסט וועלכער איז געליגן אין בעט צוליב זיין שוואכקייט, האט זיך דער אפטער רב אנגערופען, "**איצט האט מען גארנישט אינזינען אלעס לויפט צו אייך**".

שפעטער זענען די צוויי צדיקים געגאנגען דאווענען צוזאמען, און נאכן דאווענען האט מען געפראוועט א סעודה לכבוד'ן גאסט, אינמיטן די סעודה האט זיך דער מגיד אנגערופען פאר'ן אפטער רב, "**דאכט זיך מיר אז איך האב היינט געזעהן אדם הראשון אין בית המדרש ווי ער רעדט צו אייך**", האט דער הייליגער אפטער רב זי"ע געענטפערט, ווען איך האב אנגעטוען טלית ותפילין און איר זענט נאך נישט געווען אין ביהמ"ד, **איז מיר איינגעפאלען א געדאנק ווי אזוי צו פאר ענטפערן אדם הראשון, דעריבער איז ער געקומען אפ געבן א יישר כח**.

• • •

**א חסיד איז אמאל געקומען צום קאזניצער מגיד זי"ע** מיט א זאק איבערן קאפ זאגענדיג, אז ער פאסט משבת לשבת און גייט אנגעטון מיט א זאק צוליב זיינע עבירות, דער מגיד האט תופס געווען, אז ער טוט דאס נישט מיט ערליכע כוונות, האט ער אים ערקלערט, "**אויף דיר האט דער יצר הרע אריינגענארט אין זאק**", אויספירנדיג, אז ס'איז פיל ערגער איינער וואס זאגט נאר פאר אנדערע אז ער פאסט משבת לשבת, ווי איינער וואס פאסט טאקע משבת לשבת, **ווייל דער ערשטער נארט בלויז א צווייטן, דאקעגען דער אנדערער נארט זיך אליין אויך אויס**.

• • •

**דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע** האט געזאגט אויף די פסוק, "**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה**", אז דאס גייט ארויף אויף, הרה"ק **רבי מענדעלע מרימנוב** זי"ע, און הרה"ק **רבי ישראל המגיד מקאזניץ** זי"ע, און אויף הרה"ק **בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע.

• • •

**דער אייניקל דער הייליגער שרף ממוגלניצא זי"ע** האט אמאל דערציילט, אז ווען ער איז געווען 5 יאר אלט, האט ער זייער געוויינט פארן זיידן דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע, ווען די זיידע האט אים געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט דער קינד דער קדוש געזאגט, "**זיידע די פארסט צי א רבין, די טאטע פארט אויך צי א רבין, נאר איך נישט, און איך וויל אויך פארן צי א רבין**".

האט דער זיידע דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע געזאגט פארן קינד, "**מאיר'ל, איך בין דאך אויך א רבי**", האט דאס קינד געפרעגט דעם זיידן, אויב בוסטו א רבי, פארוואס פארסטו צו א רבי, האט די זיידע געפרעגט פונעם אייניקל, פון ווי ווייסטו אז

איך פאר צו א רבי, האט דאס קינד געזאגט פארן זיידן, "**ווייל איך זעה יעדע נאכט א זקן וואס זיצט דא ביים זיידן אין שטוב, און די זיידע זיצט מיט א פחד כעבדא קמי מרא, פארשטיי איך אז דאס איז דעם זיידנ'ס רבי**".

האט דער זיידע דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע געזאגט פארן אייניקל, "**מיין קינד, דער איד דער זקן וואס די זעסט יעדע נאכט, דאס איז דער בעש"ט הקדוש זי"ע**", און די זיידע האט אויס געפירט בזה"ל, "**און ווען די וועסט גרעסער ווערן, וועסטו אויך קענען לערנען ביי אים**", האט דער אייניקל דער קדוש געזאגט, "**זיידע איך וויל נישט קיין רבי'ס וואס זענען שוין נישט אויף די וועלט**", דאס איז שוין געווען די געוואלדיגע קדושה פון דעם אייניקל דער שרף ממאגלניצא זי"ע זייענדיג נאר 5 יאר אלט.

• • •

**דער צדיק וקדוש דער שרף האט שוין פון אלס יונג קינד געהאט גאר הייליגע אויגן**, און צדיקים האבן שוין דאן מעיד געווען אויף זיין גרויסע קדושה וטהרה מיט וואס ער האט זיך שוין דאן געפירט, דערציילט מען, אז זייענדיג נאר 8 יאר אלט, איז דער צדיק געווען ביים סדר נאכט ביים זיידן דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע, און ווען די זיידע האט געזאגט די ווערטער אין די הגדה "**וּבְמוֹרָא גָּדוֹל – זוֹ גִּלּוּי שְׁכִינָה**", האט דער זיידע נאך געזאגט תורה פון זיין גרויסן רבין דער מגיד ממזריטש זי"ע.

דאן האט דער אייניקעל דער שרף געזען א אלטן איד א זקן, האט ער געוויזן אויפן זקן און געפרעגט דעם זיידן, **זיידע איז דאס אליהו הנביא ז"ל**, האט דער הייליגער מגיד געזאגט, "**ניין מיין קינד, דאס איז מיין גרויסע רבי דער מגיד ממזריטש זי"ע**, און דער זיידע דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע האט צו געלייגט, זאלסט וויסן מיין קינד, "**גילוי צדיקים איז אסאך גרעסער ווי גילוי אליהו**".

• • •

**ווערט דערציילט**, אז איינמאל האט דער צדיק דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע געהערט פון זיין גרויסן רבין דער חוזה מלובלין זי"ע בזה"ל, "**ווער עס וואוינט נאנט צום שטאט קאזניץ, און ער גייט נישט מקבל זיין דעם צדיק, וועט משיח וועט קומען, וועט יענער נישט קענען זוכה זיין צו געבן שלום פאר משיח צדקנו**", אזוי ווי דער תלמיד דער שר שלום האט געהערט די ווערטער, איז ער זיך געגאנגען געזעגענען פון זיין רבין, כדי צו גיין צום הייליגען מגיד מקאזניץ, האט אבער די רבי זייער געבעטן זיין תלמיד, אז אויף שבת קודש זאל ער זיין צוריק ביי אים.

ווען דער הייליגער שר שלום איז אנגעקומען קיין קאזניץ, האט אים דער גרויסער מגיד גאר שיין מקבל פנים געווען און מכבד געווען, אבער תיכף איז דער שר שלום אריין זיך געזעגענען אז ער פארט צוריק אויף שבת צו זיין רבין קיין לובלין, האט דער הייליגער מגיד געזאגט, **אויב בוסטו מסכים צו בלייבן דא ביי אונז, וועסטו זוכה זיין צו גילוי אליהו הנביא ז"ל**.

אבער דער הייליגער שר שלום האט זיך ווייטער געוואלט געזעגענען, האט דער מגיד פראבירט נאכאמאל און געזאגט, אויב בלייסטו ביי אונז **וועל איך דיר ווייזן די אבות הקדושים**, אבער דער הייליגער שר שלום האט בשום אופן נישט געוואלט ברעכן זיין צוזאג פארן חוזה אז ער קומט צוריק אויף שבת קיין לובלין, און דער שר שלום האט זיך געזעגענט פונעם הייליגען מגיד מקאזניץ.

אזוי ווי ער איז אנגעקומען קיין לובלין צום הייליגען חוזה מלובלין, האט אים זיין רבי מקבל פנים געווען מיט א שמחה און צהלות פנים און געזאגט, "**צו מוותר זיין אויף גילוי אליהו הנביא ז"ל, און אויך מוותר זיין אויף גילוי האבות הקדושים, נאר כדי צוריק צו קומען צו דיין רבין, דאס הייסט א אמת'ע חסיד**".

• • •

**אמאל איז דער צדיק דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע** געשטאנען ביים דאווענען, איז דארט געשטאנען א איד אין געדאווענט שמונה עשרה, אינמיטן הערט דער צדיק ווי דער איד זאגט אין אידיש, "**רבונו של עולם טאטע זיסער**", האט דער שר שלום געפרעגט פון דעם איד, ווי קומט צו דיר צו רעדן אידישע ווערטער אינמיטן דאווענען, האט דער איד געזאגט פארן שר שלום, **דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע האט דאס אויך געטון**.

האט זיך דער צדיק אויס געדרייט און געזאגט, **דער קאזניצער מגיד איז נישט געווען קיין מענטש, ער איז געווען א מלאך**, דאן דרייט זיך דער צדיק

אויס און לייגט צו, **ער איז נישט געווען קיין מלאך, נאר ער איז געווען א שרף, און ער האט דאס געקענט טון**, און דער צדיק האט דערציילט, אז דער הייליגער מגיד מקאזניץ איז געווען איין שטיק ביין און זייער א שוואכער מענטש, אז מען האט אים געברויכט טראגן צום ביהמ"ד אויף א בענקל, אבער אזוי ווי דער צדיק איז אריין אין ביהמ"ד, האט ער געגעבן א שריי, "**מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלקים**", און דער צדיק איז צו געלאפן צום דאווענען מיט אזא ברען, ממש נישט מיט קיין כח אנישי, **נאר ווי א שרף און מלאך אלקים**.

• • •

**איינמאל ווען דער צדיק וקדוש רבי יעקב ארי' מראדזמין זי"ע** איז געפארן זיך מסתופף זיין קיין קאזניץ, האט דער הייליגער קאזניצער מגיד געפרעגט דעם תלמיד רבי יעקב ארי' זי"ע, "**יענליו זאל איך דיר בענטשן**", דער תלמיד האט גלייך מורא געהאט וואס די רבי וויל אים זאגן, וויבאלד עס איז געווען באקאנט אז דער הייליגער חידושי הרי"ם האט ליידער פארלוירן זיינע קינדער בחייו פונעם הקפדה פון דעם קאזניצער מגיד, ווייל ער איז אריבער פון קאזניץ קיין פשיסחא, האט דער הייליגער ראדזימינער געטראכט, אז אפשר האט דער מגיד אויך אן הקפדה אויף אים.

אבער דער תלמיד מראדזימין האט געטראכט ביי זיך, **יעבור עלי מה, אויב די רבי וויל מיך בענטשן, וועל איך נעמען זיין ברכה נישט קיין חילוק וואס עס איז**, דאן האט דער הייליגער קאזניצער מגיד געזאגט פארן תלמיד, בייג אראפ דיין קאפ, און ער האט ארויף געלייגט ידיו הקדושים, און געבענטשט דעם תלמיד און געזאגט, "**יענליו דו ווילסט דאך זיין א רבי, "נאך נישט יעצט, נאך אסאך צייט**".

די מענטשן וואס זענען דארט געשטאנען האבן געמיינט, אז די רבי האט דעם תלמיד צו גענומען דאס רבנות, אבער יארן שפעטער האט מען געזען די הייליגע אויגן פון דעם מגיד, אז זיין ברכה איז מקיים געווארן, וואס ווי באוויסט האט דער הייליגער ראדזימינער זי"ע גאר שטארק מאריך ימים געווען, און מען האט אים גערופען **דער זקן האדמורי"ם**, און ער האט איבער געלעבט כמעט אלע צדיקים פון זיין דור, דאן האט מען שוין פארשטאנען די וייטע בליק פון זיין רבין מיט זיין ברכה, "**נאך אסאך צייט**".

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז די טאטע פונעם הייליגען קאזניצער מגיד זי"ע, הרה"ק רבי שבתי זי"ע איז נישט געווען מפורסם אלס א אדם גדול, אבער בזכות פון זיין גרויסן זון דער מגיד מקאזניץ, האט דער טאטע זוכה געווען צו א גאר הויכע פלאץ אין גן עדן, **נעבן דעם צדיק יוחאי זי"ע דער טאטע פון התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי זי"ע**, ווי דער הייליגער מגיד האט אליין איינמאל מעיד געווען אויף דעם.

געווען איז דאס איין שמחת תורה, ווען דער מגיד האט געטאנצן מיט די תורה מיט א אויסערגעווענליכע שמחה מער ווי יעדעס יאר, ווען די תלמידים האבן געפרעגט דעם רבין די סיבה, האט דער מגיד מגלה געווען, **אז די יאר ל"ג בעומר ווען דער תנא יוחאי איז אראפ זיך מיט פרייען מיטן שמחה הילולא פון זיין גרויסן זוהן, האט מיין טאטע רבי שבתי געבעטן, אז דער תנא יוחאי זאל אים אויך מיט נעמען**.

**האט דער הייליגער תנא יוחאי געמאכט א געשעפט מיטן טאטן, אז ער וועט אים מיט נעמען אויף ל"ג בעומר קיין מירון, און די טאטע וועט אים מיט נעמען צו די הקפות פון זיין זוהן דער מגיד**, כך הוה דער טאטע איז געווען ל"ג בעומר אין מירון, און יעצט ביי שמחת תורה איז דא געווען דער הייליגער תנא אלוקי יוחאי, **און דערפאר איז די שמחה דא געווען אסאך גרעסער ווי יעדעס יאר**.

• • •

**איינע פון די בני היכלא פונעם קאזניצער מגיד זי"ע** איז געווען הרה"ק **רבי אלימלך גניוויש** זי"ע וואס איז געווען א זון פון הרה"ק **רבי פנחס גניוויש** זי"ע פון די גרויסע תלמידים **פון רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע, איין טאג זענען די קאזאקין ימ"ש געקומען צום ביהמ"ד פונעם קאזניצער מגיד, און זיי האבן אוועק געכאפט בחורים צום מיליטער, און איינע פון די בחורים איז געווען דער רבי אלימלך גניוויש זי"ע.

איז מען געקומען מזכיר זיין ביים הייליגען קאזניצער מגיד זי"ע די בחורים און אז צווישן זיי איז אויך דער אלימלך, פונקט דאן האט מען אריין געברענגט א קאווע פארן מגיד, און דער הייליגער

מגיד האט געזאגט בזה"ל, "**ווי לאנג מען באפרייט נישט דעם אלימלך, וועל איך נישט טרינקען דעם קאווע**".

לפלא איז דורך א קורצע צייט און די אלע בחורים זענען צוריק געקומען צום שטוב פונעם מגיד, האט דער מגיד געזאגט פאר רבי אלימלך בזה"ל, "**צוליב דיין עקשנות, איז מיר קאלט געווארן די קאווע**", דער עולם האט נישט גלייך פארשטאנען וואס דער מגיד האט געמיינט.

אבער שפעטער האט דער מגיד דערציילט, אז ווען ער האט געזאגט די ווערטער, אז ער וועט נישט טרינקען דעם קאווע ביז אלימלך ווערט באפרייט, האט מען בעולם העליון געגעבן רשות פארן טאטן רבי פנחס זי"ע, אז ער זאל קענען גיין ראטעווען זיין זון, אבער דער זון האט נישט מסכים געווען צו גיין, נאר אויב דער טאטע ראטעוועט אויך די אנדערע בחורים.

אבער דער טאטע האט דאס נישט געקענט טון נאר אויב ער פרעגט קודם אין הימל, אויב ער האט רשות צו ראטעווען די אנדערע בחורים אויך, איז דער טאטע רבי פנחס צוריק ארויף בעולם העליון צו בעטן רשות, און דערפאר האט דאס גענומען לענגער ווי עס האט געברויכט, און דאס האט דער מגיד מיט זיינע הייליגע אויגן געזען, און דאס איז געווען די ווערטער וואס דער מגיד האט געמיינט, **אז מיטן עקשנות פון רבי אלימלך, אז ער איז נישט מסכים איבער צו לאזן די אנדערע בחורים, איז די קאווע קאלט געווארן**.

• • •

**ווי באקאנט האט דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע געזאגט**, אז די כח וואס ער האט געהאט, אז ווען ער האט מיט זיינע הייליגע הענט אנגערירט אויפן פלאץ ווי א איד האט געהאט א מחלה, איז די מחלה גלייך אויס געהיילט געווארן, **דאס האט ער מקבל געווען פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע**, און די מעשה איז געווען ווי פאלגענד.

גאנץ אנפאנג איז דער הייליגער שר שלום געפארן אסאך קיין לובלין צום חוזה זי"ע, דארט האט אים געטראפן א איד און זאגט אים, "**פאר קיין קאזניץ**", אבער דער שר שלום האט זיך קודם נישט וויסענדיג געמאכט, אבער נאך דריי מאל וואס יענער האט אים דאס געזאגט, האט דער הייליגער שר שלום פארשטאנען, אז דאס איז נישט סתם געזאגט, נאר ער ברויך פארן קיין קאזניץ, איז דער הייליגער שר שלום געפארן קיין קאזניץ צום מגיד.

אנקומענדיג אין קאזניץ, האט ער געטראפן דעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע ליגענדיג אין בעט, וואס ווי באקאנט איז דער מגיד געווען א חלש מאוד און אסאך געלעגן אין בעט, דאן האט אים דער מגיד צו געריפן און געהייסן זיצן אויף זיין בעט, דאן איז א חולה אריין געקומען צום מגיד און מזכיר געווען אז ער האט געפערליכע ווייטאג אין זיינע ציין, דאן האט דער מגיד גענומען מיין רעכטע האנט, און מיינע צוויי פינגער אריבער געפירט אויף די ציין פון יענעם איד, און גלייך איז יענער אויס געהיילט געווארן, **און פון דאן האט דער הייליגער שר שלום זי"ע באקומען דעם כח פון היילן מיט זיינע הענט**.

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי דוד משה מטשורטקוב זי"ע האט דערציילט**, אז דער בעש"ט הקדוש זי"ע וואס האט זיין גאנץ לעבן געארבעט צו ברענגען משיח, ווען ער איז נסתלק געווארן האט ער נישט געוואלט אריין גיין אין גן עדן ביז מען ברענגט משיח, האט מען אבער געשיקט דעם אר"י הקדוש זי"ע זאל אים מקבל פנים זיין, **און ווי נאר דער בעש"ט האט געזען דעם אר"י הקדוש, איז ער גלייך צו געלאפן, און אזוי האט מען אים אריין געכאפט אין גן עדן**.

דאס זעלבע האט פאסירט **מיטן הייליגן מגיד ממזריטש** זי"ע, אז ווען ער איז ארויף געקומען בעולם העליון, איז זיין רבי דער בעש"ט הקדוש אים קעגן געקומען און אזוי האט מען דעם מגיד ממזריטש זי"ע אריין געכאפט אין גן עדן, האט אבער דער מגיד מקאזניץ זי"ע זיך פאר גענומען, אז ער וועט זיך נישט לאזן, און טאקע ווען ער איז ארויף געקומען האט ער גלייך געזאגט, אז ווי לאנג ער נעמט נישט ארויס אלע נשמות ישראל פון גיהנום גייט ער נישט אריין אין גן עדן.

פארשטייט זיך אז פאר דעם צדיק דער מגיד מקאזניץ האט מען נישט געקענט אפ זאגן, **און דער מגיד האט טאקע ארויס גענומען טויזענטער**

**נשמות ישראל פון גיהנום**, אבער דער מגיד האט נישט געוואלט נאך לאזן ביז מען לאזט אים ארויס נעמען אלע נשמות ישראל פון גיהנום, אבער אין הימל האט מען געזען, אז דאס וועט נישט זיין קיין טובה פאר די אלע נשמות וואס דארפן ליידער נאך אפ קומען אין גיהנום, האט מען אין גן עדן אנגעהויבן זאגן "**כתר**", און אזוי ווי דער מגיד מקאזניץ האט געהערט כתר, **איז ער פון גרויס השתוקקות צו געלאפן צום גן עדן, און אזוי האט מען דעם מגיד אויך אריין געכאפט אין גן עדן.**

• • •

**הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט פארציילט**, אז נאכן פטירה פונעם רבין רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, **האט זיך דער הייליגער קאשניצער מגיד זי"ע צעשמייכעלט**, און ער האט געזאגט, אז ווען רבי ר' אלימלך איז ארויף געקומען אויפן עולם האמת, האט מען אים געפרעגט, **אויב ער האט געדאווענט אדער געלערנט אדער געדינט דעם באשעפער**, האט ער אויף אלעם געענטפערט **ניין**, ווייל ער האט באמת נישט געהאלטן אז ער האט געדינט דעם באשעפער פון גרויס ענווה.

און ער האט זיך אנגערופען, אז ער ברויך גיין אין גיהנום, אבער פארשטייט זיך אז מען האט אים אריין געטראגען אין גן עדן, האט זיך דער הייליגער רבי אלימלך זי"ע אנגערופען, **קוקט ווי גוט דער הייליגער באשעפער איז, אפילו אין גיהנום איז אזוי געשמאק, און דערפאר האט ער זיך דער הייליגער קאשניצער מגיד צעשמייכעלט**.

• • •

**אין ספר עשר אורות ווערט געברענגט**, אז איין שבת קודש האט דער **יהודי הקדוש מפשיסחא** זי"ע געוויילט ביים הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע, ביי דער סעודה האט אים דער מגיד געפרעגט, "**הייליגער יוד, זאגט מיר, פארוואס שפיר איך א גרעסערע קדושה און הארה דווקא אינעם צווייטן טאג יום טוב של גלויות, מער ווי אינעם ערשטן טאג**", האט דער הייליגער צדיק מפשיסחא געענטפערט, "**ווען א מאן קריגט זיך מיט זיין ווייב און נאכדעם מאכן זיי שלום, ווערט די אהבה נאך גרעסער ווי פריער, אזוי אויך איז יום טוב שני, דער יום טוב פון גלות, נאכן ריחוק ווערט די אהבה נאך גרעסער**", הערנדיג די ווערטער, האט דער מגיד אים א קוש געגעבן אויפן שטערן און געזאגט, "**דו האסט מיך מחיה געווען**".

• • •

**אינעם קונטרס מזקנים אתבונן ווערט געברענגט די מעשה**, דער צדיק וקדוש רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע, "**מיט וועלכער זכות האט דיין פאטער זוכה געווען צו אזא זון ווי דו**", דער הייליגער מגיד האט אויסגערעכנט פארשידענע מצוות אין וועלכע זיין פאטער, רבי שבתי דער ספרים-בינדער, האט זיך שטארק מהדר געווען, אבער דער הייליגער בארדיטשובער רב האט געזאגט, "**נישט דערפאר, דערצייל מיר נאך פון דיין פאטער**".

האט דער הייליגער קאשניצער מגיד דערציילט, אז אין שטאט ווי זיין פאטער האט געוואוינט, האט א שניידער, וועלכער איז געווען נאנט צום פריץ, זיך דורכגעזעצט צו זיין דער בעל תפלה אום יום כיפור, כאטש דער עולם האט אים נישט געהאלטן ראוי דערצו, דער עולם האט דעריבער געמאכט א גרויסן טומל אינמיטן דאווענען און געשלאגן מיט די מחזורים ביז זיי זענען צעריסן געווארן.

מוצאי יום כיפור האבן די מענטשן געזאגט צו רבי שבתי, "**היי-יאר וועט איר האבן א גוטע פרנסה, ווייל אלע צעריסענע מחזורים וועלן דארפן א נייע כריכה**", רבי שבתי האט בכלל נישט פארשטאנען פון וואס זיי רעדן, ווייל ער איז געווען אזוי פארטיפט אין זיין תפלה, אז ער האט נישט געהערט קיין איין קלאפ און קיין איין געשריי, האט דער צדיק רבי לוי יצחק אויסגערופן, "**יעצט פארשטיי איך שוין מיט וועלכער זכות ער האט זוכה געווען צו אזא זון ווי דו!**", ווייל א איד וואס קען זיין אזוי פארטיפט אין זיין עבודת התפלה, אז ער האלט בכלל נישט מיט וואס טוט זיך ארום אים, קען זוכה זיין צו אראפברענגען אזא הייליגע נשמה ווי דער מגיד מקאזניץ.

• • •

**אין קונטרס נפלאות היהודי ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע געווען שטארק קראנק, און זיין מצב איז געווען זייער געפערליך, דער יהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע האט דאס מרגיש געווען ברוח קדשו, און האט גלייך גערופן צוויי פון זיינע חסידים, ביידע מיטן נאמען **רבי שמואל**, וועלכע

האבן געהאט א געוואלדיגן כח אין נגינה, און ער האט זיי באפוילן צו פארן קיין קאזניץ און געזאגט, "**אויב איר וועט דעם מגיד נאך טרעפןביים לעבן, זאלט איר דארט מקבל שבת זיין מיט א ניגון**".

ווען זיי זענען אנגעקומען, האט דער מגיד געפרעגט פון וואנען זיי קומען, האבן די צוויי געזאגט, "**דער הייליגער איד מפשיסחא האט אונז געשיקט**", און האבן ממשיך געווען צו זאגן, "**מיר קענען זינגען**", דער הייליגער מגיד מקאזניץ האט זיי מכבד געווען צו פירן קבלת שבת, ווי נאר ער האט געהערט זייערע הייליגע ניגונים, איז אים בעסער געווארן, און וואס מער זיי האבן געזונגען, אלץ מער איז זיין געזונט צוריקגעקומען, שפעטער האט דער מגיד געזאגט, "**מיט זיין לויטערן בליק האט דער הייליגער איד געזען, אז איך בין שוין ארומגעגאנגען אין אלע עולמות העליונים, אבער צום עולם הנגינה בין איך נאך נישט אנגעקומען, דערפאר האט ער מיר געשיקט די צוויי אידן, כדי זיי זאלן מיך דורך זייער ניגון צוריקברענגען אויף דער וועלט**".

• • •

**אין ספר עשר אורות ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי חיים מאיר יחיאל השרף ממאגלניצא זי"ע האט דערציילט, אז אלס קליין קינד פלעגט ער שלאפן אינעם בעט פון זיין זיידן, דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע, איין נאכט האט ער געשפירט ווי דער מגיד שטייט אויף, פלוצלינג איז אריינגעקומען א מענטש, און דער מגיד איז מיט אים ארומגעגאנגען אין צימער און גערעדט.

דערציילט דער הייליגער שרף זי"ע, אז ער האט זיך זייער געוואונדערט, ווייל דער מענטש האט גערעדט צום מגיד נישט ווי א תלמיד צו א גרעסערן, נאר ממש ווי צו זיין אייגענעם תלמיד, און ער האט געטראכט ביי זיך, אז דאס מוז זיין אליהו הנביא, ווען דער מענטש איז אוועקגעגאנגען, האט דאס קינד געזאגט, "**זיידע, דאס איז זיכער געווען אליהו הנביא!**", האט דער מגיד געענטפערט, "**דו האסט א טעות, דאס איז געווען מיין רבי, דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זי"ע, זאלסט וויסן, גילוי צדיקים איז אזוי גרויס ווי גילוי אליהו**".

• • •

**אין ספר עשר אורות ווערט געברענגט**, אז איידער דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע איז נתפרסם געווארן, איז ער געווען א גרויסער ארעמאן, ער איז איין טאג געפארן צום הייליגן צדיק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע, וועלכער איז דעמאלט געווען רב אין זעליחוב, און האט אים דערציילט פון זיין גרויסן דחקות, ווען זיי האבן זיך געזעגנט, איז דער הייליגער בארדיטשובער ארויס אים באגלייטן, עס איז געווען א ביטער קאלטער ווינטערטאג, דער קאזניצער מגיד האט געטראגן א ווארעמען פעלץ, אבער דער הייליגער בארדיטשובער איז ארויס מיט א דין הויז-קלייד.

דער הייליגער בארדיטשובער האט אים באגלייט ווייטער און ווייטער, ביז ער האט געבעטן, "**בארג מיר דיין פעלץ, ווייל מיר איז זייער קאלט**", דער מגיד האט אים גלייך געגעבן דעם פעלץ און איז געבליבן אינעם דינעם קלייד, דער הייליגער בארדיטשובער האט אים נאך ווייטער באגלייט, ביז דער מגיד איז שוין כמעט געקומען אין א סכנה פונעם שרעקליכן קעלט, דעמאלט האט דער הייליגער קדושת לוי צוריקגעגעבן דעם פעלץ און געזאגט, "**ישראלקע, יעצט מעגסטו זיך שוין אנווארעמען**", און פון דעמאלט אן איז דער מגיד נתפרסם געווארן איבער דער וועלט און ארויס פון די שרעקליכע דחקות און געהאט הרחווה.

• • •

**אין ספר עשר אורות ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע איז רוב ימיו געווען זייער שוואך און קראנק, יעדן אינדערפרי פארן דאווענען פלעגט ער זאגן, "**מי אנכי שאזכה להתפלל לפני הקדוש ברוך הוא**", צום ערשטן מאל איז זיין אטעם געווען קורץ און ער האט קוים געקענט ארויסגעבן די ווערטער, דערנאך האט ער עס נאכאמאל געזאגט, און זיין קול איז שוין געווארן העכער, ביים דריטן מאל איז זיין קול געווען אזוי שטארק, **אז אלע צוהערער האבן געציטערט פאר גרויס פחד און יראה**.

אזוי פלעגט ער זיך אין תפלה מתגבר זיין מיט א כח און דביקות העכער פון די כוחות הגוף, ער פלעגט אויך זאגן, "**דער אויבערשטער ווייסט, אז איך האב נישט קיין שום הנאה פון גשמיות, נאר פון א גוטן דאווענען האב איך הנאה, און איך האב מורא, אפשר צאלט מען מיר דערמיט אפ מיין שכר אויף דער וועלט, און וואס וועט דעמאלט זיין מיט מיר**

**אויף יענער וועלט**", דאס איז געווען די געוואלדיגע מסירת נפש און דביקות פונעם מגיד, און זיין געוואלדיגע עניוות, אז ער האט באמת געהאלטן אז מיט די הנאה פונעם דאווענען וועט מען אים אראפנעמען פון זיין שכר בעולם שכולו טוב.

• • •

**אין ספר עשר אורות ווערט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע איז אין זיינע יונגע יארן אסאך געווען ביים רבי'ן הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימאנוב זי"ע, איין שבת ביי שלש סעודות האט דער צדיק רבי מענדעלע מרימנוב געזאגט, "**איך האב געהערט אויסרופן אין הימל, אז ווער עס לעבט אין דור פונעם קאזניצער מגיד און האט נישט געזען זיין הייליג פנים, וועט נישט זוכה זיין צו זען דעם פנים פון משיח**".

גלייך נאך הבדלה האט דער הייליגער בני יששכר גענומען זיין שטעקן און פעקל און איז געגאנגען צופוס קיין קאזניץ, א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט איז ער געגאנגען אן שלאף און אן מנוחה, מיט מסירת נפש, אויס מורא אז משיח וועט קומען איידער ער וועט זען דעם מגיד, ווען ער איז אנגעקומען, איז דאס צימער געווען פול מיט מענטשן ארום דעם קראנקן מגיד'ס בעט, ער האט זיך אויפגעהויבן אויפן שטעקן, **בלויז צו געבן איין שנעלן בליק אויפן מגיד**, דער מגיד האט פלוצלינג אויפגעהויבן דעם קאפ, אים אנגעקוקט און געזאגט, "**בראיה בעלמא קני, מיט איין בליק אליין האסטו שוין קונה געווען**".

• • •

**א גאר פשוטער איד מיט זיין ווייב** זענען אמאל געקומען צום הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע און געבעטן א ברכה פאר קינדער, דער מגיד האט געבעטן **נ"ב זהובים**, וואס איז בגימטריא "**בן**", אבער דער פשוטער איד האט געוואלט געבן **נאר צען**, אבער דער מגיד האט נישט מסכים געווען, האט דער איד פראבירט צו געבן **20 זהובים**, אבער דער הייליגער מגיד האט זיך געהאלטן ביי זיינס אז ער גייט נישט אראפ אונטער 52 זהובים, דער פשוטער איד האט זיך אויפגערעגט, און געזאגט צו זיין ווייב, "**נעם צוריק דאס גאנצע געלטל, דער אויבערשטער וועט אונז העלפן אויך אן דעם רבי'ן**", גלייך האט דער מגיד געזאגט, "**די ווערטער זענען אנגענומען געווארן אין הימל, ווייל דו האסט זיך מיט דיין גאנצן הארץ פארלאזט נאר אויפן אויבערשטן, וועסטו זוכה זיין צו א בן זכר**".

• • •

**אין ספר עשר אורות ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע האט אמאל דערציילט, ווען איך בין געווען זיבן יאר אלט, האב איך שוין געלערנט אין דער ישיבה פון רבי יחזקאל מאסטראווצע, בייטאג בין איך געזעסן אין ישיבה, און ביינאכט האב איך ווייטער געלערנט אליין אין בית המדרש.

איין חנוכה-נאכט האט מיין פאטער מיר נישט געלאזט גיין אין בית המדרש, ווייל ער האט מורא געהאט אז איך וועל זיך פארכאפן אין שפילן קארטן, ווי מען פלעגט דעמאלט טון, אין שטוב איז אבער נישט געווען קיין ליכט און קיין ספר, און איך האב זייער געוואלט לערנען, האב איך צוגעזאגט, אז איך וועל נאר בלייבן אזוי לאנג ווי א קליין ליכטל פון דריי פרוטות ברענט.

די מלאכים האבן אבער אזוי הנאה געהאט פון מיין לימוד התורה, **אז דאס ליכטל האט געברענט די גאנצע נאכט**, ווען איך בין אינדערפרי אהיימגעקומען, האט מיין פאטער געמיינט אז איך האב עובר געווען אויף זיין באפעל און יא געשפילט קארטן, און ער האט מיך שטארק געשלאגן, איך האב אבער געוואוסט, **אז אויב איך וועל זאגן דעם אמת, וועט ער מיר גלייבן, ווייל איך האב קיינמאל נישט געזאגט קיין ליגן**, אבער איך האב געטראכט ביי מיר, "**בעסער זאל איך ליידן די מכות, ווי זיך באנוצן מיטן כבוד התורה**".

• • •

**אין ספר עשר אורות ווערט געברענגט**, אז ערב יום הקדוש פלעגן אלע איינוואוינער פון קאזניץ, מענער, פרויען און קינדער, זיך פארזאמלען פארן הויז פונעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע, זיי פלעגן דארט שטיין און וויינען אויף זייערע עבירות און בעטן דעם אויבערשטן, אז מען זאל זיי פארשרייבן און פארזיגלען פאר א גוט יאר, דער הייליגער מגיד פלעגט מיטוויינען מיט זיי און זאגן, "**און איך בין נאך א גרעסערער פושע און ערגער פון אייך**", דערנאך פלעגט ער זיך אראפווארפן אויף דער ערד און זיך קוילערן אין שטויב, און אזוי זענען זיי אלע צוזאמען געגאנגען אין בית המדרש צו כל נדרי, מיט צעבראכענע הערצער און א הייליגע התעוררות.

**יארצייט ערב סוכות י"ד תשרי**

**הרה"ק רבי שלום שכנא ב"ר אברהם זי"ע,**
**(פריעדמאן)**
**בעל משמיע שלום, מפראהביטש**
**"הנקרא דער גרויסער רבי שלום"**

ער איז געבוירן אין שטאט מעזריטש, **בשנת תקכ"ט**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי אברהם המלאך בעל חסד לאברהם ממעזריטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי דוב בער המגיד הגדול ממעזריטש** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי שלום שכנא מטורטשין** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי אברהם המיוחס מלמד מלוקאטש** זי"ע,
די משפחה איז געווען פון די יוחס פון **רבינו יהודה הנשיא** ע"ה, און פון **התנא האלוקי רבי יוחנן הסנדלר** ע"ה.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת גיטל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי משולם פייביש הורוויץ בעל משנת חכמים מקרעמניץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי דוב בעריש הלוי איש הורוויץ** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי מאיר הלוי הורוויץ בעל מהר"ם טיקטין** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי שמואל שמעלקא מטורנא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יהושע הארוך** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי פנחס הלוי איש הורוויץ** זי"ע.

ביים ברית האט מען געגעבן פאר קינד דעם נאמען **שלום שכנא**, נאכן זיידן הרה"ק **רבי שלום שכנא מטורטשין** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק יסוד עולם און א בקי ולמדן נפלא בתורה ובחסידות, צדיקים האבן מעיד געווען אויף דעם געוואלדיגע קדושה און פרישות מיט וואס דער צדיק האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט, גאר אסאך תורה און חסידות האט דער צדיק מקבל געווען פון זיין גרויסן טאטן רבי אברהם המלאך, אפילו זייענדיג גאר יונג ווען דער טאטע איז נסתלק געווארן, רוב צדיקי הדור האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק און באוואונדערט זיין התנהגות דקדושה און זיין געוואלדיגע דרך אין עבודת השם, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע בעל מידת וואס האט יעדן איד מכבד געווען און פון זיך באמת גארנישט געהאלטן, ער איז געווען א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

ביי די אכט יאר אלט י"ב תשרי בשנת תקל"ז האט ער ליידער פארלוירן זיין גרויסן טאטן רבי אברהם המלאך זי"ע, און וויבאלד די רעבעצין די צדקת גיטל ע"ה האט נישט געוואלט נאכאמאל חתונה האבן, האט זי געשיקט דעם זון שלום שכנא און זיין ברודער הרה"ק רבי ישראל חיים מלודמיר זי"ע צום צדיק הרה"ק **רבי שלמה מקארלין** זי"ע,

און זיי זענען דארט אין שטוב פונעם הייליגען קארלינער נתגדל געווארן, און דער צדיק רבי שלמה מקארלין האט די צוויי אויף געצויגן ווי אייגענע קינדער, מען דערציילט, **אז די צוויי קינדער האט דער הייליגער צדיק רבי שלמה מקארלין זי"ע גענומען שלאפן מיט זיך אין איין בעט וויסענדיג זייער קדושה און גדלות**.

גאר אסאך תורה און חסידות האט דער צדיק געלערנט פון דעם הייליגן צדיק **רבי שלמה מקארלין** זי"ע, ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה פון רבי שלמה מקארלין זי"ע, רוב פון זיין תורה און זיין דרך החסידות האט דער צדיק מעיד געווען, אז ער האט דאס קונה געווען זייעדניג ביים צדיק מקארלין.

ווערט דערציילט, אז ביי די ניין יאר האט אים דער הייליגער צדיק רבי שלמה מקארלין זי"ע גענומען און געזאגט, **מיין קינד שלומקה, די זאלסט וויסן, אז דיינע תפילות גייען ארויף גאר הויעך, און ווען די שטעלסט דיך דאווענען קומען די אבות הקדושים און כאפן דיינע תפילות פון גרויס חביבות און ברענגען דאס ארויף פארן כסא הכבוד**.

און א אנדערע געלעגנהייט האט דער הייליגער צדיק רבי שלמה מקארלין געזאגט פארן צדיק רבי שלום שכנא זי"ע, בזה"ל, **"ווען דער בעש"ט הקדוש זי"ע איז נסתלק געווארן, איז דער גרויסער באשעפער ארום מיטן כתר של תורה אין**

**די גאנצע וועלט, און צום סוף האט ער דאס געגעבן פאר דיין זיידן דער הייליגער מגיד ממזריטש זי"ע, און געגעבן א הבטחה, אז דער כתר של תורה וועט זיך נישט אפטון מפיו ומפי זרעו ומפי זרע זרעו מעתה ועד עולם**".

דעם ברודער הרה"ק רבי ישראל חיים מלודמיר זי"ע האט דער הייליגער צדיק רבי שלמה מקארלין זי"ע גענומען אלס אן איידעם פאר זיין טאכטער.

נאך זייענדיג יונג האט דער צדיק רבי שלום שכנא זי"ע חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת חוה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי אברהם מקאריסטשוב** זי"ע,
חתן הרה"ק **רבי מנחם נחום בעל המאור עיניים מטשרנוביל** זי"ע.

ווערט דערציילט לגבי דעם שידוך, אז דער הייליגער צדיק רבי שלמה מקארלין זי"ע האט ארויס געשיקט צוויי פון זיינע חשובע תלמידים, אז זיי זאלן גיין זיכן א גוטע שידוך פאר דעם צדיק רבי שלום שכנא זי"ע, און דער צדיק רבי שלמה האט געהייסן פאר די צוויי שליחים, אז זיי זאלן זיך נישט אפשטעלן אין שטאט **פראהביטש**, און די צוויי שליחים האבן מקיים געווען וואס זייער רבי האט זיי געהייסן.

אבער אריבער פארענדיג דעם שטאט פראהביטש, האט זיך דער צדיק דער הייליגער מאור עיניים זי"ע צו געלייגט, און דער צדיק האט זיך דאן געפינען בעולם העליון, און ער האט דארט געהערט ווי מען זאגט, **רבי נחום יעצט איז די צייט די זאלסט דיך משדך זיין מיטן אייניקל פונעם הייליגען מגיד ממזריטש זי"ע**, און דאן איז צו אים צו געקומען דער צדיק רבי אברהם המלאך זי"ע, **און זיי האבן זיך געגעבן די הענט און געשלאסן שידוך**.

אזוי ווי דער הייליגער מאור עיניים זי"ע האט זיך דערוועקט, האט ער געפרעגט פון זיינע משמשים, אויב עס איז דורך געפארן א וואגן מיט צוויי אידן, האבן זיי געזאגט אז יא, ממש יעצט זענען זיי דורך געפארן דעם שטאט, האט דער הייליגער מאור עיניים געבעטן מען זאל די צוויי שוין צוריק ריפן.

און דער הייליגער מאור עיניים זי"ע האט דערציילט פאר די צוויי שליחים, אז אויבן אין הימל האט דער טאטע דער צדיק וקדוש רבי אברהם המלאך זי"ע שוין געשלאסן דעם שידוך מיטן אייניקל מרת חוה, און ווען די שליחים האבן דאס שפעטער דערציילט פאר זייער רבין רבי שלמה מקארלין זי"ע, האט דער צדיק געזאגט, "**אויב דאס איז א גזירה פון הימל, בין איך אויך מסכים צו דעם שידוך**", און דאן האט מען טאקע געשלאסן דעם שידוך.

מען דערציילט, אז אויפן וועג צו די חתונה וואס איז פאר געקומען אין פראהביטש, איז דער צדיק רבי שלמה געפארן מיטן חתן און אים באגלייט אויפן וועג, זיי האבן זיך אפ געשטעלט אין שטאט **יאנוב**ביים צדיק הרה"ק **רבי ישעי' מדינאוויץ** זי"ע, דארט האט מען גאר שטארק מכבד געווען דעם חתן און אויך רבי שלמה מקארלין זי"ע.

דערציילט מען, אז דעם גאנצן שבת זענען געקומען גאר אסאך חסידים מיט האלטן דעם גרויסן שבת, ביים דאווענען האט מען אבער געזען דעם חתן רבי שלום שכנא זי"ע, ווי ער שטייט אויף איין פלאץ און מען האט נישט געזען קיין שום אויסער געוועהנליכע עבודה, וואס ווי באקאנט האט דער צדיק גאר שטארק באהאלטן זיין גדלות בתורה וקדושה.

די אידן פון שטאט האבן נישט משיג געווען דאס גדלות פון דעם חתן אז ער ווערט א איידעם מיט א אייניקעל פון דעם הייליגען מאור עיניים, אבער דער צדיק רבי ישעי' מדינאוויץ זי"ע האט נישט אראפ גענומען קיין אויג פונעם חתן דעם גאנצן שבת, און דאן האבן די חסידים שוין פארשטאנען, אז דער חתן אפילו זייעדניג נאך גאר יונג, פירט זיך שוין אויף גאר א הויכע דרגה, נאר ער באהאלט דאס פון יעדן.

דעם קומענדיגע שבת האט זיך רבי שלמה מקארלין זי"ע צוזאמען מיט די חתן אויף געהאלטן אין שטאט **באררדיטשוב** בצלו פון הרה"ק **רבי לוי יצחק בעל הקדושת לוי מבררדיטשוב** זי"ע, אויך דארט האט מען דעם חתן גאר שטארק מכבד געווען, און דער הייליגער קדושת לוי האט

געהייסן, צו גרייטן א שיינע סעודה לכבוד די חשובע געסט.

אויפן וועג ארויס האט דער הייליגער קדושת לוי פרעזענליך ארויס באגלייט דעם חתן **מיט גרויס כבוד און כלי זמר און געטאנצן לכבוד דעם גרויסן גאסט**, און ווען די רעבעצין האט געפרעגט פון איר הייליגע מאן, **פארוואס ער האט אזוי מכבד געווען און ארויס באגלייט דעם חתן**, איז דען נישט גענוג געווען די גרויסע סעודה וואס מען האט אפ געראכטן לכבוד דעם חתן, האט דער הייליגער קדושת לוי זי"ע געזאגט בזה"ל, "**ווי אזוי זאל איך נישט טאנצן, ווען איך זעה אליהו הנביא ז"ל באגלייט דעם חתן און טאנצט מיט כלי זמר**".

נאך די חתונה איז דער צדיק וויטער געזעצן על התורה ועבודת השם, אבער יענע צייט האט זיך דער צדיק זייער שטארק באהאלטן, די חסידים פונעם זיידן דער הייליגער מאור עיניים זי"ע האבן נישט גלייך געזען און פארשטאנען זיין גדלות בתורה ועבודת השם, און דערפאר זענען געווען חסידים וואס זענען אריין צום זיידן און זיך אפ געריעדט אויפן אייניקעל רבי שלום שכנא, אבער די זיידע האט די אידן געהייסן, **אז מען זאל דעם צדיק נישט שטערן, ווייל ער האט זיין וועג פון עבודת השם**.

ווען דער הייליגער זיידע דער מאור עיניים זי"ע האט זיך אוועק געצויגן פון **פראהביטש** קיין טשערנאביל, האט מען דעם אייניקעל רבי שלום שכנא אויף גענומען אלס ממלא מקום, און דאן איז דער צדיק נתפרסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און קדושה, הונדערטער חסידים ירא השם און גדולים האבן זיך דאן מדבק געווען אין דעם צדיק.

גאר שנעל איז ער באוויסט געווארן אלס א איש קדוש מאוד און א גרויסע בעל מופת און פועל ישועות, און צדיקים בדורו האבן מעיד געווען, "**אין בארדיטשוב וואוינט א איד וואס שרייט און פארשפרייט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, אבער אין פראהביטש וואוינט א איד, וואס איז מדריך אידן ווי אזוי צו דינען דעם גרויסן באשעפער**".

דער צדיק האט ליידער נישט מאריך ימים געווען און נסתלק געווארן יונגערהייט, אבער דער צדיק איז געווען מפורסם אלס א צדיק וקדוש און א גרויסע בעל מופת און פועל ישועות, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש, דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין עבודת הקדוש און זיין דרך איז געווען מיט א דרך פון מלכות און אזוי האט זיך אויך געפירט זיין הייליגע זוהן דער רוזינער זי"ע.

אלע צדיקים וגדולים בדורו האבן גאר שטארק מעריץ געווען דעם צדיק רבי שלום שכנא זי"ע און גערעדט פון זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט.

דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע, ווען ער האט געענדיגט בויען זיין ביהמ"ד, האט ער געמאכט א גרויסע סעודה לכבוד דאס באנייען די ביהמ"ד, האט ער איינגעלאדענט אסאך גדולים וצדיקים בדורו, ובתוכם איז געווען דער צדיק רבי שלום שכנא זי"ע.

נאך די סעודה האט דער הייליגער שפאלער זיידע געטאנצן לכבוד דעם גאסט רבי שלום שכנא, און האט זיך אויס גערדיקט אויפן צדיק וקדוש רבי שלום שכנא זי"ע בזה"ל, "**דער טאטע איז א מלאך, די מאמע א מאלאכטע, איז מען זוכה צו אזא הייליג קינד**".

דער צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע האט זיך אמאל אויס גערדיקט אויפן צדיק וקדוש רבי שלום שכנא זי"ע בזה"ל, "**אין פראהביטש איז געווען א גרויסע לעכטיגקייט, וואס איז ליידער פארלאשן געווארן און איבער געלאזט נאך זיך א שרעקליכע טינקעלקייט**".

דער צדיק וקדוש רבי ברוך ממעזיבוז זי"ע, ווען ער האט געהערט פון די הסתלקות פונעם צדיק וקדוש רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע, האט ער זייער געוויינט און געזאגט בזה"ל, "**איך און ער דער צדיק רבי שלום שכנא, זענען געווען בבחינות שמו"ע, וואס הייבט זיך אן מיט "ברוך", און עס ענדיגט זיך מיט "שלום**".

זיין שוואגער הרה"ק רבי ישראל בעל עטרת תפארת ישראל מבאפאליא זי"ע דער זון פון זיין

שוועך הרה"ק רבי אברהם מקאריסטשוב זי"ע האט גאר אסאך געשריבן פון זיין שוואגער רבי שלום שכנא זי"ע, און ער דריקט זיך אויס אויף אים מיט געוואלדיגע שבחים ובתוכם, "**צדיק יסוד עולם, אדוני מורי ורבי גיסי**".

גאר אסאך צדיקים בדורו האבן זיך פאריפען אלס תלמידים פון דעם צדיק וקדוש ובתוכם הרה"ק **רבי נתן מברסלב** זי"ע, גיסו הרה"ק **רבי ישראל מבאפאליא** זי"ע, גיסו הרה"ק **רבי ארי' לייב מבענדר** זי"ע.

דער צדיק האט נישט איבער געלאזט קיין חיבור מיט זיינע דברי תורה, אבער אסאך פון זיינע דברי תורה ווערן געברענגט אינעם **ספר עטרת תפארת ישראל** פון זיין שוואגער, אויך איז דא כמה תורת פונעם צדיק אינעם **ספר משמיע שלום**, **ספר דרכי שלום**, און **ספר נר ישראל**.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי אברהם מפראהביטש** זי"ע, ממלא מקום אביו, ליידער איז דער זון נסתלק געווארן יונגערהייט,

הרה"ק **רבי ישראל אדמו"ר מרוזין** זי"ע,

בתו **הרבנית הצדקת מרת חנה איטה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי יצחק מגארנוב** זי"ע, בן הרה"ק **רבי מרדכי מקרעמניץ** זי"ע,

הרה"ק **רבי דוב בער** זי"ע, ער איז ליידער נפטר געווארן אלס חתן, ער איז געווען א חתן מיטן טאכטער פון הרה"ק **רבי לוי יצחק בעל הקדושת לוי מברדיטשוב** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **בן ל"ד שנים ערב סוכות י"ד תשרי בשנת תקס"ג**, ומנחתו כבוד איז אין שטאט **פראהביטש**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**מען דערציילט**, אז דער הייליגער רוזינער זי"ע האט דערציילט נאכן הסתלקות פונעם טאטן הרה"ק רבי שלום שכנא זי"ע, אז ער האט געזען דעם טאטן אין הימל, **ווי ער שטייט אין א וואסער וואס קומט אן ביז זיין האלז**, ווען ער האט געפרעגט דעם טאטן וואס דאס איז, האט אים דער טאטע געזאגט, **אז דאס זענען די טרערן פון אידישע קינדער**.

• • •

**עס איז דא א סגולה וואס די טאטע הרה"ק רבי שלום שכנא זי"ע האט געשריבן בצוואה**, אז אויב מען וועט רעדן פון אים און פארציילען א מעשה און אפילו נאר דערמאנען זיין נאמען, "**הרה"ק רבי שלום שכנא ב"ר אברהם המלאך זי"ע ואמו מרת גיטל ע"ה**", דאנערשטאג נאכט ליל שישי, וועט מען האבן א פרייליכען שבת, און אז מען האט נישט קיין סיפור, **זאל מען רעדן פון זיינע טישן און בענק**.

• • •

**הרה"ק רבי אברהם מפראהביטש זי"ע** ערב סוכות בשנת תקס"ג ווען זיין הייליגע טאטע הרה"ק רבי שלום שכנא זי"ע איז נסתלק געווארן, איז דער צדיק געווען **נאר 16 יאר אלט**, און זיין ברודער הרה"ק רבי ישראל מרוז'ין זי"ע איז געווען **נאר 6 יאר אלט**, און אפילו זייענדיג נאר 16 יאר אלט, האט מען דעם צדיק וקדוש אויף גענומען אלס ממלא מקום פונעם טאטן אין שטאט פראהביטש.

די ערשטע נאכט סוכות נאכן צוריק קומען פון די לוי' פונעם טאטן, האט שוין דער צדיק געפירט טיש מיט טויזענטער תלמידים און זקני חסידים פון זיין גרויסן טאטן זי"ע, שוין דאן האבן די חסידים פונעם טאטן געזען דעם גדלות פון דעם צדיק און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט.

בעפארן אריינגיין צום טיש די ערשטע נאכט סוכות, איז די רבי אריין צו די מאמע צוזאמען מיט זיין קליינע ברודער הרה"ק מרוז'ין זי"ע, **צו ווינטשען א גוט יום טוב**, און די רבי האט געזאגט פאר די מאמע, **דער באשעפער האט יעצט באקומען א גאר חשובע גאסט בעולם העליון די טאטע זי"ע, און מען דארף ארויפשיקען עפעס לכבוד די גאסט, וועט מען מאכן קידוש און דאס וועט זיין די מתנה פארן גרויסן גאסט**.

ער איז אריין אין די סוכה און געמאכט קידוש, און דורך די גאנצע סעודה איז ער געווען מוראדיג

בשמחה, האט די מאמע געפרעגט פונעם זון וואס איז די שמחה, האט רבי אברהם מפראהביטש זי"ע געזאגט פאר די מאמע, **ווען די וואלסט געזעהן דעם טאטן'ס פלאץ אין גן עדן, וואלסטו אויך געווען בשמחה**.

• • •

**הרה"ק רבי ברוך ממעזביז זי"ע** האט געזאגט ממש בעפאר זיין פטירה ח"י כסלו בשנת תקע"ב בזה"ל, "**רבוש"ע אויף וועם לאסטו איבער די וועלט**", אבער דאן האט ער זיך דערמאנט און געזאגט, די **האסט דאך אבער אויף די וועלט די צוויי הייליגע קינדער פון הרה"ק רבי שלום שכנא מפרוהוביטש זי"ע, דער צדיק וקדוש רבי אברהם זי"ע, און זיין ברודער הרה"ק רבי ישראל מרוז'ין זי"ע, וואס די צדיקים וועלן האלטן די וועלט**.

• • •

**דער ברודער הרה"ק רבי ישראל מרוז'ין זי"ע** האט מעיד געווען נאך די פטירה פון זיין הייליגע ברודער רבי אברהם זי"ע, אז דער ברודער איז געווען צווישן די צדיקים **וואס זענען יעדע רגע פון זייער לעבן געווען דבוק אינעם באשעפער אן קיין הפסק**, און דער רוזינער זי"ע האט אמאל געזאגט בזה"ל, "**אויב וואלט מיין ברודער אברהמ'ניו מעריך ימים געווען, וואלטן מיר ביידע געברענגט די גאולה שלימה און משיח צדקנו**".

• • •

**איינמאל איז א חסיד געקומען צום זוהן הרה"ק רבי ישראל מרוז'ין זי"ע און געזאגט**, רבי איך ווייס נישט אויב איך וועל נאך זוכה זיין צו זעהן דעם רבין נאכאמאל, בעט איך דעם רבין אז די רבי זאל מיר זאגן עפעס א גוט ווארט וואס איך זאל דאס קענען ניצן אויף אייביג.

האט דער הייליגער צדיק מרוזין געזאגט, **בעפאר ביאת גואל צדק וועט הענגען דאס אידישקייט אויף א האר**, **מען וועט זיך דראפענען אויף גראדע ווענט**, איז די עצה מען זאל זיך צוזאמען נעמען יעדן שבת קודש און שמיסן פון צדיקים, און דאס וועט מחזק זיין די אמונה זיך צו האלטן מיט אידישקייט, און דאס איז מרומז אין פסוק **הֵאָסְפוּ** נעמט ענק צוזאם, **וְאַגִּידָה לָכֶם** און מאכט אגודת צוזאם קומען, דאן וועט מקיים ווערן **אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים** אז אידן וועלן זיך קענען האלטן ביז משיח וועט קומען בב"א, און דער צדיק האט אויס געפריט דריי תנאים.

**איר זאלט דאס מקיים זיין,**

**איר זאלט דאס געדענקען,**

**איר זאלט דאס דערציילן און מפרסם זיין.**

• • •

**ווערט דערציילט א מעשה נפלא וואס האט פאסירט**, ווען דער צדיק רבי שלום שכנא זי"ע איז נאך געווען סמוך על שולחן פון זיין גרויסן זיידן דער הייליגער מאור עיניים זי"ע אין שטאט פראהביטש.

איינמאל איז א איד אריין געקומען אין שטוב פונעם הייליגען מאור עיניים זי"ע, און ער האט מזכיר געווען זיין ווייב, אז זי איז ר"ל א מקשה לילד, אבער דער צדיק האט זיך דאן צו געלייגט, און דער גבאי האט בשום אופן נישט געוואלט אויף וועקן דעם הייליגען מאור עיניים, וויבאלד עס איז געווען באוויסט, אז דער צדיק מיט זיין דרימלען האט אויף געטון דברים נשגבים.

דער איד זייענדיג אין א צרה און זעענדיג אז מען לאזט אים נישט אריין, האט ער אנגעהויבן זייער וויינען, דארט איז געווען דער אייניקעל רבי שלום שכנא זי"ע, און ווען ער האט געזען ווי דער איד וויינט, האט ער אים געפרעגט וואס גייט פאר, האט דער איד דערציילט די צרה אז זיין ווייב איז ליידער א מקשה לילד, און מען לאזט אים נישט אריין מזכיר זיין ביים זיידן, האט דער הייליגער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא זי"ע זיך אנגעריפן בזה"ל, "**די מרשעת זאל צופלאצט ווערן**".

דער איד הערענדיג די ווערטער, איז ער געווארן שטארק צעטראגן נישט פארשטייענדיג וואס דער צדיק מיינט מיט די שארפע ווערטער, אבער לפלא אזוי ווי ער קומט אן צו זיך אהיים, הערט ער די גוטע בשורה, **אז עס איז אים געבוירן געווארן בשעה טובה ומוצלחת א געזונט קינד**, פארשטייט זיך אז דער איד האט גלייך פארשטאנען, אז אפילו מען האט אים טאקע נישט אריין געלאזט צום רבין דער הייליגער מאור עיניים, האט אבער די רבי מיט זיין רוח הקודש געזען אלעס, און האט אים אויס געפועלט א ישועה.

איז דער איד גלייך אריבער געלאפן צום רבין, און ער האט געטראגן א מתנה און מבשר געווען פארן רבין די בשורה, אז דאס קינד איז ב"ה געבוירן

געווארן, אבער ווי פארוואונדערט איז דער איד געווען, ווען דער הייליגער מאור עיניים זי"ע האט בכלל נישט געוויסט פון וואס ער רעדט, האט דער איד דערציילט די גאנצע מעשה וואס איז פאר געקומען, און וואס דער אייניקל רבי שלום שכנא האט אים געזאגט, "**די מרשעת זאל צופלאצט ווערן**".

דאן האט דער הייליגער מאור עיניים זי"ע פארשטאנען, אז דער אייניקל האט דא גע'פועל'ט א ישועה פאר דעם איד, האט דער זיידע געלאזט ריפן דעם אייניקעל רבי שלום שכנא, און געפרעגט פונעם אייניקל, **ווי אזוי ער האט פאר דעם איד מיט די ווערטער גע'פועל'ט א ישועה**.

האט דער צדיק רבי שלום שכנא זי"ע געזאגט מיט א תמימות, עס שטייט אין די תורה ביי די עגל (שמות ל"ב ל"א) **אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדֹלָה**, און א פסוק נאכדעם שטייט **וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ**, לכאורה איז דאך שווער, פארוואס האט דער רבן של ישראל משה רבינו ע"ה מקטרוג געווען אויף אידישע קינדער מיט די ווערטער **אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדֹלָה**, און הערשט נאכדעם האט ער געבעטן מחילה פאר די אידן מיט די ווערטער **וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם**.

נאר ווען משה רבינו ע"ה איז ארויף געקומען אויבן אין הימל, האט ער גלייך געזען, די אלע מקטרוגים וואס זענען מקטרוג אויף אידישע קינדער, דערפאר האט ער גלייך מחליט געווען אויך צו מקטרוג זיין אויף די אידן, און ווען די אלע מקטרוגים האבן געזען, אז משה רבינו וואס איז דאך די רבי פון אלע אידן איז אויך מקטרוג אויף די אידן, זענען זיי אלע אוועק געגאנגען, דאן ווען זיי זענען שוין נישט דארט געווען, האט שוין משה רבינו געקענט מתפלל זיין פאר די אידן און געזאגט פארן באשעפער, אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ, זיי מוחל פאר די אידן, און אויב נישט מעק מיך אויך אויס פון די תורה.

דאס זעלבע האט דער הייליגער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא זי"ע מסביר געווען פאר זיין זיידן, ווען דער איד איז אריין געקומען דא ביים זיידן, האב איך געזען ווי די מקטרוגים זענען ליידער גרויס און עס איז נישט דא מיט וואס צו העלפן פאר די פרוי, דערפאר האב איך אויך אנגעהויבן מקטרוג זיין און איך האב געזאגט די קללה, "**די מרשעת זאל צופלאצט ווערן**", אבער מיין כוונה איז געווען, **שתפתח רחמה, און דאס קינד זאל געבוירן ווערן**, און מיט דעם האב איך אפ געשטויסן די מקטרגים, דאן האט די זיידע באוואונדערט דעם כח און חכמה פון זיין גרויסע אייניקל רבי שלום שכנא זי"ע.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע אריין געקומען אין שוהל פון זיין זיידן דער הייליגער מאור עיניים זי"ע, און ער זעהט א איד שטיין ביים ארון קודש און וויינט בדמעות שליש, האט דער צדיק וואס זיין אהבת ישראל איז געווען עד אין לשער, געפרעגט דעם איד פארוואס ער וויינט, דער איד האט דעם צדיק נישט געקענט, האט ער קודם נישט געוואלט ענטפערן, אבער נאך אסאך הפצרות האט דער איד דערציילט.

אז ער איז יעצט אריין צום הייליגען מאור עיניים זי"ע, און ער האט זיך אויס גערעדט, **אז ער איז ליידער א בעל עבירה, און ער האט געבעטן פונעם רבין א דרך תשובה**, אבער די רבי האט אים געזאגט, **אז ליידער ריעט אויף אים אזא גרויסע רוח הטומאה, אז ער וויל נישט אפילו אז ער זאל צו קומען צו אים, און די רבי האט אים נישט געוואלט געבן קיין דרך תשובה**, און דער איד ענדיגט צו, **אויב די רבי האט מיר נישט געקענט העלפן, וואס וועסטו מיר שוין קענען העלפן**.

דער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא זי"ע האט מיט זיין הייליגע אויגן געזען דאס צובראכענקייט פון דעם איד, און מיט זיין גרויס אהבת ישראל האט ער געזאגט פאר דעם איד, **רעכען מיר אויס אלע עבירות וואס די האסט געטון, און איך וועל נעמען די אלע עבירות אויף מיר, און די זאלסט דיך פאר נעמען, אז מהיום והלאה וועסטו שוין זיין ערליך**, און דער צדיק האט אים געגעבן אפאר הנהגות וואס ער זאל טון, און מיט דעם וועסטו מתקן זיין די אלע עבירות און חטאים.

אפאר טאג שפעטער האט דער הייליגער מאור עיניים זי"ע געטראפן דעם איד אין שוהל, און

דער צדיק האט געזען, אז אויף דעם איד ריעט א רוח קדושה, האט דער צדיק געפרעגט פון דעם איד, זאג מיר וואס די האסט געטון אז איך זעה אויף דיר א רוח קדושה, האט דער איד דערציילט פארן הייליגען מאור עיניים זי"ע די גאנצע מעשה וואס ער האט געהאט מיט דעם יונגערמאן אין ביהמ"ד, און וואס דער יונגערמאן האט אים געהייסן טון, דאן האט דער הייליגער מאור עיניים גלייך פארשטאנען, אז דאס מיז זיין דער הייליגער אייניקל רבי שלום שכנא.

האט דער זיידע געלאזט ריפן דעם אייניקל, און דער זיידע פרעגט אים, ווי אזוי נעמט א יונגערמאן ווי דיר אזוי יונג אויף זיך אזויפיל עבירות, האט דער צדיק רבי שלום שכנא געענטפערט פארן זיידן מיט א תמימות, חז"ל זאגן **הדבק במידותיו, א איד ברויך זיך מדבק זיין אין די מידות פונעם באשעפער, מה הוא רחום, אף אתה רחום**, און איינע פון די מידות פונעם באשעפער איז "נושא עון", איז פונקט ווי דער באשעפער פארגעבט אויף עבירות, ברויך א איד אויך דאס טון, פרעגט דער זיידע פונעם אייניקעל רבי שלום שכנא, וואס האסטו געטון מיט די עבירות וואס די האסט איבער גענומען פון דעם איד.

האט דער אייניקל רבי שלום שכנא געזאגט, איך האב אויף געהויבן מיינע הענט צום הימל און געזאגט, **רבוש"ע די בוסט דאך דער אמת'ער נושא עון, בעט איך דיך פארציי די אלע עבירות וואס איך האב גענומען אויף מיר, און דער באשעפער האט צו געהערט מיינע תפילות**, דאן האט דער זיידע דער הייליגער מאור עיניים זי"ע געזען, אז דער אייניקל האט גאר גרויסע כוחות, און מיט זיין מסירת נפש פאר א אנדערע איד, האט דער גרויסער באשעפער טאקע צו געהערט זיינע תפילות.

• • •

**אויפן געוואלדיגן עניוות פונעם הייליגען שפאלער זיידע זי"ע** האט דערציילט דער הייליגער רוזינער זי"ע, אז זיין הייליגע טאטע הרה"ק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע איז אמאל געפארן אויף שבת קודש צום הייליגען שפאלער זיידע זי"ע, ווי באקאנט האט דער הייליגער שפאלער זיידע געהאט א געוואלדיגע אריכת ימים ער איז געווען דער זקן הצדיקים בדורו, און דער הייליגער רבי שלום שכנא איז נאך דאן געווען א יונגערמאן.

ווען עס איז געקומען צום שבת טיש, האט דער שפאלער זיידע געזעצט רבי שלום שכנא אויבן אן, און ער דער שפאלער זיידע איז געזעצן אינדערזייט אזוי ווי א חסיד ביי זיין רבין, ווען עס איז געקומען מוצאי שבת און די צוויי צדיקים האבן זיך געזעגענט, האט דער הייליגער שפאלער זיידע געבעטן פון רבי שלום שכנא, אז ער זאל אים בענטשן, אבער רבי שלום שכנא האט געזאגט, **איך בין דאך א יונגערמאן און עס פאסט נישט אז איך זאל אייך בענטשן**, אזוי האבן די צוויי צדיקים געהאט א דין ודברים.

דאן האט דער שפאלער זיידע געזאגט, לאמיר מאכן א פשרה, אונז וועל מיר זיך איינער דעם אנדערן בענטשן, אבער איר רבי שלום שכנא זאל קודם בענטשן, און דאן האט דער הייליגער צדיק רבי שלום שכנא געבענטשט דעם שפאלער זיידע, אבער אזוי ווי ער האט געענדיגט בענטשן, איז דער שפאלער זיידע אוועק געשפרינגען און נישט געוואלט צוריק בענטשן רבי שלום שכנא און געזאגט, **ווי אזוי קען איך אייך בענטשן, בין איך דען ווערט אז איך זאל אייך בענטשן**.

• • •

**ווי באוויסט**, האט דער הייליגער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע זיך גאנץ אנפאנג נאך די חתונה געפירט מיט א געוואלדיגע פשטות, און דאס האט ארויס געריפן אביסל התנגדות פון די חסידים פונעם זיידן, אויך דער זיידע האט נישט גלייך געזען דאס גדלות און קדושה מיט וואס דער אייניקל האט זיך געפירט, און דערפאר האט אים די זיידע פון מאל צו מאל אויס גע'מוסר'ט.

איינמאל האט דער זיידע געזען בעפארן דאווענען שחרית, ווי דער אייניקל רבי שלום שכנא דרייט זיך ארום און עס האט אויס געזען ווי ער בטל'ט ח"ו די טייערע צייט בעפארן דאווענען, האט אים די זיידע צו געריפן און געזאגט, **מיין קינד בעפארן דאווענען ברויך זיך א איד גרייטן ווי עס דארף צו זיין און נישט זיך ארום דרייען, א יונגערמאן ווי דיר ברויך זיך גרייטן מיטן לערנען דעם ספר הקדוש עץ חיים פונעם אר"י הקדוש**.

האט דער אייניקל געזאגט פארן זיידן, אז ער וועט דאס מסביר זיין מיט א משל, עס איז געווען

אמאל א גאר שיינע מעלער וואס האט געקענט אראפ מאלן שיינע בילדער, איינמאל האט ער געמאלן גאר שיינע בילדער פונעם מלך ארום גענומען מיט זיינע שרים, יעדער וואס האט געזען די בילדער איז ממש ארויס פון התפעלות, און ער האט פון די בילדער כסדר פארקויפט.

איז דארט געווען איינע פון די גרויסע שרים פונעם מלך, און דער מעלער האט אים געוויזן דעם בילד און געפרעגט אויב ער וויל דאס קויפן, אבער דער מעלער האט נישט געוויסט ווער דער שר איז, האט דער שר געזאגט, אז ער איז בכלל נישט נתפעל פונעם בילד און ער ברויך עס נישט, האט אים דער מעלער געפרעגט, דאס בילד איז דאך אזוי שיין, איז ווי אזוי קען זיין אז די ווערסט נישט נתפעל דערפון.

האט אים דער שר געזאגט, איך בין פון די גרויסע שרים אין שטוב פונעם מלך, און דערפאר זעה איך דעם מלך די גאנצע טאג, דערפאר רעדט דאס בילד בכלל נישט צו מיר און איך ברויך נישט דעם בילד זאל מיך דערמאנען די גרויסקייט פונעם מלך.

פירט אויס דער הייליגער צדיק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע פארן זיידן דער נמשל, די גאנצע ספר עץ חיים פונעם אר"י הקדוש שרייבט דעם גדלות און שיינקייט פונעם היכל המלך פונעם גרויסן באשעפער, און דערפאר דארף מען דאס לערנען בעפאר מען דאווענט, **אבער איך בין אינעם היכל המלך די גאנצע צייט, דערפאר ברויך איך אפילו נישט דעם ספר וואס זאל מיך דערמאנען דאס שיינקייט און קדושה**, דאן האט דער זיידע געזען דאס גדלות און קדושה פון זיין אייניקל רבי שלום שכנא זי"ע.

• • •

**ווערט געברענגט**, אז בשעת ווען מען איז געשטאנען נעבן בעט פון דעם צדיק וקדוש רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע בעפאר זיין הסתלקות, האט דער צדיק געהייסן, מען זאל אים טוישן זיינע בגדים, און דער צדיק האט פארמאכט זיינע אויגן און ער איז שוין געווען אין מצב פון גסיסה, אבער פלוצלונג זעהט מען ווי דער צדיק שמייכלט, עס איז געווען פאר זיי א וואונדער, אבער דאן האט דער צדיק אויף געמאכט זיינע אויגן.

און דאן האט ער דערציילט פאר די אידן ארום, אז ער איז ארויף געקומען בעולם העליון, און ער האט געהערט ווי מען ריפט אויס "**פני מקום לר' שלום**", האט ער געהערט ווי דער שטן פרעגט, **ווער איז דער ר' שלום וועם מען איז דא מקבל, האט מען אים געזאגט, אז דאס איז ר' שלום מפראהביטש**.

דאן האט דער שטן געזאגט, **אה דער שלום האט דאך מיך אפ גע'נער'ט זיין גאנץ לעבן, און איך האב געמיינט ער איז מיינער**, און דער גאנצער עולם דארט האט זיך צעלאכט, ווי חוזק צו מאכן פונעם שטן, און דערפאר האט ער אויך געשמייכלט, און מיט דעם האט דער צדיק צוריק געגעבן זיינע הייליגע נשמה ליוצרה.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז איינמאל ווען דער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא זי"ע איז געווען באזיכן הרה"ק רבי לוי יצחק בעל הקדושת לוי מברדיטשוב זי"ע, האבן די צוויי צדיקים גערעדט צווישן זיך סודות התורה און דברים נשגבים, איז געווען איינער וואס האט זיך באהאלטן אינעם שטוב, אבער ער האט נישט געקענט הערן גארנישט וואס די צוויי האבן גערעדט.

אבער צום סוף האט דער הייליגער צדיק רבי שלום שכנא געזאגט בזה"ל, "**מיום עמדי על דעתי, לא זזתי בשערה מן הפאה, שלא יהיה בלתי לד' לבדו**", און ער האט צו געלייגט בזה"ל, "**ווען איך קוק אויף אנדערע, גיפעלט מיר קיינער נישט, אבער ווען איך קוק אויף מיר, דאן גיפעלט מיר יעדער איינער**".

• • •

**ווערט דערציילט** איבער די גרויסע מסירת נפש און אהבת ישראל וואס דער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע האט געהאט פאר אידישע קינדער, גאנץ אנפאנג ווען די זיידע דער הייליגער מאור עיניים זי"ע האט נאך געוואוינט אין שטאט פראהביטש, איז דער אייניקל רבי שלום שכנא געפארן מיטן זיידן אויף איינע פון זיינע געהויבענע נסיעות.

זיי זענען דאן אנגעקומען אין א גאסט הויז, און אינמיטן די נאכט האט זיך געמאכט, אז די ווייב פונעם גאסט געבער איז געווען א מקשה לילד, איז דער איד אריין געקומען צו די צוויי צדיקים, און ער

האט מזכיר געווען דאס ווייב, האט דער הייליגער מאור עיניים געהייסן פאר דעם איד, אז ער זאל אנגערייטן פיר זאכן, **א פריוואטע צומער, א מקו׳, א טיש, און הונדערט זעכציג מטבעות נחושת.**

און דער הייליגער מאור עיניים זי״ע האט דאן ארום געזיכט זיין אייניקל רבי שלום שכנא, אבער ער איז נישט געווען אין שטוב, ווען דער זיידע האט אים געטראפן האט ער אים געזאגט, איך וויל די זאלסט אויך זיין בשעת מעשה וואס איך רעכט אפ פדיון נפש פאר די פרוי די מקשה לילד, און אזוי וועסטו זיך אויס לערנען, איז פארוואס ביסטו פונקט יעצט ארויס געלאפן.

האט דער צדיק רבי שלום שכנא געזאגט פארן זיידן, **איך וויל מיך נישט אויס לערנען ווי אזוי צו מאכן פדיון נפש מיט די אלע הכנות, ווייל איך וויל נאר קענען ממשיך זיין ישועות פאר אידן אן קיין שום הכנות, ווייל ווער ווייסט אויב א אידיש נפש וועט ח״ו גיין לאיבוד מיט די אלע הכנות,** דאס איז געווען זיין מסירת נפש שוין זייענדיג גאר יונג, דער צדיק האט נאר אינזין געהאט א אנדערן איד אפילו עס האט אים געקענט ח״ו גורם זיין סיי וואס, איז ער אייביג געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר א אנדערע איד.

• • •

**הרה״ק רבי אלימלך שפירא מגרודז׳יסק זי״ע האט דערציילט,** אז איין יאר פסח ביינאכט ביים הייליגען מאור עיניים מטשרנוביל זי״ע האט מען זיך געגרייט צום סדר, אבער דער אייניקל רבי שלום שכנא מפראהביטש זי״ע איז נאכנישט דארט געווען, האט דער זיידע דער מאור עיניים געזאגט פארן אנדערן אייניקל הרה״ק רבי ארי׳ לייב בענדער זי״ע, **עס לוינט זיך צו גיין זעהן ווי אזוי דער שוואגער גרייט זיך צום סדר.**

איז דער צדיק רבי ארי׳ לייב געגאנגען אין שוהל, זעהט ער ווי דער הייליגער רבי שלום שכנא מפראהביטש זי״ע שטייט און דאווענט מנחה, און דער רבי ארי׳ לייב האט געזאגט, **איך בין מעיד אויף מיר שמים וארץ, אז ביים פענסטער ווי דער שוואגער רבי שלום שכנא האט געדאווענט, האט נאך דאן געשיינט די זון אזוי ווי אינמיטן טאג.**

• • •

**אין ספר בית רוז׳ין ווערט דערציילט,** אז ווען דער הייליגער צדיק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי״ע איז אלט געווען בלויז אכט יאר, איז זיין הייליגער פאטער, רבי אברהם המלאך זי״ע, נסתלק געווארן, זיין מוטער, די צדקת מרת גיטל ע״ה, האט אים מיט זיין ברודער געשיקט צום הייליגן צדיק **רבי שלמה קארלינער** זי״ע, ער זאל זיי אויפציען, ווען ער איז אלט געווארן ניין יאר האט דער קארלינער אים געזאגט, ״**שלומ׳קה, מיין קינד, עס איז דיר גוט צו דאווענען, ווען דו דאווענסט, שטייען אלע הייליגע אבות און נעמען דיינע תפילות פארן כסא הכבוד**״, און דער הייליגער קארלינער האט אים אויך מבטיח געווען, **אז ער וועט צוריקקומען מיט א כתר תורה אויף דער גאנצער וועלט, און אז ער וועט קיינמאל נישט פארגעסן וואס ער לערנט.**

• • •

**אין ספר בית רוז׳ין ווערט דערציילט,** אז ביי דער חתונה פונעם צדיק וקדוש רבי שלום שכנא מפראהביטש זי״ע, האט זיין שווער רבי אברהם געכאפט ווי דער חתן שטייט שמונה עשרה מיט פארמאכטע אויגן, און האט געבעטן א חסיד **אויסצושפרייטן זיין טלית אונטער די פיס פונעם חתן,** ווען דער חתן האט געענדיגט, האט דער שווער רבי אברהם מסביר געווען, **אז מען האט אים געוואלט אפהיטן, ווייל ער איז געשטאנען העכער פון דער ערד,** האט דער חתן רבי שלום שכנא געענטפערט מיט א פשטות און עניוות, ״**אויב מיין שווער זאגט אזוי, בין איך אויך מסכים**״.

• • •

**אין ספר בית רוז׳ין ווערט געברענגט,** אז דער צדיק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי״ע האט יעדן מענטש געפירט לויט זיין אייגענעם שורש הנשמה און זיינע הייליגע דברי תורה זענען געווען גאר געהויבען, איינמאל זענען געקומען חסידים און געבעטן צו הערן דברי תורה, אבער ער האט זיי גענומען אין גארטן און זיי געהייסן שאקלען אן עפל־בוים, **ווען די עפל זענען אראפגעפאלן, האבן אלע געכאפט עפל,** שפעטער האט דער רבי אויסגעלערנט פאר די חסידים, ״**איר זעט, ווען מען שאקלט דעם בוים, פאלן אלע עפל אראפ, אבער יעדער נעמט נאר דאס וואס איז אים באשערט, אזוי אויך מיט דברי תורה, יעדער הערט און נעמט לויט זיין אייגענעם חלק און שורש נשמה**״.

• • •

**אין ספר נר ישראל ווערט געברענגט,** אז איינמאל שפעט ביינאכט אין שטאט פראהביטש, איז דער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא זי״ע געזעסן

ביי זיך אין שטוב און געלערנט מיט א גרויסע דבקות, אינמיטן דער נאכט איז א גנב אריינגעקראכן דורכן פענסטער, מיינענדיג אז דער רבי באמערקט אים נישט, דער צדיק רבי שלום שכנא האט זיך רואיג אויסגעדרייט צום גנב מיט א מאור פנים און אים געגעבן א ווארעמען שלום עליכם, ממש ווי צו א חשובן גאסט.

און דער צדיק האט צו אים געזאגט "**איך זע אז דו זוכסט פרנסה, פארוואס זאלסטו זיך מוטשען און קריכן אין די פינצטערניש דורך פענסטערס, קום צום טיש, לאמיר זען וואס איך האב דא וואס קען דיר העלפן**", ער האט צונויפגענומען דאס ביסל געלט וואס איז געווען אין הויז, און עס אוועקגעגעבן פארן גנב אלס מתנה גמורה, כדי ער זאל נישט דארפן עובר זיין אויף גניבה, דער גנב איז אזוי דערציטערט געווארן פון דעם רב'ס הייליגקייט און ענווה, אז ער האט זיך צעוויינט אויפן פלאץ, צוריקגעגעבן דאס גאנצע געלט, און געטאן תשובה שלימה און געטוישט זיין גאנץ לעבן.

• • •

**אין ספר משמיע שלום ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז דער צדיק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע געווען אויף שבת אין בארדיטשוב ביים הייליגן קדושת לוי, דער הייליגער בארדיטשובער האט אים מכבד געווען צו צוגיין צום עמוד פאר **תפילת מוסף**, ווען דער צדיק רבי שלום שכנא האט געדאווענט, איז יעדער איינציגער ווארט ארויסגעקומען מיט א גרויסער הכנעה און עמקות, אן קיין געשרייען און אן קיין איבריגע באוועגונגען, נאר פשוט מיט א ברענענדיקן ביטול היש.

נאכן דאווענען האט דער הייליגער בארדיטשובער רב געזאגט פאר זיינע מקורבים מיט גרויס התפעלות, "**מענטשן מיינען אז עבודה מוז זיין מיט קולות און תנועות, אבער קוקט אויף דעם צדיק רבי שלום שכנא, מיט וואס פאר א ביטול און רואיגקייט ער שטייט פארן בורא עולם, ממש ווי א מלאך אן קיין שום פניות**".

• • •

**אין ספר עירין קדישין ווערט דערציילט**, אז א קורצע צייט בעפאר זיין הסתלקות אין חודש תשרי תקס"ג, ווען דער צדיק רבי שלום שכנא זי"ע איז געלעגן אויפן קראנקן בעט, האט ער געלאזט רופן זיין אינגסטן זון, רבי ישראל, דער שפעטערדיגער רוזשינער, וואס איז דעמאלט געווען א קינד פון בלויז זעקס יאר, און דער פאטער האט אים לאנג אנגעקוקט מיט ליבשאפט און רוח הקודש, און האט געזאגט פאר די ארומיגע, "**דאס קינד וועט איבערנעמען די הנהגה פאר גאנץ כלל ישראל, און ער וועט פירן די וועלט אויף א דרך פון מלכות און גדלות**".

מען דערציילט אז אין יענע טעג בעפאר זיין פטירה ערב סוכות בשנת תקס"ג, האט דער צדיק רבי שלום שכנא איבערגעגעבן פאר דעם יונגן קינד דער הייליגער רושינער גרויסע כוחות, און גלייך נאך זיין הסתלקות האט דער עלטערער ברודער רבי אברהם המלאך דער צווייטער ברודער איבערגענומען די עדה, און שפעטער איז די גאנצע מנהיגות אריבער צום הייליגער רוזשינער, פונקט ווי דער פאטער האט פאראויסגעזען.

• • •

**אין קונטרס עמידת בית רוזשין ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא זי"ע געפארן אויפן וועג אינאיינעם מיט זיינע מקורבים קיין בארדיטשוב, אינמיטן וועג, אין א טיפן וואלד, איז די רעדל פונעם וואגן פלוצלונג צובראכן געווארן, און מען איז געבליבן שטעקן אן קיין מעגלעכקייט ווייטער צו פארן, די באגלייטער האבן זיך שטארק געזארגט אז מען וועט מוזן בלייבן נעכטיגן אין וואלד צווישן רויבער און חיות רעות.

דער צדיק רבי שלום שכנא איז אבער געבליבן זיצן גאר רואיג, ארויסגענומען א ספר און זיך פארטיפט אינעם לערנען, נישט לאנג דערויף איז פארבייגעפארן א פויער מיט א פראסטן הילצערנעם וואגן, דער פויער האט זיך אפגעשטעלט, געהאלפן פאררעכטן דאס רעדל, און געוואלט גלייך גיין ווייטער, ווען די חסידים האבן געוואלט באצאלן דעם פויער, איז ער פלוצלונג פארשוואונדן געווארן, האט זיך דער צדיק רבי שלום שכנא אנגערופן צו די חסידים, "**איר זעהט, ווען א מענטש איז געבינדן צום בורא עולם מיט אן אמת, שיקט מען אים הילף פון הימל אפילו אין מיטן טיפסטן וואלד, און מען דארף קיינמאל נישט האבן קיין מורא פון קיין שום באשעפעניש**".

• • •

**אין ספר דרכי שלום ווערט דערציילט**, אז אין די ערשטע יארן נאך זיין חתונה, פאר ער האט אנגעהויבן פירן די רביסטעווע ברבים, האט דער צדיק רבי שלום שכנא זי"ע געוואוינט אין גרויס עניוות און פשטות, אבער זיין הויז איז שטענדיג געווען אפן פאר יעדן דורכגייער און ארימאן.

איינמאל אין א קאלטן ווינטערדיגן פרייטאג צונאכטס, זענען אריינגעקומען אין זיין שטוב עטליכע פראסטע ארימעלייט, הונגעריג און פארווייטאגט, אין שטוב איז קוים געווען גענוג עסן פאר די אייגענע משפחה, א שטיקל חלה און א ביסל זופ.

דער צדיק רבי שלום שכנא האט גלייך גענומען די גאנצע עסן פון זיין אייגן טעלער, און עס אוועקגעגעבן פאר די געסט מיט א גרויסן שמייכל און פרייד, ווען מען האט אים געפרעגט וויאזוי ער בלייבט פאסטן אום שבת קודש, האט ער געענטפערט מיט זיין איידעלן שטייגער, "**עונג שבת מיינט נישט אנפילן דעם אייגענעם גוף מיט עסן, עונג שבת מיינט דערפרייען א צוווייטן איד'ס הארץ**".

• • •

**אין ספר תפארת ישראל ווערט דערציילט**, אז ביי די טישן פון דעם צדיק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע, פלעגט הערשן א מוראדיגע הייליגע שטילקייט, ער פלעגט נישט מאריך זיין מיט לאנגע תורות, נאר געזאגט קורצע הייליגע רייד וואס האבן געטראפן טיף אין די הערצער פון די צוהערער.

איינמאל ביי שלש סעודות, אין די מינוטן פון רעוא דרעווין צווישן מנחה און מעריב, האט ער אנגעהויבן זינגען א שטילן ניגון אן קיין ווערטער, פול מיט בענקשאפט און דביקות, די חסידים וואס זענען דארט געשטאנען האבן דערציילט, אז דער גאנצער עולם איז פארגאנגען אין טרערן פון תשובה, און יעדער איינער האט געשפירט ווי אלע זיינע שלעכטע געדאנקען און תאוות ווערן אינגאנצן פארברענט, שפעטער האט מען געזאגט, **אז פון יענעם ניגון און יענער עבודה האט זיין זון דער הייליגער רוזשינער יונגערהייט יונק געווען די כוח פון די בארימטע דביקות ניגונים פון בית רוזשין**.

• • •

**אין ספר ימי מוהרנת ווערט דערציילט**, אז אין די יונגע יארן, איידער ער איז צוגעקומען קיין ברסלב, איז דער גרויסער צדיק וקדוש **רבי נתן מברסלב** זי"ע געפארן קיין פראהביטש זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש פונעם צדיק וקדוש רבי שלום שכנא זי"ע, און ער האט געזוכט א דרך וויאזוי זיך צו דערנענטערן צום בורא עולם מיט אן אמת.

ווען דער צדיק רבי נתן איז אריינגעגאנגען צום ערשטן מאל אין חדר פון רבי שלום שכנא, האט דער צדיק אים אנגעקוקט מיט א שטארקן טיפן בליק, אים געגעבן שלום, און געזאגט בלויז עטליכע קורצע ווערטער איבער תפילה מקירות הלב און התבודדות, און דער צדיק רבי נתן פלעגט שפעטער שטענדיג דערמאנען מיט גרויס דרך ארץ די הייליגע צייטן וואס ער האט פארברענגט אין פראהביטש, און האט געזאגט, **אז די יראת שמים און די ערנסטקייט וואס ער האט געזען ביים פראהביטשער רב, האבן אריינגעקלאפט אין אים דעם פונק פון זוכן דעם אמת ביז ער איז שפעטער אנגעקומען קיין ברסלב צו צדיק וקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע**.

• • •

**אין ספר סיפורי פראהביטש ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א חסידישער איד וואס האט שוין געלעבט מיט זיין ווייב קרוב צו צוואנציג יאר און זיי זענען ליידער נישט געהאלפן געווארן מיט קיין קינדער, נאכדעם וואס זיי האבן פרובירט אלע רפואות און זענען ארומגעפארן צו פארשידענע צדיקים, איז דער איד געקומען קיין פראהביטש און זיך צעוויינט פארן צדיק רבי שלום שכנא זי"ע, אז ער זאל רחמנות האבן אויף זיין צובראכענער נשמה און פועלן א ישועה.

דער צדיק וקדוש רבי שלום שכנא האט זיך פארטראכט פאר עטליכע מינוט מיט גרויס דביקות, און האט אים דערנאך געזאגט מיט א רואיגן טאן, "**גיי אהיים, זיי בשמחה, און גרייט צו א קליידל פאר א זון, ווייל צום קומענדיגן יאר אזא צייט וועסטו האלטן דיין אייגן קינד אין די הענט**", דער איד האט געגלייבט מיט א פשוטע אמונה, און פונקט א יאר שפעטער איז ביי זיי געבוירן געווארן א געזונט אינגל.

• • •

**אין ספר דרכי שלוםווערט דערציילט**, אז א סוחר א גרויסע חסיד פונעם צדיק פראהביטש, האט געדארפט ארויספארן אויף א ווייטן וועג קיין לייפציג מיט א גרויסער סומע מזומן געלט איינצוקויפן סחורה, דער וועג איז יענע יארן געווען פול מיט סכנות און באנדעס פון רויבער, און ער איז אריין נעמען א ברכה און א שמירה פארן וועג, דער צדיק רבי שלום שכנא האט אים געגעבן א מטבע און אים אנגעזאגט, "**ווען דו פארסט דורך דעם גרויסן וואלד, זאלסטו נישט רעדן קיין שום ווארט דברי חול, נאר זאגן קאפיטלעך תהלים אן אויפהער, און וואס דו זעסט זאלסטו זיך נישט אפשטעלן**".

אינמיטן וועג אין טיפן וואלד זענען ארויסגלאפן עטליכע באוואפנטע רויבער און זיך געשטעלט אין מיטן וועג, דער סוחר האט זיך דערמאנט דעם רבי'ס באפעל, פארמאכט די אויגן און געזאגט תהלים מיט גרויס געוויין, די פערד זענען פלוצלונג געלאפן מיט אן איבערנאטירליכער שנעלקייט גלייך דורך די רויבער, און די רויבער זענען געבליבן שטיין ווי פארפרוירענע שטאנגען אן קענען רירן א האנט אדער א פוס, און דער סוחר איז אנגעקומען בשלום קיין לייפציג און געמאכט גרויסע רווחים.

• • •

**אין ספר תפארת ישראל ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז א איד פון א דערנעבענדיגע שטעטל שווער קראנק געווארן און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן, די משפחה איז געלאפן מיט יאמערליכע בכיות קיין פראהביטש און געגעבן א קוויטל מיט א פדיון פארן צדיק וקדוש רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע, און האבן מזכיר געווען דעם חולה און געבעטן די רבי זאל פועלן א רפואה פארן חולה.

ווען דער גבאי האט אריינגעברענגט דעם נאמען פונעם חולה, האט דער צדיק רבי שלום שכנא געהייסן ברענגען א גלעזל בראנפן, **ער האט געמאכט די ברכה שהכל נהיה בדברו מיט א שרעקליכער כוונה, פארזוכט א טראפן, און געהייסן מען זאל שנעל לויפן צום חולה און אים אריינגיסן די איבעריגע טראפנס אין מויל**, ווען די שליחים זענען אנגעקומען צום קראנקן, איז ער שוין געלעגן כמעט אן א רוח חיים, אבער ווי נאר מען האט אים באנוצט די ליפן מיט דעם בראנפן פונעם צדיק, האט דער איד געעפנט די אויגן, אנגעהויבן אטעמען גרינגער, און ביז עטליכע טעג איז ער אויפגעשטאנען פון בעט אינגאנצן געזונט.

• • •

**אין ספר משמיע שלום ווערט דערציילט**, אז א אידישער ארענדאר האט זיך פארשלעפט מיט א גרויסן חוב פארן לאקאלן פריץ, און דער פריץ האט געדראעט אים אריינצוווארפן אין דער טיפער גרוב אינאיינעם מיט זיין ווייב און קינדער אויב ער באצאלט נישט ביז זונטאג, דער ארענדאר איז געקומען צו לויפן קיין פראהביטש אינגאנצן צובראכן און צעקלאפט, און האט מזכיר געווען ביים צדיק די שרעקליכע צרה וואס ווארט אים ח"ו אפ.

דער צדיק רבי שלום שכנא האט אים געזאגט, "**גיי צום פריץ מיט א פרייליכע פנים און זאג אים, אז דו האסט געברענגט א מתנה א שיינעם פלאש וויין לכבוד זיין געבורטסטאג**", דער איד האט מורא געהאט פונעם פריץ, אבער ער האט געפאלגט דעם צדיק, און מיט זיין גרויס אמונת צדיקים געגלייבט אז דא ליגט די ישועה, ווען דער פריץ, וואס איז געווען באקאנט אלס א גרויסער כעסן און אכזר, האט געזען דעם איד קומען מיט כבוד און ברענגען דעם וויין, איז זיין גאנצע כעס איבערגעדרייט געווארן צו רחמנות, און ער האט זיך צעלאכט, געעפנט דעם פלאש, און געזאגט פארן איד, "**פאר דיין קלוגשאפט און געטריישאפט מעק איך דיר אויס דעם גאנצן חוב, און איך פארלענגער דיר דעם קאנטראקט אויף נאך פינף יאר**".

**יארצייט ט"ו תשרי א' דסוכות**

**הרה"ק רבי שמעון ב"ר ישראל זי"ע, (מרילס)**
**בעל תורת שמעון, מיערסלוב**

ער איז געבוירן געווארן **בשנת תקי"ח**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי ישראל אילבוים מיוזפוב** זי"ע,
בן הגה"ק **המקובל רבי יעקב קאפיל ליקאוואר בעל קול יעקב** זי"ע.

און צו זיין מאמע **מרת אסתר עטיל** ע"ה, פון די משפחה **ווייסבלום**.

ער איז געווען דער סבא קדישא ויחיד בדורו זקן הצדיקים, ער איז געווען באוויסט אלס א בעל רוח הקודש אמיתי און א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מקובל גדול ונורא, א בקי וגדול בתורת הנגלה והנסתר, טויזענטער אידן זענען געקומען הערן זיין הייליגע דברי תורה און מיט האלטן זיין הייליגע עבודה וואס איז צו געגאגען מיט א געוואלדיגע קדושה, אבער מיט דעם אלעם אפילו זייעדיג פון די גרעסטע צדיקים בדורו, האט זיך דער צדיק מסתופף געווען כמעט ביי אלע צדיקי הדור אפילו יונגער ווי אים, ער איז סוף ימיו געווען א סגי נהור ר"ל.

בשנת תקל"א ווען ער איז אריין בעול התורה והמצוות האט אים דער צדיק דער הייליגער **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע געלייגט תפילין, און ער האט אים געזאגט בזה"ל, "**קום וועל איך דיר לייגען די תפילין דמארי עלמא**", דערציילט מען, אז יארן שפעטער איז דער צדיק רבי שמעון געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פון הרה"ק **השר שלום מבעלזא** זי"ע, האט רבי שמעון געזאגט פארן בעלזא רב, **איך בין שוין א אלטער איד, אבער איך געדענק נאך דאס תפילין לייגן, מיינענדיג אז ער שפירט נאך דעם קדושה אפילו ס'איז שוין 79 יאר שפעטער.**

מען דערציילט, אז דער הייליגער צדיק האט זיך נישט געוואלט משתמש זיין בכתרה של תורה, האט ער געהאט א שענק פון ווי ער האט געצויגען א קליינעם פרנסה.

אלע גדולי דורו האבן אים מחשב געווען און מכבד געווען און אים געהאלטן פאר די **צדיק הדור**, הגה"ק **רבי יעקב מליסא בעל ישועות יעקב** זי"ע, האט אויף אים געשריבען בזה"ל, "**אהובי ידידי מנוער, ואהבת עולם אהבתיו**".

זיין מחותן הרה"ק אב"ד בוטשאטש זי"ע, ווען ער האט אים געטראפן דאס ערשטע מאל, האט ער געזאגט **שלום עליכם** און געזאגט, **אז ער זעהט אין אים די אורות און צורות פון רבי שמעון בר יוחאי זי"ע**, און דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געבענטשט דעם רבי שמעון מיערסלוב, **אז ער זאל זיין אזא צדיק ווי רבי שמעון בר יוחאי.**

איינמאל האט הרה"ק רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע געשיקט א פריסת שלום פאר רבי שמעון און געהייסן פארן שליח זאל אים זאגן, אז ער איז "**רבי שמעון הצדיק" משיירי הכנסת הגדולה**, און רבי שמעון מיט זיין גרויס עניוות האט אויף דעם געזאגט, איך ווייס נישט אויב איך בין שמעון הצדיק, **אבער משיירי כנסת הגדולה בין איך**, ווייל איך בין א תלמיד פונעם **הייליגען נועם אלימלך** זי"ע.

אפילו זיין טאטע איז געווען א מתנגד איז ער שוין זייענדיג יונג געווארן א חסיד, ער האט זיך מסתופף געווען בצילו פון הרה"ק **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע, וואס האט אים מבטיח געווען **אריכת ימים**, אבער זיין רבו מובהק איז געווען הרה"ק **רבי יעקב יצחק הורוויץ בעל החוזה מלובלין** זי"ע, וואס איז געווען א קרוב צו אים, ווייל זיין טאטע איז געווען א ברודער מיטן חוזה מלובלין'ס מאמע **הצדקת מרת מאטיל** ע"ה.

לויט די צוואה פון זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, האט ער באזוכט בחייו **ביי קרוב צו 250 רבנים און צדיקים בדורו** ובתוכם.

הרה"ק **רבי מנחם מענדל מרימנוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי הירש מרימנוב** זי"ע,
הרה"ק **החוזה מלובלין** זי"ע,
הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב** זי"ע,

הרה"ק **רבי ישראל מרוז'ין** זי"ע,
הרה"ק **רבי חיים בעל תורת חיים מקוסוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי מאיר מפרמישלאן** זי"ע,
הרה"ק **רבי אשר ישעי' בעל אור ישע מראפשיץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי מנשה מראפשיץ בעל לחם שמנה** זי"ע,

צו די אלע איז ער געגאנגען בקביעות, אבער עס איז כמעט נישט געווען קיין צדיק בדורו ווי ער איז נישט געווען, און ער האט געזאגט די פסוק אין פרשת שופטים, "**צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף לְמַעַן תִּחְיֶה**", אז דורך לויפען און גיין צו צדיקי הדור איז מען זוכה צו **אריכת ימים**, און ווי באקאנט האט ער געהאט א געוואלדיגע אריכת ימים.

ווי באקאנט איז ער שוין געווען א זקן מופלג ווען ער איז געפארן צו הרה"ק **רבי מנשה מרופשיץ** זי"ע, וואס איז געווען אסאך יונגער ווי אים, אבער דער צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע האט געזאגט, **אויב וועט ער טראכטען אויב רבי מנשה איז ראוי צו זיין א מנהיג ישראל, וועט מען אים ארויף רופען צום עולם האמת צו ווייזען אז ער איז טאקע ראוי' צו זיין א מנהיג, דערפאר איז ער געפארן צו אים אפילו זייענדיג א גאר יונגע רבי.**

אין ספר דבש השדה ברענגט הגה"ק רבי בעריש מריישא זי"ע א מעשה, אז איין שבת איז הרה"ק רבי שמעון מיעריסלוב זי"ע געווען ביי הרה"ק **רבי אשר ישעי' מראפשיץ** זי"ע, און די חסידים האבן זיך זייער געשטיפט ביים טיש, האט ער געזאגט פארן ראפשיצער רב בדרך צחות, **אז דוד המלך ע"ה האט געזאגט אז ער וועט נישט זיין אין גיהנום**, ווייל חסידים האבן נישט קיין שייכות צום גיהנום, און ווי די רבי גייט לויפן אים נאך די חסידים, קומט אויס אז אויפן עולם האמת וועט ער נישט גיין אין גיהנום, ווי דוד המלך זאגט אין פסוק (תהלים ט"ז י') **כִּי לֹא תַעֲזֹב נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל לֹא תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת**.

בעפאר ער איז געווארן רב אין שטאט **יערסלוב**, האט ער עוסק געווען במסחר בנאמנות און געווען א נקי כפים, און שפעטער ווען ער איז שוין געווען א רבי, פלעגט ער אסאך פארן צו די צדיקי הדור און זיך אפילו געהאלטן פאר א תלמיד פון יונגערע צדיקים ווי אים, ובתוכם הרה"ק **בעל השר שלום מבעלזא** זי"ע, וואס איז געווען 20 יאר יונגער ווי אים, מיט דעם אלעם איז ער צו אים געפארן ווי א חסיד, און דער שר שלום האט אים געהאלטן צווישן זיינע חשובע תלמידים.

גאר אסאך צדיקי הדור זענען געפארן זיך מסתופף זיין ביים זקן הצדיקים הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע ובתוכם.

הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלום מקאמינקא** זי"ע,
הרה"ק **רבי אייזיק'ל מזידיטשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אייזיק'ל מקאמארנא** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד מדינוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אלעזר מלאנצוט** זי"ע,
הרה"ק **רבי יהודה צבי אייכנשטיין מראזלא** זי"ע,
הרה"ק **בעל דברי יחזקאל משינאווא** זי"ע,
הרה"ק **רבי יוסף מאיר בעל אמרי יוסף מספינקא** זי"ע,
הרה"ק **בעל ייטב לב מסיגוט** זי"ע.

ווי עס איז באקאנט האט אים זיין רבי דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, געגעבן א ברכה אויף אריכת ימים, און זומער פונעם יאר פון זיין הסתלקות, האט דער צדיק רבי שמעון געשיקט א בי"ד צום ציון פון זיין רבין רבי אלימלך זי"ע **צו מבטל זיין דעם הבטחה, ווייל א הבטחה פון זיין רבין איז געווען א זאך, וואס ער האט געגלייבט אז עס קען נישט אליין בטל ווערן**, און ער האט מרגיש געווען אז זיין צייט איז געקומען צו נסתלק ווערן.

ער האט מאריך ימים געווען **ביז 92 יאר** און געדינט דעם באשעפער יעדע מינוט פון זיין לעבן מיט א מסירת נפש און אויף געשטעלט אסאך חשובע און גרויסע תלמידים.

דער צדיק איבער געלאזט א שיינע דור פון קינדער.

הרה"ק **רבי בונם מנחם מענדל** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי יעקב** זי"ע, בן הגה"ק **בעל דעת קדושים מבאטשאטש** זי"ע, ממלא מקום אביו ביערסלוב,
הרה"ק **רבי נפתלי אב"ד ליטאוויסק בעל אילה שלוחה** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק אב"ד ראפשיץ** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי מנשה מרופשיץ** זי"ע,
חתנו, הרה"ק **רבי קהת הײלפרין מברעזאן** זי"ע, בן הגה"ק **רבי נפתלי הירץ הײלפרין** זי"ע,

וואס ווי באוויסט אז הרה"ק רבי שלום רוקח בעל שר שלום מבעלזא זי"ע, האט מעיד געווען אויף הרה"ק **רבי קהת** זי"ע, און זיין ווייב **הצדקת מרת שיינדל רייזל** ע"ה די טאכטער פונעם רבין, **אז זיי זען אויס ווי אדם וחוה קודם החטא**, ליידער האבן זיי נישט איבער געלאזט קיין זש"ק,

חתנו, הרה"ק **רבי יהודה לייבוש העלמיר מווארשא** זי"ע,

חתנו, הרה"ק **רבי יצחק ציינווירט מווישניצא** זי"ע,

חתנו, הרה"ק **רבי יהושע לאם** זי"ע,

חתנו, הרה"ק **רבי נתן נטע פרנס מיאשניצא** זי"ע,

חתנו, הרה"ק **רבי יצחק ווארמאן** זי"ע,

חתנו, הרה"ק **רבי מרדכי הלוי העלער** זי"ע,

חתנו, הרה"ק **רבי אליהו צבי וועבער** זי"ע,

חתנו, הרה"ק **רבי בן ציון לויער ממעזילאבריץ** זי"ע.

דער צדיק האט איבער געלאזט זיין הייליג **ספר תורת שמעון**.

נסתלק לגנזי מרומים בשיבה טובה **ביום א' סוכות ט"ו תשרי בשנת תר"י** בשעת ער האט מקיים געווען די מצוה פון נטילת לולב, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין **יערסלוב** אין פולין.

ער האט געהאט א שיינעם אוהל אויפן קבר, אבער ביי די צווייטע וועלט מלחמה האבן די דייטשן ימ"ש ליידער כמעט די גאנצע ביה"ח חרוב געמאכט, אבער ממש לפלא האט מען דעם מקום פונעם ציון קדשו געטראפן יארן שפעטער און מען האט אויף געשטעלט א שיינע אוהל אויפן קבר.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע** האט נאך געזאגט פון זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, **אז משנכנס אב ממעטין בשמחה, דאס גייט ארויף אז די שונאי ישראל ווערן בטל דורך שמחה פון אידישע קינדער**, און געזאגט, **אז עצבות און מרה שחורה רח"ל זענען מבטל די עבודת השם ביי אידן, ווייל א איד דארף אייביג זיין בשמחה דורך דינען דעם גרויסן באשעפער**.

• • •

**דער צדיק מיערסלוב זי"ע האט אמאל געזאגט**, אז דאס וואס שטייט אין מסכת ברכות, "**תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם**", דאס מיינט, **אז אויב זיי האלטן זיך קליין און טראכטען אייביג אז זיי זענען תלמידים פון חכמים, דאן איז דא שלום**, אבער טאמיר איינער טראכט ער איז גרעסער ווי א אנדערן **איז נישט דא קיין שלום**.

• • •

**דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע** איז אמאל געקומען צו א סעודת מצוה וואו עס האבן אנטייל גענומען אסאך צדיקים, צווישן די צדיקים איז געווען הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, א תלמיד פון הרה"ק מלובלין זי"ע, וועלכער איז שוין געווען אין די עלטערע יארן און האט שוין נישט אזוי גוט געזען,

הערנדיג ווי דער צאנזער רב איז אנגעקומען, האט זיך דער צדיק אויפגעהויבן און זיך אנגערופן, "**שלום עליכם מיין טייערער חיים**", גלייך דערנאך האט ער זיך אנטשולדיגט, זאגענדיג אז דער צאנזער רב זאל אים מוחל זיין פארוואס ער רופט איםביים נאמען, ערקלערנדיג מיט זיין גרויסע עניוות, אז זיין רבי פלעגט רופן ביים נאמען די אלע וואס ער האט ליב געהאט, איך האב אבער נישט זוכה געווען צו די מדריגה.

נאר ווען עס קומט שבת, בין איך יא אין די מדרגה, און אזוי ווי היינט האב איך געשפירט קדושת שבת, א ראי' האט איר אז ביים דאווענען האב איך געזאגט ברכות קריאת שמע מיט'ן ניגון פון קל ברוך גדול דעה, דעריבער שפיר איך מיך ביי די מדרגה צו רופן דיין נאמען, און דאס איז געווען זיין הכנאה צו יעדן צדיק אפילו ער איז געווען כמעט 40 יאר עלטער ווי דעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע.

• • •

**מיט זיין גרויס ענווה האט דער צדיק הרה"ק רבי שמעון** פון יערוסלאב זי"ע אמאל געזאגט, אין די ווייטע שטעט דארט וואו מ'קען מיך נישט, רופט מען מיך "**דער צדיק פון יעראסלאוו**", עטוואס נענטער וואו מ'קען מיך שוין בעסער, רופט מען מיך "**רבי שמעון**", דאקעגן מיין פרוי וואס זי קען מיך נאך די בעסטע, רופט מיך ביים נאמען "**שמעון**".

• • •

**דער צדיק הרה"ק רבי שמעון מיערוסלאב זי"ע,** איז אנגעקומען צו א הויכן עלטער, ווען איינער פון די תלמידים האט אים אמאל געפרעגט אין א שמועס, ווי אזוי ער איז צו געקומען צו אזא אריכות ימים, האט ער געענטפערט, **אז ער האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט אויף'ן אויבערשטענ'ס וועגן, אלעס איז מיר גוט**, וויסענדיג אז השי"ת פירט די וועלט און אלעס איז לטובה, אבער ווען איינער רעדט זיך אפ, **פירט מען אים ארויף אויף יענע וועלט און מ'ווייזט אים אז אלעס איז מיט א חשבון**, אז מיר איז אלעס גוט געווען, האט מען מיך נישט געדארפט ארויף רופן דאס צו איבערצייגען.

• • •

**דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע,** האט מקפיד געווען צו רופען די שטעט ביים נאמען פונעם גדול וואס האט דארט געוואוינט, און נישט צו רופען קיין שטאט ביים נאמען פונעם שטאט, ווייל די שמות פון אלע שטעט זענען על שם פון עבודה זרה, אויסער יערעסלוב האט ער יא געזאגט ווייל דאס מיינט "**יראת הלב**".

• • •

**מען פארציילט,** אז נישט ווייט פונעם שטוב פון רבי שמעון איז געווען א בית התפילה פון די נוצרים, און יעדן טאג פלעגט דארט קלינגען גלעקלעך און דאס האט מורא'דיג געשטערט דעם רבין מיט זיין עבודות הקודש, איינמאל איז הרה"ק **רבי מענדל מרימנוב** זי"ע געקומען צום רבין פאר שבת, און די רבי האט זיך מורא'דיג מתעונן געווען וועגן דעם בית נוצרים וואס שטערט אים מיט זיין עבודות הקודש.

די קומענדיגע טאג ביי חצות ווען די גלעקלעך האבן אנגעהויבן קלינגען, האט רבי שמעון געזאגט פאר רבי מענדל מרימנוב, דאס איז די גלעקלעך וואס שטערן מיך אזוי, האט רבי מענדל מרימנוב געזאגט פארן רבין, **רבי שמעון קום איך וועל דיר העלפן מיט דעם**.

דאן האט דער צדיק רבי מענדעלע זי"ע אויף געהויבן זיינע הענט כלפי מעלה און געזאגט "**יהי רצון שישקע הבית וירד מטה מטה**" און אראפ גענידערט זיינע הענט נידעריגער און נידעריגער, און בשעת מעשה איז דער גאנצע בנין געגאנגען נידעריגער און נידעריגער, ביז דער גאנצער בנין איז אריין אין דער ערד, און מיט גענומען יעדן איינעם מיט זיך, און עס איז נישט געבליבען קיינער פון די חברה.

דער שטח איז געבליבען ליידיג פאר יארן און מען האט דארט אנגעצייכענט אז כהנים זאלן נישט דארט גיין, און יארן שפעטער ווען מען האט דארט געוואלט בויען א נייע בנין, האט מען דארט געטראפן גלגולות און עצמות און עס איז געווען א פלא גדול.

• • •

**הגה"ק בעל שם שלמה ממונקאטש זי"ע,** האט בעפאר זיין פטירה פארציילט, אז זיין לעבן אויף די וועלט איז געווען בדרך נס און פארציילט די מעשה.

בשנת תר"ד ווען ער איז געווען 12 יאר אלט, איז ער געווען זייער נישט געזונט מיט די מחלה אסכרה ר"ל, און עס איז געווען ערב סוכות, און צוליב דעם יו"ט וואס קומט, האט מען אריבער געשיקט א ערל מיט א קוויטל צו הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, און מיין טאטע איז געגאנגען דאווענען, און מען האט אים גערופען אז עס איז שוין אין א מצב פון גסיסה ר"ל און ער זאל שנעל קומען.

אבער פלוצלונג האב איך מיך אויפגעוועקט און געבעטען א גלעזל מילך, און פון דאן בין איך געווארן בעסער און בעסער ביז איך בין געווארן אינגאנצן געזונט, ווען דער ערל איז צוריק געקומען האט ער געברענגט א תשובה פון רבי שמעון וואס דער משמש האט געשריבען, ווייל ווי באקאנט איז רבי שמעון שוין געווען דאן א סגי נהור, און עס איז געשטאנען בזה"ל "**אם ישנו החולה עוד כעת בעולם הזה, אז כבר ישאר בחיים**".

און מען האט אויס גערעכנט די צייט און מען האט געזעהן, אז דאס איז געווען די זעלבע צייט ווען ער האט זיך אויפגעוועקט און עס איז אים בעסער געווארן, און ווי מען האט געזעהן האט רבי שמעון אים אויסגעפויעלט נאך א יובל יארן ווייל דער שם שלמה זי"ע איז נסתלק געווארן בשנת תרנ"ג.

• • •

**מען דערציילט,** אז דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע האט געבויעט א נייע ביהמ"ד אין

שטאט בעלזא, און ער איז געווען די גאנצע צייט ביים בויען דעם ביהמ"ד צו מאכן זיכער אז אלעס איז בקדושה.

ווען דער צדיק וקדוש רבי שמעון מיערסלוב זי"ע איז געקומען צום חנוכת הבית פונעם ביהמ"ד, האט דער בעלזא רב אים ארום געטראגען דעם גאנצען ביהמ"ד, און אפילו דער צדיק רבי שמעון האט נישט געקענט מער זעהן מיט די אויגען, האט ער מיט זיין שטעקן ארים געטאפט דעם גאנצען ביהמ"ד.

ווען ער איז אנגעקומען ביי איין פלאץ אונעם ביהמ"ד, האט ער געפרעגט דעם הייליגען בעלזא רב זי"ע, **וואס גייט דא פאר ביי דעם פלאץ**, האט דער בעלזא רב געזאגט, **אז ביי דעם פלאץ איז ער נישט געווען בשעתן בויען**, און דער קדוש רבי שמעון האט גלייך דערפיעלט אז דארט פעילט די קדושה.

• • •

**דער הייליגער צדיק וקדוש רבי שמעון מיערסלוב זי"ע**, האט געהאט א מנהג, צו זאלצן די פיש ערב שבת אריינלייגענדיג א קדושת שבת אונעם פיש, סוף ימיו איז ער ליידער געווען א סגי נהור, איין שבת קודש זענען געקומען זייער אסאך געסט, און מען האט געברויכט ברענגען נאך פיש, און הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע האט געזאלצן די איבעריגע פיש, און ער האט געמאכט א סימן אויף די פיש וואס רבי שמעון האט געזאלצן, כדי צו זען וואס עס וועט געשען ביים טיש.

ווען עס איז געקומען צום עסן, האט רבי שלום מקאמינקא זי"ע געזען ווי די רבי האט אויס געקליבן ממש יענעם פיש וואס ער האט אליין געזאלצן, אפילו עס איז געווען א געוואלד מיט פיש פאר די געסט וואס זענען דארט געווען, ווייל דער צדיק רבי שמעון האט מיט זיין קדושה גלייך מרגיש געווען וועלכע פיש ער האט געזאלצן.

• • •

**אין ספר אהל שמעון ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז א סוחר פון שטאט יעריסלוב געפארן קיין פרימישלאן, און ער איז אריין צום הייליגען צדיק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע, האט אים רבי מאיר געבעטען אז ער זאל איבער געבן א גריס פארן צדיק רבי שמעון מיערסלוב, און דאן האט רבי מאיר'ל געגעבן פאר דעם איד פינף זהובים און עטליכע גראשן, דאן איז געווען באוויסט אז רבי שמעון האט געלעבט אין א שרעקליכע דחקות.

ווען דער איד איז אנגעקומען קיין יערסלוב איז ער אריין צום צדיק רבי שמעון, פונקט דאן איז די רעבעצין אריין געקומען צום צדיק, און געבעטן אז זי ברויך געלט צו קענען אנגרייטן דעם שבת קודש, האט דער צדיק געפרעגט ווי פיל זי ברויך, **לפלא איז דער סכום געווען פונקטליך וויפיל רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע האט מיט געשיקט**.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל איז געווען **דער הייליגער שינאווער רב** זי"ע און הרה"ק **רבי שלום מקאמינקא** זי"ע ערב תשעה באב ביים הייליגען צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, און דער צדיק רבי שמעון האט געשיקט די רעבעצין זאל גיין שחט'ן א הינדל ביים שוחט, פארשטייט זיך אז די רעבעצין האט דאס געטון באהאלטענערהייט וויבאלד עס איז דאך געווען ערב תשעה באב.

דאן האט דער צדיק רבי שמעון מיערסלוב אפ געראכטן א פליישיגע סעודה בעפאר חצות צוזאמען מיט די צוויי צדיקים, נאכן סעודה האט רבי שמעון געזאגט, לאמיר עפעס זינגען לכבוד די סעודה, האבן די דריי צדיקים געזינגען "**אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב**", פאר גאנצע פיר שעה **און עס האט זיך דארט געגאסען טייכן טרערן אויפן חורבן בית המקדש און צרות השכינה**.

דערציילט רבי יענקעלע זי"ע, אז דער הייליגער שינאווער רב זי"ע האט געהאט חלישת הדעת פון דעם, וויבאלד עס איז נישט אזוי ווי דער שולחן ערוך זאגט מען זאל טון ערב תשעה באב, אבער ווען ער האט דערציילט שפעטער פארן טאטן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע די גאנצע מעשה, האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט, **זיי נישט צובראכן פון דעם, ווייל דער הייליגער צדיק רבי שמעון ווייסט וואס ער טוט און אויב האט ער געמאכט דעם פליישיגע סעודה ערב תשעב באב איז זיכער געווען עפעס מער ווי א פשוטע סעודה**.

• • •

**אין ספר אהל שמעון ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען א גאר שטארקע נאנטשאפט צווישן

**דעם הייליגער ראפשיצער רב** זי"ע און **רבי שמעון מיערסלוב** זי"ע, איינמאל זענען די צוויי צדיקים געפארן צונעזאם צום הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, אויפן וועג האבן זיי נישט געהאט וואס צו עסן, האבן זיי צוליב פיקוח נפש אפ געמאכט, אז זיי וועלן זיך אפשטעלן אין א דארף, מען וועט מאכן רבי שמעון אלס רבי, און דער הייליגער ראפשיצער רב וועט זיין דער קוויטל שרייבער, און אזוי וועלן זיי האבן עפעס געלט צו קויפן עסן.

זיי האבן זיך אפ געשטעלט אין א שטאט, און מען האט מודיע געווען פאר די שטאט מענטשן, אז עס איז אנגעקומען א רבי אין שטאט, איז א איד געקומען זיך מזכיר זיין, אז ער ווארט שוין יארן פאר קינדער, אבער ער איז נאכנישט געהאלפן געווארן, **האט אים רבי שמעון געגעבן א ברכה אז ער זאל בקרוב געהאלפן ווערן מיט א בן זכר**.

אנקומענדיג צום הייליגען רבין דער חוזה מלובלין זי"ע, האט דער הייליגער חוזה גלייך מרגיש געווען וואס דא איז פאר געקומען און ער האט געזאגט בזה"ל, "**שלום עליכם רבי ר' שמעון, איר גיט שוין אויך ברכות און שרייבט קמעות**", די תלמידים פונעם הייליגען חוזה מלובלין האבן גלייך פארשטאנען **אז די רבי האט דעם תלמיד רבי שמעון מכתיר געווען צו פירן אן עדה הקדושה**.

• • •

**ווי באקאנט אז דער הייליגער צדיק וקדוש רבי שמעון מיערסלוב זי"ע** איז סוף ימיו געווען א סגי נהור, יענע צייט פלעגט ער גאר אסאך זיך אויף האלטן אונעם שטוב פונעם צדיק הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע, די רעבעצין הצדקת מרת מלכה ע"ה האט דעם צדיק גאר אסאך באדינט און זיך אפ געגעבן מיטן צדיק.

איין טאג האט די רעבעצין הצדקת מרת מלכה ע"ה געבעטן פונעם צדיק א ברכה, האט דער הייליגער צדיק רבי שמעון זי"ע געזאגט, איך וועל דיך אויס לערנען א קורצע בקשה וואס איז א מועט המחזיק את המרובה, "**דער אויבערשטער זאל געבן, און פארגעבן, און נישט נעמען**" דאן האט די צדקת צוריק געגעבן א ברכה פארן צדיק, אז ער זאל זוכה זיין צו קענען זען מיט די הייליגע אויגן.

האט דער הייליגער צדיק געזאגט פאר די רעבעצין, פארוואס ברויך איך נאך זען אין דעם גשמיות'דיגע וועלט, אבער ווען דער הייליגער צדיק דער שר שלום מבעלזא זי"ע האט אים שפעטער געגעבן א ברכה אז ער זאל זוכה זיין צו זען מיט זיינע הייליגע אויגן, האט דער צדיק געענטפערט דריי מאל "**אמן**".

• • •

**הרה"ח רבי אברהם כהן מירושלים ז"ל האט דערציילט**, אז ער האט נאך געהאט די זכי' צו זעהן דעם צדיק וקדוש רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, און דער צדיק איז יעדע נאכט אויף געווען ביי חצות און אפ געראכטן תיקון חצות, איינמאל איז דער צדיק געזעצן מיט זיינע מקורבים, און 15 מינוט בעפאר חצות האט זיך דער צדיק צו געלייגט.

אבער לפלא פונקטליך ביי חצות איז דער צדיק שוין געווען אויף די פיס און אפ געראכטן תיקון חצות, און ער האט דערציילט, אז זיין מאמע די צדקת פלעגט אים יעדע נאכט ארויס נעמען פון זיין בעט ביי חצות, און האט אים געלייגט אויף דער ערד און געלאזט וויינען, כדי ער זאל זיך צו געוואוינען אז דאס איז א צייט ווען מען ברויך וויינען, **און דערפאר איז ער שוין געווען געוואוינט צו אויפשטיין ביי חצות**.

• • •

**הרה"ק רבי משה ארי' פריינד גאב"ד ירושלים זי"ע האט דערציילט**, אז זיין זיידע הרה"ק רבי אברהם יהושע פריינד מנאסויד זי"ע האט דערציילט, אז דער צדיק וקדוש רבי שמעון מיערסלוב זי"ע האט געהאט א מנהג קדוש, אז ער האט יעדן טאג געזאגט די ברכות השחר בקול רם, און די תינוקות של בית רבן האבן נאך געזאגט אמן אויף די הייליגע ברכות.

אינעם שטאט איז געווען ליידער א משכיל וואס האט געלייגט די אויגן אויף איינע פון די קינדער פון שטאט, און דער משכיל האט מיט דעם קינד אנגעהויבן לערנען חכמת הדקדוק אן דעם וואס זיין טאטע זאל פון דעם וויסן, אבער איין טאג ווען דער צדיק האט געזאגט זיינע ברכות און די קינדער האבן נאך געזאגט אמן, איז יענער קינד אויך געווען צווישן די קינדער, גלייך האט זיך דער צדיק וקדוש רבי שמעון אויף געשטעלט, און ער איז גלייך צו געגאנגען צו יענעם קינד.

**און דער צדיק האט דעם קינד געגעבן א פעטשל אויפן פנים**, און דער צדיק האט געשריגן

מיט קולות "**טמא**", עס איז געווען א וואונדער ביי די אלע וואס זענען דארט געשטאנען, אבער די טאטע פונעם קינד איז גלייך געקומען און אויס געפרעגט זיין קינד, און דאן האט דער קינד מודה געווען, אז ער לערנט מיט דעם משכיל, דאן האבן אלע געזען די הייליגע אויגן פון דעם צדיק וקדוש רבי שמעון מיערסלוב זי"ע.

• • •

**הרה"ק רבי יהודה צבי מסטרעטין זי"ע** האט גאר אסאך עוסק געווען אין תעניתים און ער פלעגט פאסטן משבת לשבת, ער איז איינמאל געקומען צום זקן הצדיקים רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, און ווי באקאנט איז דער צדיק רבי שמעון געווען זייער קעגן די וואס זענען עוסק אין תעניתים, און דער צדיק רבי שמעון האט גאר אסאך געהויבענע זאכן און ישועות געברענגט מיטן עסן א גרויסע סעודה, האט ער געזאגט פארן צדיק רבי יהודה צבי מסטרעטין זי"ע.

איר פלאגט זיך יעדן טאג מיט אייערע הייליגע תפילות און די תעניתים, אבער אין הימל איז דא א מלאך אחד וואס האט טויזענט מיילער, און דער מלאך זאגט שירות ותשבחות פארן בורא כל עולמים, און אפילו איר זאלט אייך צערייסן, וועט איר נישט אן קומען צו די מדרגה פון דעם מלאך, **אבער איך יעדן טאג ווען איך ענדיג מיין עבודת התפילה, וואש איך מיך צו א סעדות בוקר, און דאס קען אפילו נישט טון דער גרעסטער מלאך אין הימל**.

• • •

**ווערט דערציילט א מעשה פלא**, וואס האט פאסירט ביים הייליגען צדיק וקדוש **רבי שמואל אבא מזיכלין** זי"ע, ווי באוויסט האט דער צדיק אייביג מקפיד געווען נישט צו זיין אין קיין שום שטאט אויף א שבת, נאר האט אייביג געמאכט זיכער צו זיין ביי זיך אין שטאט אויף א שבת, גרויסע שטעט זענען זיך געקומען בעטן אז דער צדיק זאל קומען צו זיי אפרעכטן זיין הייליגע עבודה שבת קודש, אבער דער צדיק האט זיי אלע אפ געזאגט.

איין וואך האט זיך געמאכט, אז איינע פון די גבירים פון שטאט לאדזש האט געהאט א קינד, און די ברית האט געברויכט זיין **פרייטאג**, איז דער גביר אויף געקומען מיט א פלאן, אז ער וועט מכבד זיין דעם רבין מיט סנדקאות, און מען וועט די סעודת ברית פארציען ביז שפעט, וואס ווי דער מנהג ביים רבין איז געווען, אז ער איז נישט געפארן אויפן וועג נאך חצות ערב שבת קודש, **און אזוי וועט די רבי בלית ברירה מיזן בלייבן ביי זיי אויף שבת**.

דער גביר איז געפארן קיין זיכלין, און האט טאקע מכבד געווען דעם רבין מיט סנדקאות, און ווי זיין מנהג האט דער צדיק קיינמאל נישט אפ געזאגט קיין מצוה, אבער דער צדיק האט זיך אויס גענומען מיטן גביר, אז ער וועט מיזן ארויס פארן פון שטאט געגוג צייטליך צו זיין צוריק ביי זיך אין שטאט אויף שבת קודש, דער גביר האט דאס צו געזאגט פארן רבין, אבער האט געטראכט אז מען וועט שוין אויף קומען מיט א פלאן פרייטאג ווי אזוי מען זאל דעם צדיק אפהאלטן ביי זיי אין שטאט.

דער צדיק איז טאקע געקומען קיין לאדזש צום ברית, און די חסידים זענען געגאנגען **און האבן צוריק געקוקט מיט צוויי שעה אלע זייגער'ס אין שטוב ווי דער ברית האט געברויכט פארקומען**, און אזוי האבן זיי געטראכט אז דער רבי וועט נישט וויסן וויפיל די זייגער איז פונקטליך, און מען וועט אזוי קענען אויספאפן דעם רבין, די ברית איז טאקע פאר געקומען, און די רבי האט זייער געיאגט דעם סעודת ברית, די חסידים זענען צו געגאנגען צום רבין און געוויזן אויפן זייגער און געזאגט, פארוואס יאגט די רבי אזוי דעם סעודה, עס איז דאך נאך דא געגוג צייט אן צו קומען צוריק אהיים בעפאר חצות.

דאן האט דער צדיק זיך אנגעריפן צו די חסידים, **איר מיינט אז איר קענט מיך אויס נער'ן מיטן זייגער, און דער צדיק האט גענומען זיינע הייליגע ציצות אין די האנט, און ער האט זיי געזאגט פונקטליך וויפיל די זייגער האלט יעצט מיט די רגעים ממש**, פארשטייט זיך אז די חסידים זענען ארויס פון התפעלות פון דעם מופת.

אבער ווען דער צדיק האט געזען ווי די אלע וואונדערן זיך אזוי, פון ווי ער האט געוויסט וויפיל די זייגער איז פונקטליך, האט דער צדיק דערציילט פאר זיי פון ווי ער האט באקומען דעם מתנה, אז ווען ער איז נאך געווען א קליין קינד פון

6 יאר אלט אין שטאט לוביטש, פלעגט איינמאל א יאר קומען אין שטאט דער צדיק קודוש רבי שמעון מיערסלוב זי"ע אויף א שבת, און דאן פלעגן די קינדער פון שטאט גיין זאגן די ברכות פארן צדיק און ער האט נאך גענזאגט אמן.

די לעצטע מאל וואס דער צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע איז געווען ביי אונז אין שטאט לוביטש פאר א שבת, נאכן זאגן די ברכות פארן צדיק, האט מיך דער צדיק צו געריפן און געזאגט, איך ווייס נישט אויב איך וועל נאכאמאל קומען צו ענק אין שטאט, דערפאר געב איך דיר א געזעגענונג מתנה וואס מען האט דאן גערופן "**לעצט געלט**", און דאן האט מיר דער צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע געגעבן דעם סוד, **אז ווען איך נעם מיינע ציצות אין די האנט און איך קוק אויף זיי, ווייס איך די פונקטליכע צייט ווי דער זייגער האלט**, און נאך די מעשה איז דער צדיק אהיים געפארן אויף שבת.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען א שליחות פון הרה"ק בעל אהבת שלום מקאסוב זי"ע, אז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע זאל קומען צו אים אויף א שבת, ווען מען איז געקומען דאס דערציילן פאר ראפשיצער רב, האט ער געזאגט, "**פאר אזא זאך ברויך מען זיך איבער רעדן**, "**מיטן גראבן בויך**", **וואס האט רוח הקודש**", וואס דאס איז געווען הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, וואס זיין רבי דער הייליגער ראפשיצער זי"ע פלעגט אים אזוי ריפן, **וויבאלד דער צדיק מיערסלוב, האט דורך עסן אויף געטון גאר גרויסע זאכן**.

ווען מען איז געקומען פרעגן דעם צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע אויב מען זאל פאר קיין קאסוב אויף א שבת, האט דער צדיק רבי שמעון געזאגט, **פאר אזא זאך וועט מען זיך מיזן וואשן צו א גרויסע סעודה**, און נאכן סעודה האט דער צדיק וקדוש רבי שמעון געזאגט, **מען וועט מיזן עסן נאך א סעודה**, נאכן צווייטן סעודה האט דער צדיק רבי שמעון געזאגט, **מען זאל נישט פארן**, און דער ראפשיצער רב איז טאקע נישט געפארן, **ווייל רבי שמעון האט געזאגט נישט פארן**.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי שמעון מיערסלוב זי"ע אנגעקומען צום שטוב פון רבי משה לייב מסאסוב זי"ע, רבי שמעון מיערסלוב האט מקבל פנים געווען רבי משה לייב און געזאגט, "**שלום עליכם רבי ומורי**", האט רבי משה לייב גלייך געבעטן דעם צדיק רבי שמעון, אז ער זאל קומען מיט אים, די צוויי צדיקים זענען ארויס ביים עק פון שטאט, און רבי משה לייב האט גענומען א גאנצע בינטל שטרוי, און צוזאמען האבן דאס די צוויי צדיקים געברענגט צו רבי משה לייב אין שטוב.

דאן האט דער צדיק רבי משה לייב דאס שיין מסדר געווען, און אריבער געטראגן צום שטוב פון א יולדת און געמאכט זיכער אז אלעס איז באקוועם ביים שטוב פון די יולדת, דאן האט רבי משה לייב צוריק געגעריסט רבי שמעון מיערסלוב "**עליכם השלום רבי שמעון**", ווייל דער צדיק האט כסדר געוואלט אז אנדערע אידן זאלן אויך מקיים זיין די מצוות וואס ער האט געטון.

• • •

**הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע האט דערציילט** אויפן צדיק וקדוש רבי משה בעל אור פני משה מפשעווארסק זי"ע, אז איינמאל מוצש"ק זענען געקומען צוויי נשמות מעולמות עליונים, און געבעטן אז דער צדיק זאל א טובה טון פאר זייערער נשמות, ווייל זיי זענען ליידער נע ונד און זיי האבן נישט קיין מנוחה.

האט דער צדיק זיי געפרעגט, ווי אזוי מען פירט זיך אויף מיט זיי בעולם העליון, האט איין נשמה געזאגט, **אז ער איז ליידער נישט געווען נזהר בחייו אין עסן סעודות מלווה מלכה, און דערפאר טרייבט מען אים אריין אין גיהנום גלייך ביים זמן מוצש"ק**, אבער דער אנדערע נשמה האט געזאגט, **אז ער איז בחייו געווען זייער נזהר אין עסן סעודות מלווה מלכה, און דערפאר לייגט מען אים נישט אריין צוריק אין גיהנום ביז עס איז נאך דא איין איד וואס האט נאכנישט געענדיגט עסן מלווה מלכה אויף די וועלט**.

• • •

**הרה"ק רבי שלמה מבאבוב זי"ע האט דערציילט**, אז דער צדיק וקדוש רבי שמעון מיערסלוב זי"ע וואס האט זיין גאנץ לעבן מקפיד געווען צו דינען דעם גרויסן באשעפער מיט א שמחה, האט ער אמאל געזאגט בזה"ל, "**צי זאגן קינות אין תשעה באב איז א מצוה דרבנן, און א**

**מצוה ברויך מען טוען מיט א שמחה, דערפאר וואלט איך פאר דעם אהן געזונגען די גאנצע קינות, נאר איך טו נישט אזוי, ווייל די יעריסלובער לצים וועלן חוזק מאכן**".

•••

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, ווי באקאנט איז דער טאטע פונעם צדיק הרה"ק רבי ישראל זי"ע געווען א מתנגד צום דרך החסידות, און אפילו נאכדעם וואס זיין הייליגע זון רבי שמעון מיערסלוב זי"ע איז געווארן א חסיד, איז די טאטע ביז צו זיין הסתלקות געבליבן א מתנגד, און דערפאר האט אים די טאטע געזאגט, אז ביי קדיש לאחר מאה ועשרים שנה זאל ער נישט זאגן "**ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה**".

אבער נאכן פטירה ווען ער האט געזאגט דאס ערשטע מאל קדיש און האט געפאלגט וואס די טאטע האט געהייסן, האט אים זיין רבין דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געזאגט, **אז די טאטע איז שוין אויפן עולם האמת, און ער וויסט שוין דעם אמת און איז אויך מסכים אז ער זאל יא זאגן די ווערטער ביי קדיש**, און פון דאן האט דער הייליגער צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע יא געזאגט די ווערטער, "**ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה**".

•••

**אין ספר עשר צחצחות ווערט געברענגט**, אז ווען דער צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע איז געפארן דאס ערשטע מאל קיין ראפשיץ **צום הייליגן זרע קודש** זי"ע, איז ער נאך געווען א גאר יונגערמאן, ווי נאר ער איז אריין אינעם רבינ'ס צימער, האט זיך דער ראפשיצער רב אויפגעשטעלט מלוא קומתו, אים געגעבן אן אויסנאמליכן שלום-עליכם מיט גרויס ליבשאפט און כבוד, און אים געזאגט מיט התפעלות, "**שלום עליכם, א קדוש מרחם**".

די חסידים זענען געווען שאקירט צו זען אזא קבלת פנים פאר אן אומבאקאנטן יונגערמאן, אבער דער הייליגער ראפשיצער רב האט גלייך מרגיש געווען די הויכע נשמה און די ריינקייט פונעם צדיק רבי שמעון נאך פאר מען האט בכלל גערעדט א ווארט, און פון דעמאלט אן איז רבי שמעון געווארן איינער פון די גרעסטע און נאנטסטע תלמידים פונעם הייליגן ראפשיצער רב זי"ע.

•••

**אין ספר תפארת שלום ווערט געברענגט**, אז עס ווערט דערציילט, אז דער הייליגער **שר שלום מבעלזא** זי"ע האט געזוכט א שידוך פאר איינע פון זיינע אייניקלעך, און מ'האט גערעדט פון איינע פון די קינדער פונעם צדיק **רבי שמעון מיערסלוב** זי"ע, רבי שמעון איז געווען באוואוסט מיט זיין מורא'דיגער התלהבות און כוח התפילה, אבער ער איז געווען אן אויסגעשפראכענער עני ואביון, אן קיין פרוטה צו די נשמה.

פאר מ'האט געשלאסן דעם שידוך, איז רבי שמעון געקומען קיין בעלזא, ער איז אריין צום הייליגן שר שלום דאווענען, און ווי זיין שטייגער איז געווען, האט ער געדאווענט מיט אזא פייערדיגע דביקות און התלהבות, ביז דער טלית איז אים אראפגעפאלן פון די פלייצעס פון גרויס התעוררות, נאכ'ן דאווענען האט דער בעלזער רב זי"ע געזאגט פאר די ארומיגע, "**א איד וואס ביים דאווענען פאלט אים אראפ דער טלית פון התלהבות און ער שפירט עס אפילו נישט פון גרויס דביקות אינעם בורא כל עולמים, מיט אזא מחותן וויל איך זיך משדך זיין, אפילו ער האט נישט קיין געלט**".

•••

**אין סיפורי צדיקים ווערט דערציילט**, אז אין שטאט יערסלוב איז אמאל געווען א איד, א בעקער, וואס האט געליטן פון א גנב וואס פלעגט כסדר אריינקומען ביינאכט און גנב'ענען פריש געבאקענע ברויט, דער בעקער איז געווען אנגעווייטאגט און איז געקומען וויינען פאר רבי שמעון אז ער ליידט שווערע שאדן פון די גניבות, האט דער צדיק רבי שמעון געזאגט פאר'ן בעקער, "**היינט נאכט, באהאלט זיך אינעם בעקעריי, ווען דער גנב קומט אריין, שלאג אים נישט און שריי נישט, כאפ אים אן ביים האנט און זאג אים אין מיין נאמען, דער מגיד רבי שמעון רופט דיך**".

דער בעקער האט אזוי געטון, ווען דער גנב איז געקומען און דער בעקער האט אים געזאגט דעם מעסעדזש פונעם מגיד, איז א פחד געפאלן אויפ'ן גנב און ער איז גלייך מיטגעגאנגען צום רבי'ן, ווען זיי זענען אריין, האט רבי שמעון אנגעקוקט דעם גנב מיט גרויס רחמנות און געזאגט, "**איך וויס אז דו גנב'עסט נישט ווייל דו ביסט שלעכט, נאר ווייל דיין הויז איז ליידיג און דיינע קינדער הונגערן,**

**אבער פארוואס זאלסטו עסן ברויט פון גזל**", און דער צדיק רבי שמעון האט זיך גלייך אונטערגענומען צו פארזארגן דעם איד מיט פרנסה און אים געשאפן געלט פאר שבת און יו"ט, און דער איד איז צעגאנגען אין טרערן, געטון א גאנצע תשובה, און איז שפעטער געווארן אן ערליכער כשר'ער איד.

• • •

**אין קונטרס פעולת צדיקים ווערט דערציילט**, אז א חסיד איז אמאל אריינגעקומען מיט א צובראכן הארץ צום צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, און האט דערציילט, אז זיין איינציג קינד איז געווארן קראנק אויף די לונגען, און די גרעסטע דאקטוירים האבן געזאגט אז עס איז מער נישטא קיין האפענונג און די רפואה איז אפגעשניטן.

דער צדיק רבי שמעון האט אריינגעקוקט אינעם איד'ס אויגן, ארויסגענומען א שיינעם רויטן עפל, געמאכט דערויף א ברכת "**בורא פרי העץ**" מיט זיין גאנצן כוח און כוונה, אפגעביסן א שטיקל, און דעם איבריגן עפל געגעבן פאר'ן טאטן און געזאגט, "**נא דיר, גיי אהיים און גיב דאס פאר דיין קינד צו עסן, און דער אייבערשטער וועט שיקן א רפואה שלימה**".

דער טאטע איז געלאפן אהיים, געגעבן דעם שיריים-עפל פאר'ן קינד, און ווי נאר דאס קינד האט געגעסן פונעם עפל, האט זיך די היץ אראפגעלאזט, די כוחות זענען צוריקגעקומען, און ביז עטליכע טעג איז דאס קינד געווען געזונט און פריש, ווען דער דאקטער איז געקומען און געזען דאס קינד שפילן אויף דער ערד, האט ער אויסגערופן מיט שטוינונג, "**דאס איז נישט קיין מעדיצין, דאס איז העכער פון די נאטור**".

• • •

**אין קונטרס מאורי גליציה ווערט דערציילט**, אז אמאל איז דער צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע געפארן אויפ'ן וועג צוזאמען מיט זיינע מקורבים, אינדערמיט האט אויסגעבראכן א גרויסע שריפה אינעם וואלד נעבן דעם שאסיי, און די פלאמען האבן זיך געצויגן גאר שנעל צוליב די ווינטן, ביז ס'איז געווארן א סכנה ממש פאר'ן וואגן און די פערד.

דער בעל עגלה איז אריינגעפאלן אין א שרעקליכן פחד און געוואלט אנטלויפן, אבער דער צדיק רבי שמעון איז געזעצן מיט א געוואלדיגע רואיגקייט, ער האט ארויסגעשטעקט זיין קאפ פונעם וואגן, אנגעקוקט דאס פייער מיט זיינע הייליגע אויגן, און געזאגט איין פסוק, "**כִּי תֵלֵךְ בְּמוֹ אֵשׁ לֹא תִכָּוֶה וְלֶהָבָה לֹא תִבְעַר בָּךְ**", אין דער זעלבער רגע האבן די ווינטן זיך איבערגעדרייט צו דער אנדערער זייט, די פלאמען האבן זיך צוריקגעצויגן פונעם וועג, און דער וואגן איז אדורך בשלום אן דעם וואס אפילו א פאדעם זאל געשעדיגט ווערן.

• • •

**אין ספר שיחות חסידים ווערט דערציילט**, אז די זקני יערסלוב פלעגן דערציילן, אז ווען דער צדיק רבי שמעון זי"ע פלעגט צוגיין צו דער עמוד ראש השנה און יום כיפור פאר מוסף, איז געווען א מורא צו שטיין נעבן אים, ביים זאגן די תפילה פון "**ונתנה תוקף**" פלעגט זיין פנים ברענען ווי א שטיק פייער, און די טרערן האבן געגאסן פון זיינע אויגן ווי קוואלן וואסער.

איין יום כיפור ביים דאווענען, ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער "**מי יחיה ומי ימות**", האט ער זיך אזוי שטארק צעוויינט ביז ער איז ממש גע'חלש'ט שטייענדיג ביים עמוד, מען האט אים געמוזט דערמוטיגן מיט א שמעק-טאבאק, ווען ער איז געקומען צו זיך, האט מען אים געפרעגט וואס ער האט דארט געזען, האט ער געענטפערט מיט א גרויס ציטער, "**איך האב געזען ווי דער בית דין של מעלה שרייבט א גזירה אויף עטליכע אידישע קינדער פון שטעטל, און איך האב נישט געקענט ממשיך זיין ביז מ'האט איבערגעדרייט דעם פסק צו חסד ורחמים**", און לפלא, יענעם יאר איז קיינער פון שטעטל נישט געשטארבן פון קיין קרענק אדער משונה'דיגע סיבות.

• • •

**אינעם קונטרס סיפורי מופתים ווערט דערציילט**, אז איינער פון די רייכע סוחרים אין שטאט יעראסלוב איז אמאל אריינגעלאפן צום רבי'ן אין א גרויסן בהלה און ער האט דערציילט, אז ער האט פארלוירן דעם איינציגן שליסל פון זיין גרויסן אייזערנעם קאסע, וואו עס זענען געלעגן אלע זיינע געלטער, וועקסלען און שטרות, און ער האט געהאלטן פאר'ן באנקראטירן אויב ער קען דאס נישט עפענען ביז א פאר שעה צו באצאלן א חוב.

דער צדיק רבי שמעון האט אים געזאגט, "**גיי אהיים, און פאר דו ברעכסט אויף דעם שלאס, עפן דיין טייסטער און גיב א נדבה פאר ארימעלייט וואס האבן נישט אויף שבת, און בזכות דעם וועסטו געהאלפן ווערן**", דער סוחר האט גלייך געשיקט געלט פאר עטליכע עניי העיר, און ווי נאר די שליחים זענען צוריקגעקומען און באשטעטיגט אז די ענייים האבן באקומען דאס געלט, האט זיך דער סוחר

אראפגעבויגן צום קאסע, און פלוצלינג געזעען ווי דער שליסל ליגט גלייך אונטער דער פיס פונעם טיש, א פלאץ וואס מען האט שוין פריער איבערגעזוכט צענדליגער מאל מיט לעכט און גארנישט געפונען.

• • •

**אינעם קונטרס מפי ספרים וסופרים ווערט דערציילט**, אז א איד א חסיד וואס איז שוין געווען חתונה געהאט העכער צען יאר און נישט געהאט קיין קינדער, איז געקומען צו פארן צום הייליגן צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע אויף שבת קודש, ביים טיש פרייטאג צו נאכטס, ווען רבי שמעון האט געמאכט "**המוציא**", האט ער אראפגעבראכן א גרויס שטיק חלה, עס אריינגעגעבן אין דער האנט פונעם דאזיגן איד, און געזאגט מיט א שמייכל, "**נא, נעם די ברכה פונעם שבת, און געדענק, קינדער זענען ווי פרישע שבת-חלות, מ'דארף זיי געבן צייט צו גיין, און מיט תפילה קומט די ברכה צום גוטן**", דער איד האט געגעסן די שיריים מיט גרויס אמונה, און פונקט א יאר שפעטער, איז ביי אים געבוירן געווארן א געזונט אינגל, און ער האט אים א נאמען געגעבן נאכ'ן רבי'ן שמעון.

• • •

**אינעם קונטרס סיפורי מופתים ווערט דערציילט**, אז א אידישער ארענדאר פון א דערפל נעבן יערסלוב איז אריינגעפאלן אין א שווערע צרה, דער לאקאלער פריץ (דער פוילישער גראף) האט אים אנגעקלאגט אין געריכט מיט א בלבול, אז ער איז אים שולדיג א ריזיגע סומע געלט אויפ'ן ארענדע-קאנטראקט, און דער שופט האט שוין געהאלטן ביים ארויסגעבן א פסק אים אריינצוזעצן אין תפיסה און פארטרייבן זיין משפחה.

דער איד איז געלאפן צום צדיק רבי שמעון מיט א פארביטערט הארץ, און האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ פארן צדיק איבער די צרה וואס ער האט, דער צדיק רבי שמעון האט אים געזאגט, "**גיי צום משפט מיט בטחון, און ווען דער פריץ וועט ארויסנעמען דעם שטר קאנטראקט צו ווייזן פאר'ן ריכטער, קוק גוט אויפ'ן פאפיר און זאג דריי מאל שטילערהייט, "השם ילחם לכם ואתם תחרישון"**.

דער ארענדאר איז געשטאנען ביים משפט ציטערדיג, דער פריץ האט מיט גרויס גאווה דערלאנגט דעם ארגינעלן קאנטראקט פאר'ן ריכטער צו ווייזן די אידישע חתימה, דער איד האט געמורמלט דעם פסוק דריי מאל, און פלוצלינג קוקט דער ריכטער אויפ'ן דאקומענט, דרייט עס איבער, און שרייט צום פריץ מיט גרויס כעס, "**וואס פאר א ליצנות מאכסטו פונעם געריכט, דער פאפיר איז אינגאנצן ליידיג, ס'שטייט דא נישט קיין שום חוב און נישט קיין חתימה**", דער פריץ האט געקוקט און געווארן בלאס פאר שוואכקייט, ווייל דער גאנצער טינט פונעם בלבול איז אויסגעמעקט געווארן, דער פסק איז תיכף בטל געווארן און דער איד איז באפרייט געווארן.

• • •

**אינעם קונטרס ישועות צדיקים ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א איד אין שטעטל וואס האט געליטן פון א שווערע קרענק אין די אויגן, ביז די דאקטוירים אין גרויסן שטאט לעמבערג האבן געווארנט, אז ער פארלירט אינגאנצן דאס זעה-קראפט ח"ו אויב מ'מאכט נישט קיין געפארפולע אפעראציע, דער איד איז געקומען וויינען צום רבי'ן דער צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע מיט גרויס שרעק.

דער צדיק רבי שמעון האט אנגעפילט א פלאש פשוטע פרישע קוואל-וואסער פון זיין אייגענעם הויף, געזאגט דערויף א קורצע תפילה, און געזאגט פאר'ן איד, "**נעם דאס וואסער, יעדן טאג פאר שחרית, נאכ'ן אפגיסן נעגל-וואסער, זאלסטו וואשן די אויגן מיט דעם וואסער און אינזין האבן 'פּוֹקֵחַ עִוְרִים', און קיין דאקטוירים זאלסטו מער נישט גיין זוכן**", דער איד האט אזוי געטון מיט תמימות, און ביז דריי טעג האט זיך די געשוואלעכץ און די שווערע שמערצן אפגעטון, און ביז א וואך איז זיין ראיה צוריקגעקומען פונקט ווי א געזונטער מענטש, אן קיין שום אפעראציע אדער מעדיצין.

• • •

**אינעם קונטרס שיחות אנשי שם ווערט דערציילט**, אז א חסידישער סוחר איז אמאל געפארן פאר ווינטער מיט עטליכע וועגנער אנגעלאדנט מיט טייערע תבואה, אינמיטן וועג, אין א מדבר'דיגן פעלד ווייט פון א ישוב, האט זיי באטראפן א געפערליכער שניי-שטורעם, די רעדער פון די וועגנער זענען טיף איינגעזונקען אינעם שניי, די פערד האבן מער נישט געקענט שלעפן, און די נאכט האט שוין אנגעהויבן צופאלן מיט שרעקליכע פרעסטן, און ס'איז געווען א סכנת נפשות ממש.

דער סוחר האט זיך דערמאנט אינעם רבי'ן רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, און ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן מיט טרערן צום הימל און אויסגעשריגן, "**רבי שמעון! זכותך הגדול יגן עלינו, ראטעוועט אונז פון דעם קעלט**", אין דער זעלבער רגע האט זיך באוויזן פון ערגעץ אן עלטערער פויער מיט א שפאן פון צוויי שטארקע פערדן, און אן פרעגן קיין ווארט האט דער

פרעמדער פארטשעפעט די וועגנער, ארויסגעשלעפט די וועגענער פונעם טיפן שניי אויפ'ן גראדן וועג ביז צום נעקסטן דארף, און איז פלוצלינג פארשוואונדן געווארן אן בעטן אפילו איין גולדען. ווען דער סוחר איז שפעטער געקומען קיין יעראסלוב, האט רבי שמעון אים באלד ביים שוועל אנגעקוקט מיט א שמייכל און געזאגט, "**האסט געמיינט איך האב נישט געהערט דיין געשריי אינעם שניי**".

• • •

**אינעם קונטרס סיפורי קדושים ווערט דערציילט**, אז אין די צייטן פונעם עסטרייכישן קייסער פלעגט די מיליטער-קאמיסיע ארומגיין אין די שטעטלעך און כאפן יונגע בחורים צום מיליטער (**קאנטאניסטן**), וואס דאס איז געווען א גזירה נוראה פאר אידישקייט און לעבן.

איין טאג איז א מוטער געקומען צו לויפן צום צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע מיט ביטערע בכיות, אז איר איינציגער זון שטייט מארגן צום עקזאמען פאר די מיליטערישע דאקטוירים, און אויב ער גייט אדורך וועט ער חלילה פארלוירן גיין, דער צדיק רבי שמעון האט אריינגעקוקט אין דעם קוויטל און געזאגט, "**גיי אהיים, זאג אים ער זאל לייגן א ביסל זאלץ-וואסער אונטער דער צונג פאר'ן אריינגיין צום דאקטער, און ער זאל גארנישט מורא האבן, דער קאמיסיע וועט אים גארנישט קענען טון**".

ווען דער בחור איז געשטאנען פאר'ן הויפט דאקטער, האט דער דאקטער אנגעהויבן הערן זיין הארץ און געמאסטן זיין פולס, פלוצלינג האט זיך דער דאקטער אנגערופן מיט כעס צו די אנדערע אפיצירן, "**וואס ברענגט איר מיר דא א בחור וואס די לונגען און דאס הארץ ארבעטן קוים און אפגעריסן, ער איז דאך א בעל מום מובהק, ער איז בכלל נישט טויגליך צו טראגן א געווער אפילו איין טאג**", מ'האט אים גלייך געגעבן דעם באפרייאונג-פאפיר (פטור), ווי נאר ער איז ארויסגעגאנגען פון טיר, איז זיין געזונט געווען א גאנצער און ער האט ווייטער געקענט לערנען אומגעשטערט.

• • •

**אינעם קונטרס נפלאות הצדיקים ווערט דערציילט**, אז א איד א קרעטשמער האט געהאט א הויז און א שייער וואס זענען געשטאנען גלייך נעבן א גרויסן אינצידענט פון א שריפה אין שטעטל, די גאנצע גאס האט געברענט און אלע האבן שוין געזען ווי דער ווינט טרייבט די פלאמען גלייך צו זיין דאך, וואס איז געווען געדעקט מיט טרוקענע שטרוי.

דער קרעטשמער איז געשטאנען פארוויינט, אבער ער האט געהאט מיט זיך א טיכל וואס ער האט א יאר פריער באקומען פונעם צדיק רבי שמעון ביים שלום נעמען, און מיט א פשוט'ער אמונה איז ער צוגעלאפן, ארויפגעווארפן דעם רבי'נ'ס טיכל אויפ'ן שוועל פונעם קרעטשמע, און געזאגט, "**רבי, דיין בגד זאל מיך היטן**", די פלאמען זענען צוגעקומען ממש ביז אן אינטש פאר'ן הויז, און דארט האבן זיי זיך אפגעשטעלט, פונקט ווי א וואנט וואלט געשטאנען אין וועג, **די גאנצע ארומיגע געגנט איז פארברענט געווארן, אבער דעם קרעטשמער'ס הויז איז געבליבן שטיין גאנץ, אן קיין שום שאדן**.

• • •

**אינעם קונטרס שיחות צדיקים ווערט דערציילט**, אז אמאל איז געקומען א מאן און א ווייב פאר רבי שמעון,ביידע זענען געווען שטארק צעקריגט און זיך געוואלט גט'ן, ווייל עס איז געווען כסדר מחלוקת און פרנסה איז געווען שווער, דער צדיק רבי שמעון האט זיך צוגעהערט צו זייערע טענות, און אנשטאט צו אריינגיין אין זייערע מחלוקת'ן, האט ער זיך אויסגעדרייט צום מאן און געפרעגט, "**זאג מיר, ווי הייסט דיין ווייב**", האט ער געענטפערט "**שרה**", האט דער רבי געפרעגט, "**און דיין מאמע ווי האט זי געהייסן**", האט ער געענטפערט, "**רבקה**".

האט דער צדיק רבי שמעון אויסגערופן מיט א התלהבות, "**האסטו געהערט א מעשה, שרה און רבקה די הייליגע אמהות! ווען א איד ברענגט אריין שלום אין שטוב און באהאנדלט זיין ווייב ווי די הייליגע מאמע שרה, רוהט די שכינה אויפ'ן הויז, און וואו די שכינה רוהט איז דא ברכה און א שפע**", און דער רבי האט זיי געגעבן איבערצובעטן איינער דעם צווייטן און געגעבן א ברכה אז פון יענעם טאג וועט אריינקומען שלום און ברכה אין זייער שטיבל, די ווערטער זענען אריין אזוי טיף אין זייערע הערצער אז זיי האבן זיך צעוויינט, שלום געמאכט אויפ'ן פלאץ, און ביז א קורצער צייט האט זיך זייער פרנסה איבערגעדרייט לטובה אויף אן אויסנאמליכן אופן.

**יארצייט ט"ו תשרי א' דסוכות**

**הרה"ק רבי מרדכי ב"ר ישכר בער זי"ע, (לייפער)**
**בעל מאמר מרדכי, מנדבורנא**
**"הנקרא רבי מרדכי'לע נדבורנער"**

ער איז געבוירן אין שטאט נדבורנא, **י"ט אייר בשנת תקפ"ה**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי ישכר בערטשע מנדבורנא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יצחק מקאליש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי ארון לייב מפרמישלאן** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מאיר הגדול הגדול מפרמישלאן** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת רחל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי אברהם לייב בלאך אב"ד פסוויל** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי חיים גבריאל בלאך בעל יפה נוף** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יוסף בעל גנזי יוסף מאלעסק** זי"ע.

דער סנדק ביים ברית איז געווען דער פעטער הרה"ק **רבי מאיר השני מפרמישלאן** זי"ע, און ער האט פארן טאטן גע'עצה'ט א נאמען צו געבן פארן קינד "**מרדכי**" נאכן צדיק הרה"ק **רבי מרדכי מקרעמניץ** זי"ע, און דער פעטער רבי מאיר האט זיך דאן אויסגעדריקט פארן טאטן רבי בערצא זי"ע בזה"ל, "**איך האב געזען דיין זון מרדכי'לע, און זיין קלסתר פנים איז ממש גלייך צו מיין רבינ'ס הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע**", און רבי מאיר'ל פלעגט אים אויך רופן מיטן נאמען "**מרדכי היהודי**", זאגענדיג **אז ער האט די נשמה פון מרדכי הצדיק**.

ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד, בוצינא דנהורא מנורה הטהורה, און א צדיק יסוד עולם, ער איז געווען מפורסם אלס א ענוותן גדול וואס האט פון זיך באמת נישט געהאלטן, ער איז געווען א בעל צדקה נפלא ער האט גרויסע סכומים צוזאמען געשטעלט פאר עניים און נצרכים, און אויס געטיילט זיין גאנצע געלט פאר צדקה וחסד, און פאר זיך האט דער צדיק כמעט גארנישט איבער געלאזט נאר כדי חייו און געלעבט בדחקות גדול, ער האט זיין גאנץ לעבן געלעבט אין חי צער און זיך גאר אסאך מסגף געווען, אבער דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע **מידת השמחה** און ער האט מקבל געווען יעדן איד בסבר פנים יפות, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקדוש אמיתי און בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

נאך מימי נעוריו האט זיך דער קליינער מרדכי'לע אויס געצייכענט מיט זיין הייליגער התנהגות, יעדער איינער האט געזען אז דאס קינד וועט נאך אמאל פארשיינען די וועלט מיט זיין צדקת און קדושה, און ער וועט אויס וואקסען איינער פון די גרעסטע צדיקים וקדושים בישראל, ער האט פארמאגט זעלטענע כשרונות, ער איז געווען באשאנקען מיט א שארפן מוח און שנעלע תפיסה, אויך איז ער געווען א גרויסע מתמיד, און ער האט זיך אלץ יונגע בחור קונה שלמות געווען בכל מקצועות התורה, ער האט אבער אלעס אויס באהאלטן פון מענטשן זייענדיג א הצנע לכת און א בורח מפני הכבוד.

דער טאטע רבי בערצא זי"ע איז אמאל געווען אין פרמישלאן, האט רבי מאיר'ל פרמישלאנ'ער זיך אנגערופען צו אים בזה"ל, "**איך בעט אייך, קוקט זיך אום אויף אייער מרדכי'לע, און זעט אז ער זאל עסן, ווייל ער עסט זייער ווייניג**", און רבי מאיר'ל פרימישלאנ'ער האט אויך געבעטן רבי בערצא, אז ער זאל אייביג מיט ברענגען זיין קליינעם מרדכי'לע, דעם יניק וחכים, קיין פרמישלאן, ווען ער קומט צו פארן קיין פרמישלאן.

יונגערהייט איז זיין טאטע דער צדיק רבי ישכר בער זי"ע נסתלק געווארן, דאן איז דער זון רבי מרדכי'לע אריבער צום פעטער רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע, און דארט איז ער ערצויגן געווארן, דארט איז דער קינד געוואקסן אין תורה און קדושה, און שוין דאן איז ער געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד, ער איז שוין דאן געווען א פרוש פון ענייני עולם הזה, און נאר עוסק געווען בתורה ועבודת השם יומם ולילה.

ביי די בר מצוה האט ער עולה געווען צו די תורה ביים פעטער אין ביהמ"ד, און ביים עולה זיין האט זיך רבי מאיר'ל אנגערופן פארן גאנצן עולם בזה"ל, "**מרדכי'לע וועט עולה זיין ששי, אבער ווי אזוי זאלן מיר אויף רופן מרדכי'לע צום עולה זיין, אויב וועט מען אויפרופען** "**יעמוד מורינו הרב**", דאס איז **צי א קליינע טיטול לויט זיינע מעלות**,

וועט מען אים אויפרופען "**יעמוד מורה מורינו הרב**", דאס וועט אויסזעהן צו א גרויסע טיטול לויט זיין יונגען עלטער, וואס דען זאלן מיר טאן, נאר מיר וועלן אים אויפרופן "**איש יהודי היה בשושן הבירה, ושמו מרדכי**".

נאכ'ן קידוש האט זיך רבי מאיר'ל אויסגעדרייט צום עולם, און ער האט זיך אנגערופן בזה"ל, "**וואס זאל איך טוען מיט מיין מרדכי, ווי זאל איך זעצן מיין מרדכי, וועט איר זאגן אין די רעכטע זייט ביים טיש, גלייבטס מיר אויפן ווארט, אז ער איז שוין ראוי צו זיצן אויבן אן בראש השולחן, וועט איר זאגן אז ער זאל זיצן אויבן אן ביים טיש, איך האב דאך מורא אז ער זאל נישט קומען צו א נדנוד פון יוהרא און התפארות, סוף כל סוף איז ער דאך א קינד, אלא מאי זאל ער זיצן אויף מיין שויס**", און דער הייליגער רבי מאיר'ל האט אים טאקע גענומען זיצען אויף זיין שויס, און אזוי איז ער געזעצן ביי אים אויפן שויס אין משך פון די גאנצע סעודה.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת חי'** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי שמואל שמעלקא טויבש אב"ד יאס** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אהרן משה טויבש בעל שו"ת תועפות ראם זי"ע**,
מגזע הגה"ק **רבי יואל סירקיש בעל הב"ח אב"ד קראקא** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **בעל המהרש"ל** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **רבי מרדכי יפה בעל הלבושים** זי"ע.

בזיווג שני האט דער צדיק חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת פריידא** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי אלעזר דומ"ץ ראזוואדוב** זי"ע,
די זיווג שני איז געווען קודם חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט הגה"ק **רבי גרשון טייכער אב"ד אילאנוב** זי"ע, בן הרה"ק **רבי אליעזר מדרוהוביטש** זי"ע.

גלייך נאך די חתונה האבן זיך גאר אסאך אידן שוין מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש, גאנץ אנפאנג האט ער געוואוינט אין שטאט **נאדבורנא** ווי זיין טאטע האט קודם געדינט אלס רב, אבער וויבאלד זיין ברודער הרה"ק **רבי אהרן לייב** זי"ע האט שוין דאן געדינט אלס רב דארט אין שטאט, האט זיך דער צדיק אוועק געצויגען קודם קיין **קיוויאשד**, און דערנאך האט ער זיך פאר א קורצע צייט געצויגען קיין **חוסט**, אבער אביסל שפעטער האט זיך דער צדיק וקדוש געצויגען קיין **בישטנא**, און דארט איז דער צדיק געבליבן ביז צו זיין הסתלקות.

גאר שנעל איז דער צדיק געווארן מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט, צדיקים האבן מעיד געווען, **אז דער צדיק איז געווען א קדוש וטהור כאחד משרפי מעלה און א בעל מופת עצום מאוד און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ**.

הרה"ק רבי אברהם יודא הכהן שווארץ בעל שו"ת קול ארי' אב"ד מאד זי"ע האט אמאל געזאגט, **אז מען דארף שטארק נזהר זיין פון א הקפדה פון רבי מרדכי'לע, ווייל ער איז אן איש קדוש**.

מען האט אמאל דערציילט פאר הרה"ק רבי אברהם מסטרעטין זי"ע, אז רבי מרדכי'לע דאווענט זייער שפעט, האט ער זיך אנגערופן בזה"ל, "**ח"ו צו רעדן אויף אים, ער ווייסט ווען עס איז דער זמן פאר יעדע זאך, און ווען עס איז דער צייט פון דאווענען**".

הרה"ק רבי ישראל האגער בעל אהבת ישראל מוויז'שניץ זי"ע האט אמאל געזאגט בזה"ל, "**רבי מרדכי'לע איז למעלה מן הזמן, און למעלה מן השכל, ער האט געדארפט זיין אסאך אסאך פריער**".

מען זאגט נאך פונעם צדיק רבי מרדכי'לע, אז ער האט געטייטשט די פסוק אין פרשת תולדות, "**ורב יעבוד צעיר**", "**ורב**" צו זיין א רבי, "**יעבוד צעיר**" **דארף מען אסאך הארעווען אין די יונגע יארן**.

דער צדיק האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע פרישות, ער פלעגט די גאנצע טאג זיצן ביי זיך אין שטוב און די פענסטער זענען געווען אינגאנצן פארדעקט, און דער צדיק האט עוסק געווען בתורה ועבודת השם צום לעכטיגקייט פון א ליכט, און עס איז באוויסט אז דער צדיק האט כסדר געזאגט, **אז ער קען נישט סובל זיין די ליפט וואס איז מגושם אינדערוואכן**.

און דערפאר איז דער צדיק נאר ארויס פון שטוב שבת און יום טוב, און אויך אויב דער צדיק האט געברויכט פארן ערב שבת, איז דער צדיק נאר געפארן נאך חצות, **ווייל דאן שיינט שוין די קדושת שבת אין די ליפט**, און כמה פעמים האט מען מעיד געווען, **אז דער צדיק האט געהאט קפיצת הדרך**, און ער איז אנגעקומען אין צייט בעפאר שבת אפילו די וועג האט געברויכט נעמען אסאך לענגער.

ווי באוויסט האט דער צדיק געדאווענט שחרית גאר שפעט, און זיין עבודת הקודש און זיינע תפילות זענען געווען מיט א געוואלדיגע ברען און התלהבות דקדושה, ווער עס האט געהאט די זכי' צו דאווענען ביי דעם צדיק האט מעיד געווען, אז דער צדיק האט ממש געברענט מיט א אש קדוש מיט א ספעציעלן נוסח וואס האט יעדן ערוועקט און געברענגט א התרוממות הנפש דקדושה.

רוב טאג האט דער צדיק כמעט נישט געגעסן, און אפילו ווען ער האט יא געגעסן איז דאס געווען ממש פארזוכן דאס עסן און טועם זיין, און נאר איינמאל א טאג, **ער פלעגט עסן אביסל קארטאפל און אמאל א זיפ וואס איז באשטאנען פון יוהך אויס געמישט מיט וואסער און זאלץ וואס קיינער האט נישט געקענט פון דעם עסן**.

כמה פעמים האט דער צדיק איבער געלאזט דאס עסן ביי זיך אין שטוב, און ווען מען איז געקומען מזכיר זיין א חולה, האט דער צדיק געהייסן געבן פון די עסן און דער חולה איז געזונט געווארן, אויך דאס קוגל פון שבת קודש, האט דער צדיק אוועק געלייגט די גאנצע וואך, און ער האט געטיילט פון דעם פאר אידן וואס האבן געברויכט א רפואה, און הונדערטער אידן זענען אויס געהיילט געווארן דורך דעם.

רבי מרדכי'לע פלעגט נישט צו עסן מיט א גאפל, נאר מיט די הענט, אמאל האט אים איינער אן אויפגעקלערטער מאדערנע מענטש דערלאנגט א גאפל צום עסן, האט זיך רבי מרדכי'לע אנגערופן בזה"ל, "**מיינע הענט זענען היינט געוואשן אין די מקוה, אבער דאס גאפל נישט**".

נאך א זאך וואס דער רבי מרדכי'לע איז געווען נזהר, אז ער האט קיינמאל נישט געלאזט צו זיך א דאקטער זאל אים אינטערזוכן, אפילו ווען ער איז געווען שטארק קראנק רח"ל, ער פלעגט זאגן מיט זיין גרויס עניוות, **וואס קען מיר שוין א דאקטער העלפן, אז איך בין דאך פיל מיט עוונות ופשעים, נאר דער אייבישטער אליין קען מיר העלפן**.

טויזנטער אידן זענען ביי דעם צדיק וקדוש געהאלפן געווארן מיט מופתים און ישועות חוץ לדרך הטבע, ער איז געווען מפורסם אלס א אפענע בעל רוח הקדוש אמיתי, ס'איז ביי דעם צדיק מקיים געווארן, "**צדיק גוזר והקב"ה מקיים**", ער איז געווען באוויסט אלס א געוואלדיגע בעל צדקה וחסד, און ער האט אוועק געגעבן כמעט אלעס פאר צדקה וחסד, און פאר זיך האט דער צדיק געלעבט אין א געוואלדיגע דחקות.

רבי מרדכי'לע זי"ע וואס איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל און אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, פלעגט ער ווינטשן פאר די מענטשן וואס האבן זיך געזעגנט פון אים פאר פסח בזה"ל, "**זאלסט אפגעהיטן ווערן פון א משהו חמץ בפסח, און פון א משהו יסורים א גאנץ יאר**".

דער צדיק וקדוש האט געהאט א לעכטיגע צורה און עס האט ממש געווארפן א פחד אויף יעדן ארום, אלע צדיקים בדורו האבן מעיד געווען אויף זיין קדושה וטהרה, און האבן גאר שטארק מעריץ געווען דעם צדיק.

אפילו להבדיל גוים פון שטאט האבן דעם צדיק רעספעקטירט און מורא געהאט פאר דעם צדיק וקדוש, און זענען אויך געקומען פאר ברכות פון דעם צדיק, און דער צדיק האט דורך די ברכות פאר די גוים אראפ גענומען שנאת ישראל פון די אידן.

ווי באקאנט האט דער הייליגער צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע געהאט א וואונדערליכע מהלך ביים רעדן, און ער האט מיט דעם געברענגט גאר אסאך ישועות און אויף געטון געהויבענע ענינים, ער פלעגט רעדן "**מרדכי'לע האט געזען, מרדכי'לע האט געזאגט, מרדכי'לע זאגט אז אזוי וועט זיין**".

דער צדיק וקדוש איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע צדקה וחסד און הכנסת אורחים מיט

וואס ער האט זיך אפ געגעבן זיין גאנץ לעבן, און דערפאר האט ער זיך געצויגן קיין **בישטנא**, ווייל דארט איז געווען א גרויסע **באן סטאנציע** ווי אסאך אידן זענען אנגעקומען, און ער האט די אלע אידן אריין גענומען צו זיך אין שטוב און מכבד געווען מיט עסן און שלאפן.

מען דערציילט, אז גאנץ אנפאנג האט דער צדיק וקדוש רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע געזען אין א קוויטל פון א איד **אלע זיינע מעשים טובים און אויך עבירות**, אבער ווייל דער צדיק האט געשפירט אז דאס שאדט אים פאר זיין גרויסע אהבת ישראל, האט ער געבעטן מען זאל אים די כח אוועק נעמען.

האט ער אבער געזאגט אמאל, "**מרדכי זעהט טאקע נישט אלעס, אבער מיט די אויגן גלעזער זעהט ער אלעס**", און דערפאר האט ער כמעט קיינמאל נישט אנגעטון די אויגן גלעזער, כדי ער זאל נישט זעהן דאס שלעכטס ח"ו אויף אידן.

מען דערציילט, אז דער צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע זי"ע האט געהאט א געוואלדיגע עבודה מיט צינדען יעדן טאג די ליכט, **ער האט יעדן טאג אן געצינדן 72 ליכט, און דאס אלעס איז געווען מיט די זעלבע שוועבל**, וואס איז געווען ממש חוץ לדרך הטבע, און כמה פעמים האט זיך געקענט מאכן, **אז דער צדיק האט נאך דערציילט אינמיטן א מעשה פון צדיקים**, און צדיקים בדורו האבן ממש באוואונדערט דעם געוואלדיגע עבודה פון צינדן די ליכט.

ער האט געהאט תלמידים גדולים וצדיקים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **מופת הדור רבי ישעי'לע מקרעסטיר** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה גרינוואלד בעל ערוגת הבושם מחוסט** זי"ע.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין די ספרים.

**ספר מאמר מרדכי,**
**ספר אורות מרדכי,**
**ספר גדולת מרדכי,**
**ספר תפארת מרדכי.**

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי יצחק לייפער מסטאניסלאב** זי"ע,
הרה"ק **רבי ישכר בער לייפער מסאטמאר** זי"ע,
הרה"ק **רבי מאיר רוזענבוים מקרעטשניף** זי"ע,
הרה"ק רבי **ישראל יעקב לייפער מחוסט** זי"ע,
הרה"ק **רבי אהרן משה לייפער מזשילין לאנצהוט** זי"ע,
הרה"ק רבי **יוסף לייפער מדעברעצין נירדהאז** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת בינה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי אברהם יוסף איגרא מזשילין** זי"ע,
בתו **הצדקת יוכבד** ע"ה, נפטר בדמי ימיה.

און ספר אוצר ישראל שטייט, אז דער צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע האט געזאגט בעפאר זיין הסתלקות, עס שטייט דאך אז דער גרויסער באשעפער איז אויך כביכול מקיים אלע מצוות פון די תורה, איז ווי אזוי איז דער באשעפער מקיים דעם מצוה פון אתרוג, זאגט דער צדיק, **אז דער באשעפער נעמט צו זיך דעם צדיק, און ער שמעקן דעם ריח קדושה פונעם צדיק, און מיט דעם איז דער באשעפער כביכול מקיים מצוות אתרוג**, דער עולם האט נישט פארשטאנען וואס דער צדיק מיינט מיט די ווערטער.

דעם לעצטן יום הקדוש ביים צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע, האט זיך דער צדיק אויף געשטעלט אין ביהמ"ד און געזאגט בזה"ל, "**רבותי, עס איז ח"ו דא א גזר דין אויף אידן, קען דאס א מענטש אויף זיך נעמען**", קיינער האט זיך גארנישט אנגערופן, אבער דער צדיק האט נאכאמאל געפרעגט "**איז פאראן איינער וועלכער קען אויף זיך מקבל זיין דעם גזר דין פאר אלע אידן**", אבער קיינער האט נישט געענטפערט, און דער צדיק האט איבער געפרעגט דריי מאל, אבער דער עולם האט נישט געכאפט וואס דער צדיק מיינט.

יענעם יאר ח' תשרי האט באפאלן א שרעקליכע ערד ציטערניש אין שטאט בישטנא, בחסדי השם האט דאס נישט געקאסט קיין נפשות ישראל, אבער דאס האט אריין געברענגט א גרויסע שרעק ביי די גאנצע שטאט אפילו ביי די גוים פון שטאט, לפלא האט די ערד ציטערניש אנגעהאלטן פאר די קומענדיגע טעג ביז צום הסתלקות פונעם צדיק.

די גאנצע שטאט וויסענדיג אז דער צדיק איז א איש קדוש מאוד און גאר הייליגע מענטש, זענען זיי אלע געקומען צו לויפן צום שטוב פונעם צדיק בעטענדיג דעם צדיק, אז ער זאל ברענגען א ישועה פאר די שטאט, אבער דער צדיק האט געזאגט בזה"ל, "**פון דעם רעש און ערד ציטערניש וועט איר בעזרת השם ניצול ווערן, אבער איך וועל ענק איבער לאזן**", דאן האבן די נאנטע פארשטאנען, אז דער צדיק האט אויף זיך גענומען צו זיין דער **קרבן ציבור** און מיט דעם ראטעווען די שטאט.

ליידער דעם ערשטן טאג סוכות ביי מעריב, ווען דער צדיק רבי מרדכי'לע זי"ע האט געהאלטן ביי די ווערטער פון **השכיבנו**, איז דער צדיק ליידער צוריק געפאלן און ליידער האט די הייליגע הארץ פונעם צדיק געהאט א שווערע הארץ אטאקע ל"ע, דער צדיק האט פון דעם געהאט יסורים נוראים, אבער דער צדיק האט זיך געשטארקט און געענדיגט מעריב, און נאך אפילו צו געגרייט די סעודה פאר די אורחים וואס זענען געקומען אויף יו"ט.

אבער דאן איז דער צדיק אריין אין בעט, און געווען אין גאר שטארקע יסורים, אבער דער צדיק האט מקבל געווען די יסורים באהבה און געזאגט "**יסורים זיסע, איך בין אייך מקבל באהבה**", דאן האט דער צדיק געבעטן מען זאל אים ברענגען זאלץ צו דערהאלטן דעם צדיק ביים לעבן, און ער האט טועם געווען פון די זאלץ, און דער צדיק האט געבעטן פון זיינע נאנטע, אז מען זאל נישט מאכן קיין רעש און גערודער, ווייל דאס שטערט אים און איז אים מבלבל.

צופרי איז דער צדיק שוין געווען גאר שוואך, און דאן האט ער געבעטן מען זאל אים ברענגען צוויי אתרוגים, **און דער צדיק האט געקושט די אתרוגים און אנגעהויבן זייער וויינען**, פון א שעה בעפאר חצות האט דער צדיק שוין נישט גערעדט, און ליידער איינס אזייגער נאכמיטאג האט דער צדיק צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה ליוצרה, און די וואס האבן זיך אפ געגעבן מיטן גוף קדוש ביי די טהרה האבן מעיד געווען, **אז די פנים פונעם צדיק האט געלויכטן ווי א פלאם פייער און מען האט געזען בחוש אז דא ליגט א איש קדוש מאוד.**

עס איז מקובל פון צדיקים הקודמים, אז דער צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע, ווען מען איז געקומען צו אים מיט א שווערע קוויטל, האט דער צדיק געהייסן, **אז מען זאל קומען צו אים אין די ניין טאג צווישן ראש חודש אב און תשעה באב, ווייל דאן קען ער פועל'ן גרויסע ישועות**, און אידן דערציילן גאר גרויסע ישועות וואס מען זעהט נאך עד היום גייענדיג צום ציון קדוש פון דעם צדיק אין בישטנא אין די ניין טאג.

נסתלק לגנזי מרומים **א' דסוכות ט"ו תשרי בשנת תרנ"ה**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **בישטנא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**דער הייליגער צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע** האט אמאל געזאגט, דער מחבר זאגט דאך ביי הלכות פסח, "**שואלין ודורשין בהלכות הפסח שלושים יום קודם החג**", זאגט דער הייליגער רמ"א, **אז דאס מיינט מען זאל געבן "מאות חיטין" פאר די עניים פון שטאט**, איז לכאורה וואס האט די צוויי זאכן איינס מיטן אנדערן, נאר זאגט דער הייליגער צדיק, **אויב ברויך מען טיילן מאות חיטין פאר די נצרכים, זאל מען אפילו נישט זיין פארנומען מיטן דרשה, ווייל די אמת'ע מצווה בעפאר פסח איז צו באזארגן די נצרכים.**

• • •

**מען זאגט נאך בשם דעם צדיק וקדוש רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע**, אז א ליכט לעילוי נשמת א נשמה איז גאר א גרויסע זאך, און ח"ו ווען מען לעשט אויס א נשמה ליכט, **איז דאס אזוי ווי מען דערווערגט א לעבעדיגע מענטש רח"ל.**

• • •

**עס איז באוויסט דעם הקפדה** פון דעם צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע, אז פורים צופרי זאל מען אויס זאגן **גאנץ תהילים**, און דער צדיק האט געזאגט, **אז ווער עס וויל זיך פאריפן אלס א נדבורנא חסיד, מיז אויס זאגן גאנץ תהילים פורים צופרי.**

• • •

**אמאל איז א חסיד געקומען צום צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע**, און זיך זייער אויס געריעדט דאס הארץ, אז ליידער איז זיין מצב אין פרנסה זייער שווער, און ער האט געבעטן דעם רבין אז ער זאל אים אנוואונטשן הצלחה, האט אים דער הייליגער צדיק געזאגט, "**טוט תשובה וועסטו האבן פרנסה**", ווען דער צדיק האט געזען ווי דער איד וואונדערט זיך, ווי קומען די צוויי זאכן פרנסה און תשובה צוזאמען, האט דאס דער צדיק ערקלערט פארן חסיד.

חז"ל זאגן דאך אז דער גרויסער באשעפער האט ארויס גענומען **א מטבע של אש פון אונטער דעם כסא הכבוד, און ער האט דאס געוויזן פאר משה**, און חז"ל זאגן דאך **גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד**, אז תשובה איז אזוי גרויס אז עס קומט אן ביזן כסא הכבוד, יעצט אויב טוט מען תשובה קומט מען דאך אן ביזן כסא הכבוד, **נא אז מען שטייט שוין ביים כסא הכבוד, קען מען שוין ארויס נעמען אפאר מטבעות.**

• • •

**ווי באקאנט האט דער צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע** געהאט זיין הייליגע דרך אין עבודת השם מיטן דאווענען גאר שפעט, פארשטייט זיך אז עס זענען געווען אזעלע וואס עס האט זיי נישט געשמעקט די עבודה, האט איינמאל א איד געפרעגט דעם צדיק, היתכן די רבי האט נאכנישט געדאווענט עס איז דאך זייער שפעט, האט דער צדיק געפרעגט, **ווער זאגט אז עס איז שפעט**, האט יענער געוויזן אויפן זייגער, האט דער צדיק וקדוש געזאגט בזה"ל, "**דער זייגער האט נישט וואס צו טון, דערפאר דרייט ער זיך, אבער מרדכי'לע האט יא וואס צו טון**".

• • •

**און ספר מאמר מרדכי פרשת כי תבא** אויפן פסוק "ידבק ד' בך את הדבר" שטייט, אז רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע האט אמאל געזאגט בזה"ל, "**ווען איך בין נאך געווען א קליין יונגל ווען איך האב אנגעהויבן צו לערנען גמרא בעיון, האב איך אמאל געפרעגט מיין טאטן זי"ע, ווי אזוי קען איך מקיים זיין די פסוק "שויתי ד' לנגדי תמיד", איך בין דאך טרוד און אריין געטוען אין לערנען דעם גאנצן טאג, האט מיר מיין פאטער געענטפערט, אפי"כ ביזטו מחוייב מקיים צו זיין דעם "שויתי"**.

איך האב דעמאלט בשעת מעשה נישט פארשטאנען די הייליגע ווערטער, האט דער רבי מרדכי געזאגט, ווייל ס'האט מיר אויס געזען ווי אן אום מעגליכע זאך, אבער שפעטער ווען איך בין עלטער געווארן, און איך האב זוכה געווען אז מיינע אויגן זאלן לייכטן במאור התורה, האט רבי מרדכי'לע ווייטער געזאגט, אז דאן האב איך שוין פארשטאנען.

אז אויב א איד לערנט תורה לשמה און האט בכלל נישט אינזין קיין הנאת עצמו, נאר הארעוועט אויף תורה כל כולו לשם שמים, לעשות נחת רוח לבורא ברוך הוא, אזא איינער איז זוכה צו זעהן פאר זיך די שם השם כסדר, אפי' ווען ער איז פארטיפט אין זיינע מחשבות, און ער איז פארזינקען בלימוד ובפלפול התורה.

• • •

**אמאל איז אריינקומען א איד מיט א קוויטל** צום הייליגן צדיק הרה"ק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע בעפאר ר"ה, און ווען דער איד האט געהאלטן ביים ארויסגיין פון שטוב, האט דער הייליגער צדיק רבי מרדכי'לע באמערקט, אז דער איד יאגט זיך זייער שטארק, האט ער געפרעגט דעם איד ווי ער יאגט זיך, האט דער איד געענטפערט, **אז ער איז א חזן אין א שטאט, און ער וויל זעהן אויב דער מחזור איז נאך גוט פון פאריאר.**

ווען ער האט געהערט די ווערטער פון דעם איד, האט דער ר' מרדכי'לע א געשריי געגעבן און געזאגט, "**די מָ"ק וואס דו ביסט (מָ"ק איז ר"ת מוח קטן, און דער רבי מרדכי'לע פלעגט רופען איינער וואס איז געווען א שוואכער בר דעת מ"ק), דער מחזור איז נאך גוט פון פאריאר, נאר די דארפסט קוקן צו די ביסט געבליבן די זעלבע פון פאריאר**".

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע** איז אמאל געפארן צום הייליגען רוז'ינער זי"ע אין שטאט סדיגורא, און ער האט זיך נישט אויסגעגעבן פאר קיינעם ווער ער איז, און ביים הייליגן רוז'שינער איז געווען איינגעפירט, אז ווען ער איז ארויס געקומען פון זיין חדר מיוחד, האט זיך דער גאנצע עולם וועלכע איז דארטן געשטאנען ארום, אויס געשטעלט אין צוויי שורות, און דער רוז'ינער פלעגט דורך גיין צווישן די צוויי רייען מיט צו געמאכטע אויגן, און אזוי האט ער געגעבן שלום פאר יעדן איינעם.

ווען ער איז אנגעקומען צו רבי מרדכי'לע, האט זיך דער רוז'ינער פלוצלינג אויפגעמאכט די אויגן, און ער האט געפרעגט, **וועד איז דער יונגערמאן**, האט זיך רבי מרדכי'לע אנגערופן, **איך בין פון נדבורנא**, האט דער רוז'ינער ווייטער געפרעגט, זענ**ט איר אפשר א זון פון דעם רבי בערצי זי"ע**, האט זיך רבי מרדכי'לע אנגערופן, **יא**, **זענט איר אפשר דער יונגסטע**, האט דער רוז'ינער ווייטער געפרעגט, האט רבי מרדכי'לע געענטפערט **יא**.

דער רוז'ינער האט דערנאך אנגעכאפט די האנט פון רבי מרדכי'לע, און עס געדרוקט מיט זיינע צוויי הייליגע הענט בדרך חיבה, און דאן האט דער רוז'ינער צו געלייגט רבי מרדכי'לעס קאפ צו זיין הארץ, זאגנדיג צו אים, **הערט ווי מיין הארץ קלאפט**, דערנאך האט זיך דער רוז'ינער געשטעלט דאווענען.

פרייטאג צו נאכט, איידער דער רוז'ינער זי"ע, איז אריין געקומען פירן טיש, איז זיין גבאי ארויס געקומען פון רבין'ס צומער, כדי צו איין טיילן די זיץ פלעצער פון די אנשים מכובדים אויבן אן ביים טיש, רבי מרדכי'לע איז דעמאלט געזעצן אין ביהמ"ד אין א ווינקל, און ער האט אריין געקוקט אין א ספר, דער ריז'שינער'ס גבאי איז צוגעגאנגען צו דער רבי מרדכי'לע, און ער האט געבעטן אויפן באפעל פון רוז'ינער, **אז ער זאל ארויף גיין אויבן אן זיך זעצן ביים טיש, לעבן די שטיל פון רוז'ינער זי"ע**.

רבי מרדכי'לע איז געווארן דערציטערט, און צוריק געפאלן צוריקוועגס פון די עצם רעיון, ס'טייטש ער זאל זיצן לעבן דעם צדיק הדור, דער הייליגע רוז'ינער, בפרט נאך א יונגערמאן ווי ער איז, און ער האט נישט געוואלט ארויף גיין, דער גבאי איז דארנאך אריין געגאנגען אל הקודש פנימה, אין צומער פונעם רוז'ינער, און ער האט אים איבער געגעבן אז דער יונגערמאן פון נדבורנא רבי מרדכי'לע, וויל זיך נישט זעצן אויבן אן, האט דער רוז'ינער געבעטן **אז ער זאל אים ווידער בעטן**, און רבי מרדכי'לע האט ווייטער נישט געוואלט.

האט דער רוז'ינער דערנאך געלאזט באפעלן מיט'ן גבאי'ן פאר רבי מרדכי'לע, צום דריטן מאל, **אז אויב ער גייט נישט ארויף אויבן אן ביים טיש קומט ער נישט אריין**, און די דאזיגע מעלדונג, האט געמאכט א גרויס געטומל צווישן די חסידים, ס'טייטשט דער רבי וויל נישט פירן טיש צוליב יענעם יונגערמאן, רבי מרדכי'לע האט שוין געזען אז ער קען שוין מער נישט אפזאגען,

איז ער בלית ברירה ארויף געגאנגען אויבן אן, און זיך געזעצט אויבען אן ביים טיש, און באלד דערנאך איז טאקע דער הייליגע רוז'ינער זי"ע אריין געקומען פירן טיש, און ער האט זיך באלד אויסגעדרייט צו רבי מרדכי'לע, און ער האט זיך אנגערופן צו אים בזה"ל, "**אמאל פירט מען טיש צוליב איינעם, און אמאל פירט מען "נישט" קיין טיש צוליב איין מענטש**".

נאך דעם ווי דער רוז'ינער האט טועם געווען פון די מאכלים, האט ער אוועק גערוקט דעם טעלער פון די מאכלים צו רבי מרדכי'לע אז ער זאל אליין נעמען שיריים, רבי מרדכי'לע האט שפעטער אמאל געזאגט בזה"ל, "**דער הייליגער רוז'ינער האט געוויסט וואס ער גיט מיר, און איך האב געוויסט וואס ער גיבט מיר**", און דער רוז'ינער האט זיך דעמאלט אנגערופן בזה"ל, "**דער שכינה שיינט אויפן פנים פון יענעם יונגערמאן**", און ער האט בשעת מעשה עטליכע מאל געגלעט און געקושט זיינע פאות, זאגנדיג, **אז ער קישט א מזוזה**.

נאך שבת האט אים דער רוז'ינער געבענטשט, זאגנדיג בזה"ל, "**אוודאי ווער עס דינט דעם באשעפער בלב שלם, פאר אים איז שיין, און פאר אים פאסט צו זיין א רבי, די זאלסט זיין א רבי און א מנהיג ישראל, און די זאלסט נעמען קוויטלעך, און פירן אן עדה אידן ביד רמה**", און אזוי ארום איז דער הייליגער רבי מרדכי'לע נסמך געווארן פון איינע פון די גרויסע צדיקי הדור, אלס רבי וקדוש ישראל.

• • •

**אמאל האט דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע**, צוזאמען מיט זיין זון דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, באזיכט ביי רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע, אינמיטן האט זיך רבי מאיר'ל אנגערופן צו די געסט בזה"ל, "**וואלט איר פריער געקומען וואלט איר נאך זוכה געווען, אן צו זעטיגן אייערע אויגן פון דעם שטראלעדיגע צורה פון מיין מרדכי'לע, ער האט דער צורה פון יוסף הצדיק**", ווי נאר דער שינאוו'ער רב האט דאס געהערט, איז ער

באלד ארויס געלאפן אין גאס, און נאך געפארן נאך רבי מרדכי'לע עטליכע מייל מיט זיין געדינגענער קאראטע, **נאר כדי א בליק צו טון אויפן צדיק רבי מרדכי'לע**.

• • •

**מען פארציילט**, אז דער צדיק רבי מרדכי'לע איז געווען אמאל אין שטאט סיגעט, און מען האט אים איינגעלאדנט אנטייל צונעמען ביי א ברית מילה, און דער הייליגער ייטב לב זי"ע איז געווען מוהל, און דעם רבי מרדכי'לע האט מען מכבד געווען מיט סנדקאות און זאגן די ברכות, דער ייטב לב זי"ע האט אבער געוואוסט אז רבי מרדכי'לע איז זיך נוהג צו דאווענען זייער שפעט שחרית, האט ער געפרעגט דעם רבין ר' מרדכי'לע, ווען ער קלערט צו קומען צום ברית, האט זיך אנגערופן דער רבי מרדכי'לע בזה"ל: "**אזוי, צווייע דרייע**".

ווי באקאנט איז דעם ייטב לב'ס התנהגות געווען מיט זייער א פינקטליכע סדר, איז ער טאקע געקומען צווי א זייגער צו די ברית, דער רבי מרדכי'לע האט זיך אבער פארשפעטיגט, און ער איז אנגעקומען אסאך שפעטער הערשט אום פינעף אזייגער איז ער געקומען, אריינקומענדיג אין ביהמ"ד האט זיך אנגערופן דער ייטב לב צו רבי מרדכי'לע, "**איהר האט דאך געזאגט אז איר וועט קומען צווייע דרייע, פארוואס האט איר זיך אזוי פארשפעטיגט ביז פינעף אזייגער**".

האט זיך אנגערופן רבי מרדכי'לע בדרך צחות, "נו, **צווי מיט דריי איז טאקע פינעף**", נאכ'ן ברית האט זיך אנגערופן דער ייטב לב צו זיין גבאי, "**עס איז כדאי געווען צו ווארטען עטליכע שעה, צו הערן דעם "זה הכסא", ווייל זייט דער רבי הירש מרימנוב זי"ע, האב איך נישט געהערט אזעלכע ברכות, איך וואלט חשק געהאט אים צו הערן נאכאמאל דאווענען**".

• • •

**אמאל איז געקומען צום צדיק רבי מרדכי'לע זי"ע** איינער וועלכע איז געגאנגען מיט צופלויגענע פיאות, נישט צוזאמען גענומען, האט זיך רבי מרדכי'לע געבייזערט אויף אים בזה"ל, "**די ווייסט אז די פיאות דארפן אויך זיין בהידור, שיין און צוזאמען גענומען, און דיינע פיאות זענען אזוי ווי בעזעמעס, דעריבער זאלסטו זעהן נזהר צו זיין אז די פיאות זאלן זיין צוזאמען גענומען שיין, וועסטו מקיים די דאזיגע מצוה מיט א הידור**".

• • •

**איין מאל איז געקומען א איד צו רבי מרדכי'לע,** און האט אראפ געלייגט אויפן טיש א קוויטל מיט א פדיון, האט אים רבי מרדכי'לע געפרעגט וואס איז דיין בקשה, האט דער איד זיך אן גערופן, "**איך האב נישט קיין בקשה, איך בין נאר געקומען קענען דעם רבי'ן**", האט זיך רבי מרדכי'לע געבייזערט אויף יענעם איד, זאגענדיג בזה"ל, "**איז דען מרדכי א קאמעדע (א שוי שפילער), אז מען קוקט אים אן זאל ער נעמען געלט**", און האט נישט געוואלט צונעמען דאס געלט.

• • •

**איינמאל ביים טיש האט דער צדיק רבי מרדכי'לע געזאגט**, אז מען זאל נישט שטעלן קיין וויין ביים טיש, און ער האט געזאגט דער טעם, ווייל עס זענען פאראן מענטשן וועלעכע האבן נישט קיין געלט, אבער פונדעסטוועגן שטעלן זיי וויין ביים טיש, ווייל ער זעט אז זיין חבר שטעלט וויין ביים טיש, און ער וויל נישט מען זאל וויסן אז ער האט נישט קיין געלד, שטעלט ער אויך וויין.

קומט דאך אויס אז דאס שטעלן וויין קומט אים אן זייער שווער, און עס איז אים בנפשו, דערנאך טרונקט מען דאס בלוט פון יענער מענטש, און ווי די פסוק זאגט (ויקרא י"ז י"ד) **כִּי נֶפֶשׁ כָּל בָּשָׂר דָּמוֹ בְנַפְשׁוֹ הוּא**, דעריבער בעט ער אז מען זאל נישט שטעלן וויין ביים טיש.

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי מרדכי'לע איז געווען אן איש פלא,** ער האט געהאט אפענע אויגן, וכל רז לא אניס ליה, איינמאל האט פאסירט אז איינער א חסיד'ישע איד, פון די מקורבים ביים רבי'ן רבי מרדכי'לע, האט זיך גענויטיגט אין א ישועה, ווייל ער האט געליטן שטארק פון זיינע גוי'שע שכנים, און ער האט געהאט אויסצושטיין פול צרות פון זיי.

ער האט אבער נישט מזכיר געווען פאר רבי מרדכי'לע וועגן זיין פראבלעם, נישט וועלנדיג אים שטערן אין זיינע זאכן, אבער ווען איינער פון די גוים האט אים שוין געסטראשעט מיט'ן ערגסטן, האט אים די פרוי שטארק דערקוטשעט און געבעטן, אז ער זאל אריין גיין צום רבי'ן און ער זאל מזכיר זיין זיין בקשה.

אריינקומענדיג אינעווייניג אין צימער, האט אים רבי מרדכי'לע גארנישט געפרעגט, נאר ער

האט אים געהייסן אז ער זאל זיך אוועק רוקן אין א זייט, און ער האט אים געזאגט בזה"ל, "**דו מאק לויף אהין**" און ווייטער געהייסן "**דו מאק לויף אהין**", אזוי האט ער אים געהייסן לויפן עטליכע מאל, יענער איד איז געבליבן נבהל ונשתומם, וואס וויל דא דער רבי פון מיר, און מיט גרויס שרעק איז ער ארום געלאפן אין צומער עטליכע מאל ווי דער רבי האט אים געהייסן, נאך דעם האט אים דער רבי געזאגט, **אז ער זאל גיין אהיים און עס וועט אים גארנישט פאסירן**.

אהיים קומענדיג האט ער פארציילט פאר זיין פרוי וואס דער רבי האט מיט אים געטוען, אזוי רעדנדיג ביי זיין טיש מיט זיין פרוי, האט זיך יענע איד אינטער געהויבן פון זיין ארט ביים טיש, וועלנדיג אנווייזן ווי אזוי דער רבי האט אים געהייסן אוועק רוקן זיך אויף דער אנדערע זייט, האט ער זיך אוועק גערוקט פון זיין ארט, און זיך געשטעלט אויף אן אנדער ארט, און געוויזן דערביי צו זיין פרוי, "**זעסט אזוי האט מיר דער רבי געהייסן זיך אוועק רוקן אויפן אנדערע זייט**".

אין יענע מאמענט האט מען אריין געשאסן א קויל דורך דעם פענסטער, און עס איז א דורך געפלויגן פונקט אויף יענעם ארט ווי יענע איד איז פריער געזעצן ביים טיש, און אזוי ווי ער האט זיך פונקט באותו רגע אויף געהויבן און זיך אוועק געשטעלט אויף א צווייטן ארט, איז אים געלונגען בדרך נס און בחסדי השם, אז דער קויל האט אים נישט געטראפן ח"ו, און אזוי ארום איז יענע איד ניצול געווארן ממות לחיים.

שפעטער איז יענער איד געוואר געווארן, אז די ערלים זיינע שונאים, האבן געהאט באשלאסן צווישן זיך, אז ווען ער וועט זיך זעצן עסן נאכטמאל ביים טיש, וועלן זיי אריין שיסן א קויל דורכ'ן פענסטער, און אים הרג'ענען רח"ל, און דאס אלעס האט רבי מרדכי'לע געזען אינעווייניג אין קוויטל, עיניו צופיות למרחוק, און מיט דעם וואס ער האט אים געהייסן, אז ער זאל זיך אוועק ציען אויף אן אנדערע זייט, דערמיט האט ער אים געלערנט און מרמז געווען אז ער זאל וויסן זיך אויף צו הייבן פון זיין ארט, בכדי אז ער זאל ניצול ווערן פון די הענט פון די רשעים, וועלכע האבן געלאקערט אויף אים שלעכטס צו טוען, און מיט זיינע הייליגע ווייטע אויגן האט ער דאס שוין פון פאראויס געזען, און פון ווייטנס אויס געפועלט א ישועה.

• • •

**איינמאל איז איינער געקומען צו רבי מרדכי'לע אויף יום הקדוש**, און יענער איד האט אבער פארגעסן זיינע ברילן אינדערהיים, ווען רבי מרדכי'לע איז אריין געקומען אין ביהמ"ד צו כל נדרי, האט ער געזען ווי א איד וויינט זייער שטארק, האט ער אים געפרעגט פארוואס ער וויינט אזוי, האט זיך יענער איד אנגערופן, **אז ער האט נישט קיין ברילן און ער קען נישט דאווענען**.

האט זיך רבי מרדכי'לע אנגערופן בזה"ל, "**נו, זעהט מען אן ברילן**", דערציילט דער איד, אז פון דעמאלטס אן האט יענע איד אנגעהויבן צו זען אן ברילן, און א גאנץ לעבן האט ער נישט געדארפט אנקומען צו קיין ברילן, **ער האט אויך געהאט אריכות ימים, און ער האט געלעבט 104 יאר**.

• • •

**א איד וואס האט געהאט א טאכטער אין שידוכים** פאר א שיינע פאר יאר, און עפעס האט זיך נישט גערוקט קיין שידוך פארן טאכטער, ער האט געליינט אן ארטיקל וואס א איד האט געשריבן, ווי אזוי ער איז געהאלפן געווארן מיט א שידוך מיט זיין זון דורכ'ן גיין צום ציון פונעם צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע אין די ניין טעג.

האט דער איד אפ געמאכט, אז ער כאפט זיך אריבער קיין **בישטנא אין די ניין טעג**, און בעזהשי"ת וועט ער אהיים ברענגען ישועות, דערציילט דער איד, נישט לאנג נאכן אהיים קומען האט זיך אנגעהויבן קאכן א שידוך, און צוויי וואכן בעפאר ראש השנה האט דער איד בשעה טובה געשלאסן שידוך מיט זיין טאכטער.

• • •

**איינמאל איז רבי מרדכי'לע געווען אויף א שבת** אין די שטאט טעטש, און ס'האט דעמאלטס געהערשט א גרויס טרוקעניש אין די מדינה, וויל ס'האט זייער ווייניג גערעגנט יענעם יאר, רבי מרדכי'לע האט זיך אנגערופן **אז ער וועט זיך נישט שטעלן דאווענען ביז ס'וועט קומען א רעגן**, און עס איז שוין דאן געווען שפעט נאכמיטאג, פלוצלונג האט זיך גענומען רעגענען, און ערשט דערנאך האט זיך רבי מרדכי'לע געשטעלט דאווענען.

• • •

**איינמאל איז געקומען צום רבי מרדכי'לע**, א איד פון בוקארעסט, מיט'ן נאמען פישל וויטנער, וועלכע האט געהאט א קראנקע טאכטער, און זי פלעגט שטארק צו צוטערן רח"ל, און מען איז שוין געווען ביי אלע דאקטורים און ס'האט גארנישט געהאלפן, אלע דאקטורים האבן געזאגט אז עס איז ליידער נישט דא מיט וואס צו העלפן פאר זיין טאכטער, און דער איד איז געווען שטארק צובראכן.

יענער איד איז געווען א גרויסע אויפזעהר ביים שטייער אמט, אבער ער איז נעבעך נישט געווען קיין שומר תורה און מצות, און רבי מרדכי'לע האט אים אנגעווינטשן בזה"ל, "**דיין טאכטער וועט האבן א רפואה, און די א ישועה**", ווייל רבי מרדכי'לע האט אויפן פנים פון דעם איד געזען מיט זיינע הייליגע אויגן, אז עס טליעט נאך עפעס א פונק פון אידישקייט, און ער האט געוואלט אז דער פונק זאל זיך צופלאקערן, און עס זאל זיך אין אים ערוועקן דאס אידישע געפיל, דעריבער האט ער אים געווינטשן מיט די ווערטער "**אין די א ישועה**", און דערמיט האט ער אים מרמז געווען אז ער דארף אויך א ישועה ברוחניות, און ער זאל תשובה טוען.

כך הוה, פון יענע הייליגע ווערטער האט זיך אין יענעם איד צוריק געוועקט דאס פינטעלע אידישקייט אין זיין הארץ, און ער האט באשלאסן תשובה צו טוען.

ער איז געבליבן ביי רבי מרדכי'לע א שטיק צייט, און ער איז געווארן אן אמת'דיגע בעל-תשובה, און פארשטייט זיך אז זיין טאכטער איז דערנאך אויך געזונט געווארן, אלעס פונעם גרויסן כח און קדושה פון דעם צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע.

• • •

**עס איז געווען בשעת די מלחמה יארן**, זענען 27 בחורים אינאיינעם נעבעך געפארן אין מיליטער דינען קיין מונקא טאבר, אויפן וועג זענען זיי דורך געפארן דעם שטאט בישטנא, ווי דער הייליגער רבי מרדכי'לע ליגט, און זיי האבן אלע אינאיינעם מחליט געווען, זיך אריין צו כאפן צום ציון קדשו פון דעם הייליגען רבי מרדכי'לע, און בעטן רחמי שמים אז זיי זאלן ניצול ווערן פון די שווערע מלחמה, אין מיט די הכנה זענען זיי ווייטער געפארן.

שפעטער ווען עס איז א דורך דער קריג, האט א איד געוואלט זעהן ווי די זיבען אין צוואנציג בחורים זענען, צו האבן זיי איבער געלעבט דעם קריג, צי נישט, און ער האט געינישטערט און געזוכט, ביז ער האט צוזאם געטראפן זעקס און צוואנציג פון די זיבען און צוואנציג בחורים, און דאס אליינ'ס איז געווען א גרויס וואונדער, ווייל וויפיל זענען ליידער אומגעקומען ל"ע, און שפעטער האט דער איד באקומען גריסען, אז דער זיבען און צוואנציגסטער איז אויך געבליבן לעבן און איז אין ארץ ישראל, און דער איד איז געווען זיכער, אז דאס האט געמיזט זיין אין זכות פון דעם צדיק רבי מרדכי'לע.

• • •

**א איד האט דערציילט**, אז זיין'ס א קרובה וואס איז געבליבען נאך די מלחמה וואוינען אין שטאט סעליש, נישט ווייט פון חוסט והגלילות, האט אים דערציילט, אז עס איז געווען א איד וואס זיין טאכטער איז נעבעך זייער נישט געזונט געווארן, רח"ל, און ער איז אין זיין צער געפארן צום ציון הק' פון דעם הייליגען רבי מרדכי'לע פון נאדבורנא, אויס בעטן א ישועה.

עס איז געקומען אויף דער נאכט, חלומ'ט ער זיך, אז דער רבי מרדכי'לע איז אים געקומען אין חלום, און ער האט אים געזאגט, **אז ביי אים אין שטאט איז נישט דא קיין מקו', אזוי ווי די דארפסט דאך א ישועה פאר דיין טאכטער, אז די וועסט בויען א מקוה אין די שטאט, וועט דיין טאכטער האבען א ישועה**, אין כך הוה ער האט געבויעט א מקוה, אין זיין טאכטער האט געהאט א ישועה מן השמים.

• • •

**א בחור וואס איז געווען אין שידוכים** און איז שוין געווען איבער די 26 יאר אלט, ער האט געהערט פון א חבר זיינער, אז עס איז דא א גרויסע סגולה צו פארן קיין בישטנא צום ציון פונעם הייליגער צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע אין די ניין טעג, האט זיך דער בחור אריבער געכאפט קיין בישטנא, און איז דארט געווען **ו' אב**, און האט דארט מתפלל געווען ביים צדיק, אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א שידוך, דערציילט דער בחור

פיר וואכן שפעטער **ו' אלול איז ער א חתן געווארן**, און דעם שידוך האט מען דאס ערשטע מאל אן געטראגן צוויי וואכן נאכן זיין אין בישטנא ביים ציון פונעם צדיק וקדוש.

• • •

**עס איז דא א באוואוסטע מעשה**, עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין בישטנא, אין די צייטען וואס דער הייליגער רבי מרדכי'לע פון נדבורנא האט דארט געוואוינט, דער איד איז גראדע געווען א וויזשניצער חסיד, ער פלעגט כסדר פארן צום הייליגען צדיק הרה"ק **רבי מנחם מענדל בעל צמח צדיק מויזניץ** זי"ע, און ער איז געפארן צום הייליגען צמח צדיק אויף ראש השנה, און אנקומענדיג אהיים קיין בישטנא נאך ראש השנה, איז ער געגאנגען צו רבי מרדכי'לע שלום נעמען.

האט אים רבי מרדכי'לע געפרעגט, **וויפיל אזייגער האט דער וויזשניצער רבי געזאגט ברכות**, האט ער געענטפערט די צייט, רופט דער רבי מרדכי'לע אריין זיין גבאי, און פרעגט אים, וויפיל אזייגער האבען מיר געזאגט ברכות, און עס איז אויס געקומען די זעלבע צייט, און אזוי האט ער אים אויסגעפרעגט אלע איינצעלהייטען, ווען מען האט אן געהויבען יעדע חלק התפלה, און עס איז אלעס אויס געקומען די זעלבע צייט, ווי דער רבי מרדכ'לע האט געדאווענט, אזוי ביז נאך תקיעת שופר, איז אלעס אויס געקומען די זעלבע צייט אין וויזשניץ, ווי ביים הייליגען רבי מרדכי'לע אין בית המדרש.

האט רבי מרדכי'לע זיך אן גערופען, מרדכי'לע שטייט אויף ראש השנה אינדערפרי און זעהט אז די הימל איז אינגאנצן פארוואלקענט, מען קען נישט דאווענען, גייט דורך א שטיקל צייט, און מרדכי'לע זעהט אז עס געט זיך עפעס א ריר, די וואלקענעס הייבן זיך אן צו ריקען, פרעגט מרדכי'לע אהן אויבן אין הימל, וואס האט פאסירט, דורך וואס ריקען זיך די וואלקענעס אוועק, האט מען געענטפערט פון הימל, אז רבי' ר' מענדעלע וויזשניצער גייט איצט אין מקו' אריין, זאגט רבי מרדכי'לע, אזוי ווי איך האב דאס געהערט האב איך מיך מיט געכאפט, און איך בין אויך געגאנגען אין מקו' אריין.

דערנאך זעהט מרדכי'לע אז עס ריקט זיך ווייטער, פרעגט ער אויבן וואס גייט פאר וואס האט פאסירט, זאגט מען אויבן, אז רבי מענדעלע וויזשניצער זאגט אדון עולם, האט רבי מרדכי'לע צוזאם גערופען דעם גאנצען עולם, שוין זיך צו שטעלן דאווענען, און דאס איז געווען א גרויסע פלא, ווייל ביי רבי מרדכלי'ע פלעגט מען קיינמאל נישט דאווענען אזוי פרי, און דערפאר האט מען געדארפט צוזאם רופען דעם עולם.

דערציילט רבי מרדכי'לע, איך האב מיך מיט געכאפט, און אזוי ווייטער, ביי יעדע שטיקל פון דעם דאווענען, ביז תקיעת שופר, און פלוצלינג האב איך דערזעהן אז דעם גאנצע הימל איז ריין, אן קיין שום וואלקען ממש ריין, פרעגט מרדכי'לע אהן אויבען אין הימל וואס איז פשט, האט מען געזאגט אז רבי מענדעלע בלאזט שופר, האב איך מיך מיט אים מיט געכאפט, דאן האט דער חסיד געזען, אז דער צדיק רבי מרדכי'לע האט הייליגע אויגן און זעהט אלעס.

• • •

**הרה"ק רבי מרדכי'לע זי"ע האט אמאל געוואלט מקיים זיין מצות ביכורים**, ווייל חז"ל זאגן דאך (כתובות קה:), אז ווער עס ברענגט א מתנה פאר א תלמיד חכם איז גלייך ווי ער וואלט מקריב געווען **ביכורים**, האט רבי מרדכי'לע גענומען וואל פון א שעפעלע וואס מען האט מקיים געווען מצות ראשית הגז, און געשפינט א בינטל ציצית, און עס געשיקט פאר'ן צאנזער רב א מתנה מיט א געהויבען חסיד.

ווען דער חסיד איז אנגעקומען קיין צאנז, איז עס געווען ביים דברי חיים מורא'דיג חשוב, און ער האט געבעטען מען זאל עס תיכף ארויף לייגן אויף א טלית, עס איז געווען ערב שבת פארנאכט, און עס איז שוין נישט געווען קיין צייט עס צו קניפן בשלימות מיט אלע "חוליות", האט דער צאנזער רב באפוילן מען זאל קניפן די פיר ציצית נאר מיט די אויבערשטע קניפן און מ'זאל מאכן דעם "קשר עליון" עס זאל זיין כשר, ווייל ער וויל דערמיט דאווענען שבת.

ווען דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט געזען אז עס איז א וואונדער פאר זיין זון דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, פארוואס רבי מרדכי'לע האט ביים דברי חיים אזא גרויסע חשיבות, ווייל דער רבי מרדכי'לע דאווענט דאך

שפעט, האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט פאר זיין הייליגן זון, **אז ער זאל וויסן אז רבי מרדכי'לע' איז א איש קדוש וטהור וכל מעשיו לשם שמים**.

• • •

**הרה"ק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע** האט זיך אמאל אנגערופן צו הגה"ק רבי הירש יוסף דומ"ץ בסקאליע זי"ע בזה"ל, "**איי הירש יאסל! דו מיינסט דאך אוודאי אז איך האב נישט קיין פאראיבל פארוואס איך גיי ארום מיט צוריסענע קליידער, איך וויס וואס חז"ל זאגן (שבת קי"ד) אמר רבי יוחנן גנאי הוא לת"ח שיצא במנעלים המטולאים לשוק**", גלייב מיר אז ווען איך קום אן צו די באן און איך זעה ווי מען ווייזט אן אויף מיר מיט די פינגער, "**דאס איז דער ראבינער**", און איך גיי אנגעטוען ווי איינער פון די אורחי פורחי, פארשאפט דאס מיר יסורי איוב, אבער וואס זאל איך טוען, אז ביי איין גלגול בין איך געווען א כהן גדול, און ווען איך בין געגאנגען אין בית המקדש אנגעטוען מיט די בגדי זהב, איז מיר געקומען אויפ'ן הארץ א שמץ גיאות ר"ל, דעריבער דארף איך דאס יעצט מתקן זיין.

• • •

**אמאל האט הגה"ק רבי משה חיים ווייס בעל ברית משה זי"ע**, געברענגט פאר'ן רבי'ן ר' מרדכי'לע א שטיקל זיידענע סחורה כדי צו מאכן דערפון א קאפטן, און מען האט דערנאך טאקע אויפגענייט א זיידענע בעקיטשע פאר רבי מרדכי'לע, אבער נאך א קורצע צייט האט זיך דער קאפטן צעריסן, רבי משה חיים האט געטראכט ביי זיך, אז אויב דער קאפטן האט זיך אזוי שנעל צעריסן, מסתמא איז דער זיידן נישט געווען פון א פיינעם שטאף, רבי משה חיים האט געהאט גרויס עגמת נפש דערפון.

דער רבי מרדכי'לע האט באלד מרגיש געווען זיין מחשבה, און ער האט זיך אנגערופן צו רבי משה חיים, "**איר זאלט נישט האבן קיין עגמת נפש אז די נייע בעקיטשע האט זיך אזוי שנעל צעריסן, ווייל די זיידענע סחורה וואס איר האט געברענגט איז גראדע געווען זעהר א גוטער שטאף**, **נאר ווייל איך מוז גיין אנגעטוען אין צוריסענע קליידער, דעריבער האט זיך דער קאפטן אזוי שנעל צעריסן**".

• • •

**איינמאל זענען אריין צום צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע** א גרופע בחורים וועלכע האבן זיך געברויכט שטעלן צום מיליטער, און זיי האבן זיך באקלאגט פאר'ן רבי'ן אז ביי דעם דאקטוירישן פאראיין וועלכע אונטערזוכן די וועלכע שטעלן זיך צום מיליטער, זיצט א גוט-הארציגער דאקטאר וואס מען קען זיך מיט אים דורך קומען, אז מען רוקט אים אריין געלט אין די הענט, אבער נעבן אים זיצט א באאמטער פונעם ראנג וואס מען רופט א '**מאיאר**', און דער איז א שלעכטער פארביסענער מענטש און ער טוט יעדן באשטעטיגן אלס פאסיג צום מיליטער.

האט דער רבי געענטפערט פאר די בחורים, עטס דאווענט דאך זיכער יעדן אינדערפרי, און עטס זאגט ביים דאווענען **המאיר לארץ**, די כוונה איז **אז דער מאיא"ר זאל גיין אין דער ערד**, לפלא נישט לאנג נאכדעם האט מען געזען, אז צדיק גוזר והקב"ה מקיים, יענע נאכט האט דער מאיאר געריטן אויף זיין פערד, פלוצלונג האט זיך דער פערד איבערגעשראקן און ער האט אנגעהויבן צו ווילדעווען, ביז ער האט אראפ געווארפן דעם רייטער אויף דער ערד, **און דער מאיאר איז גע'הרג'עט געווארן אויפ'ן פלאץ**, כן יאבדו כל אויביך ד'.

• • •

**איינע פון די נאדבורנא חסידים האט דערציילט**, אז זיין זיידע האט געוואוינט אין פולין, ער איז געווען אן איידעם אין די שטאט סיגוט, און וויבאלד עס זענען דורך איבער צען יאר וואס ער איז נישט געהאלפן געווארן מיט קינדער ל"ע, האט ער זיך געוואלט גט'ן, ער איז געקומען קיין סיגוט מען זאל פונקטליך מסדר זיין די איינצעלהייטן פון דעם גט.

עס האט זיך אזוי געפירט פון הימל, אז הרה"ק רבי מרדכי'לע איז דעמאלט געווען אין די שטאט סיגוט, האט דער יונגערמאן געטראכט, אז בעפאר ער גייט טוען אזא שריט פון געבן א גט פאר זיין ווייב, וועט ער גיין נעמען אן הסכמה פון הרה"ק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע, ווען ער איז דארט אן געקומען, האט ער געזען אז עס זענען דארט דא הונדערטער מענטשן וואס ווילן אריינגיין באקומען עצות און ברכות, און ער האט זיך שוין כמעט מייאש געווען פון אריינגיין צום צדיק, אבער ער האט זיך אוועק געשטעלט נאנט צו די פארמאכטע טיר, און ער האט געקלערט ביי זיך, אז

אפשר דאך וועט אים יא געלונגען צו באקומען עפעס א ברכה.

פלוצלונג גיבט זיך די טיר אן עפען אויף, און ער דער זעהט די לעכטיגע צורה פונעם רבי'ן רבי מרדכי'לע, און רבי מרדכי'לע קערט זיך צו אים און זאגט אים בלשון קדשו, "**זארג דיך נישט וועסט האבן, וועסט האבן**", און רבי מרדכי'לע זי"ע האט די ווערטער, "**וועסט האבן**" איבער געזאגט **ניין מאל**, פארשטענדליך אז דער יונגערמאן, דער זיידע פון דעם דערציילער, האט שוין קיין "גט" נישט געגעבן, און ער האט טאקע זוכה געווען צו האבן "**ניין**" קינדער געווי וויפיל מאל רבי מרדכי'לע האט געזאגט "**וועסט האבן**".

• • •

**אמאל איז דער רבי מרדכי'לע געווען ביי א פדיון הבן** ביי איינעם פון זיינע אייניקלעך, און רבי מרדכי'לע האט זיך נוהג געווען, אז אויסער וואס דער אבי הבן האט געגעבן געלט פאר'ן כהן, חמשה סלעים, אויסצולייזן דעם בן בכור, אזוי ווי די תורה הק' הייסט, האט מען אויך געגעבן א סכום געלט פאר יעדן כהן וועלכער איז דארט געווען, און רבי מרדכי'לע פלעגט הייסן אויס ריפען אין די שטאט, אז יעדער כהן, וועלכער וועט קומען צום "פדיון", וועט באקומען אזויפיל און אזויפיל געלט.

איינער א איד איז אויך געקומען צום "פדיון", און ער האט געזאגט אז ער איז א כהן, און ער האט געבעטן אז מען זאל אים געבן געלט, אזוי ווי מען האט אויסגערופן, אבער רבי מרדכי'לע האט זיך אנגערופן צו יענעם איד, זאג מיר נאר, וואס איז דיין פרנסה, האט זיך יענער איד אנגערופן, אז ער איז א בעל עגלה, האט אים רבי מרדכי'לע דערנאך געפרעגט, וויפיל רעדלעך האט דיין וואגן, האט זיך יענער איד אנגערופן, וואס הייסט, 4 רעדלעך, רבי מרדכי'לע האט זיך דערנאך ווייטער אנגערופן, אויב עס וואלט זיך צובראכן איינעם פון די רעדלעך פון דיין וואגן, וואלט דער וואגן געקענט פארן מיט 3 רעדלעך, האט זיך יענער איד אנגערופן, מיט פארוואונדערונג, אוודאי וואלט עס נישט געקענט פארן, וואס איז די שאלה.

האט זיך רבי מרדכי'לע אנגערופן, אויב אזוי ווי אזוי קענסטו ארומגיין ווען דו האסט נאר 3 ציצית, יענער איד איז געבליבן צוטומלט, ער איז אויף א ווילע געבליבן שטיין, וואס זאגט דער רבי, זיינע ציצית זענען נישט כשר, ער האט זיך נישט געפוילט און תיכף באקוקט זיינע ציצית, און ווי איבערראשט איז ער געווארן ווען ער האט געזען, אז אויף איין כנף פון זיין טלית קטן האט געפעלט איין ציצה, דאן האט דער איד געזען, אז דער צדיק רבי מרדכי'לע האט הייליגע אויגן, און ער זעהט אז ער איז באמת נישט קיין כהן.

• • •

**הרה"ק רבי ישעי'לע מקרעסטיר זי"ע** איז געווען א תלמיד חביב פון הרה"ק רבי צבי הירש בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע, און ווען ער האט געברויכט חתונה האבן האט אים זיין רבי געהייסן פארן קיין סאקמער, די תלמיד רבי ישעי'לע האט געפאלגט זיין רבין און ער איז אריבער קיין סאקמער, און דארט האט ער זיך מדבק געווען אין הרה"ק רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע, און די רבי ר' מרדכי'לע איז געווען שדכן ביי רבי ישעי'לע.

גייט אריבער אפאר יאר און זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער, איז די רעבעצין פון רבי ישעי'לע געגאנגען צום רבין רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע, און געבעטען אז ער זאל זיי געבן א ברכה, האט רבי מרדכי'לע געפרעגט "**וואס קומסטו צו מיר, דיין ישעי' האט דאך א פרייען וועג אין הימל**", האט די רעבעצין געזאגט פארן רבין, די ביסט דאך געווען אונזער שדכן, דערפאר ברויכסטו אונז באזארגען מיט א קינד.

ר' מרדכי'לע האט זיך פראבירט ארויס צו דרייען און געפרעגט **קען איך דען מבטיח זיין**, אבער די רעבעצין האט נישט נאך געלאזט, ווייל זי האט געוויסט די כח פונעם רבין, און זי האט געזאגט, **איך בין דאך אויך א רעבעצין און איך קען די געשעפטן**, און זי האט זיך געשטעלט ביים טיר און געזאגט, אז זי גייט נישט אוועק ביז די רבי זאגט איר צו א בן זכר, אז זיי זאלן האבן א קדיש זאגער לאחר מאה ועשרים.

האט די רבי ר' מרדכי געגעבן א ברכה פארן רעבעצין, **אז זי וועט האבן א קדיש'ל**, און האט צו געלייגט, "**ווייסטו וואס, דאס וועט שוין זיין אויך פאר אים א קדיש'ל**", מען האט נישט גלייך פארשטאנען וואס די רבי האט געוואונטשען, אבער די ברכה פונעם צדיק איז מקיום געווארן,

און ביום י' שבט תרמ"ג זענען זיי געהאלפן געווארן מיט א קינד א צדיק **רבי אברהם** וואס האט באלאכטען די וועלט.

לימיו האט מען פארשטאנען וואס די רבי האט געמיינט, ווען די מאמע איז נפטר געווארן **כ"ב תמוז תרפ"ב**, און דריי יאר שפעטער **ג' אייר תרפ"ה** איז דער הייליגער צדיק רבי ישעי'לע נפטר געווארן, און דער זון רבי אברהם האט פאר זיי ביידע געזאגט קדיש, אבער ליידער האט דער רבי אברהם נישט מאריך ימים געווען און בשנת תרפ"ז צוויי יאר נאכן טאטן'ס פטירה, איז רבי אברהם נסתלק געווארן, **דאן האט מען געזעהן די גרויסקייט פון ר' מרדכי'לע אז ער האט קדיש געזאגט נאךביידע עלטערן**.

• • •

**א איד א אייניקל פונעם הייליגען ישמח משה מאוהעל זי"ע דערציילט**, אז יעדעס יאר פארט ער כ"ח תמוז קיין אוהעל אויפן יארצייט פונעם גרויסן זיידן דער ישמח משה זי"ע, בשנת תשע"ט האט ער דארט געטראפן אפאר אידן וואס האבן אים דערציילט, אז עס איז מקובל מצדיקים הקודמים, אז צו גיין צום ציון קדשו פונעם צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע אין די ניין טעג, איז א סגולה צו פועלן גרויסע ישועות, ווייל בחייו האט דער צדיק כסדר געזאגט, **אז א שווערע קוויטל זאל מען ברענגען אין די ניין טעג**.

דערפאר האט דער איד אפ געמאכט, אז ער פארט סיי ווי יעדעס יאר צום יארצייט כ"ח תמוז קיין אוהעל, זאל ער שוין פארלענגערן די נסיעה נאך א טאג, און זיך אריבער כאפן קיין בישטנא אויך, בשנת תש"פ האט דער איד נישט געקענט גיין, ווייל ווער עס געדענקט איז דאן געווען די צומונגען פון קאוויד און קיינער האט נישט געקענט פארן,

אבער בשנת תשפ"א איז דער איד געפארן קיין אוהעל אויפן יארצייט, און אפילו עס איז דאן אויך געווען גאר שווער צו פארן, האט דער איד אריין געלייגט אין זיין נסיעה צו זיין שבת קודש ראש חודש אב אין בישטנא, און פארשטייט זיך אז עס איז געווען א גאר געהויבענע נסיעה צום צדיק אין בישטנא.

בשנת תשפ"ב האט ער נישט געקענט פארן קיין בישטנא צוליב די מלחמה אין אוקריינא, אבער די קומענדיגע יאר בשנת תשפ"ג איז דער איד נאכאמאל געפארן קיין אוהעל און דערנאך קיין בישטנא צו זיין דארט ביים ציון הקדוש פונעם צדיק, און דערנאך איז דער איד אהיים געפארן.

אנקומענדיג אהיים איז פארן איד איינגעפאלן, ער האט דאך א בחור אין שטוב איבער די צוואנציג יאר אלט וואס ברויך א שידוך, און ער האט א ידיד וואס האט אפאר שוואגער'ס וואס זענען שוין אלע אין די יארן פון שידוכים, האבן זיי אפ געשמיעסט צו נעמען די בחורים און זיך אריבער כאפן נאכאמאל קיין בישטנא, און די נסיעה איז געלונגען און זיי זענען אנגעקומען קיין בישטנא א טאג בעפאר תשעה באב.

לפלא נישט צום גלייבן, **דעם איד'ס בחור איז א חתן געווארן אפאר טאג שפעטער אין די עשרת ימי תשובה, און די חתונה איז פאר געקומען בעפאר פסח בשנת תשפ"ד**, און דעם ידיד'ס שוואגער'ס זענען צוויי א חתן געווארן, איינער אין חודש חשון און דער צווייטער פורים צייט, מען האט ממש געזען ווי דער צדיק האט איבער געדרייט בעולם העליון און געברענגט געוואלדיגע ישועות.

די מעשה ענדיגט זיך נישט דא, נאר ערב שבת בעפאר ל"ג בעומר בשנת תשפ"ד, האט דער איד באקומען א טעלעפאן קאל פון איינעם, אז ער האט דא א גאסט פון ארץ ישראל, און ער זיכט פאר אים אן אכסניא אויף שבת, פארשטייט זיך דער איד האט דעם גאסט אריין גענומען צו זיך אויף שבת, ערב שבת זענען זיי געזעצן מיטן גאסט און געגעסן טועמיה, און דער איד האט פארן גאסט דערציילט די מעשה וואס ער האט געהאט מיט די שידוכים דאס יאר בזכות וואס מען איז געגאנגען אין די ניין טעג קיין בישטנא.

דער גאסט איז ממש בלאך געווארן הערענדיג די מעשה, און ער דערציילט פאר דעם איד, **איר גייט מיר נישט גלייבן וואס איך זאג אייך, אבער דאס יאר בין איך געווען מיט די גאנצע משפחה ביים ציון אין בישטנא, ממש די זעלבע צייט וואס עטץ זענט דארט געווען, ווייל איך האב א רייע פון 6 קינדער אין שידוכים**, וואס דאס עלטסטע איז שוין איבער די 26 יאר, און ליידער האט זיך עס נישט גערירט, דערפאר האב איך אונטער גענומען א נסיעה מיט אלע קינדער קיין בישטנא.

דערציילט דער איד, **מען האלט יעצט ביי ערב שבועות, און איך האב שוין א שידוך געטון מיט דריי קינדער, און איך מאך אי"ה חתונה דעם דריטן קינד צוויי וואכן נאך שבועות**, און די פלא איז אז איך האב קיין איין קינד נישט געברויכט איבערהיפן, אלע דריי קינדער האבן געטון גאר שיינע שידוכים ב"ה, אלעס אינעם זכות פון דעם גרויסן צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע.

• • •

**אין קונטרס נאמנים מאוד מחסידי נדבורנא ווערט דערציילט**, אז אין די לעצטערע יארן, זינט דער אוהל הקדוש אין בישטינא איז איבערגעבויט געווארן, פארן טויזנטער אידן אהין מתפלל צו זיין, ספעציעל פארן גאר אסאך אידן לעצטערע יארן אין די ניין טעג, ווי עס איז מקובל אז דער צדיק האט געזאגט, "**אז פאר א שווערע קוויטל זאל מען קומען אין די ימי בין המצרים, ווייל דאן קען ער פועלן ישועות למעלה מדרך הטבע**".

עס ווערט פארציילט א מעשה נפלא איבער א איד פון לאנדאן, וואס האט שוין חתונה געמאכט עטליכע קינדער, אבער האט געהאט אין שטוב א בחור וואס איז עלטער געווארן און איז שוין אלט געווען נאנט צו דרייסיג יאר און א שידוך האט זיך נישט געפירט פאר דעם בחור משום איזה סיבה.

דער טאטע האט מחליט געווען צו פארן קיין אוקראינע, **ספעציעל קיין בישטינא צום ציון פון רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע**, ווייל ער האט געהערט, אז דער צדיק האט צוגעזאגט פאר זיין הסתלקות אז ווער עס וועט קומען צו אים, וועט ער אים ארויסהעלפן.

ער האט דארט אויסגעגאסן דאס הארץ מיט טרערן, געליינט קוויטלאך, און אנגעצינדן ליכט, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין לאנדאן, נאך אין יענע וואך, האט א שדכן אנגערופן מיט א פרישע פארשלאג, וואס האט זיך גאר שנעל געשלאסן בשעה טובה ומוצלחת, דער מחותן האט כסדר דערציילט, אז ער האט קלאר געזעהן די הבטחה פונעם צדיק "**אז ער וועט נישט בלייבן שולדיג**".

• • •

**אין גליון צדיק יסוד עולם ווערט דערציילט די מעשה**, אז דער הייליגער צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע פלעגט שרייבן קורצע הייליגע בריוו און כתבי ידות, און חסידים האבן די כתבי ידות געהיטן אלס א **שמירה עילאית**, און עד היות זענען דא אידן וואס האבן ביי זיך א כתב יד פונעם צדיק.

לעצטנס האט אן אייניקל פון א נדבורנער חסיד אין ניו יארק געהאט א משפחה מיטגליד, וואס האט געברויכט דורכגיין א קאמפליצירטע און שווערע אפעראציע אויפן קאפ, און די דאקטורים האבן געזאגט אז די הצלחה ראטע פון סוקסעק ביי אזא אפעראציע איז זייער שוואך.

דער איד האט געהאט ירושה פון זיין זיידן אן ארגינעלן קוויטל וואס דער צדיק רבי מרדכי'לע האט אליין געשריבן מיט זיין כתב יד פאר איבער הונדערט יאר צוריק.

ער האט גענומען דעם קוויטל, עס ארייגעלייגט אין א קליינעם זעקל, און עס געלייגט אונטערן קישן פונעם חולה בעפאר די אפעראציע, בשעת די גאנצע משפחה האט מתפלל געווען און געלערנט אינעם ספר "מאמר מרדכי".

צומארגנס, ווען די דאקטוירים האבן געמאכט די לעצטע פארש-איבערקוקונגען (MRI) פארן אריינגיין אינעם אפעראציע צימער, זענען זיי געבליבן געשטוינט, **די געשווילעכץ האט זיך מיסטעריעז פארקלענערט צו א מאס וואס מען האט שוין נישט געדארפט שניידן דעם קאפ**, נאר עס באהאנדלען מיט לייכטע מעדעצינען.

• • •

**אין ספר מאמר מרדכי השלם ווערט דערציילט**, אז אין די לעצטע יארן איז נתעורר געווארן אן אלטע קבלה ביי חסידי נדבורנא, אז דאס לערנען אינעם הייליגן ספר "**מאמר מרדכי**" וואס רבי מרדכי'לע האט מחבר געווען, **איז מסוגל צו עפענען די שערי פרנסה און ברכה**.

א יונגערמאן אן אייניקל וואס האט געעפנט א ביזנעס אין בארא פארק און איז כמעט באנקראט געגאנגען אין די ערשטע מאנאטן, האט באקומען אן עצה פון אן עלטערן חסיד, "**נעם אויף זיך צו לערנען יעדן פרייטאג נאכמיטאג א שטיקל 'מאמר מרדכי' אויף די וואכעדיגע סדרה, און די וועסט זעהן א שטארקע הצלחה**".

דער יונגערמאן האט עס אנגעהויבן טוהן מיט אן אמונה פשוטה, אין לויף פון צוויי מאנאטן האט זיך זיין גאנצע מזל געביטן, ער האט באקומען גרויסע קאנטראקטן, און ער אליין האט דערציילט, **אז דער ספר האט אים פשוט געראטעוועט פון שווערע חובות.**

• • •

**אינעם בלעטל דער קשר פון חסידי נדבורנא ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע פלעגט טיילן "**שמירה מטבעות**" פאר מענטשן וואס האבן געדארפט אן עקסטרע שמירה, ווערט דערציילט איבער א משפחה אין ארץ ישראל, וואס האט געהאט ירושה אן אלטע זילבערנע מטבע וואס דער זיידע האט נאך באקומען פונעם צדיק אליין, די מטבע איז געלעגן אין א ספעציעלער שופלאד אין שטוב.

מיט עטליכע יאר צוריק האט אויסגעבראכן א שרעקליכע שריפה אין יענעם בנין, און די גאנצע דירה פונעם אייניקל איז כמעט אינגאנצן אפגעברענט געווארן, ווען מען האט ענדליך אויסגעלאשן די פלאמען, איז דער בעל הבית אריינגעגאנגען זען וואס עס איז געבליבן.

די גאנצע שטוב איז געווען פארברענט שווארץ, **אבער דער ספעציעלער שופלאד וואס דארט איז געלעגן די מטבע, איז געבליבן גאנץ! דאס פייער האט זיך אפגעשטעלט פונקטליך פאר דעם טיש**, די גאנצע משפחה און די שכנים האבן קלאר געזעהן דעם כוח השמירה וואס גייט נישט פארלוירן אפילו נאך הונדערט יאר.

• • •

**אין קונטרס דברי מרדכי ווערט געברענגט די מעשה**, ווי עס איז באקאנט די צוואה און הבטחה פונעם צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע, **אז ווער עס וועט אנצינדן א ליכט לעילוי נשמתו ביום היארצייט ט"ו בתשרי אדער איבער די יאר און וועט געבן א פרוטה לצדקה, וועט ער פרובירן גוטס צו טון פאר אים אויף יענער וועלט און דא אויף דער וועלט**, און ער האט צוגעזאגט בזה"ל, "**איך וועל נישט בלייבן קיין שולדיגער**", אדער ווי די חסידים פלעגן זאגן, "**איך וועל גיין מיט די לאנגע פאות מיינע און איך וועל עפענען פאר אים די ישועה**".

אזא מעשה האט פאסירט אין די לעצטע יארן, מיט א יונגערמאן וואס האט געזוכט א שידוך פאר זיין טאכטער פאר א לאנגע צייט און גארנישט האט זיך נישט גערוקט, חול המועד סוכות וואס איז אין די דריי טאג פונעם יארצייט ט"ו תשרי, נאכן הערן א שמועס איבער די גרויסע הבטחה פונעם צדיק רבי מרדכי'לע מנדבורנא, "**איך וועל נישט בלייבן קיין שולדיגער**" פאר ווער עס טוט עפעס פאר זיין נשמה.

האט דער יונגערמאן אנגעצינדן א גרויסע יארצייט ליכט אין זיין סוכה און געזאגט, "**הייליגער רבי מרדכי'לע, איך צינד א ליכט פאר דיין הייליגע נשמה, העלף מיר אז איך זאל קענען פירן מיין טאכטער אינטער דעם חופה**", נאך פאר יענעם ווינטער איז די טאכטער א כלה געווארן, און דער טאטע האט דערציילט פאר יעדן, **אז דאס איז געווען א דאנק דעם צדיק'ס הבטחה**.

• • •

**עס ווערט געברענגט א מעשה נפלא וואס האט בימיו געברענגט א גרויסע קידוש השם**, אמאל איז א איד געקומען צום צדיק וקדוש רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע וויינען, אז זיין ווייב איז שטארק קראנק און דער דאקטאר זאגט אז זי האט נאר נאך עטליכע וואכן צו לעבן.

דער צדיק רבי מרדכי'לע האט זיך אנגערופן מיט זיין גרויסן כוח, "**דער דאקטאר זאגט אזוי, אבער דער אייבערשטער זאגט אנדערש! גיי אהיים און דיין ווייב וועט זיין געזונט און לעבן לאנגע יארן**", דער איד איז צוריקגעקומען צום דאקטאר און אים געזאגט מיט זיין גרויסע אמונה וואס דער רבי האט געזאגט.

דער דאקטאר, וואס איז געווען א פרייער מאן, האט זיך אויסגעלאכט און געזאגט, "**אויב דיין רבי איז גערעכט, וועל איך מיר בייגן פאר אים**", די פרוי איז טאקע חוץ לדרך הטבע געזונט געווארן, און יארן שפעטער האט זי נאך חתונה געמאכט אירע קינדער, דער דאקטאר האט געזען דעם קלארן מופת און איז אליין געקומען קיין נדבורנא קוקן אויפן צדיק, זאגנדיג "**אז דא רעדט מען נישט פון קיין מענטשליכע כוחות נאר פון א גאט-מענטש**".

• • •

**אינעם קונטרס בצילא דמהימנותא ווערט געברענגט א מורא'דיגע מעשה**, א באקאנטער איד, א תושב פון שטאט אשדוד, האט ליידער

מיטגעמאכט שווערע יסורים מיט אן אינערליכע מחלה אינעם קערפער, די דאקטורים האבן אים באשטימט א דאטע פאר א קאמפליצירטע אפעראציע, וואס איז אויסגעפאלן פונקטליך אין די "**ניין טאג**".

וויבאלד מען פירט זיך נישט ברצון צו מאכן אפעראציעס אין די טעג אויב עס איז נישט קיין פיקוח נפש אויפן רגע, האט ער געבעטן דעם דאקטאר עס אפצושטופן אויף נאך תשעה באב, דער דאקטאר האט זיך שטארק געבייזערט און געזאגט, "**יעדער טאג וואס דו ווארטסט, קען דיר קאסטן דאס לעבן**".

דער איד, וואס איז געווען גאר שטארק מיט זיין אמונת צדיקים, האט מחליט געווען נישט נאכצוגעבן די דאקטורים איידער ער פארט צום ציון פונעם הייליגן רבי מרדכי'לע קיין בישטינא, ער האט געקויפט א טיקעט און איז אנגעקומען אום "**ה' אב**" אינמיטן די **ניין טאג** צום אוהל הקדוש.

ער איז געזעסן דארט שעות, געצינדן ליכט, געלערנט אינעם ספר "מאמר מרדכי" און געוויינט מיט הייסע טרערן צום שומע תפילה און געבעטן, אז בזכות דעם צדיק וואס האט צוגעזאגט צו העלפן יעדן וואס קומט צו אים, זאל ער בקרוב האבן א ישועה, ער האט דארט מקבל געווען אויף זיך צו געבן א סכום צדקה פאר די ארטיגע מוסדות והכנסת אורחים.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל נאך תשעה באב, איז ער געגאנגען מאכן די לעצטע **פארש-איבערקוקונגען (Pre-op)** פאר די נייע דאטע פאר די אפעראציע, דער דאקטאר האט אנגעהויבן קוקן אויף די רעזולטאטן און זיין פנים איז געווארן בלאס.

ער האט אנגערופן נאך א דאקטאר, אוןביידע האבן נישט געגלויבט וואס זיי זעהן, **די מחלה האט זיך אינגאנצן איינגעשרומפן אין א פארעם וואס מען דארף שוין בכלל נישט קיין אפעראציע!** דער איד האט הויך אויסגערופן אינעם שפיטאל, "**רבי מרדכי'לע האט מיך געראטעוועט אין די ניין טאג**".

• • •

**עס האט דערציילט א איד**, ווי עס איז באקאנט, אז אין די ניין טאג מאכט מען נישט קיין חתונות, און עס איז דא וואס פירן זיך נישט צו טוהן שידוכים מיט גרויס שמחה, **אבער א תפילה אויף א שידוך מעג מען תמיד בעטן**, א טאטע פון אן עלטערע בחור וואס איז שוין געווען קרוב צו די דרייסיג, איז יארן לאנג ארומגעפארן צו קברים און צדיקים, אבער גארנישט האט זיך נישט גערוקט, דער בחור איז געווארן עלטער און עלטער.

אום ערב ראש חודש אב האט אים א נאענטער חבר געזאגט, "**לאמיר פארן קיין בישטינא, דעם צדיק'ס כוח אין די ניין טעג איז דאך געוואלדיג**", זיי זענען אנגעקומען קיין בישטינא אום "**ב' אב**" אינמיטן די **ניין טעג**, דער טאטע האט אויסגעגאסן זיין הארץ פאר שעות און געזאגט, "**רבי מרדכי'לע, דו האסט דאך צוגעזאגט אז דו בלייבסט נישט קיין שולדיגער פאר ווער עס קומט צו דיר, מיין בחור מוז שוין באלד אויפבויען א בית נאמן בישראל**".

אינמיטן זיין תפילה אינעם אוהל, ווען ער האלט נאך אינמיטן וויינען, קלינגט זיין טעלעפאן, ער איז ארויס אינדרויסן, און אויפן טעלעפאן איז געווען א שדכן פון מאנסי, וואס האט אים אנגערופן זאגענדיג, "**איך האב א באמבע פארשלאג פאר דיין בחור, א מיידל פון אן אויסגעצייכנטע משפחה, איך פיל אז דאס איז עס**".

דער טאטע איז געבליבן אן קיין שפראך און האט געשפירט אן אומגעוויינליכע שמחה אין הארץ, דא שטייט ער נאך ביים ציון פונעם צדיק, און פון הימל ארבעט שוין דער צדיק פאר א ישועה, ער איז צוריק אריין, האט זיך באדאנקט פארן צדיק, און גלייך נאך די ניין טאג, **אום י"א אב, איז דער שידוך געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת** צו די גרויסע איבערראשונג פון די גאנצע משפחה.

• • •

**אינעם וועכענטליכען קונטרס אמרי מרדכי ווערט דערציילט א מעשה**, אז א איד א בעל הבית פון בארא פארק, וואס האט פארמאגט א גרויסע פאבריק און פארוואלטעט ביזנעס מיט גרויסע קאמפאניס, האט זיך אריינגעלאזט אין א שווערן קאנטראקט וואס האט זיך פארדרייט.

חודש תמוז האט אים א **רעגירונגס-אמט פון די (IRS) ארויסגעשיקט א מעלדונג, אז זיי גייען**

**אפשליסן זיין ביזנעס און קאנפיסקירן די נכסים צוליב א מורא'דיגן טעות אין די חשבונות**, און די לעצטע דאטע זיך צו שטעלן פאר א משפט איז אויסגעפאלן פונקטליך אום **"ח' אב"**, דעם טאג פאר תשעה באב, און די לויערס האבן אים געזאגט, אז די שאנסן זענען זייער שוואך, און ער גייט ח"ו פארלירן זיין גאנצע לעבנס ארבעט און זיין גאנצע פרנסה.

דער איד האט געפילט אז ער ברעכט ח"ו אונטער, אום **"ד' אב"** אינמיטן די ניין טאג, האט ער מחליט געווען, אפצולאזן אלע לויערס **און פארן קיין אוקראינע קיין בישטנא צום ציון פונעם הייליגן רבי מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע**, די משפחה האט אים געפרעגט, "**וויאזוי פארסטו אינמיטן די ניין טאג ווען די לאגע איז אזוי אנגעשטרענגט**", אבער ער האט געענטפערט, "**טאקע פונקטליך יעצט ווען איך בין א שבור לב, וועט מיר דער צדיק העלפן**".

ער איז אנגעקומען צום ציון, געוויינט אריינלייגנדיג דעם קוויטל מיט די פאפירן פונעם משפט ביים ציון הקדוש, און געזאגט, "**רבי מרדכי'לע, דו האסט צוגעזאגט אז דו בלייבסט נישט קיין שולדיגער, מיין גאנצע פרנסה און דאס ברויט פאר מיין משפחה הענגט אויף א האר, איך בעט דיך הייליגער צדיק, ברענג מיר א ישועה**".

אום ח' באב אינדערפרי ווען די לויערס זענען אריין צום שופט, האט פאסירט אן אומגעגלויבליכער נס, **דער הויפט קאמישאנער פונעם אמט האט אליין ארומגעשיקט א מעלדונג, אז נאך א טיפע איבערקוקונג האבן זיי געפונען, אז דער טעות איז געווען ביי זיי אינעם קאמפיוטער, און די גאנצע קלאגע איז בטל ומבוטל געווארן!** דער יונגערמאן האט באקומען די בשורה בשעה טובה פונקט ווען ער האט געלאנדעט צוריק אין ניו יארק.

• • •

**אינעם קונטרס בנאות דשא ווערט געברענגט די מעשה נפלא**, א פרוי א מאמע פון א גרויסער שטוב אין ירושלים, האט געליטן פון א מאדנעם מחלה אויף די אויגן, וואס די דאקטוירים האבן מורא געהאט, **אז עס קען חלילה ברענגען צו פולקאמע בלינדקייט**, זי האט נישט געקענט זעהן קיין ליכטיגקייט, און פלעגט זיצן אין א טונקלען צימער מיט גרויסע יסורים, און די רפואות וואס די דאקטורים האבן געגעבן האבן גארנישט געהאלפן.

איר מאן, זענדיג אז די מצב ווערט ליידער ערגער, אין דאן איז געווען אין די טעג פון די ניין טעג, די ימי בין המצרים, האט ער געזאגט, "**חז"ל זאגן, אז משנכנס אב ממעטין בשמחה, אבער ישועות מעג מען תמיד בעטן**", ער האט גענומען א קוויטל מיט די נעמען פון זיין ווייב און קינדער, און זיך ארויסגעלאזט אויף א בליץ-נסיעה **קיין בישטינא, אנקומענדיג אום "ז' אב"**.

ער האט זיך פארשפארט אינעם אוהל הקדוש, ארומגענומען די מצבה פונעם צדיק און געזאגט, "**הייליגער צדיק רבי מרדכי'לע, דיין אויג איז דאך געווען קדוש וטהור, בעט רחמים פאר מיין ווייב זי זאל קענען זעהן די ליכטיגקייט פון די וועלט און אויפציען די שטוב מיט קינדער געזונטערהייט**", און ער האט דארט אנגעצינדן ליכט לעילוי נשמת דעם הייליגען צדיק.

נאך יענעם אוונט, ווען ער האט אנגערופן אהיים פרעגן וויאזוי די מאמע שפירט זיך, האט אים די טאכטער דערציילט א וואונדער, **אינמיטן דעם נאכמיטאג האט די מאמע געפילט ווי א גרויסער דרוק לאזט נאך פון אירע אויגן, זי האט געעפנט די פענסטער און געקענט ארויסקוקן אן קיין שום שמערצן**.

דער איד האט גלייך פארשטאנען אז דער צדיק ארבעט שוין עפעס אן אויבן אין הימל, די דאקטוירים זענען שפעטער געבליבן אן קיין ווערטער און האבן עס אנגערופן, "**א מעדיצינישע איבערראשונג**", אבער אין שטוב האט מען געוואוסט, **אז דער צדיק אין בישטינא האט געעפנט די שערי רפואה אינמיטן די ניין טאג**.

**יארצייט ט"ו תשרי א' דסוכות**

**הגה"צ רבי יעקב משה ב"ר שמואל זאנוויל זי"ע**
**(קרעמער)**
**הצדיק ומקובל מכפר גדעון**
**אדער ווי די וועלט האט אים גערופן דער הייליגער צדיק מכפר גדעון**

ער איז געבוירן **בשנת תר"ע**.

צו זיין טאטע **מוהר"ר שמואל זאנוויל קרעמער** ז"ל, וועלכער איז שפעטער ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם אין די יארן פון די צווייטע וועלט מחמה דורך די דייטשן ימ"ש, און אידן האבן דערציילט, אז דער צדיק האט כמה פעמים געזאגט, **אז דער טאטע קומט אין חלום**.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת חי'** ע"ה.

ער איז געווען א גאר הייליגע איד און א בעל מקובל נורא מאוד, ער האט עוסק געווען בתורה ועבודת השם אזוי ווי איינע פון די גדולים וצדיקים מדורות הבעש"ט זי"ע, אבער זיין עבודה האט ער אלעס געטון בהסתרה גדולה, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע **אהבת ישראל** און צוגעלאזענקייט פאר יעדן איד, ער האט באמת ליב געהאט יעדן איד אהבת נפש, ער האט מקרב טויזענטער שוואכע אידן און צובראכענע אידן מיט א געוואלדיגע אהבה און זיי אריינגעברענגט תחת כנפי השכינה, צדיקים האבן מעיד געווען אויף זיין כוח **מיטן פועלן ישועות פאר אידן**, און געהויבענע אידן האבן מעיד געווען, **אז ער איז געווען פון די ל"ו צדיקים בדורו**.

אין זיינע יונגע יארן איז ער שוין געווען מפורסם אלס א למדן נפלא און א גאר ערליכער קינד וואס האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה, יונגערהייט איז ער געווען א תלמיד **פון הייליגען סאטמאר רב הרה"ק רבינו יואל טייטלבוים זי"ע פון סאטמאר**, אין די יארן ווען דער סאטמארער רב האט געדינט אלס רב אין **קראלי**.

בעפאר די צווייטע וועלט מלחמה איז דער צדיק געווען חתונה געהאט מיט א גאר ערליכע פרוי א צנועה, אבער ליידער האט ער פארלוירן זיין זיווג ראשון ביי די מלחמה ווען זי איז ליידער אומגעקומען על קידוש השם דורך די דייטשן ימ"ש צוזאמען מיט א טאכטער, און אידן האבן דערציילט, אז דער צדיק האט דאס מקבל געווען באהבה און מצדיק געווען דעם דין, און פונעם צדיק האט מען דאס בחייו קיינמאל נישט געהערט, נאר ערשט שפעטער נאכן הסתלקות איז מען פון דעם געווארן געווארן.

אידן האבן דערציילט, אז זיין צווייטע רעבעצין הצדקת מרת חי' שרה ע"ה האט געוויסט צו זאגן, **אז די ערשטע רעבעצין איז אומגעקומען אויף קידוש השם צוזאמען מיט א קליין קינד, א טאכטער פון איר שוועסטער**, און נישט ווי מען איז שפעטער געוואר געווארן אז דאס איז באמת געווען א קינד פון רבי יעקב משה.

ווייל דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן אפגעהיטן אויפן כבוד פון יעדן איד, און ער האט מורא געהאט, אז אויב די רעבעצין וועט וויסן אז ער האט געהאט א קינד פון די ערשטע רעבעצין, **וועט דאס איר ווי טון אז זי האט נישט קיין קינדער, ווייל דאס וועט מיינען אז דאס נישט האבן קינדער איז גאר איר פראבלעם**, און דערפאר האט דאס דער צדיק זיין גאנץ לעבן באהאלטן.

נאך דער מלחמה, האט זיך דער צדיק אריבער געצויגען קיין **ארץ ישראל**, און בעצת פון זיין רבין דער **הייליגער סאטמארער רבי** זי"ע און בעצת **דעם הייליגען חזון איש** זי"ע, האט דער צדיק רבי יעקב משה חתונה געהאט בזיווג שני מיט זיין רעביצין **הצדקת מרת חי' שרה** ע"ה, וואס האט אויך ליידער גאר אסאך מיט געמאכט ביי די מלחמה און ליידער פארלוירען איר גאנצע משפחה ביי די מלחמה, און דער צדיק רבי יעקב משה זי"ע האט מעיד געווען אויף די רעבעצין, **אז זי איז געווען א גאר ערליכע און בעלת חסד**, און דער צדיק פלעגט זאגן, **אז די רעבעצין קען געבן ברכות נאך בעסער ווי אים אליין**.

דער צדיק מיט זיין רעביצין האבן זיך באזעצט נאך די חתונה אין דעם **מושב כפר גדעון אין עמק יזרעאל**, וואס דער מושב איז אויפגעשטעלט געווארן **בשנת תרפ"ג** דורך חרדישע אידן פון טראנסילוואניע, וועלכע האבן דאן געהאט א

משפיע דער גאון **רבי משה שמואל גלאזנער** זצ״ל, וואס איז געווען קודם רב אין שטאט קלויזענבורג, און האבן געוואלט לעבן א שטילע לעבן פון תורה און זיך מפרנס זיין מיט א פרנסה קלה ונקי׳ אין ארץ ישראל.

אין די ערשטע יארן בערך בשנת תש״י, איז דער צדיק רבי יעקב משה געווען פון די פירער פון די שומרי תורה אין דעם מושב, און צוזאמען מיט זיי האט ער ארויפגעברענגט דעם גאון **רבי אברהם יוסף חנוך קליינמאן** זצ״ל צו דינען דארט **אלס רב, שוחט און מוהל**.

אביסל שפעטער איז דער מושב צעטיילט געווארן צווישן די משפחות וואס זענען געווען אמתע ערליכע שמור תורה ומצוות, און די משפחות וואס זענען ליידער פארפאלען געגאנגען צו א פרייען וועג, און דער צדיק רבי יעקב משה איז געשטאנען אין שפיץ פון דעם ערליכען קהילה, און ער האט געפירט א קאמף קעגן די פורקי עול, און ער דערציילט איבער דעם שווערן קאמף אליין אין זיין ספר **״ים של שמואל״**, און דורך זיין געוואלדיגע מסירת נפש, האבן הונדערטער אידן אויפגעשטעלט בתים נאמנים בישראל אויפן דרך ישראל סבא.

דאס פארפאלק האט געלעבט אין גרויסער ארימקייט און פשטות, זייער פרנסה איז געווען פון א פאר קי׳ען און פון הינדלעך און פשוטע פעלד ארבעט, און זייער שטוב איז געווען א פשוט׳ע קליינע בודקע, די ווענט זענען געווען רוי, אן קיין געהעריגע ווענט, און די ציגל פון אינדרויסן איז אויך געווען גאר שוואך וואס האט נישט צוריק געהאלטן די קעלט און היץ פון אריינדדרינגען.

אבער טאקע אין דעם פשוט׳ן שטוב האט מען געזען דאס הארץ פון דעם צדיק רבי יעקב משה און זיין רעבעצין די צדקת מרת חי׳ שרה ע״ה, און קרוב צו צוואנציג יאר לאנג, אן קיין באצאלט און אן קיין וואקאציעס, האבן זיי אויפגעצויגן אין זייער הויז שווער-קרענקליכע קינדער, **קינדער מיט געשעדיגטע מוחות, וועלכע מען פלעגט לאזן ביי זייער טיר, ווייל קיינער האט זיי נישט געוואלט**, און איין אזא שווער-קרענקליכער יונגל איז געבליבן ביי זיי אין שטוב גאר א לאנגע צייט און געוואקסן ממש ווי א אייגען קינד ביי דעם צדיק, אויך הונדערטער בעלי תשובה האבן ביי דעם פארפאלק געטראפן א אפען טיר, און דורך דעם נתקרב געווארן צו אידישקייט און אויפגעשטעלט ערליכע אידישע שטובער.

ער האט ארויסגעגעבן איין ספר **״ים של שמואל״** וואו עס זענען געשריבן זיינע הייליגע דברי תורה אויף די פרשיות מיט פרטים פון זיין לעבן, אריינגערעכנט דער חלום וועגן זיין טאטן און דער קאמף פון די שומרי תורה אין שטאט כפר גדעון.

אייגענע קינדער האט דאס הייליגע פארפאלק ליידער נישט געהאט, אבער מען קען זאגן מיט א זיכערקייט, אז הונדערטער מענטשן, וועלכע זייער לעבן האט זיך געבויעט ארום דעם פשוט׳ן הייזל אין כפר גדעון, **שפירן נאך ביז היינט ווי אמתע קינדער פון דעם פארפאלק**.

צענדליגע מעשיות זענען ארויס געקומען נאך זיין הסתלקות, און עס האבן דערציילט אידן, אז הונדערטער צו נישט טויזענטער קינדער יונגלעך און מיידלעך האבן געלערנט אין פרימע מוסדות, וואס די שכר לימוד איז געווארן באצאלט דורך דעם צדיק וקדוש רבי יעקב משה קרעמער זי״ע, און אין דעם זכות האבן די קינדער אויפגעשטעלט שפעטער ערליכע אידישע דורות, און גאר אסאך פון די קינדער האבן ליידער נישט געהאט קיין ערליכע עלטערן, און האבן זיך פאריפן אלס קינדער פון די הייליגע פארפאלק.

אין די תש״ל יארן האט דער צדיק אנגעהויבן ארויספארן פאר חדשים לאנג קיין אמעריקע צוזאמען צו שטעלן גרויסע געלטער צו מאכן זיכער אז די קינדער זאלן ווייטער קענען לערנען אין ערליכע מוסדות.

און אפילו ביי זיך אין שטוב האט דער צדיק געלעבט מיט א גרויסע דחקות, און די רעבעצין האט די חדשים גאר שווער געארבעט צו פירן דאס שטוב, האט דאס די רעבעצין געטון בחפץ לב, וויסענדיג אז איר הייליג מאן טוט דא דעם באשעפער ווערק און ער טוט דאס מיט א ריין הארץ נאר לשם שמים.

פילע יארן איז דער צדיק געווען באקאנט בלויז אין זיין נאענטער סביבות, ווייל דער צדיק האט זיך זיין גאנץ לעבן פראבירט צו באהאלטן אלס א פשוטער מענטש וואס איז עוסק אין צדקה וחסד, אבער אין שפעטער יארן איז דער צדיק מפורסם געווארן **אלס א איש קדוש מאוד און א בעל מקובל נורא און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ**.

ערשט אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן איז דער סוד באמת ארויסגעלאזט געווארן, און הונדערטער מענטשן פון אלע גאסן און שטעט האבן אנגעהויבן שטרוימען צו זיין פשוט'ן הייזל, צו נעמען פון אים א ברכה און אן עצה, און הונדערטער מעשיות ווערן דערציילט ווי אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות דורך א ברכה פון דעם צדיק, ספעציעל איז דא הונדערטער מעשיות **ווי דער צדיק האט מבטיח געווען א ישועה דורך הייסן יענעם טון א דבר מצוה און דורך דעם געברענגט די ישועה**.

ער איז געווען א געוואלדיגער בעל מופת און מקובל, הונדערטער מענטשן האבן געזען ביי אים אפענע רוח הקודש, ידיעת עתידות, און זיינע ברכות פאר קראנקע, פאר פרויען וואס האבן געווארט אויף קינדער און פאר צובראכענע אידן האבן געפירט צו אפענע וואונדער און ישועות למעלה מדרך הטבע.

דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן מיט א הסתר און שטילערהייט פארטיילט צדקה גרויסע סכומים פאר ארימע און צובראכענע משפחות אן קיין פורסם בכלל.

עס איז דא א בריוו בכתב יד קדשו פון חודש אלול בשנת תשמ"ו, וואס ער שרייבט צו דעם ירושלימער גאון רבי אברהם משה קאצענעלבויגן, ווי מען זאל איבערגעבן געלטער פון א ניו יארקער תורם צו עטליכע משפחות, צוגלייגט מיט ברכות פאר רפואה, פאר פרנסה און פאר זיווגים, דאס איז געווען זיין דרך פון ברענגען ישועות פאר אידן דורך צדקה.

דער גאון רבי חיים קרייזווירט זי"ע האט דעם צדיק רבי יעקב משה זי"ע געהאלטן **פאר איינעם פון די ל"ו צדיקים נסתרים בדורו**, **אויף וועמענס זכות די וועלט שטייט**, און דער הייליגער גאון דער חזון איש זי"ע פלעגט, ווען ער איז געפארן צו דער הייליגער שטאט צפת, אנקומען באזוכן דעם צדיק אין כפר גדעון, און ער פלעגט אים רופן בזה"ל, **"המזוזה של הצפון"**.

אין זיינע לעצטע יארן האט דאס פארפאלק פארלאזט כפר גדעון און זיך אריבער געצויגן וואוינען קיין **ירושלים עיה"ק, אין מאה שערים**.

דער צדיק רבי יעקב משה זי"ע איז נסתלק געווארן אין ירושלים **ט"ו תשרי דעם ערשטן טאג יום טוב סוכות בשנת תשנ"ב**, ומנוחתו כבוד אויפן **הר המנוחות אין ירושלים**.

די רעבעצין די צדקת מרת חי' שרה ע"ה האט נאך אים געלעבט נאך פערצן יאר, ביז זי איז נסתלק געווארן **ג' סיון בשנת תשס"ה**, און זי ליגט אויפן **הר המנוחות אין ירושלים**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**דער צדיק רבי יעקב משה זי"ע האט געלעבט ווי א פשוט'ער פארמער**, ער פלעגט ארומגיין מיט פשוט'ע בגדי עבודה, ארבעטן אין פעלד, און זיך אומקערן פארשוויצט, איינמאל איז געקומען א גרויסער רב פון ירושלים אים באזיכן, און ווען ער איז אנגעקומען צום פעלד, האט ער געזען אן עלטערן איד שלעפן א שווערע זאק מיט היי און אפפאל.

דער רב האט געפרעגט פון רבי יעקב משה, **"וואו קען איך טרעפן דעם צדיק רבי יעקב משה"**, האט ער אים מיט א שמייכל געענטפערט, **"דא איז נישטא קיין שום צדיק, דא זענען נאר פשוט'ע ערד-ארבעטער, אויב דו זוכסט א צדיק, פאר קיין בני ברק אדער ירושלים"**, ערשט ווען א שכן איז פארבייגעגאנגען און זיך אנגערופן, **"שלום עליכם ר' יעקב משה"**, האט דער גאסט געכאפט, אז דאס איז ער אליין, דאס איז געווען זיין גאנצע לעבן, **אנטלויפן פון כבוד ווי פון פייער**.

• • •

**עס ווערט דערציילט**, אז אין די ערשטע יארן נאכ'ן קומען קיין ארץ ישראל איז קיינער נישט געווען באקאנט מיט זיין גדלות, אויסער יחידי סגולה, דער הייליגער חזון איש זי"ע האט אים געקענט און אים אויסערגעווענליך שטארק מעריך געווען, ווען מען פלעגט קומען צום הייליגן חזון איש מיט שווערע צרות פון חולים אדער עקרות, פלעגט ער אמאל שיקן מענטשן קיין עמק יזרעאל און זאגן, "**פארט קיין כפר גדעון, דארט וואוינט אן אמת'ער איד וואס זיינע תפילות האבן א כח אין הימל**", ווען די מענטשן פלעגן אנקומען און זען א איד זיצן אין א ליידיגן שטיבל אן קיין שום פראכט, האבן זיי ערשט פארשטאנען וואס דער חזון איש האט געמיינט.

• • •

**בייטאג האט ער אויסגעזען ווי א פשוט'ער שוואכער איד**, אבער ביינאכט איז זיין שטוב געווארן א מקום קדוש, שכנים אין כפר גדעון האבן דערציילט, אז שפעט ביינאכט, ווען דער גאנצער דארף איז געשלאפן, פלעגט ברענען א ליכט ביי אים אין שטוב, און מען פלעגט הערן א געוויין און א קול פון תהלים און זוהר מיט אזא השתפכות הנפש, אז ווער עס איז צופעליג פארבייגעגאנגען דעם פענצטער, האט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיג.

ער האט באמת געוויינט פאר גלות השכינה און אויף די צרות פון כלל ישראל שעות אויף שעות, און פארטאגס איז ער שוין געווען אין מקוה פאר שחרית ווי גארנישט וואלט געווען.

• • •

**אין דעם ביכל געלעבט פאר אידנסוועגן** וואס באשרייבט דאס לעבן פון דעם צדיק רבי יעקב משה קרעמער זי"ע און זיין רעבעצין די צדקת מרת חי' שרה ע"ה, ווערט געברענגט א מורא'דיגע מעשה, **ווי אזוי די רעבעצין די צדקת האט באקומען איר גרויסע כוח פון וואונטשן ברכות פאר אידן וואס זענען מקיים געווארן**.

געווען איז דאס בשנת תרצ"ב ווען זי איז נאך געווען א יונגע מיידל, האט זי געוואוינט אין א שטאט ראפיד אין סלאוואקיי, דארט האבן געוואוינט אסאך קריסטליכע גויים וואס האבן נישט שטארק ליב געהאט די אידן, אבער טעגליך האבן די אידן געלעבט אין פרידען מיט די שכנים, די אידן זענע אנגעגאנגען מיט זייער הנהגה, און די גויים האבן כמעט נישט געשטערט די אידן.

איין טאג איז די רעבעצין חי' שרה זייעדניג נאך א יונג מיידל, געגאנגען מיט נאך חבר'טעס קלייבן ניס פון א בוים אינדרויסן פון שטאט, אינמיטן קלייבן די ניס איז אנגעקומען א יונגער גוי איוואן, און האט אנגעהויבן שרייען אויף די אידיש מיידלעך, "**איר אידן נעמט כסדר צו אונזערע זאכן, און איר גנב'ט כסדר פון אונז**".

דער גוי האט אנגעהויבן באפאלן די מיידל חי' שרה, און ווען זי האט געזעהן אז דער גוי לאזט זיי נישט אפ, און זייענדיג רויט פון כעס אויפן גוי, האט דאס מיידל חי' שרה געזאגט מיט א תמימות, "**דו זאלסט שטארבן היינט, היינט נאך היינט, און מען זאל דיך באגראבן אין די ערד, וואו די ווערים וועלן דיך עסן**", און זי איז גלייך אהיים געלאפן.

אביסל שפעטער איז דער גוי איוואן אהיים צו זייער שטוב, די עלטערן זענען נישט געווען אינדערהיים און האבן איבער געלאזט דעם איוואן מיט א אנדערע ברודער אליין אינדערהיים, דער טאטע האט דארט געהאט אין שטוב זיינע רעוואלווער'ס, און דער קליינער איוואן האט זיך ארומגעשפילט מיטן רעוואלווער, און בטעות האט ער זיך אליין דערשאסן צום טויט, פארשטייט זיך אז די גויים פון שטאט האבן גלייך באשולדיגט **אז דאס איז געקומען פון די ווערטער פון דעם אידיש'ן מיידל**.

ווען איר טאטע ר' מענדל יוסף ע"ה וואס איז געווען אליין א גאר ערליכער איד, האט געהערט שפעטער פון די מעשה, האט ער געזאגט פארן די טאכטער די ווערטער, "**אויב די האסט די כח צו שעלטן, דאן פארמאגסטו אויך די כח צו בענטשן**", און מען דערציילט, אז פון דאן האט די צדקת געגעבן ברכות פאר אידן, און גאר אסאך מעשיות ווערט דערציילט פון אידן **וואס זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות חוץ לדרך הטבע**.

• • •

**אויף די רעבעצין די צדקת מרת חי' שרה ע"ה דערציילט מען**, אז זי איז איפגעוואקסן אין איר לעבן ביי אירע עלטערן וואס זענען געווען גאר

ערליכע חסידישע אידן, די טאטע איז געווען א גרויסער פייערדיגע חסיד פון הרה"ק **רבי חיים אלעזר בעל מנחת אלעזר ממונקאטש** זי"ע, און די טאטע האט אויפגעצויגען די קינדער אויפן דרך וואס ער האט מקבל געווען פון זיין גרויסן רבין **דער הייליגער מנחת אלעזר** זי"ע.

ווי באקאנט איז דער הייליגער מנחת אלעזר געווען פון די גרויסע לוחמים קעגן די ציונים און איז ארויסגעקומען מיטן גאנצן כח און לוחם געווען מיט א מסירת נפש קעגן די ציונים, ווערט דערציילט, אז די רעבעצין חי' שרה ע"ה, אפילו ווען זי האט זיך נאך די מלחמה אריבער געצויגען קיין ארץ ישראל, **האט זי קיינמאל נישט געוואלט נעמען קיין איזראעלישע בירגערשאפט, און איז נישט געגאנגען צום כותל זינט שנת תשכ"ז ווען די ציונים האבן דאס פארכאפט פון די אראבער'ס.**

אבער אנדערש ווי אנדערער קנאים, וואס האבן נישט געוואלט האבן קיין שיכות מיט סיי ווער עס איז נישט געווען אויף די זעלבע שיטה ווי זיי, האט די רעבעצין באוויזן צו בלייבן שטארק מיט אירע דרכים, זייענדיג צוגעלאזן צו יעדן איד נישט קיין חילוק ווי יענער האט באלאנגט, איר אהבת ישראל האט ארומגענומען יעדן אידיש קינד, איר שטוב איז געווען אפען פאר יעדן איינעם אפילו פאר די נשמות ישראל וואס זענען ליידער געווען גאר ווייט פון אידישקייט, און טאקע דורך דעם האט זיך זוכה געווען צוזאמען מיט איר הייליגע מאן צו מקרב זיין טויזנטער אידישע נשמות און זיי נענטער ברענגען צו שמירות התורה והמצוות.

• • •

**ווי באקאנט האבן אין שטוב פון די פארפאלק רבי יעקב משה און זיין רעבעצין די צדקת מרת חי' שרה ע"ה** געוואוינט אסאך קינדער וואס זענען ליידער געווען באגרעניצט גייסטיש אדער פיזיש, איינמאל איז דער בארימטער מגיד הגה"צ **רבי שבתי' יודעלאוויטש** זי"ע אנגעקומען קיין כפר גדעון, און ער האט כסדר געהערט פון דעם צדיק רבי יעקב משה קרעמער, האט ער באשלאסן צו גיין באזיכן דעם צדיק.

פארשטייט זיך אז מען האט דעם גאון רבי שבתי' גאר שיין אויפגענומען און מכבד געווען, דארט ביים טיש זענען געזעצן זיבן קינדער, און קיין איינע איז נישט געווען גאנץ פיזיש אדער גייסטיש, און כאטש רבי יעקב משה מיט די רעבעצין האבן דעם גאון רבי שבתי' שיין אויפגענומען, האט ער נישט געקענט צו קוקן דעם שווידערליכן מצב אין שטוב.

און ער האט ביי זיך געטראכט, **נעבעך אזאנע צרות האט דאס פארפאלק**, ערשט דאן איז דער גאון רבי שבתי' געווארן געוואויר, אז דאס זענען אפילו נישט זייער אייגענע קינדער, נאר דאס פארפאלק האט אפילו נישט קיין קינדער, נאר די צוויי האבן זיך אזוי אפגעגעבן מיט די קינדער, אז מען האט באמת געקענט מיינען אז דאס זענען זייערע קינדער.

• • •

**אידן האבן דערציילט הונדערטער מעשיות** ווי אזוי דער צדיק רבי יעקב משה זי"ע האט מיט זיין צוגעלאזנטקייט און ענווה גע'פועל'ט ביי אידן זיך צו פארבעסערן אין אידישקייט, צו איז דאס געווען מיט שמירת שבת קודש, צו טהרת המשפחה, אדער עסן כשר'ס, ער האט קיינמאל נישט מוסר געזאגט מיט א שטרענגקייט אדער מיט קולות, אלעס איז צו געגאנגען בנחת.

איין שבת קודש ווען דער צדיק רבי יעקב משה האט אהיימשפאצירט פון שוהל צוזאמען מיט איינע פון זיינע געסט, האט ער געזען ווי א שכן איז נעבעך מחלל שבת.

אנשטאט דער צדיק זאל ווערן אנגעצויגען און זיך נעמען שרייען, האט ער געזאגט מיט א ווייכקייט, "**הקב"ה האט מיך געמאכט זען ווי איינער איז מחלל שבת, ווייל איך ברויך עפעס פאריכטן אין מיינע מעשים**", די ווערטער האבן אזוי איבערגענומען דעם איד, אז ער האט תיכף אפגעלאזט וואס ער האט געטון, און זיך פארגענומען נישט צו מחלל שבת זיין מער.

• • •

**א שכן און א נאנטער איד וואס האט געוואוינט נעבן דעם צדיק רבי יעקב משה קרעמער זי"ע האט דערציילט**, אז איין יאר ערב פסח האט א קינד זיינער באקומען שרעקליכע אויסשלאגן אויפן גוף, ער איז געלאפן גלייך מיטן קינד צום דאקטאר, און דער דאקטאר האט זיי שטארק דערשראקן אז

דאס איז גאר ערנסט און זיי זאלן גלייך ארייינלויפן אין שפיטאל מיטן קינד, ווייל דאס איז נישט קיין פשוטע זאך.

דער איד איז געווען שטארק באזארגט און פארשטאנען אז ער וועט יעצט מיזן פראווענען דעם יו"ט פסח אין שפיטאל, אזוי זיך יאגענדיג צום שפיטאל, האט ער ארייינגערופן צום צדיק רבי יעקב משה אין שטוב, און האט מזכיר געווען דעם קינד, דער צדיק רבי יעקב משה האט אים געגעבן א ווארעמע ברכה און געזאגט, "**אלעס וועט זיין בסדר אי"ה**", לפלא אזוי ווי זיי זענען אנגעקומען אין שפיטאל, און דער דאקטאר האט אויסגעטון די קליידער פונעם קינד, האבן די עלטערן געזעהן, אז די גאנצע אויסשלאג איז פלוצלונג נעלם געווארן.

• • •

**א אייינוואוינער אין שטאט כפר גדעון האט דערציילט**, א שוועסטער זייינער וואס האט געוואוינט אין באר שבע האט געהאלטן זעקס יאר נאך די חתונה און נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, און די פארפאלק האט אפגעמאכט אז זיי גייען זיך גט'ן, ווען ער האט דאס געהערט, האט דאס אים זייער געשטערט אז א פארפאלק זאל זיך גט'ן נאר פאר די איינע סיבה.

איז ער גלייך אריבער געלאפן צום צדיק רבי יעקב משה קרעמער זי"ע, און האט מזכיר געווען זיין שוועסטער און דערציילט פארן צדיק, אז די פארפאלק וויל זיך צעטיילן צוליב וואס זיי האבן נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, האט דער צדיק מיר געהייסן, **אז איך זאל שוין אריבער פארן קיין באר שבע, און איך זאל צו רעדן דאס פארפאלק, אז זיי זאלן זיך נישט גט'ן, און אי"ה א יאר ארום וועלן זיי האבן א קינד**, לפלא א יאר שפעטער איז צו די פארפאלק געבוירן געווארן א געזונט קינד.

• • •

**איין טאג איז א פרומע פארפאלק געקומען צו די שטוב פונעם צדיק רבי יעקב משה קרעמער זי"ע**, די רעבעצין די צדקת האט זיי גאר שיין אויפגענומען און מכבד געווען, דאן האט זי געפרעגט פון די פרוי מיט וואס זי קען זיי העלפן, האט די פרוי געזאגט, אז זייווארטן שוין יארן לאנג פאר א קינד **און זיי ווילן א ברכה פונעם רב**, האט די רעבעצין געזאגט, אז די מאן איז יעצט נישט אינדערהיים.

אבער דאן האט די רעבעצין געזאגט פאר די פרוי, **אויב דו וועסט אויסטון דיין שייטל און אנטון א טיכל, וועסטו האבן אי"ה א קינד**, די פרוי האט גלייך מסכים געווען און זיך פארגענומען צו אויסטון די שייטל, די רעבעצין די צדקת חי' שרה איז גלייך אריין אין שטוב, און ביז א מינוט ארויסגעברענגט איר טיכל און דאס אוועקגעגעבן פאר די פרוי, און לפלא, **צען חדשים שפעטער איז געבוירן געווארן א געזונט קינד צו די פארפאלק**.

• • •

**א איד פון ענגלאנד האט ל"ע געליטן פון א געוואוקס אין מח**, וואס איז כסדר צוריקגעקומען, נאך וואס ער איז דורכגעגאנגען צוויי אפעראציעס, האט מען אנטדעקט, אז דער געוואוקס איז נאכאמאל צוריקגעקומען, אויף א פיל ערגערן פארנעם, און די דאקטוירים האבן געפלאנט ארויסצושניידן **נישט נאר דעם געוואוקס, נאר אויך איין אויג מיט א חלק פון זיין נאז**, ווייל די עקס-רעי האט געוויזן, אז דער געוואוקס האט זיך דארט שטארק פארשפרייט.

בעפאר זיין אפעראציע איז דער איד ארומגעגאנגען צו אסאך צדיקים פאר ברכות, ווען ער האט אנגערופן דעם צדיק רבי יעקב משה קרעמער זי"ע, און געבעטן א ברכה פאר א רפואה, האט ער זיך אנטזאגט פון אים בענטשן, זאגנדיג, "**עס איז גארנישט, עס איז גארנישט, גיי צו א פשוט'ן דאקטאר**", דער איד האט זיך שוין געהאט געטראפן מיט די בעסטע ספעציאליסטן אין דעם פעלד, און די הדרכה פון רבי יעקב משה האט אויסגעזען זייער מאדנע, דער איד האט צוריקגערופן עטליכע מאל און זיך געבעטן פאר א ברכה מיט בכיות, אבער דער צדיק האט זיך געהאלטן ביי זיינס און געזאגט, "**דו ברויכסט נישט קיין ברכה, עס איז בלויז וואסער אין מח**".

דער איד איז אריין אין שפיטאל און איידער די אפעראציע האט מען נאך אייינמאל איבערגענומען אן עקס-רעי צו קענען זען פונקטליך ביז וואו דער געוואוקס האט זיך פארשפרייט, און נאך א לאנגע פארזוימונג, איז דער דאקטאר ענדליך ארייינגעקומען און אויסגערופן, "**איך האב געקוקט און נאכאמאל גוט שטודירט דיין עקס-רעי און איך בין ממש ערשטוינט, איך מיין אז מיר האבן געמאכט א גרויסן טעות, מיר האבן געמיינט אז מיר**

**זעען א געוואוקס, אבער עס איז בלויז וואסער וואס איז אריינגעקומען ווען מיר האבן געמאכט די ערשטע אפעראציע, עס איז בכלל נישט קיין געוואוקס, מיר קענען דאס אויסשווענקען ביז פינף מינוט**".

• • •

**עס איז געווען באוואוסט** אז די פארפאלק די קרעמער'ס קענען לייענען מענטשן'ס מחשבות, ווען דער צדיק רבי יעקב משה זי"ע איז איינמאל געווען אין לאנדאן צוזאמען שטעלן געלט פאר זיינע הייליגע צוועקן, האבן אסאך מענטשן געווארט אריינצוגיין צו אים צו באקומען ברכות און עצות, איין טאג איז א ספרד'ישע מיידל אריין צו אים, ווען זי איז ארויסגעקומען האט זיך דערקענט אויף איר פנים אז זי איז זייער אויפגעשאקלט.

איינער פון די מענטשן דארט האט איר געפרעגט, וואס איז געשען, האט זי געענטפערט, **אז זי איז געקומען פרעגן עטליכע קשיות פון דעם צדיק, אבער ווי נאר זי איז אריין האט זי נישט געקענט ארויסרעדן קייןווארט פון מויל פון גרויס יראת הכבוד, און זי איז געזעצן דארט און ר' יעקב משה האט געענטפערט אירע קשיות איינע נאך די אנדערע, אן דעם וואס זי זאל אפילו ארויסזאגן א ווארט פון איר מויל**, און א איינוואוינער פון כפר גדעון האט דערציילט איבער די הייליגע פארפאלק, "**אז נאכדעם וואס זיי האבן מיר שוין גוט געקענט, האט שוין מער נישט אויסגעפעלט איך זאל זיי עפעס זאגן, זיי האבן ממש געלייענט מיינע מחשבות**".

• • •

**א באקאנטע מעשה ווערט דערציילט**, איבער א פאמיליע וואס האט נישט געהאט קיין קינדער לאנגע יארן, נאכדעם וואס אלע דאקטוירים האבן אויפגעגעבן, האט זיי א באקאנטער עסקן געראטן צו פארן קיין כפר גדעון, און גיין נעמען א ברכה פון דעם צדיק רבי יעקב משה זי"ע, ווען זיי זענען אנגעקומען, האט רבי יעקב משה נישט געוואלט נעמען קיין קוויטל אדער געלט, ווייל דער צדיק האט קיינמאל נישט געוואלט נעמען געלט פאר ברכות.

ער האט גענומען א שטיקל טרוקן ברויט מיט א גלאז וואסער, געזאגט, "**לאמיר מאכן א ברכה**", און נאכ'ן ענטפערן אמן האט ער זיך אנגערופן צום מאן, "**פארוואס זענט איר אזוי באזארגט, דער אויבערשטער איז דאך א כל-יכול, גייט אהיים און נעמט אויף זיך צו אריינברענגען דעם שבת פריער, און קומענדיגס יאר אין די צייט וועט איר האלטן א קינד**", די ברכה איז פארווירקליכט געווארן פונקטליך, און א יאר שפעטער איז געבוירן געווארן א קינד צום שטוינונג פון אלע דאקטוירים.

• • •

**דער צדיק רבי יעקב משה זי"ע**, האט געלעבט מיט א געוואלדיגע דלות און עניות, אבער ער האט קיינמאל נישט מסכים געווען צו נעמען אפילו איין פרוטה פון קיינעם, איינמאל איז געקומען צו אים א גרויסער גביר פון חוץ לארץ וואס האט געהאט א שווערע קלאגע אין געריכט, און נאכדעם וואס דער צדיק האט אים געבענטשט איז די גאנצע פרשה בדרך נס בטל געווארן.

דער גביר איז צוריק געקומען קיין כפר גדעון מיט א קאנווערט מיט טויזנטער דאלארן אלס הכרת הטוב, אבער ווען דער עושר האט ארויפגעלייגט דאס געלט אויפ'ן טיש, האט רבי יעקב משה זיך צעשפרונגען ווי איינער וואס זעט א שלאנג, און ער האט געזאגט מיט א תמימות, "**נעם עס שנעל אוועק פון דא! איך דארף נישט קיין געלט, מיין פרנסה קומט פונעם רבונו של עולם דורך מיין שווערע ארבעט, אויב דו ווילסט מיר באצאלן, גיי קויף עסן פאר ארעמע יתומים אין שטאט**", דער גביר האט געמוזט איינפאקן דאס געלט און איז ארויסגעגאנגען דערציטערט פון זיין קדושה.

• • •

**אין כפר גדעון פלעגט ער זיך אפגעבן מיט פעלד ארבעט** און מיט די בהמות און פון דעם האט ער געצויגען זיין מאגערע פרנסה, איינמאל, א קורצע צייט פאר שבת, איז א קו געווארן שטארק קראנק און עס האט אויסגעזען ווי זי גייט פגר'ן, וואס פאר א קליינעם פארמער ווי אים איז דאס געווען א שאדן פון זיין גאנצן פארמעגן.

א שכן איז צוגעלאפן מיט א בהלה און געזאגט, אז מען מוז שנעל רופן א וועטערינאר אדער טוהן עפעס פאר שבת קומט אריין, אבער דער צדיק רבי יעקב משה האט זיך רואיג געוואשן די הענט, אנגעטוהן די שבת'דיגע קליידער און געזאגט,

"**שבת איז די מקור הברכה, מען דארף גארנישט טוהן און מען טאר זיך נישט זארגן אויף שבת**", ער איז געגאנגען אין בית המדרש דאווענען מיט גרויס שמחה און התלהבות ווי גארנישט וואלט פאסירט, מוצאי שבת, ווען מען איז אריין אין שטאל, **איז די קו געשטאנען אויף די פיס געזונט און פריש, און האט געגעבן מילך ווי געווענליך**.

• • •

**עס ווערט דערציילט דורך איינעם פון די עלטערע תושבים**, אז דער צדיק רבי יעקב משה זי"ע האט געהאט א געוואלדיגע דביקות אינעם **תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי**, וואס ווי באקאנט איז דער צדיק רבי יעקב משה געווען א גרויסע בעל מקובל אבער שטארק בהסתר, עטליכע מאל א יאר פלעגט ער פארן קיין מירון, אבער אלעמאל שטילערהייט מיט א פשוט'ן אויטאבוס, זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל און נישט גערעדט קיין ווארט מיט קיינעם.

איינמאל איז געווען א שניי און שווערע וועטער אין צפון, און די וועגן קיין מירון זענען געווען פארשלאסן, א קבוצה אידן האט זיך געמוטשעט אויפ'ן וועג און זיי האבן געזען רבי יעקב משה גיין צופיס אין דער קעלט מיט א פשוט'ן מאנטל, זיי האבן אים געבעטן ער זאל אריינקומען אין זייער קאר זיך ווארעמען, ווען ער איז אריינגעקומען, **האט זיך דער גאנצער קאר אנגעפילט מיט א מורא'דיגן שמעק פון בשמים, און אינמיטן וועג האט זיך דער שניי פלוצלונג אפגעשטעלט און דער וועג איז געווארן אינגאנצן אפן פאר זיי ביז'ן ציון**, און די מענטשן האבן געוואוסט, אז דאס איז געווען בזכות זיין הייליגער כח.

• • •

**א יונגערמאן פון דער געגנט איז אמאל געקומען צו אים וויינען**, אז ער ליידט פון שווערע פראבלעמען אין שטוב און ער קען מער נישט אויסהאלטן, ער האט געמיינט אז דער צדיק וועט אים געבן קבלה'דיגע סגולות אדער קמיעות, אבער דער צדיק רבי יעקב משה האט אים אנגעקוקט מיט גרויס ליבשאפט, אים געגעבן א גלעזל טיי, און געזאגט.

"**ווייסט דו וואס מיין סוד איז, ווען איך גיי אריין אין שטוב, מאך איך זיך ווי גארנישט, איך הער אויס, איך פארגעס פון מיין אייגענעם 'איך', און איך געב נאך אפילו ווען איך בין גערעכט, די גרעסטע קבלה איז, "ענווה און שווייגן", גיי אהיים, קויף א שיינע מתנה פאר דיין ווייב, רעד מיט איר מיט איידלקייט, און דו וועסט זען ווי די שכינה וועט רוהן ביי אייך**", דער יונגערמאן האט אזוי געטוהן, און די גאנצע שלום בית איז פאראכטן געווארן אן קיין שום מופתים, נאר דורך זיין פשוט'ער און טיפער הדרכה.

• • •

**צו פארשטיין אביסל די געוואלדיגע הכנסת אורחים פון די הייליגע פארפאלק** דער צדיק רבי יעקב משה קרעמער זי"ע און זיין רעבעצין די צדקת מרת חי' שרה ע"ה, איז ראטזאם צו דערציילן די מעשה, אין אן **ערב פסח** אין זייערע יונגע יארן, ווען די רעבעצין חי' שרה און דער צדיק רבי יעקב משה האבן זיך געיאגט צו צוענדיגן די לעצטע הכנות צום יו"ט, האבן זיי געהערט א קלאפ אין טיר.

זיי האבן געעפנט דעם טיר, און געטראפן **א קוריאזע פארפאלק שטיין דארט**, דער מאן האט אויסגעזען צו זיין כאטש צוואנציג יאר עלטער פון זיין ווייב, און זיי האבן זיך אויפגעפירט גאר מאדנע, און זיי האבן אויסגערופן, "**מיר ווילן זיין דא אויף פסח**".

די קרעמערס האבן זיי אריינגערופן, און די געסט האבן באלד אנגעהויבן איבערצונעמען **די קליינע קיך וועלכע איז שוין געווען כשר לפסח למהדרין אזוי ווי דער צדיק און צדקת פלעגן יעדעס יאר מקפיד זיין**.

די פרוי האט פארלאנגט אז די רעבעצין חי' שרה **זאל איר געבן דאס ביסל פסח'דיגע עסנווארג און אויך דאס עסן וועלכע זי האט אזוי שווער געארבעט צוצוגרייטן**, דאס איז געווען ממש ווי א בייזער חלום, אט זענען געווען צוויי ווילד פרעמדע מענטשן, וואס זייער דרגה אין אידישקייט איז געווען אומבאקאנט פאר די קרעמערס, און זיי האבן זיך באנוצט מיט חי' שרה'ס עסנווארג און אויוון.

די רעבעצין די צדקת חי' שרה האט מיט איר איינגעהאלטענקייט און געוואלדיגע מידת

געשושקעט צו איר מאן אין דעם אנדערן צימער, אז זי קען נישט האבן אזעלכע געסט וועלכע מאכן איר אויוון און כלים זאלן נישט זיין כשר פאר פסח, אבער זי האט דאך געוואלט מקיים זיין הכנסת אורחים בשלימות, האט איר הייליג מאן דער צדיק רבי יעקב משה געענטפערט, "**אוודאי קענען מיר, איך וועל לויפן כאפן די באס קיין עפולה, און קויפן נאך אפאר עסצייג, און א נייעם אויוון**".

דער צדיק רבי יעקב משה איז בדרך לא דרך אריבער געפארן צו א דערנעבעדיגען שטאט, און האט איינגעקויפט אפאר פרישע עסצייג און א קליינעם אויוון, און די רעבעצין חי' שרה האט זיך אונטערגעגעבן, און בלויז עטליכע שעה פאר'ן סדר האבן זיי איבערגע'כשר'ט זייער קיך, און אנגעהויבן קאכן פון אנהייב.

די מאדנע געסט האבן איבערגענומען דאס גאנצע הויז, דערנאך האבן זיי אויסגערופן, **אז זיי וועלן פראווען זייער סדר אליין ביים קיך טיש, דער איינציגער טיש וואס די קרעמערס האבן פארמאגט אין זייער ארימע שטוב**, דער צדיק רבי יעקב משה האט זיך נישט דערשראקן, ער האט גענומען צוויי ברעטער און עס ארויפגעלייגט אויף א גרויסן שטיין, ער האט עס צוגעדעקט מיט א ווייסן טישטוך, און געזאגט, "**דאס וועט זיין אונזער סדר טיש**".

דער צדיק רבי יעקב משה און זיין רעבעצין די צדקת חי' שרה האבן טאקע געפראוועט זייער סדר אין גאס, אויף דעם פריוואזארישן טיש, כאטש, אדער גאר אפשר טאקע צוליב דעם וואס זיי האבן געפירט זייער סדר אויף אזא אופן, זענען ר' יעקב משה און חי' שרה געווען **ווי אמת'ע קעניגן ביים טיש, וויסנדיג אז זיי הערשן איבער זייערע געפילן**.

דאס פארפאלק איז געבליבן דארט די גאנצע זיבן טעג פון פסח, שלאפנדיג אין די קרעמערס בעטן, פארלאנגענדיג כל מיני זאכן, און באפעלנדיג אז מען זאל זיי סערווירן.

סיי דער צדיק רבי יעקב משה און אויך זיין רעבעצין חי' שרה האבן דורכאויס די גאנצע צייט קיין איינמאל נישט פארלוירן זייער געדולד, נאך יום טוב, האט דאס פארפאלק געזאגט, "**יישר כח**", און זיי זענען אוועקגעגאנגען.

און דער צדיק רבי יעקב משה האט אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און געזאגט, "**יישר כח, אייבערשטער, אז דו האסט אונז געשיקט אזעלכע וואונדערבארע געסט**", און די רעבעצין חי' שרה איז געווען זיכער, **אז דאס פארפאלק איז געווען דירעקט געשיקט פון הימל, אדער גאר אליהו הנביא פארשטעלטערהייט**, און זי האט געקלערט ביי זיך, אז מצוה גוררת מצוה, אפשר איז דער שכר פאר'ןביישטיין אזא שווערע נסיון געווען, **אז פון הימל האט מען זיי געגעבן אזויפיל געלעגנהייטן צו מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים**.

**די באשרייבונג פונעם צדיק הגה"צ רבי יעקב משה קרעמער זי"ע, זאל זיין לזכות חיים צבי בן שרה וכל משפחתו.**

**יארצייט ט"ז תשרי ב' דסוכות**

**הגה"ק רבי מרדכי ב"ר יעקב זאב זי"ע**
**(ראטהשטיין)**
**בעל שערי פרנסה טובה, דומ"ץ האלמין**

ער איז געבוירן **אין שטאט לאפוש בשנת תקפ"ג.**

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי יעקב זאב מלאפוש** זי"ע,
(מגדולי חסידי **אהבת שלום מקאסוב** זי"ע),
בן הגה"ק **רבי פנחס** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אורי פייוויל מקראסניפאלי בעל אור החכמה** זי"ע, (מגדולי **תלמידי הבעש"ט** זי"ע).

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת רבקה** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי מרדכי מליסוטץ** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א גאון וגדול בתורה, ער האט געדינט אלס דומ"ץ אין שטאט האלמין **פאר איבער פופציג יאר** און געווען באוויסט אלס א מורה הוראה באמת ובצדק און ממש א יחיד בדורו אין הוראה.

ער האט געדינט דעם באשעפער מיט א מורא'דיגע תמימות און קדושה און געווען באוויסט אלס א גאר ערליכער דיין און א איד וואס האט יעדע זאך געטון מיטן אמת און נאר לשם שמים.

ער האט געלערנט אלס בחור אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי מאיר אייזענשטאט בעל מהר"ם א"ש מאונגוואר** זי"ע, דארט איז ער שוין געווען באוויסט אלס א גאון וגדול בתורה.

זיין רבי דער הייליגער מהר"ם א"ש האט דעם תלמיד גאר שטארק מחבב געווען און גאר שטארק גערעדט פון זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך שוין דאן געפירט.

און מען קען זעהן די געוואלדיגע קשר און חביבות וואס דער תלמיד רבי מרדכי האט געהאט צו זיין גרויסן רבין דער הייליגער מהר"ם א"ש זי"ע, און דער תלמיד האט זיין גאנץ לעבן גאר אסאך גערעדט מיט גרויסע געגועים איבער די עבודה פון זיין גרויסן רבין **ובפרטביים זאגן פרשת העקידה יעדן אינדערפרי מיט דעם הייליגן ראש השנה ניגון.**

ער חתונה געהאט מיט זיין חשובע רעבעצין **הצדקת מרת בילא** ע"ה,
בת **הרבני החשוב רבי וואלף זייף מהאלמין** ז"ל, וואס איז געווען מפורסם **אלס א גרויסער בעל צדקה וחסד.**

ער האט זיך אסאך מסתופף געווען בצלו פון די צדיקי הדור ובתוכם.

הרה"ק **בעל ייטב לב מסיגוט** זי"ע,
הרה"ק **בעל קדושת יו"ט מסיגוט** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלמה בעל שם משלמה ממונקאטש** זי"ע.

בערך בשנת תר"ח איז ער אויפגענומען געווארן אלס דיין און מורה הוראה אין שטאט **האלמין**, וואו ער האט געדינט על כס ההוראה נאמנה **איבער פופציג יאר כולם שווין לטובה**, אידן פונעם שטאט האבן יארן נאך זיין הסתלקות גערעדט פון זיין געוואלדיגע צדקת און מידת האמת מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט.

פון זיינע ספרים זעט מען זיין גרויסע אהבת ישראל און זיין געוואלדיגע עניוות, און זיין אויסערגעוויינטלעכע זהירות אין מצוות און אויך אין עבודת השם.

ער פלעגט גאר אסאך תהילים זאגן, און דער צדיק האט געענדיגט **דעם גאנצן ספר תהלים כאטש צוויי מאל א וואך מיט גרויסע כוונות**, ער האט געהאט סדרים אין ספרים ווי "**אורחות חיים להרא"ש, של"ה הקדוש, ראשית חכמה, חובת הלבבות, און אויך אין דעם הייליגען חסידישע ספר מאור עינים**".

דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן געלעבט מיטן מידה פון זיין "**תמיד בשמחה**", ער האט זיך איינגעוואוינט צו זאגן אויף יעדער זאך "**גם זו לטובה**", און ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען צו מחזק זיין אנדערע אידן און אריינגעברענגט שמחה אין צובראכענע אידן, און דאס קען מען

זעהן אין זיינע הייליגע חיבורים, און ער שרייבט גאר ווארעמע ברכות פאר אלע וואס וועלן לערנען אין זיינע ספרים, **אז זיי וועלן זוכה זיין צו אלע השפעות טובות, בני, חיי ומזוני**.

דער מחבר האט זוכה געווען צו מחבר זיין דריי גאר הייליגע חיבורים וואס זענען געווארן אנגענומען בכל תפיצות הארץ.

**בית ועד לחכמים, על התורה.** וואס מיט זיין גרויס עניוות האט ער אין די ערשטע מהדורה אפילו נישט געשריבן זיין נאמען אויפן שער-בלאט, נאר בלויז זיין יחוס אבות, דער ספר האט באקומען הסכמות פון גדולי הדור.

**שערי פרנסה טובה, על תהלים.** און דער צדיק רבי מרדכי זי"ע שרייבט, אז דורך אפהאלטן זיך פון עבירות און מעורר זיין צו תשובה, **עפנט עס די טירן פאר שפע און פרנסה טובה**, ווי די לשון קדשו וואס דער מחבר שרייבט בזה"ל, "**ובודאי יהיה השפעה ופרנסה טובה עלינו ועל כל ישראל אמן**".

און **דער הייליגער שינאווער רב** זי"ע האט דעם חיבור זייער חשוב געהאלטן און פלעגט דערין לערנען יעדן טאג פארן דאווענען, און ווען מען האט דעם ספר איבערגעדרוקט נאך די קריג, האט **רבינו הקדוש רבי יואל טייטלבוים מסאטמאר זי"ע זייער משבח געווען דעם ספר מיט גרויס הערצה**.

**ספר תורת חסד, על התורה.** און צדיקים האבן דערציילט, אז ווען דער צדיק רבי מרדכי זי"ע איז אלט געווען 72 יאר, איז ער ליידער קראנק געווארן מיט א גאר שווערע מחלה, און ער האט זיך אונטערגענומען, אז אויב ער ווערט געזונט, וועט ער מחבר זיין א ספר זיך צו שטארקן אין עבודת השם, און דער צדיק איז טאקע געזונט געווארן און דערפאר האט ער מחבר געווען דעם ספר.

ער האט איבער געלאזט א דור ישרים מבורך פון חשובע איידעמער.

בתו **הצדקת מרת ברכה** ע"ה, אשת הרה"צ **רבי יהושע כ"ץ** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת רבקה אסתר** ע"ה, אשת הרה"ח **רבי שמואל דוד גאנץ** ז"ל.

נסתלק לגנזי מרומים **ט"ז תשרי ב' דחג הסוכות בשנת תר"ס, אין עלטער פון 76 יאר**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין די שטאט **האלמין**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין זיין שטאט האלמין איז ער געווען באוויסט**, נישט בלויז אלס א תלמיד חכם און דיין, נאר אלס א פועל ישועות וואס אידן פלעגן זיך ווענדן אין צייטן פון צרה, עס ווערט דערציילט אז אין א שווערער תקופה ווען עס האבן געדראעט גזירות אויף די פרנסות פון די לאקאלע אידישע סוחרים און קרעטשמערס.

זענען עטליכע בעלי בתים געקומען צו אים מיט א געוויין, רבי מרדכי האט זיי געהייסן זיך שטארקן מיט אמונה און תהלים, און צוגעזאגט, **אז בזכות די אבות הקדושים וועט די רשעות בטל ווערן**, נישט לאנג דערנאך האט זיך די רעגירונגס-באפעל פלוצלונג איבערגעדרייט לטובה, און די שטאטס-לייט האבן געזען בחוש דעם כוח פון זיין ברכה.

• • •

**די בני קהילה אין שטאט האלמין פלעגן דערציילן מיט התפעלות** איבער זיין דאווענען, יעדן טאג פארן דאווענען פלעגט ער זיך צוגרייטן מיט גרויס הכנעה, און ווען ער האט געזאגט תהלים זענען אים די טרערן גערינען פון די אויגן ווי וואסער.

די עלטערע אידן אין האלמין פלעגן זאגן, **אז פשוט הערן רבי מרדכי'ן זאגן א קאפיטל תהלים, איז געווען גענוג מעורר צו זיין יעדן איינעם צו תשובה**, ווייל ער האט אריינגעלייגט זיין גאנצע נשמה אין יעדן איינציגן ווארט.

• • •

**די אידן פון שטאט האלמין האבן דערציילט**, אז דער צדיק רבי מרדכי זי"ע דינענדיג אלס דיין אין שטאט פאר איבער פופציג יאר, זענען געקומען צו אים פילע דין תורה'ס און קריגערייען צווישן מענטשן אדער שלום בית ענינים.

ער פלעגט זיך קיינמאל נישט אויפפירן מיט שטרענגקייט אדער כעס, נאר מיט זיין געוואלדיגע

עניוות און זיסע רייד פלעגט ער בארואיגן די גרעסטע בעלי מחלוקת, און ער פלעגט אייביג מוחל זיין אויף זיין אייגענעם כבוד, אבי עס זאל הערשן שלום און אחדות צווישן אידן.

• • •

**א ספעציעלע זאך וואס די אלטע חסידים פון שטאט האלמין האבן געהאלטן זייער טייער**, איז געווען זיין גרויסע הבטחה אין זיינע הייליגע ספרים, ער פלעגט כסדר מעורר זיין מענטשן וואס מוטשען זיך מיט פרנסה צו עוסק זיין אין מוסר און תהלים, און ער האט צוגעזאגט מיט א פעסטקייט, **אז ווער עס וועט זיך פארטיפן אין די הייליגע לימודים און זיך דערנענטערן צום בורא כל עולמים, וועט זען ווי די טויערן פון ברכה שלום און פרנסה עפענען זיך פאר אים פונדאסניי**.

• • •

**במשך די יארן איז באקאנט געווארן אן אויסערגעוויינליכע סגולה און רפואה** פאר אידישע קינדער וואס מוטשען זיך ליידער מיט שווערע מחשבות, מרה שחורה, יאוש און דעפרעסיע רח"ל, אז דאס לערנען אין די הייליגע ספרים פונעם האלמינער דיין, הגה"ק רבי מרדכי ראטשטיין זי"ע, איז א געוואלדיגע רפואת הנפש.

איינמאל איז א אייניקל פונעם צדיק אריינגעגאנגען דאווענען מעריב אין א לאקאלן בית מדרש, און זייענדיג דארט, האט ער געטראפן דארט א מגיד שיעור א מרביץ תורה, און דער איד זאגט אים, אז אויב עס מאכט זיך ביי אים אין ישיבה א בחור וואס ליידט פון נפשיות'דיגע פראבלעמען, אדער פון דעפרעסיע, אדער שווערע פראבלעמען מיט זיין געמיט, איז ער מציע פארן בחור, "**לייג זיך אריין צו לערנען אין די ספרים פון הגה"ק רבי מרדכי ראטשטיין זי"ע פון האלמין, אן דו וועסט זען ווי עס וועט זיך מאכן ביי דיר גרויסע ענדערונג לטובה**".

און דער איד האט געזאגט פארן אייניקל, פון וואו ווייס איך דאס אזוי זיכער, ווייל איך אליין, ווען איך בין געווען א בחור, האט ער זיך יארן לאנג געמוטשעט מיט ביטערע דעפרעסיע און שווערע געמיטס-צושטאנדן, און מען האט אים געראטן זיך צו זעצן לערנען אין די הייליגע ספרים פון רבי מרדכי'ן, ווייל די ספרים זענען געשריבן מיט אזא ווארעמקייט, אויף א מורא'דיג לייכטן, באלערנדן און זיסן אופן, **אז ווי נאר ער האט אנגעהויבן דערין צו לערנען, האט זיך די פינסטערניש צעגאנגען און די דעפרעסיע איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן**.

**די באשרייבונג פונעם צדיק הגה"ק רבי מרדכי ראהטשטיין מהאלמין זי"ע, זאל זיין לזכות נכדו חיים צבי בן שרה וכל משפחתו.**

**יארצייט ט"ז תשרי ב' דסוכות**

**הרה"ק רבי צבי הירש ב"ר שלמה זי"ע, (שפירא) בעל דרכי תשובה, ממונקאטש**

ער איז געבוירן אין שטאט סטריזוב, **י"א תמוז בשנת תר"י**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי שלמה שפירא בעל שם שלמה ממונקאטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אלעזר שפירא מלאנצוט** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת חיה פרימא רבקה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יקותיאל שמואל שמעלקא מסאסוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי משה לייב מסאסוב** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א גאון נפלא בתורה, ער איז געווען מפורסם אלס א חריף עצום און א בקי נפלא בכל מקצועות התורה, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א בעל מקובל האלוקי, ער איז געווען א מופת הדור און א גרויסע פועל ישועות, ער איז געווען מפורסם אלס א חסיד ועניו, ער האט מחבר געווען גאר טיפע און הייליגע חיבורים וואס גרויסע גאונים און גדולים בתורה האבן ממש מפליא געווען דאס גאונות.

די עלטערן האבן ליידער אפאר קינדער פארלוירן נאך בעפאר דער צדיק איז געבוירן געווארן, זענען די עלטערן געגאנגען פאר א ברכה ביים צדיק וקדוש הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע, וואס האט פאר די עלטערן געווינטשן א ברכה, אז עס זאל זיי געבוירן ווערן א קינד וואס וועט זיין א צדיק וקדוש און א גרויסע תלמיד חכם, און ברכת צדיק עושה רושם, און עס איז זיי געבוירען געווארן א קינד וואס האט באלאכטן די וועלט מיט זיין תורה און קדושה.

מען האט דעם קינד א נאמען געגעבן **צבי הירש** נאך הרה"ק **רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב** זי"ע וואס זיין יארצייט איז **י"א תמוז דעם טאג וואס דער צדיק איז געבוירן געווארן**.

ביי די 6 יאר איז ער א חתן געווארן מיט **הרבנית הצדקת מרת אסתר** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי חנינא הורוויץ מאולינוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יעקב ממעליץ** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי אליעזר מדזיקוב** זי"ע),
וואס ביידע זיידעס סיי **רבי יעקב ממעליץ** און אויך **רבי אליעזר מדזיקוב** זענען געווען קינדער פון הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ** זי"ע.

די חתונה איז פאר געקומען חודש אדר בשנת תרכ"ה אין שטאט אילונוב, און דאן איז דער איידעם געזעצן סמוך על שולחן חמיו פאר אביסל מער ווי א יאר, דארט האט ער עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע קדושה און התמדת התורה.

גאנץ אנפאנג האט ער געלערנט ביי זיינע זיידעס הרה"ק **רבי אלעזר שפירא מלאנצוט** זי"ע און ביים זיידן הרה"ק **רבי יקותיאל שמעלקא מסאסוב** זי"ע, דארט איז ער שוין געווען באוויסט אלס א געוואלדיגע למדן און גאון בתורה.

זיין רבו מובהק איז געווען **דער הייליגער דברי חיים מצאנז** זי"ע, וואס האט דעם תלמיד גאר שטארק מחבב געווען, און גאר אסאך תורה האט דער תלמיד קונה געווען פון זיין גרויסע רבי דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, אויך האט דער צאנזער רב אים מכבד געווען נאך זייענדיג בערך 23 יאר אלט מיט ברכת המזון אחרון של פסח ביים שולחן הטהור, ווי עס זענען געזעצן גרויסע גדולים און צדיקים און עס איז געווען א גרויסע פלא.

ווערט געברענגט אין ספר בית שלמה, אז ווען דער הייליגער דרכי תשובה איז איינמאל געווען אין צאנז אויף שבת קודש ביי זיין הייליגען רבין דער צאנזער רב זי"ע, האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע זיך אויסגעדרייט צום דרכי תשובה שבת ביינאכט און פרעגט אים לגבי זיין נאמען, פארוואס מען האט אים נישט א נאמען געגעבן נאכן זיידן **צבי אלימלך דער הייליגער בני יששכר** זי"ע, האט דער דרכי תשובה געזאגט, אז ער איז געבוירן געווארן **י"א תמוז** דעם טאג פונעם יארצייט פונעם הייליגען **עטרת צבי מזידיטשוב** זי"ע, און דערפאר האט מען אים געגעבן דעם נאמען צבי הירש נאך דעם הייליגען צדיק.

אבער שבת צופרי האט זיך דאס איבער גע'חזר'ט נאך צוויי מאל, אז דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט איבער געפרעגט דעם שאלה נאך צוויי מאל, פארשטייט זיך אז דער הייליגער דרכי תשובה האט געענטפערט פארן דברי חיים דעם ענטפערט כאילו עס איז דאס ערשטע מאל וואס ער פרעגט דאס, פארן עולם ארום איז דאס געווען א גרויסע פלא, אבער דער הייליגער דרכי תשובה האט יא פארשטאנען, אז דאס איז געווען הויכע ענינים און נישט סתם א שאלה.

בשנת תרל"ו ווען דער הייליגער דברי חיים זי"ע איז נסתלק געווארן, איז דער צדיק אריבער צום הייליגען ממלא מקום הרה"ק **רבי יחזקאל שרגא בעל דברי יחזקאל משינאווא** זי"ע, אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצלו פון אסאך גדולים און צדיקים בדורו.

בשנת תרמ"ב ווען זיין הייליגע טאטע הרה"ק רבי שלמה זי"ע איז געווארן רב אין שטאט **מונקאטש**, איז דער זון מיט געגאנגען מיטן טאטן, און מען האט אים אויך געגומען אלס אב"ד און יד ימינו פון זיין גרויסן טאטן, ער האט דאן גאר אסאך עוסק געווען אין מרביץ תורה זיין דארט אין שטאט מונקאטש, די אידן אין שטאט מונקאטש האבן דעם זון גאר שטארק מכבד געווען אין איינגעזען זיין גדלות בתורה, אפילו זייענדיג א גרויסער עניו האט ער אבער גאר אסאך אויף געטון פאר אידישקייט דארט אין שטאט.

ער האט דארט אין שטאט דאן געדינט אלס איינע פון די דיינים אונעם בי"ד, ווען ער האט באקומען סיי וואסערע באצאלט, האט ער קיינמאל נישט געניצט דאס געלט פאר זיינע צרכים, נאר ער האט דאס געגעבן פאר צדקה אדער האט ער מיט דעם איין געקויפט ספרים, און דערפאר יארן שפעטער האט דער צדיק געהאט א גאר גרויסע **אוצר הספרים** וואס דארט האט ער אויך געהאט טייערע כתבי ידות.

אויך האט דער צדיק שוין דאן אפ געראכטן גאר געהויבענע טעג, ער האט מישם געווען לילות כימים און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, די נאנטע פלעגן דערציילן, אז דער צדיק האט זיך געקענט אויף כאפן אינמיטן די נאכט ווען עס איז אים איין געפאלן גרויסע חידושי תורה, אבער דאס אלעס האט ער געטון מיט א געוואלדיגע באהאלטען קייט און ער איז געווען א נחבא אל הכלים.

כ"א סיון בשנת תרנ"ג ווען זיין הייליגע טאטע איז נסתלק געווארן, האט מען דאן אויף גענומען דעם גרויסן זון אלס ממלא מקום אין שטאט **מונקאטש**, דארט אין שטאט מונקאטש האט ער גאר אסאך געליטן פון די ממשלה, וויבאלד ער האט נישט געקענט דעם שפראך אונגאריש און מען האט אים מתחילה נישט געלאזט זיין דארט רב, אבער מיט די צייט האט מען אויס געפויעלט אז ער זאל יא קענען זיין דארט רב.

ווערט דערציילט, אז דעם ערשטן שבת נאכן פטירה פון זיין הייליגען טאטן, האט דער זון דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע וואס איז געווען גאר שטארק צוטראגן פונעם פטירה פון זיין טאטן, זיך ארום געדרייט און שטאט, און ער זעט אז א גרויסער עולם וואס פלעגט זיך מסתופף זיין ביים טאטן זענען דא אויף שבת קודש.

האט ער געפרעגט מיט א אמתדיקייט אין מיט זיין געוואלדיגע עניוות פונעם גבאי'ן, **וואס זיכען די אידן דא, דער טאטע איז דאך שוין נישט דא**, עס איז אים בכלל נישט איינגעפאלן אז די געהויבענע אידן זענען געקומען צו אים, נאר דאן האט ער געזאגט, **אז די אידן קומען צו אים ווייל זיי ווילן מכבד זיין דעם טאטן**, און מיט דעם געדאנק איז דער צדיק צו געגאנגען צום שבת.

בשנת תרל"ג האט ער געענדיגט זיין ערשטן חיבור **דרכי תשובה**, ווען דער חיבור איז ארויס געקומען האבן דאס די גדולים און גאונים פון אימעטים מוראדיג מפליא געווען, עס איז געווען א הלכה ספר וואס יעדער מורא הוראה האט מחשב געווען און עס איז געווען פסקים להלכה.

ווי מען קען זעהן וואס די גאונים האבן געשריבן אויף דעם ספר דרכי תשובה, הגה"ק המפורסם שר התורה רבי יצחק שמעלקיש בעל בית יצחק מלבוב זי"ע שרייבט בזה"ל, "**תאורנה עיני על ידי הספר דרכי תשובה, ומבלעדו לא יוכלו להורות**".

הגה"ק רבי שלמה הכהן מווילנא זי"ע שרייבט בזה"ל, "**תשואות חן ואפריון, על גודל פעולתו בחיבורו דרכי תשובה, אשר נחוץ לכל רב ומורה,**

**ולא רק בשמו בלבד יצא לברכו, כי אם בשם כל המורי צדק דמדינתו (מדינת ליטא)" און ער רופט אים אן מיטן טיטול "מרא דתלמודא"**.

אויך האבן אנדערע גדולים און גאונים בדורו געגעבן אן הסכמה אויף דעם גרויסן ספר ובתוכם.

הגה"ק **רבי יצחק אלחנן מקאוונא** זי"ע,
הגה"ק **רבי יצחק אהרן איטינגא מלבוב** זי"ע.

בשנת תרס"ח האט ער אויף געשטעלט א **כולל מונקאטש והגלילות** וואס פון דעם קרן האט ער געשיקט גאר אסאך געלט צו מחזק זיין יוצאי הונגריה אין ארץ ישראל, אויך האט ער דאן געגרינדעט די **שכונת בתי מונקאטש אין ירושלים**.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עבודת התפלה וואס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע קדושה און א לב נשבר וואס דאס האט מעורר געווען אלע מתפללים, אויך די תפילות שבתים און ימים טובים זענען געווען מיט א געוואלדיגע ברען און א אש קודש.

אויך האבן די חסידים און תלמידים דערציילט זיין געוואלדיגע עבודה ביי די טישן, ווען דער צדיק האט געזאגט די דברות קודש און דברי תורה און ער האט דאן געשיינט ווי א מלאך אלקים און מעורר געווען אידישע קינדער און זיי נענטער געברענגט צום טאטן אין הימל ורבים השיב מעון להכניסם תחת כנפי השכינה.

ער איז געווען מפורסם אלס א לוחם קעגן דעם באוועגונג פון די מתחדשים, ער איז כסדר ארויס בחרב ובחנות אז מען זאל נישט אריין ברענגען קיין נייע מנהגים אדער נייע מאדעס וואס מען האט קיינמאל נישט געזען ביי די צדיקים מדורות הראשונים, ער האט גאר שטארק בארימט די אידן וואס האבן זיך געלאזט וואקסן די בארד און נישט צו גערירט צום צלם אלוקים, ווי מען זעט אז דער צדיק האט אמאל מספיד געווען א עושר און מוראדיג מכבד געווען דעם נפטר, נאר ווייל ער האט זיך געהאלטן מיטן צלם אלוקים.

אויך איז ער געווען פון די גרעסטע לוחמים בימיו קעגן די ציונים און אויך איז ער געווען א גרויסער מתנגד קעגן דעם אויף שטעלן די **אגודת ישראל**, וואס אסאך גדולים האבן דאן געהאלטן אז דאס וועט ראטעווען אידישקייט, אבער דער צדיק וקדוש האט שוין דאן געזען, אז דאס וועט אנקומען ווי עס איז צום סוף אנגעקומען, און דערפאר האט ער לוחם געווען קעגן דעם מיטן גאנצן כוח און שארפקייט.

ער האט מחבר געווען גרויסע און הייליגע ספרים.

**ספר דרכי תשובה, על שולחן ערוך,**
**ספר באר לחי רואי, על תיקוני הזוהר,**
**שו"ת צבי תפארת,**
**ספר תפארת בנים, על התורה ומועדים,**
**תפארת בנים, על הגדה של פסח.**

אין ספר בית שלמה ווערט געברענגט, אז דער גאון דער הייליגער דרכי תשובה האט אליין מעיד געווען, אז ער האט דעם חיבור "**באר לחי רואי**" געמאכט ממש מיט **מסירת נפש**, דער ספר איז געווען א חיבור אויף די הייליגע תורת פון **רבי שמעון בר יוחאי דער הייליגער זוהר הקדוש**, און דערפאר איז דאס געווען מוראדיג חביב ביים הייליגען דרכי תשובה.

מען קען זען וואס ער שרייבט אין דעם הקדמה, "**וראיתי אני הצעיר פעמים רבות, כי מן השמים עזרוני ואנהירו, לעניין בחסדו לגול את האבן מעל פי הבאר**" אויך האט דער הייליגער דרכי תשובה כמה פעמים געזאגט בזה"ל, "**כי לולי הכיר את כתב ידו בפירוש באר לחי רואי אשר כתב על הנייר, לא היה מאמין לעצמו כי מעשי ידיו הוא**", אויך קען מען זען וואס דער צדיק שרייבט בזה"ל, "**וזכני השם יתברך לגמור הפירוש הלז על כל התיקוני הזוהר הקדוש, ואז אדע תכלית ביאתי לעולם הזה**".

ער האט איבער געלאזט זיין **בן יחיד** הרה"ק **רבי חיים אלעזר בעל מנחת אלעזר ממונקאטש** זי"ע ממלא מקום אביו במונקאטש.

בשנת תרע"ג זומער איז דער צדיק ליידער זייער קראנק געווארן, און מען איז געפארן מיטן רבין קיין **ביקסאד** צום מרחץ פאר זיין געזונט, דארט איז ער געווען דריי וואכן, חודש אלול ווען ער איז צוריק געקומען קיין מונקאטש איז די מצב געווארן שווערער, ערב ראש השנה איז דער צדיק

אריין געפאלן לײדער אין בעט און געלעגן על ערש דווי, אידן פון אלע שטעט ארום האבן איינגעריסן פארן צדיק, אז דער באשעפער זאל אים שיקן א רפואה שלימה.

בין כסא לעשור זענען אסאך גדולים און צדיקים געקומען מבקר חולה זיין דעם רבין און געוואינטשן ברכות לרוב, אבער לײדער איז די מצב נאר ערגער געווארן, דעם ערשטען טאג סוכות האט דער הייליגער צדיק מיט מסירת נפש ממש מקיים געווען דעם מצוה **פון שאקלן לולב און אתרוג**, אבער די נאכט נאכדעם איז די מצב געווארן גאר שווער און מען איז שוין געשטאנען ביים בעט פונעם צדיק, לײדער דעם צווייטן טאג סוכות צופרי נצחו אראלים את המצוקים ויצתה נשמתו בטהרה.

אין ספר בית שלמה שטייט א דבר פלא, אז אפאר יאר בעפאר זיין פטירה האט דער הייליגער דרכי תשובה געפירט דעם צווייטן נאכט סוכות א גאר געהויבענע טיש, און ער האט געהייסן ברענגען גוטע וויין און ער האט געמאכט דעם ברכה "**הטוב והמטיב**" אויף די וויין, און מען האט זיך געפרייט מיט שמחת בית השואבה ממש ביז אינדערפרי, און ממש דעם צייט ווען ער פלעגט די לעצטע יארן ענדיגן דעם שמחת בית השואבה איז דער צדיק נסתלק געווארן.

דער צדיק האט דאן ביי שמחת בית השואבה געזאגט, אז דער הייליגער צדיק רבי חיים מאיר יחיאל השרף ממאגלניצא זי"ע פלעגט זאגן די ווערטער ביים טרינקען די וויין ביים סעודות יו"ט, "**רבונו של עולם, הלא כשיבוא משיח לגאלינו, ויעמדו הצדיקים ועטרותיהם בראשיהם ונהנין מזיו השכינה, ומה חשיבא קבל ההוא שבחתא את היין המשומר, חמר מרת דמבראשית, נטור בי נעוותא, אמנם עתה בגלותנו המר, אם תטעימנו מנועם חמר מרת יין המשומר הלז, מה יקר אף נעים תהיה לנו להחיות נפשותינו**".

נסתלק לגנזי מרומים **ב' סוכות ט"ז תשרי בשנת תרע"ד**, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט **מונקאטש** סמוך ונראה צו זיין הייליגען טאטן זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**אין ספר בית שלמה ווערט געברענגט א מעשה,** אז איינמאל איז א איד געקומען צום הייליגען דרכי תשובה זי"ע סוף ימיו, און דער איד האט זיך מזכיר געווען וועגן עפעס א ענין, און דער איד האט געגעבן פארן הייליגען דרכי תשובה א מטבע, אז די רבי זאל דאס בענטשן פאר הצלחה און ישועה.

ווען די הייליגער דרכי תשובה האט גענומען דעם מטבע, האט ער דאס גלייך צוריק געגעבן פארן איד און געזאגט, דעם מטבע קען איך נישט בענטשן, ווייל עס איז שוין געבענטשט געווארן דורך א אנדערן רבין, דער איד האט געזאגט פארן רבין, אז די מטבע האט ער נישט געגעבן פאר קיין אנדערן רבין צו בענטשן.

דאן האט זיך דער הייליגער דרכי תשובה זייער מתמרמר געווען און דערציילט, אז איינמאל איז ער געווען ביים זיידן הרה"ק רבי אלעזר מלאנצוט זי"ע, און ער האט געזען ווי די זיידע איז מרגיש אויף א מטבע אז א אנדערע רבי האט דאס שוין געבענטשן, ווען ער האט געפרעגט די זיידע ווי אזוי די זיידע ווייסט, האט דער זיידע געזאגט, בעט דעם באשעפער אז די זאלסט אויך לעת זקנה קענען מרגיש זיין אזוי ווי איך, און יעצט האט דער הייליגער דרכי תשובה געזאגט, האב איך מרגיש געווען דעם ענין, אבער די זאגסט מיר אז עס איז נישט אמת, דערפאר איז ער געווען אביסל צובראכן דערפון.

אבער לפלא ווען דער איד איז אהיים געקומען און ער האט דאס דערציילט פאר זיין ווייב, האט זיין ווייב געזאגט, די רבי איז ריין גערעכט, ווייל זי האט דעם מטבע שוין געבענטשט ביי איין רבי, אבער זי האט געוואלט אז דאס זאל ווערן געבענטשט ביי נאך א רבין, ווייל צוויי איז דאך שטערקער ווי איינס.

איז דער איד גלייך צוריק געלאפן צום רבין, און געבעטן מחילה פונעם רבין, אז ער האט באמת נישט געוויסט אז די ווייב האט דעם מטבע שוין בעפאר דעם געבענטשט ביי א אנדערן רבין, **דאן האט זיך דער צדיק דער הייליגער דרכי תשובה בארואיגט.**

• • •

**ביים הייליגען דרכי תשובה זי"ע** און אויך ביים זון דער הייליגער **מנחת אלעזר** זי"ע איז געווען דער גבאי הרה"ח **רבי חיים בער גרינפעלד** ז"ל א איד א גרויסע עובד השם און א גאר ערליכער איד.

ער האט געהאט א איין איינציגע טאכטער וואס איז ליידער זייער קראנק געווארן, און זי איז געפארן זיך היילן אין שטאט וויען, פארשטייט זיך דער טאטע רבי חיים בער איז מיט איר מיט געגאנגען און איז געזעצן נעבן איר בעט די גאנצע צייט, איינמאל איז דער טאטע ארויס פון שטוב עפעס נעמען, אבער ליידער ווען ער איז צוריק געקומען, האט מען אים מבשר געווען די בשורה, **אז זיין איין איינציגסטע טאכטער איז ר"ל נפטר געווארן**.

איז דער רבי חיים בער זיך געגאנגען וואשן די הענט און ער האט זיך אנגעטון זיין גארטל און גענומען א סידור **און געמאכט הויעך די ברכה ברוך דיין האמת**.

די אידן וואס זענען דארט געשטאנען בשעת מעשה, זענען ממש ארויס פון התפעלות פון דעם גרויסע אמונה און שטארקייט וואס דער איד האט, ווען ער האט ליידער פארלוירען זיין בת יחידה, אבער ווען זיי האבן געהערט ווער זיינע רבי'ס זענען געווען, האבן זיי שוין פארשטאנען, **אז ביים זיך ארום דרייען ביי די צוויי צדיקים פון מונקאטש, איז ביי דעם ר' חיים בער געווען איינגעווארצלט דעם אמונה אז כל מה דעביד רחמנא לטב עביד**.

• • •

**דער גבאי הרה"ח רבי חיים בער ז"ל האט דערציילט**, אז איין יאר ראש השנה ביים הייליגען דרכי תשובה ממונקאטש זי"ע, אינמיטן מוסף האט ער אנגעהויבן שרייען **נו נא און געוויזן ביים פענסטער פונעם ביהמ"ד**, קיינער האט נישט פארשטאנען וואס דער צדיק וויל און אויס רעדן האט מען אויך נישט געקענט.

איז דער הייליגער צדיק בכבודו בעצמו צו געגאנגען צום פענסטער, און דארט זענען געלעגן מאנטלעך און ספרים, דער צדיק מישט אזוי צווישן די זאכן, ביז ער האט געטראפן וואס ער האט געזיכט, **א חומש מיטן פירוש פון משה מענדלסאן ימ"ש**, דער צדיק האט געכאפט דעם חומש **און דאס ארויס געווארפן פון פענסטער**, און דאן האט זיך דער צדיק צוריק געשטעלט דאווענען, **ווייל די טמאה פון דעם חומש האט געשטערט פארן צדיק ביים דאווענען**.

• • •

**דער גבאי נאמן הרה"ח ר' חיים בער גרינפעלד ז"ל האט דערציילט**, אז איינמאל ווען דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע איז געווען אין סיגוט ביים הייליגען קדושת יו"ט מסיגוט זי"ע, וואס די צוויי צדיקים פלעגן זיך גאר אסאך טרעפן צו מסדר זיין עניני מדינה, האט דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע געבעטן, אז דער דרכי תשובה זאל בלייבן אויף שבת און ער געט אים איבער דאס גאנצע הנהגה אז ער זאל זיך פירן נוסח מונקאטש נאר ער זאל בלייבן אין סיגוט אויף שבת.

פארשטייט זיך אז עס איז געווען א גאר געהויבענע שבת קודש צווישן די צוויי צדיקים, זונטאג איז געווען ראש חודש און דער הייליגער קדושת יו"ט האט געהייסן צוגרייטן א שיינע סעודה לכבוד דעם חשובען גאסט.

אבער דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע האט נישט געוואלט עסן פון די עסן וואס מען האט סערווירט, האט אים דער קדושת יו"ט געפרעגט פארוואס ער עסט נישט, און געפרעגט אפשר איז ער מקפיד אויף **שטאפ** וואס איז געווען עפעס אין כשרות וואס די מונקאטש גזע האט זייער מקפיד געווען, און דער קדושת יו"ט האט געזאגט, אז ער גיבט אויך אכטונג אויף דעם, אבער דער הייליגער דרכי תשובה האט זיך ארויס געדרייט און געזאגט, ח"ו איך בין אייך נישט חושד אז איר זענט נישט מקפיד אויף דעם.

אבער דער קדושת יו"ט האט געהייסן אריין רופן די וואס האט געקאכט און געפרעגט אויב מען איז מקפיד אין קאך אויף דעם חומרה, און די קעכערן האט געזאגט אז אוודאי איז מען מקפיד.

אבער דאן האט זיך די קעכערין דערמאנט, אז אזוי ווי עס איז געווען אסאך מענטשן און זי האט נישט געהאט גענוג כלים צו קאכן, האט זי געבארגט כלים פון א שכן, און ווען מען האט געפרעגט די שכן, האט ער געזאגט, **אז ער איז ביי זיך אין שטוב נישט מקפיד אויף דעם חומרה**, דאן האט דער הייליגער קדושת יו"ט זייער מפליא

געוועז דעם גרויסע קדושה פונעם הייליגען דרכי תשובה זי"ע, **אז אפילו בליעה פון דעם חומרה האט ער אויך מרגיש געווען**.

• • •

**אמאל איז דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע** געווען צוזאמען מיט זיין זון דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע אין בערלין, איז דארט געווען דער גרויסער קיסר ווילהעלם וואס איז געווען א גרויסער רשע און א עוכר ישראל.

דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט זיך געשטיפט צו זען דעם קיסר כדי צו מאכן דעם ברכה, "**שנתן מכבודו לבשר ודם**", אבער זיין הייליגע טאטע דער דרכי תשובה זי"ע איז אנטלאפן, ווייל ער האט פאר דעם רשע נישט געקענט קוקען אין פנים, און ער האט געזאגט **אז ער זעט דעם טמאה פון עמלק אויף דעם רשע**.

שפעטער ווען דער מנחת אלעזר איז אהיים געקומען, האט ער דערציילט פארן טאטן, אז ער האט געמאכט דעם זעלטנעם ברכה פון "**שנתן מכבודו לבשר ודם**", האט דער טאטע געזאגט, **איך האב געמאכט ביי מיר אינדערהיים א ברכה אשר יצר אויפן רשע דעם קיסר**, ווייל דער הייליגער צדיק דער דרכי תשובה מיט זיין קדושה האט נישט געקענט קוקען פאר א רשע אין פנים.

• • •

**איז געקומען א איד צום הייליגען דרכי תשובה זי"ע**, און געבעטן אז דער רבי זאל געבן א ברכה אז זיין בחור זאל האבן **התמדה בתורה**, האט דער הייליגער צדיק געזאגט, ה**תמדת התורה איז א בחירה און מען קען אויף דעם נישט געבן קיין ברכה**, אבער מתפלל זיין אז מען זאל שפירן א זיסקייט אין די תורה, דאס קען מען יא, און דורך דעם קומט התמדת התורה, און ער האט דאס אריין געטייטשט אינעם פסוק **טָעֲמָה כִּי טוֹב סַחְרָהּ**, אז מען איז טועם די הייליגע תורה און מען שפירט א זיסקייט אין די תורה, **לֹא יִכְבֶּה בַלַּיְלָה נֵרָהּ** וועט מען שוין נישט אזוי שנעל גיין שלאפן און דאן וועט מען האבן התמדת התורה.

• • •

**אין ספר תולדות דרכי תשובה ווערט געברענגט**, אז דער רבי דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע איז געווען אן אויסנאמער עובד השם מיט א געוואלדיגע בקיאות אין אלע מקצועות התורה, זיין גאנצע חיבור דרכי תשובה, וואס איז ביז היינט דער יסודות'דיגער ספר פאר פוסקים און מורי הוראה איבער דער גארער וועלט, איז געשריבן געווארן מיט א מסירת נפש ממש אונטער שווערע פלאג און אפגעריסנקייט פון דער וועלט.

זיין זון דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע שרייבט אין דער הקדמה צום ספר, אז זיין פאטער פלעגט זיצן פארשפארט שעות לאנג אלעס נאכצוקוקן און אפצושרייבן בעיון נמרץ, ער פלעגט נישט אפלאזן קיין איין ספר אדער קונטרס פון פריערדיגע פוסקים ביז ער האט מברר געווען יעדע זאך ביזן סוף, דערביי איז ער געווען א מורא'דיגער מוצנע וענוותן, און ווען ער האט אנגעהויבן דרוקן דעם ערשטן באנד **האט ער בשום אופן נישט געוואלט לייגן זיין אייגן נאמען אויפן שער בלאט**, ביז גדולי דורו האבן אים שטארק מפציר געווען אז ער מוז עס טאן נאר אפילו פאר כבוד התורה, **האט ער געלאזט שרייבן דעם נאמען פונעם מחבר**.

• • •

**אינעם ספר אותות לטובה ווערט דערציילט**, אז אפילו דער צדיק דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע איז געווען באקאנט מיט זיין עבודה בקדושה און זיין עקשנות אויף אידישקייט, איז זיין הארץ געווען ברייט אפן פאר יעדן צובראכענעם איד, אין שטאט מונקאטש האבן געוואוינט אסאך ארימעלייט, אלמנות און יתומים, און יעדן ערב שבת פלעגט דער הייליגער דרכי תשובה זיך אליין זארגן, אז קיין איין איד אין שטאט זאל נישט בלייבן אן חלות, פלייש און צרכי שבת, און ער האט פארמאגט באזונדערע קופות צדקה וואס ער האט אנגעפירט מיט גרויס סודות כדי קיינעם נישט צו פארשעמען.

מען דערציילט אז איינמאל ערב שבת קודש, קנאפע צוויי שעה פארן זמן, איז אונטערגעקומען א ידיעה פארן הייליגען דרכי תשובה זי"ע, ו**וועגן א משפחה וואס דער טאטע איז געווען קראנק און מען האט גארנישט געהאט אויף שבת**, דער רבי האט גלייך אפגעשטעלט זיינע הכנות צום שבת, גערופן א משמש, און געזאגט, **אז ער קען נישט מקבל שבת זיין בשמחה, ווען ער ווייסט אז א אידישע נשמה גייט הונגערן**, און ער האט נישט גערוהט ביז מען האט אהינגעטראגן א גאנצן פעקל מיט אלע שבת'דיגע געברויכן.

• • •

**אין עובדות והנהגות לבית מונקאטש ווערט דערציילט**, אז דער רבי דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע האט פארמאגט אן אויסטערלישע שארפקייט און בהירות אין אלע ד' חלקי שולחן ערוך, באגלייט מיט א גילוי של רוח הקודש ביים פסק'נען שאלות, איינמאל איז אריינגעקומען א מורה הוראה מיט א זייער קאמפליצירטע שאלה אין הלכות טרפות, וואס ער האט שוין געהאט איבערגעקוקט עטליכע ספרים און נישט געקענט טרעפן קיין היתר.

דער הייליגער דרכי תשובה האט א קוק געטאן אויפן ענין, גלייך געעפנט א ספר פון אן אלטן מוסמך וואס איז כמעט נישט געווען באקאנט, און אנגעוויזן מיט די פינגער, **אז דא שטייט קלאר די תשובה צו זיין פראגע**, ווען דער דיין האט זיך געוואונדערט וויאזוי דער רבי האט געדענקט אזא פארבארגענעם מקור אין דער מינוט, האט דער רבי עניוות'דיג געענטפערט, "**ווען א מענטש לערנט תורה לשמה און לייגט אריין זיין גאנצע הארץ פאר דער אמת'ער הלכה, העלפט דער בורא עולם אז די תורה קומט אים גלייך אקעגן**".

• • •

**אין ספר תולדות אלעזר ווערט געברענגט**, אז דאס הסתלקות פונעם הייליגן דרכי תשובה זי"ע איז געווען אן ענין פלאי, וואס ווייזט זיין געוואלדיגע דביקות אינעם באשעפער ביז דער לעצטער רגע, אין שנת תרע"ד, ערב יום טוב סוכות, איז דער רבי געווען שטארק אפגעשוואכט, און טראץ זיין גרויסער חולשה האט ער זיך מוסר נפש געווען אריינצוגיין אין די סוכה די נאכט פון יום טוב.

ווען מען האט אים געברענגט דעם כוס קידוש צו מאכן, האט ער געמאכט דעם קידוש מיט א געוואלדיגע התלהבות, און באלד נאכן מסיים זיין און זיך זעצן אין דער סוכה לעבן די הייליגע אושפיזין קדישין, איז זיין הייליגע נשמה ארויף אין הימל **אין א בחינה פון מיתת נשיקה בליל התקדש החג**, און זיין זון דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע פלעגט דערציילן מיט טרערן, **ווי דער פאטער האט זוכה געווען צו נסתלק ווערן מתוך שמחה של מצוה אין דער סוכה**.

• • •

**אין ספר תולדות צבי תפארת ווערט געברענגט**, אז אין שטאט מונקאטש האט אמאל פאסירט, אז א פשוטער איד א קרעמער איז אריינגעפאלן אין גרויסע חובות און די גלחים מיט די רעגירונגס באאמטע האבן אים אריינגעווארפן אין תפיסה פאר עטליכע וואכן, זיין ווייב איז געקומען וויינען צום הייליגן דרכי תשובה זי"ע, און דערציילט פארן רבין, אז די קינדער האבן נישט קיין ברויט צו עסן און דער טאטע שמאכט אין תפיסה.

דער רבי האט גלייך אפגעשטעלט זיין לערנען, צוזאמגענומען עטליכע גבירים פון שטאט און פארלאנגט מען זאל יענע מינוט אויסלייזן דעם איד, ווען איינער פון די בעלי בתים האט געזאגט, **אז דער איד איז אליין שולדיג, ווייל ער האט נישט געפירט זיין מסחר מיט שכל**, האט זיך דער הייליגער רבי זייער געבייזערט און געזאגט, "**ווען א ברודער ליגט אין קייטן קוקט מען נישט אויף קיין חשבונות, מען דארף האבן א הארץ פאר א צווייטן איד און ראטעווען א נפש מישראל**", און דער רבי אליין האט ארויסגענומען גרויסע געלטער פון זיין אייגן קעשענע ביז מען האט באפרייט דעם איד נאך יענעם טאג.

• • •

**אין תולדות דרכי תשובה ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א מעשה מיט א מיידל א יתומה וואס האט געדארפט חתונה האבן, אבער דער מחותן פון יענע זייט האט געסטראשעט אפצוזאגן דעם שידוך אויב מען ברענגט נישט דעם אפגערעדטן נדן, די צובראכענע מוטער איז געקומען צום הייליגן דרכי תשובה זי"ע מיט ביטערע בכיות, און דערציילט די ביטערע מצב אז דער מחותן וויל אפלאזן דעם שידוך אויב מען ברענגט נישט דאס געלט פאר נדן, דער רבי האט גלייך אנגעטוהן זיין מאנטל און איז אליין ארויס אין די גאסן פון שטאט גיין קלאפן אויף טירן צוזאמצושטעלן דעם גאנצן סכום.

די גבאים האבן אים געבעטן ער זאל בלייבן אינדערהיים און זיי וועלן גיין אנשטאט אים, אבער דער רבי האט זיך עקשנות'דיג אפגעזאגט און געזאגט, "**ווען מען זעט דעם צער פון א צובראכענער אלמנה, קען מען נישט שטיין פון דער ווייטנס, מען מוז טוהן די מצוה מיט די אייגענע הענט און פיס כדי אפצוראטעווען די כבוד פון א יתומה בישראל**", און דער צדיק איז ארומגעגאנגען ביז שפעט ביינאכט, ביז מען האט געהאט יעדע

פרוטה פאר די מיידל די יתומה, און די חתונה איז פארגעקומען בשמחה גדולה.

• • •

**אין ספר דרכי חיים ושלום ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע האט געהאט א געוואלדיגע ליבשאפט ספעציעל צו די פשוטע אידן, די שניידערס, שוסטערס און ארבעטער פון שטאט, וועמען אנדערע האבן אמאל אראפגעקוקט, אבער דער צדיק פלעגט זיי אויפנעמען מיט א אויסטערלישע ברייטקייט און שלום עליכם געבן מיט ביידע הענט.

יעדעס יאר פאר פסח פלעגט ער מאכן זיכער אז די אלע פשוטע ארבעטער באקומען קמחא דפסחא כבוד'דיג, נישט ווי א נדבה נאר ווי א מתנה, כדי קיינער זאל זיך נישט פילן דערנידערט, ער פלעגט שטענדיג זאגן פאר זיינע מקורבים, "**אז די תמימות און די ערליכקייט פון די אידן וואס ארבעטן די גאנצע יאר ביטער שווער, און זענען מפרנס די משפחה דורך שווער ארבעטן די גאנצע טאג, און עסן זייער ברויט מיט שווייס, און היטן שבת במסירת נפש, איז זייער חשוב ביים באשעפער מער ווי אסאך אנדערע זאכן**".

• • •

**אין ספר אותות לטובה ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען א מעשה מיט א איד א חסיד, וואס זיין איינציג קינד איז געווארן זייער קראנק מיט א געפערליכע לונגען אנטצינדונג, ביז די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן, דער טאטע איז געלאפן צום הייליגן דרכי תשובה זי"ע, און מיט גרויס געוויין אראפגעלייגט א קוויטל, און האט מזכיר געווען זיין קינד וואס ברויך גרויס רחמי שמים.

דער הייליגער דרכי תשובה האט גענומען דעם קוויטל, פארמאכט די אויגן פאר לאנגע מינוטן מיט א טיפן קרעכץ און דביקות, און דערנאך געעפנט די אויגן און געזאגט מיט א פעסטקייט, "**דער אייבערשטער איז דאך א רופא חנם און מען דארף גלייבן אין זיין כח**".

דער רבי האט אים געהייסן גיין אהיים, געבן פארן קינד אביסל וואסער פון זיין שיריים, און אויסרופן אז די קראנקהייט זאל אוועקגיין, דער איד איז געלאפן אהיים, און מיט זיין גרויס אמונת צדיקים געטון פונקט ווי דער רבי האט באפוילן, און אין יענע נאכט האט זיך דער פיבער איינגאנצן געבראכן און די דאקטוירים האבן נישט געקענט גלייבן וויאזוי דער קינד איז ארויס פון סכנה אין איין מינוט.

• • •

**אין ספר תולדות דרכי תשובה ווערט דערציילט**, אז א פארפאלק פון א שטעטל נעבן מונקאטש האבן שוין געווארט קרוב צו פופצן יאר אויף קינדער און זענען ארומגעפארן צו אלע ערטער און אסאך צדיקי הדור, און האבן שוין פראבירט אלע סגולות, אבער אן קיין ערפאלג, זיי זענען געקומען צוזאמען צום רבי'ן דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע, און געוויינט מיט ביטערע טרערן, און געבעטן ער זאל רחמנות האבן אויף זייער צובראכענע שטוב, אונפועלן אז זיי זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד.

דער רבי דער הייליגער דרכי תשובה האט זיי אנגעקוקט און געפרעגט, **צי זיי זענען גרייט מקבל צו זיין אויף זיך שטענדיג צו היטן כשרות מיט די גרעסטע חומרות און שטענדיג האבן הכנסת אורחים אין שטוב**, זיי האבן גלייך צוגעשטימט מיטן גאנצן הארץ, דאן האט דער הייליגער דרכי תשובה אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזאגט, "**בזכות די מצוה פון הכנסת אורחים און קדושת המאכלים וועלן זיי געהאלפן ווערן בקרוב מיט זרע של קיימא**", פונקט א יאר שפעטער איז געבוירן געווארן א געזונטע בן זכר, און דער רבי אליין איז געווען דער סנדק ביים ברית.

• • •

**אין ספר דרכי חיים ושלום ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז אריינגעקומען א בחור וואס איז פארפאלן געווארן אין שלעכטע וועגן און פלעגט פארברענגען די נעכט מיט שפילן קארטן און ליידיג גיין, קיינער אין שטאט האט אים נישט געקענט איבעררעדן, און זיין מוטער האט זיך געבעטן ביים רבי'ן דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע ער זאל פראבירן צו ראטעווען דעם בחור.

ווען דער בחור איז אריינגעקומען צום הייליגן דרכי תשובה, האט דער הייליגער דרכי תשובה נישט געשריגן און אים נישט מוסר געזאגט, נאר אים אנגעקוקט מיט א בליק פון טיפע הייליגקייט און ליבשאפט, **און פלוצלונג אים**

**דערציילט פונקטליך וואס ער האט געטון אין א באהאלטענעם שטיבל עטליכע טעג פריער, זאכן וואס קיין לעבעדיגער מענטש האט נישט געוואוסט.**

דער בחור איז געווארן אזוי איבערגענומען פון די **אפענע רוח הקודש**, און מיט א געוואלדיגן פחד געפאלן צו דער ערד אן אנגעהויבן וויינען מיט ביטערע טרערן, דער רבי האט אים אויפגעהויבן מיט די אייגענע הענט און געזאגט, "**דיין נשמה איז הייליג און טייער ביים בורא, גיי צוריק צום בית המדרש און הייב אן פון פריש**", יענער בחור איז אינגאנצן פארטוישט געווארן, און האט שפעטער חתונה געהאט מיט א ערליכע פרוי, און איז שפעטער אויסגעוואקסן א גרויסער תלמיד חכם און אן ערליכער בעל תשובה.

• • •

**אין ספר תולדות צבי תפארת ווערט געברענגט**, אז א איד א קרעטשמער און בעל מיל אין א דארף נעבן מונקאטש איז אנגעקלאגט געווארן דורך די גוים מיט א שווערער בלבול, ווי כאילו ער האט בא'גנב'עט דעם גראף און באהאלטן תבואה, די פאליציי האט שוין געהאט באשטימט א טאג צו קומען מאכן א טיפע דורכזיכונג אינעם גאנצן מיל, און אויב מען וואלט געטראפן די סימנים וואס די שונאים האבן דארט באהאלטן, וואלט דער איד געזיצן אין טורמע לאנגע יארן.

דער איד איז געלאפן צום הייליגן דרכי תשובה זי"ע פול מיט שרעק, און האט דערציילט פארן רבין די צרה, דער רבי האט אים געהייסן קומען צו מנחה, און נאכן דאווענען האט ער אים געזאגט, **ער זאל פירן א קליין פלעשל וואסער פון בית מדרש, אויסגיסן ארום דער שוועל פונעם מיל, און איבערזאגן קאפיטל צ"א אין תהלים**, לפלא, אינדערפרי זענען די אויספארשער געקומען, אבער אן אומפארשטענדליכע שוואכקייט איז געפאלן אויפן הויפט פאליציאנט, ער האט גלייך געשריגן אויף זיינע לייט, אז דא איז אלעס אין ארדענונג און מען דארף גארנישט זוכן, און זיי האבן פארלאזט דעם פלאץ אן אנרירן א זאך.

• • •

**אין ספר אותות לטובה ווערט געברענגט**, אז אין איין יאר איז געווען א שרעקליכע טריקעניש אין דעם גאנצן אומגעגנט פון קארפאטן-רוס, די תבואה איז פארדארבן געווארן, און צוליב דעם איז די פרייזן פון ווייץ און מעל זייער געשטיגן אויף א שרעקליכן אופן ביז ארעמע לייט האבן ממש געהונגערט, די ראשי קהילה זענען געקומען וויינען צום רבי'ן דער הייליגער דרכי תשובה, אז מען דארף גוזר תענית זיין צוליב די צרה.

דער הייליגער דרכי תשובה האט געזאגט, **אז אנשטאט תעניתים זאל מען צולייגן כוחות אין צדקה און פארשטערקערן לימוד התורה**, ביי די נענועים אין סוכות האט דער רבי געשאקלט מיט א געוואלדיגער דביקות און בכיות עצומות, קורץ נאך יום טוב איז געקומען א גרויסע פלוצימדיגע רייכע שיף פול מיט ביליגער תבואה פון אן אנדער לאנד, וואס האט זיך פונקט אפגעשטעלט אין יענעם געגענט, און די פרייזן זענען געפאלן אין איין טאג אויף א דריטל, אזוי אז אפילו די גרעסטע ארימעלייט האבן געהאט גענוג ברויט, די בעלי בתים האבן געזען קלאר, אז דאס איז געקומען פונעם רבינ'ס עבודה און ברכה.

• • •

**אינעם ספר תולדות דרכי תשובה ווערט געברענגט**, אז א חסיד איז געפארן קיין בודאפעסט מיט א גרויסן פעקל געלט פאר א שידוך און פאר חובות פון דער קהילה, און אינמיטן וועג אויפן וואגן האט ער באמערקט, אז זיין בערזל מיט די אלע שטרות איז פארשוואונדן געווארן, ער איז כמעט צעגאנגען פאר חלישות הדעת, און געפארן גלייך קיין מונקאטש אנשטאט אהיים, ווייל ער האט מורא געהאט צו ווייזן זיין פנים פאר דער משפחה.

ווען ער איז אריין צום רבי'ן דער הייליגער דרכי תשובה, און נאך איידער ער האט באוויזן צו עפענען דאס מויל, האט דער הייליגער דרכי תשובה געשמייכלט און געזאגט, "**קיין איין אידישע פרוטה וואס איז געווידמעט פאר א מצוה, גייט נישט פארלוירן**", און דער רבי האט אים געהייסן פארן צוריק צום סטאנציע אין באן און פרעגן דעם עלטסטן באן באאמטער דארט, דער איד איז געפארן מיט א פעסטער אמונה, און דער באאמטער האט אים גלייך געזאגט, אז א קנעכט האט געפונען א לעדערנעם זעקל און עס אפגעגעבן אין אפיס גאנץ אומבארירט, און מען האט אים אלעס צוריקגעגעבן ביזן לעצטן פרוטה.